STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03016

FUN MAYNE VANDERUNGEN

Abraham Teitelbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם טייטלבוים

פון מיינע וואַנדערונגען

פאַרלאַג י. בידערמאַן
176 סעקאָנד עוועניו
ניו יאָרק, נ. י.

פון זעלבן מחבר:

„טעאַטראַליאַ"

עסייען און ביאָגראַפיעס. פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי, וואַרשע.

גרייט צום דרוק:

ראַשעל

אַ שטודיע־פּרואוו איבער דער גרויסער אידיש־פראַנצויזישער טראַגעדיסטין.

Copyright, 1935
BY ABRAHAM TEITELBAUM
New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West Twenty-first Street
New York, N. Y.
234

פיעסטאַ דעל ראָסיאָ

געוויינלעך איז טריאַנאַ ניט מער ווי אַן אָרימע פאָרשטאָט פון סעוויליע. אויף דער לינקער זייט פון דעם גוואַדאַלקוויוויר־טייך ליגט זי, אַנטקעגן דער יחסנותדיקער קאַטוילישער שטאָט. זי קוקט פאַר־שייט אַריבער אַהין, און איז צופרידן צו בלייבן דאָס וואוין־אָרט פון די טעפער און גלאַזירטע מאַיאָליקאַ־אויסאַרבעטער. די פּאָענטאַ־איזאַ־בעלאַ, די אייזערנע בריק, וואָס פאַראייניקט די צוויי ברעגן און פירט פון סעוויליע קיין טריאַנאַ, שאַפט ניט קיין צו־איינגע נאָענטקייט צווישן די ביידע. זעלטן ווער אַ סטאַטעטשנער, צוריקגעהאַלטענער סעוויליאַ־נער זיך אַרונטערלאָזן אַריבערצושפּאַנען די גרעניץ, וואָס טיילט אָפּ אים, דעם דיסטינגירטן, בכבודיקן, פון די פאַריער, די אָרימע באַל־מעלאָכעס און טעפּ־אויסאַרבעטער.

דער טריאַנער איינוואוינער, פון זיין זייט, איז צופרידן צו בלייבן צווישן די איינגע געסלעך זיינע, וואו דאָס לעבן איז צאַפלדיקער, אומ־געצוואונגענער און ראָמאַנטישער. ער איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס טריאַנאַ איז פון תמיד אָן דאָס באַליבטע אָרט, וואו עס וואוינען די ציגיינער און די טאָרעאַדאָרן. זיי גיבן צו אַ מאָדנע פּיטאָרעסקייט דעם אָרימען טעפער־קוואַרטאַל, אָט די וויים־ציינינקע, שוואַרץ־אויגיקע ציגיינער אין זייערע פאַרביקע קאָסטיומען, און די אָליוון־קאָליר פנימדיקע אָקסן־קעמפער, מיט די קורץ פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך און זייערע לאַנגע מאַנטלען.

אַ גאַנץ יאָר איז טריאַנאַ בלויז אַ פאָרשטאָט פון סעוויליע.

היינט אָבער טריאומפירט טריאַנאַ איבער איר רייכער האַרנטע. ס'איז אַ יום־טוב היינט אין טריאַנאַ. ס'איז די „פיעסטאַ דעל ראָסיאָ", דער יום־טוב פון דעם טוי, איינער פון די אימפּאָזאַנטסטע קירכלעך־

וועלטלעכע פיעסטאַס, וואָס ווערן געפייערט מיט אַזויפיל רעליגיעזן פּאָמפּ און פרײדיקער, פּשוטער לעבנסלוסטיקייט. און „גאַנץ סעוויל" וועט זיך פאַרנאַכטצו אַראָפּלאָזן קיין טריאַנאַ זיך איבערצוגעבן דער פרייד און דעם צאַפּל, דעם דראַנג און דער באַדערפעניש זיך אויס־צולעבן אין טאַנץ און אין לידער אין מיטן גאַס, אונטערן פרייען שפּאַנישן הימל; פרייצולאָזן אין זיך אָט דעם וואונדערלעכן געמיש פון הייליקן און פּראָפאַנעם, הימלישן און וועלטלעכן, וואָס איז אין דער נשמה פון יעדן שפּאַניער.

דער הויפּט־צענטער, וואו דער יום־טוב ווערט געפייערט, איז אַלעמאַנטע, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון סעווילע. דאָרט געפינט זיך די „סאַנטוארא דעל ראָסיאָ", וואו עס שטייט די פיגור פון דער הייליקער יונגפרוי, וואָס דאַרף שיינקען איר שפע פון טוי און פרוכט־באַרקייט. פיר אָדער פינף טעג פאַר דער שבועות־וויגיליע לאָזן זיך פון די אַרומיקע פאַרשיידענע שטעטלעך אַרויס לאַנגע פּראָצעסיעס מיט די קירכלעכע „קאַרעטאַס", דעקאָרירטע וועגענער מיט די פיגורן פון די הייליקע, כדי צו באַגריסן די יונגפרוי. די פּראָצעסיעס ווערן באַגלייט פון דער גאַנצער קירכן־פּראַטערניטעט, וואָס רייטן אויף פערד און טראָגן מיט זיך די פענער פון דער ברודערשאַפט. אַלע פּראָצע־סיעס טרעפן זיך צונויף אין אַלעמאַנטע. ווען זיי קומען אָן, דעפּילירן זיי פאַר דער סטאַטוע פון דער יונגפרוי. מ'טאַנצט און מ'פרייט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, און נאָכדעם שיקט מען אָפּ יעדע פּראָצעסיע אין איר שטעטל. די איינוואוינער פון אַלעמאַנטע מיט די ווייבער און קינדער באַגלייטן די פּראָצעסיעס אהיים אויף זייערע אָקסן־וועגן, און די איינוואוינער פון יעדער באַזונדער שטעטל לאָזן זיך אַרויס אַנט־קעגן אהיים צו ברייינגען זייער אַרויסגעשיקטע פּראָצעסיע. ס'איז אַ יום־טוב פון די אָרימע און זיך מיענדיקע.

היינט ברייינגט טריאַנאַ אהיים איר „קאַרעטע" און צו דער שמחה און פרייד איז ניטאָ קיין גרעניץ. זי איבערשוימט, רייסט זיך אַרויס פון די איינגע געסלעך, שטראָמט אַריבער און פאַרפּלייצט די יחסנות־דיקע, פאַרריסענע סעווילע. די פאַרשטאָט שטעקט זי אָן מיט דעם צאַפּלדיקן, פריידיקן ריטם, פאַרשנעלערט איר עטוואָס צוריקגעהאַל־טענע, איינגעשלעפערטע טעמפּאָ. און סעוויל, די פרומע, איז גרייט

זיך אונטערצוגעבן דער לייכטזיניקער און וועלטלעך־פרייזיניקער טריאַ־נאַ.

שוין פון גאַנץ פרי אָן האָט די פאַרשטאָט אַרויסגעשיקט אירע שטאָפּעטן־שלוחים איבער דער בריק, כדי אָנצוזאָגן וועגן איר גרויסן יום־טוב, און איינצולאַדן צו זיך אין אירע געסלעך. גאַנצע מחנות צולאָזענע לאַסט־וועגענער און אויטאָמאָבילן באַזעצט מיט קאָסטיור־מירטע גרופּעס טריאַנער בחורים און מיידלעך מיט פייקלעך, טאַמבור־רינס און גלעקער האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג דורכגעטראָגן ווי מחבלים איבער די שטילע, בכבודיקע סעווילער גאַסן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך כוואַליעס פון געזאַנג, געלעכטער און פריילעכע צורופן.

אין די שטילע גאַסן אַרום דער קאַטעדראַלע און פאַרביי דעם אַלקאַזאַר; לעבן דעם האָספּיטאַל דע לאַ קאַרידאַד און פאַרביי די געס־לעך אַרום דער קאַסאַ דע פּילאַטוס, האָבן זיך צעשריען און צעפייפט די אויטאָמאָביל־האָרנס מיט געלאַרם און פרייד; האָבן איבערגע־שראָקן דעם געמעסיקט לאַנגזאַמען גאַנג פון די סעוויליאַנער, וואָס האָבן נייגעריק זיך אָפּגעשטעלט און מיט צופרידענע פּנימער באַגעגנט די קאָסטיומירטע איינלאַדנדיקע גרופּעס. זיי וועלן פאָלגן דעם רוף. גאַנץ סעוויל גרייט זיך קיין טריאַנאַ, און מיט אומגעדולד וואַרט מען שוין אויף דעם צופאַלן פון דער נאַכט.

פיעסטאַ דעל ראָסיאָ אין טריאַנאַ.

וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין דער נשמה פון דעם שפּאַניער. אין טעג פון מאַסן־יום־טוב און מאַסן־פרייד איז עס דאָך, ווען מ׳קען דערקענען דעם אמתן כאַראַקטער פון אַ פאָלק. די טעג ווען אַלע פאַרבאַהאַלטענע, דרימלענדיקע פאָלקס־כוחות ווערן באַפרייט. ווען אַלע אונטער דער הויט לעבנדיקע פּאָטענצן און איינ־געוואוינהייטן רייסן זיך דורך אויף דער אויבערפלאַך. ווען עס אַנט־פּלעקן זיך פריי די פאַרשיידענע קאָנטראַסטן און היפּוכים, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם גייסט זיינעם. און זעלטן וועמענס נשמה איז מער קאָמ־פּליצירט און פאַרכאַפּט פון דעם גאַנצן שטראָם מאָדנע קעגנזעצלעכ־קייטן, ווי עס איז די נשמה פון דעם שפּאַניער.

ס'האָט זיך כמעט ניט געקענט גלויבן, וואנדערענדיק איבער די שטעט און שטעטלעך פון שפּאניע, אַז אַט די וואונדערלעך גוטהאַרציקע מענטשן זאָלן פאַר זייער נאַציאָנאַלן שפּיל דוקא האָבן דעם בלוטיקן אָקסן־קאַמף; אַז אַט די טאָלעראַנטע, גאַסט־פריינטלעכע בירגער זאָלן האָבן ביי זיך געשאַפן די מוראַדיקע, שווידערלעכע אינקוויזיציע. ס'איז שווער געווען זיך צונויפפּאָרן די פריילעך העלע יום־טובדיקייט פון זייערע פאָלקס־פּאַראַדן און די לוסטיקע טענץ, פריילעכע לידער, מיט די ערנסט פייערלעכע און שוואַרץ־פינצטערע פּראָצעסיעס פון דער סאַנטאַ סעמאַנאַ.

אויף שריט און טריט וואַרפט זיך דאָרט אין די אויגן דער מאָד־נער געמיש פון ראָמאַנס און טאָג־טעגלעכקייט, פון אַסקעטיזם און פולבלוטיקייט, פון חלום און וואָר. דאָס הימליש פאַנטאַסטישע און פּראַקטיש ערדישע גייען דאָרט האַנט אין האַנט. איבער די גאַסן און וועגן פון שפּאַניע שפּאַצירט נאָך היינט דער טרוימערישער דאָן קיכאָט באַגלייט פון זיין ניכטערן סאַנטשאָ פּאַנטשאָ.

אָבער היינט איז אַ יום־טוב אין טריאַנאַ, און אירע געסלעך און אירע איינוואוינער זיינען אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קינ־דערשער פרייד און גרעניצלאָזער התפּעלות...

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער פאָרשטאָט און זי איינגעהילט אין אַזאַ מילדער ליכטיקייט, וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט די טויזנטער ליכטער, מיט וועלכע עס זיינען באַצירט יעדעס פענצטער, יעדער באַלקאָן, יעדע עפענונג צום גאַס אַרויס. עס ברענען פּשוטע נאַפט־לעמפּלעך, עלעקטרישע לאָמפּן, ליכט־קאַנדילאַברעס, אָנגעצונ־דענע געפלאָכטענע גירלאַנדעס. די אינטעריאָרס פון די הייזער זיינען בלענדנדיק באַלויכטן, און שיינען אָפן אין גאַס אַרויס. טיר און פענצ־טער זיינען אויפגעפּראַלט, ווי די הערצער און געמיטער פון די טריאַ־נער איינוואוינער, וועלכע באַלאַנגען זייערע שמאָלע, אָבער איצט רחבותדיקע געסלעך. מען זיצט אויף די פענצטער־ראַמען, אויף די באַלקאָנען, אויף די שמאָלע טראָטוארן, אויף די רינשטאָקן, די פיס אויסגעצויגן אין מיטן גאַס אַריין. יעדעס שטיקל ליידיקע וואַנט אָדער באַלקאָן איז באַפּוצט מיט די פאַרשיידנסטע קאָלירטע נאַציאָנאַלע און קירכלעכע פענער, געוואַנטן, קאָלדרעס און שפּאַנישע שאַלן. יעדער

האָט אַרויסגעהאַנגען דאָס שענסטע, וואָס ער פאַרמאָגט. די לופט איז פול מיט די פאַרשיידנסטע טענער און קלאַנגען. עס שפּילן גיטאַרעס, גראַמאָפאָנען, שפּילקאַסטנס, קאַסטערינקעס און פּיאַנאָס, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט אין גאַס אַרויס. פון אַלע זייטן טראָגן זיך כאָרן־און־גרופּן־געזאַנגען באַגלייט מיט דעם קלאַפּן פון קאַסטאַנעטן, פּייקלעך און טאַמבורינען, וואָס מישן זיך אויס מיט די קולות פון די קינדער, אין די שויסן אָדער אָרעמס פון זייערע עלטערן.

יעדער איז אויסגעפּוצט אין די פאַרשיידנסטע פאַרבן, וואָס קענען נאָר דערמאָנען די נאַציאָנאַלע קאָלירן. עס גלאַנצן די שוואַרצע טשופּרינעס ביי די מענער, און עס מיניען זיך די ווייסע און רויטע רויזן אַרום די הויכע קאַמען אין די פריזורן ביי די פרויען. אויך די קינדער זיינען אויסגעפּוצט ווי די גרויסע. אָט איז אַ ברעקעלע מיידעלע אין די אָרעמס פון איר פאָטער. אפשר נאָך קיין צוויי יאָר נים אַלט. די שיטערע הערעלעך אויף איר קעפּעלע האָט מען קוים געקענט צוזאַמענגעמען אַריינצושטעלן דעם גרויסן קאַם. אָבער מיט דער גאַנצער בראַוואורע פון די דערוואַקסענע טראָגט זי די גרויסע, רויטע רויז אויפן קאָפּ. אירע קינדערשע אייגעלעך פינקלען ברייט, פּונקט ווי ביים פאָטער, וואָס האַלט זי אויף די הענט; פּונקט ווי ביי די טויזנטער, וואָס באַלאַגערן די זייטן טראָטואַרן, וועלכע זעען איצט אויס ווי צוויי לעבעדיקע, שימערירנדיקע ברעגן, וואָס קלאַמערן אין זיך אַ פריילעך־פּליסנדיקן, שוימיק־שווימנדיקן טייך.

דאָס גיבן די טריאַנער פאַרשטאַטלייט אַ האַרציקן ברוך הבא די סעוויליאַנער איינוואוינער, וואָס האָבן זיך איצט, גרויס און קליין, יונג און אַלט, אַראָפּגעלאָזט פּאַראַדירן איבער די שמאָלע געסלעך. אָרים און רייך פאָרט און רייט איצט אין דעם אָן אַ סופיקן פּאַראַד. מ׳פאָרט אין די רייכסטע אויטאָמאָבילן, אין די אָרימסטע וועגענער, אין געשפּאַנטע דראָשקעס, אין אָפענע קאַרעטן, אויף פערד, אויף אייזלען. אַלע וועגענער זיינען דעקאָרירט און באַהאַנגען מיט די קאָסט־באַרסטע, ברייט־פאַרביקע שאַלן, געהאָפטענע פאַרהאַנגען, געשטיקטע טעפּיכער, אָדער פּאַפּירענע צאַצקעס. אין יעדן וואָגן אָדער אויטאָמאָ־ביל געפינען זיך גאָנשערס מיט ווין, וועלכע מ׳גיסט פון מויל צו מויל, פון האַנט צו האַנט. די פּנימער ביי אַלעמען זיינען ליכטיקע, די קולות

און צורופן הייטערע. די אויגן לאכן און טויכן אויף, פונקט ווי די ראקעטן, וואס קנאלן איבער די קעפ מיט א שימערירנדיקער ליכטיקייט. יעדער פארבייפארנדיקער וואגן, וואס איז באזעצט מיט די אויסגע־פוצטע זינגערס, ברענגט מיט זיך א נייעם שטראם, א נייעם גאס פון די קאפלאס, די נאציאנאלע קורצע קופלעטן, וועלכע ווערן באגלייט מיט דעם אלגעמיינעם ריטמישן האנט־פלעסקעריי.

אבער דעם גרעסטן התפעלות רופן ארויס די רייטנדיקע גרופעס, די קאוואזשעראס אויף די פערד באגלייט פון זייערע סעניאריטאס. ער אין א נאציאנאלן העל־שפאנישן קאסטיום, מיט דער סאמבררעא, דעם ברייטן הוט וואוילעריש אנגעצויגן איבער די אויגן. די פיס פעסט באזעצט אין די טרעטערס, און די הענט האלטנדיק גראציעז דאס ציימל. הינטער אים, ביים זאטל, זיצט זיין דאמע, רייטנדיק פרויענמעסיק, די פיס אין דער זייט. די מאנטילא מיט דעם הויכן קאם באצירן איר יונגן, שיינענדיקן קאפ. איר לאנגער שפאנישער שאל פאלט שטאלץ און חנוודיק אראפ איבער אירע אקסלען, און פארדעקט מיט זיין גאנצער לענג און די געפאלדעוועטע פראנזן דעם רוקן פון דעם פערד. מיט איין האנט האלט זי ארומגענומען איר קאוואליער, די צווייטע האנט איז חנוודיק פארלייגט ארום איר טאליע. אלע דריי –ביידע רייטער און דאס פערד — זעען אויס ווי פון איין שטיק אויסגעגאסן, און זיינען די פארקערפערונג פון גראציע, שלאנקייט און געשיקטלעכקייט.

עס דרענגען זיך צווישן עולם און שיינען מיט זייערע מונדירן סאלדאטן, פאליציאנטן, מיליטער־לייט, אבער זיי זיינען אויך בלויז א טייל פון די אנטיילנעמער אין דעם יום־טוב. אלץ איז פריי, ניט דיסציפלינירט, אומגעצוואונגען. ס׳איז נאך פאר דער פראצעסיע. זי דארף ערשט אנקומען, און דער פאראד פון די סעוויליאנער ציט זיך אן אויפהער. אלץ נייע וועגענער, אויטאמאבילן און רייטער־גרופעס ציען פארביי און גיסן זיך אריין אין דעם ברויזנדיקן שטראם פון פרייד און לייכטן געמיט. איין אלגעמיינע, דערלייזנדיקע פרייד האט אלץ און אלעמען ארומגעכאפט. שטאט און פארשטאט־לייט מישן זיך אומ־באמערקט אויס. ניטא מער קיין רייכער, יחסנותדיקער סעוויליאנער און ארימער, אונטערטעניקער טריאנער. אפגעשאפן זיינען אלע

מחיצות. ס'איז נאָר דאָ איין ווילן זיך אויסצולעבן. איין שטורמישער רוף לויז צו לאָזן דעם גאַנצן שטראָם פון סענסועלער ענערגיע, וועלכע דריקט באַהאַלטן שווער אויף די הערצער.

אָט איז אַ רייך באַצירטער, אָפענער אויטאָמאָביל, פאַרנומען פון אַ יונגער מיידל מיט אירע צוויי הערן באַגלייטערס. זי אין אַ טייערן שפאַנישן נאַציאָנאַלן טראַכט, די הערן אין שוואַרצע פראַקן און הויכע צילינדערס. זיי זיצן ביידע אין די זייטן, מיט האַלב ערנסטע, האַלב שמייכלענדיקע פּנימער. אָבער זייער יונגע סיניאָריטאַ איז אין פלאַקער פון אויפרעגונג. פון איר פרישן מויל רייסט זיך פריי איר געזאַנג. די פינגער אירע קנאַקן צו די באַגלייטונג. אירע אַקסלען הויבן זיך עלאַסטיש, און די אויגן וואַרפן פייער־סנאָפּעס.

אפשר שטורמט זי איצט אַרויס די גאַנצע גליסטונג און אומרו, וואָס מוזן אין איר סעוויליאַנער, שטרייַנגער היים אונטערדריקט ווערן.

אָט איז אַ צווייטער, גרויסער פאַמיליען אויטאָמאָביל. עס זיצן אויסגעזעצט די קלענערע קינדער, אויסגעפּוצטע, שיינענדיקע. עס זיצן די דערוואַקסענע שוועסטער. זייערע געלעכטערס און פריילעכע צורופן קלינגען העל און פריי. אָבער אינגאַנצן אַ צאַפּלדיקע און אַן אַרויס־רופנדיקע, זיצט אין סאַמע אויבנאָן די עטוואָס דיקלעכע מוטער. אירע ווייסע זילבער־האָר גלאַנצן פון אונטער דער געדיכטער מאַנטילע און שווערן קאַם. אירע שוין האַלב־מוטנע אויגן צעפלאַקערן זיך איצט אויפסניי, און פינקלען אין דער פאַרכישופטער, רייצנדיקער נאַכט...

אין דעם מיש־מאַש פון טענער און אויסגעשרייען הויבט זיך ווי אומבאַמערקט אָן אַריינצורייסן דער ווייטער געקלאַנג פון די אַרומיקע קירכן־גלאָקן. די פּראָצעסיע קומט אָן. אָבער אויך די גלאָקן קלינגען ניט שווער שרעקנדיק. פריילעך און טאַנצנדיק איז זייער געקלאַנג. ס'איז די פּראָצעסיע פון דעם „יום־טוב פון ראָסע", און ס'איז שווער צו באַשטימען צי ס'איז אַ רעליגיעזער יום־טוב, ביי וועלכן די קירכע דערלאָזט אויך די פרייהייט פון עולם הזהדיקער פרייד, אָדער עס איז אַן ערדישער יום־טוב מיט אַלע רייצן און לייכטקייטן פון וועלטלעכער

הנאה, ביי וועלכן עס נעמט אויך, אגב אורחא, אנטייל די קירכע. גי־כער איז עס א ביזארער געמיש פון ביידן.

דער גאנצער פאראד און זיינע אנטיילנעמער הויבן זיך אן צו דרענגען ארום דער געשלענגלטער, שמאלער סאן כארגע גאס, וואו די פראצעסיע דארף דורכציען פארביי דער סאן כאקינטא־קירכע, וועלכע וועט באגריסן די אהיים־געקומענע הייליקע קארעטע.

די קלעריק הויבט אן אריינצוטרעטן אין איר ראלע, און די ניט גרויסע קירכע ווערט מיטאמאל דער צענטער פון אויפמערקזאמקייט.

ס׳הויבן זיך אן צו ווייזן די ערשטע רייטער, די קלויסטער־לייט אין זייערע שווארצע רייטער־מונדירן מיט די באגילדעטע שטעקנס און די אינסיגנעס פון דער קירכע. דער ערשטער ערנסטער אקארד אין דער ביז־איצט גראציעז זיך ציענדיקער, פריילעכער סימפאניע. די פנימער ביי די רייטער זיינען טונקל פארברענט און האלב־אנגעכמור־רעט. זיי זיינען מיד פון דעם לאנגן, אויסמאטערנדיקן וועג. אלץ ארום שטעקט זיך מיטאמאל אן פון דער פארשטילטער ערנסטקייט. עס קומט אן די צווייטע רייטער־מחנה מיט די פענער פון דער קירכע און קירכן־פראטערניטעט. די אנגעצויגנקייט און אנגעשטרייננקייט ביים עולם וואקסט צוזאמען מיט דעם, ווי עס וואקסט דער געקלומפער פון די פערדישע פיס, וואס קלאפן אזוי ריטמיש מיט זייערע אייזערנע קאפיטעס איבער דעם שטיינערנעם ברוק.

עס עפענען זיך ברייט די טירן פון דער קירכע, וועלכע גיט איצט א בלענד מיט דעם גאנצן אנגעצונדענעם חלל, וואו עס בליצן און בליאסקען די גילדערנע און זילבערנע קירכן־כלים און אילומינירטע בילדער. עס קומען ארוים ביז צו דער שוועל די גאנצע פאראפאנאליע גלחים און גייסטלעכע מיט די הייליקע פענער. א שטראם רעליגיעזע התלהבות צעגיסט זיך איבער דער מאסע. מיט א שווערן, שטומפיקן נעראל קומט אנצופארן די „קארעטע", דער זילבערנער קירכן־וואגן געשפאנט צו צוויי פאר שווערע, ברייט־קארקיקע אקסן. די קארעטע ברענט מיט הונדערטער ליכטער און איז ארומגערינגלט מיט א מחנה פרומע ווייבער און מענער, ליכט־טרעגער, וועלכע טרעטן שווער און מיט עקזאלטירטע פנימער ארום איר. אלץ ארום פאלט אויף די קני. די גלאקן קלינגען איצט שטורמיש. די ארקעסטערס שפילן שאלנדיק,

די פּייקלער פּייקלען. די ראַקעטן אויף די קירכן־װענט שיסן אויס. ס'װערט אַ געמיש, אַ געפּלאָנטער, אין װעלכן אַלץ הורבעט זיך צונויף אין אַ מאָדנעם שװידערלעך־אַנטציקנדיקן געקנויל. אַלץ שרייט. די קאָלירטע מאַגנעזיע־ליכטער פֿלייצן און מישן זיך אויס מיט די װאָלקנס שמעקנדיקן װיירויך, און אַלץ װערט איינגעהילט אין אַ בלענדנדער־פֿאַנטאַסטישן נעפּל. די פּראָצעסיע דערגרייכט איר קלימאַקס. איינס פֿון די רייט־פֿערד דערשרעקט זיך פּלוצים, װערט װילד, און לאָזט זיך מיט זיין רייטער לויפֿן צוריק, אַנטקעגן דער קאַרעטע. מיט אויפֿגעהויבענע פֿאָדערשטע פֿיס שניידט עס זיך אַריין אין דער מאַסע אַרום דער קירכע. די קאַרעטע פֿאַרהאַלט זיך. עס װערט אַ פּאַניק, אָבער זי װערט באַלד אָפּגעשטעלט און דערטרונקען אין דעם אַלגעמיינעם אויפֿברויז פֿון התפּעלות.

דאָס אַלץ דויערט בלויז אַ מינוט, אָבער זי ציט זיך אַזוי אומענדלעך לאַנג...

די פּראָצעסיע ציט װייטער. די קאַרעטע ראָלט פֿאַרביי. עס ציען זיך גאַנצע מחנות מיליטערישע באַגלייטערס, און עס הויבן זיך אָן װייזן די נאָכפֿאָרנדיקע ציגיינער און פּויערים־װעגענער, הויכע, װייסע בוידן געשפּאַנט צו עטלעכע פּאָר שטאַרקע, פֿעטע אָקסן. די אויסגעפּוצטע ציגיינער זינגען, קלאַפּן מיט די קאַסטאַנעטן און גלאַנצן מיט די אויגן. אויף פֿאָרנדיקע העסעבעטן און קופּעס בעטגעװאַנט ליגן אויסגעלייגט גאַנצע פּויערים־משפּחות, מענער, װייבער און קינדער. די בוידן זיינען באַפּוצט מיט באַליכטענע חופּות און ברענענדיקע גירליאַנדעס. די אָקסן זיינען אויסגעפּוצט. זייערע קעפּ און הערנער זיינען באַצירט מיט בלעטער־קרוינען. די ברייטע העלזער איינגערעמט אין שװערע יאָכן. און מיט אַ מאָדנער װירדיקייט שלעפּן זיי די באַלאָדענע װעגענער, אונטער דער פֿירונג פֿון די אויסגעפּוצטע, רייטנדיקע און פּוסגייערישע אָקסן־טרייבער.

די פֿריערדיקע רעליגיעזע שטימונג צעשװימט פֿון זיך אַליין. ביסלעכװייז הויבט זיך װידער אָן צו צעגיסן דער פֿרייער שטראָם פֿון פֿרייד און לוסטיקייט. װידער װערט אַלץ פֿאַרװאַנדלט אין אַ קאָלירפֿולן, זיך מיניענדיקן פּאַראַד. דער זייגער איז שוין נאָך איינס, אָבער די אמתע שמחה הויבט זיך ערשט אָן.

עס קומט אָן אַ גרופּע אָקסן־קעמפּער אין זייערע ווייסע גאָלד־און פּורפּור־געשטיקטע קאָסטיומען מיט די קורצע היינגענדיקע פּעלע־רינעס. מאָרגן וועלן זיי אין דער סעווילער אָפּענער אַרענע ווייזן זייער פלינקייט און אומדערשראָקנקייט אין קאַמף מיט די צעווילדעוועטע, ריזן־שטאַרקע אָקסן. מאָרגן וועט דער זעלבער, איצט פּאַראַדירנדיקער עולם, וואָס וועט אָנפילן דאָס גרויסע, שטיינערנע אַמפיטעאַטער, מיט ווילדע, בלוטדורשטיקע צורופן זיי אָנרייצן און אויפמונטערן צום סכנהדיקן קאַמף. איצט אָבער רופט זייער דערשיינען אַרויס בלויז אַ שטורם פון גוטמוטיקער, פרײדיקער התפעלות. מונטער שמייכלענדיק, מיט לאַכנדיקע אויגן, ענטפערן זיי אָפּ אויף די העלע באַגריסונגען, און כאַפּן פלינק די פון אַלע זייטן צוגעוואָרפענע בלומען.

ווידער באַווייזן זיך די רייטנדיקע קאַוואַזשעראָס, אַרומגענומען פון זייערע פּיטאָרעסקע סעניאָריטאַס. ווידער קומען אָן די באַזעצטע וועגענער. אָבער איצט שפּרינגט מען שוין אַראָפּ, און פּאָרווייז, גרופּנווייז שטעלט מען זיך טאַנצן אין מיטן גאַס, צו דער באַגלייטונג פון די אַנדאַלוזישע און סעוויליאַנישע קופּלעטן. די אָרימע טריאַנאַ איז איצט, ווי דורך אַ כישוף, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן, בלענ־דענד באַלויכטענעם טאַנץ־זאַל, אין וועלכן עס טאַנצן ציגיינער און סע־ניאָריטאַ, אייזל־טרייבער און הידאַלגאַ, דיסטינגוירטער דענדי און אָרים ציגאַרעטן־מיידל. אַלץ צעשפּילט זיך, אַלץ צאַפּלט זיך, אַלץ וויגט זיך אין איין פאַרביקן קאַראַהאָד. מען טאַנצט ניט בלויז מיט די פיס. עס טאַנצן די אויגן, די הענט און דער גאַנצער קערפּער. אַלצדינג איז איין פלאַקער, אין וועלכן עס שמעלצן זיך צוזאַמען גוף און נשמה. און אויב ס׳איז אמת, אַז טאַנץ איז אַ ליד אָן ווערטער, ווערט איצט אין די גאַסן און געסלעך פון טריאַנאַ אויסגעזונגען דאָס הערלעכסטע ליד, וואָס דאָס מענטשלעכע אויער קען פאַרנעמען. אַ ליד פול מיט נשמה־ציטער, פול מיט ליבע־בענקשאַפט און סענסועלע פאַרצערונג. ס׳ווערט אויסגעטאַנצט דער ריטם פון פולסירנדיקן בלוט, דער ריטם פון דער שטורמדיקער ברוסט און צוגויפגעפּראַלטער אומרו.

ס׳פלאַטערן אין טאַנץ די קאָלירטע זײַדענע שפּאַנישע שאַלן, די שמעקעדיקע בונטע רויזן אין די קעפּ־באַצירונגען, פונקט ווי עס פאָכן און פלאַטערן די הערצער פון די טאַנצנדיקע. עס וויקלען זיך די

שפּעטע נאַכטן־שעהן ווי פּייערדיקע קאָלירטע פּאַסמעס. ס'איז „פּיעסטאַ דעל ראָסיאָ”. די הייליקע יונגפרוי שיינקט איר ברכה, און באַפּייכט מיט דערפרישנדיקן טוי פעלד און האַרץ, בלום און געמיט. און ניטאָ קיין סוף צו דער פרייד און גליקזעליקייט . . .

נאָענט צום פרימאָרגן. אַ מידער גיי איך איבער דער בריק אַהיים קיין סעוויל. די פאַנטאַ־איזאַבעלאַ ראַיעט נאָך פון די פאַרשיידענע מחנות, וואָס ציען זיך נאָך אַלץ קיין טריאַנאַ. אויף שריט און טריט שפּרינגען נאָך אַלץ אַראָפּ פון די וועגענער נייע גרופּעס טענצער. עס טאַנצן מיט און ציטערן די שאַרף־באַלויכטענע וואַסערן פון דעם גוואַדאַל קוויוויר־טייך. עס שיינען די אַרומיקע ברעגן. און מיט אַ מאָדנעם שטאָלץ שטרעקט זיך די העל־אילומינירטע זשיראַלדאַ — דער אַראַבישער מינאַרעט לעבן דער קאַטוילישער קאַטעדראַלע.

אָנגעשפּאַרט אָן דעם בריק־אָנלען שטיי איך אײַנגאַנצן אַ דורכגענומענער און איבערוועלטיקט פון דער אָנסופיקער פרייד, וואָס עס האָבן מיר היינט געגעבן אָט די אָרימע טריאַנער טעפּער און גלאַזירטע מאַיאָליקאַ־אויסאַרבעטער.

אוועק דאָרט אין דער טונקלקייט, אַרום דעם געשלענגלטן ברעג פון טריאַנאַ, ציען זיך נאָך די ווייטע פּייערלעך פון דער קאַרעטן־פּראָצעסיע און די ליכט־טרעגער, וואָס באַגלייטן זי ערגעץ אין אַ ווייטער, פאַרוואָרפענער קירכע אַריין.

סעוויל, דעם 11טן יוני, 1930

סעוויל

„ווער עס האָט ניט געזען סעוויל
דער האָט ניט געזען קיין וואונדער".

די פּראַזע פון דעם אַלט־צייטיקן מזרח־שרייבער, וועלכער האָט זיך אַזוי אַנטציקט מיט דער אַנדאַלוזישער הויפּט־שטאָט, קען אפשר היינט קלינגען אַביסל איבערטריבן. זיכער איז אָבער, אַז סעוויל איז די כאַראַקטעריסטישסטע, רעפּרעזענטירנדיקסטע שטאָט אין גאַנץ שפּאַניען. מער פון אַלע אַנדערע האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך, און זיך דורכגענומען מיט דעם באַזונדערן שפּאַנישן געמיט. מער ווי יעדע אַנדערע שטאָט האָט זי אויפגעהאַלטן אין זיך דעם גאַנצן צויבער און ווירדע, די פיינע פּאָעטישע גראַציעזקייט, אָבער צוזאַמען דערמיט אויך די גרוילעכע שאָטנהאַפטיקייט, פאַרחלומטע מיסטעריעזקייט און טונקעלע לעגענדאַרישקייט, וואָס קרייצן זיך אַזוי אָפט און מישן זיך צוזאַמען אין לעבן פון דעם שפּאַנישן האַלב־אינזל. אין סעוויל זיינען מער ווי אין אַנדערע שטעט פאַרבליבן די בולטע סימנים פון די באַזונדערע בליענדע עפּאָכן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט שפּאַניענס גרויסקייט, און זיכער אין אַ גרעסערער מאָס ווי אַלע איבעריקע שטעט היט זי אָפּ דאָס באַוואוסטזיין פון איר אַמאָליקן יחוס.

שטאָלץ איז דער שפּאַניער. ער ווייסט, אַז זיין שטאַם איז אויסגעפייערט געוואָרן אין די אומאויפהערלעכע קאַמפן צווישן פעלקער און ראַסן. אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן צווישן די הויכקעפּיקע פירענייען און אַנדאַלוזישן פלאַכלאַנד געפלאַקערט די בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די רוימער, וויסגאָטן און מורן. יעדער זיגער אָדער באַזיגטער האָט צוגעטראָגן זיין חלק אין דעם פאָרמירן און אויסגע־

שטאַלטן די רייכע, פאַרשיידנאַרטיקע שפּאַנישע קולטור. פּונקט ווי יעדער פון זיי האָט איבערגעלאָזט שאַרפע צייכנס אין דעם פיזישן אויסזען פון די באַזונדערע שפּאַנישע שטעט. פּונקט ווי יעדער פון זיי האָט איבערגעלאָזט זיין שפּור אין דעם בלוט און כאַראַקטער פון דעם שפּאַניער. און מיט ווירדע טראָגט דער שפּאַניער זיין אַלטע ירושה. ער ווייסט, אַז זיינע עלטערן זיינען געווען אימיצער און ער איז צופרידן מיט דעם יחוס־נאָמען. ער איז שטאָלץ צו זיין אַ הידאַל־גאָ (דער זון פון אימיצן).

און אין דער גרעסטער מאָס איז דאָס אמת בנוגע סעוויל, וועלכע ווערט באַטראַכט מיט רעכט פאַר דער הידאַלגאָ פון די שפּאַנישע שטעט. מיט צערטלעכקייט און ליבע טוליען זיך אירע היימטצייטיקע הייזער צו דעם אַלטן, פאַרבליבענעם רוימישן מויער, וואָס האָט אַרומ־גערינגלט די אַמאָליקע סעווילע, און זעט איצט אויס ווי דער פאַר־שטיינערטער, ברוינער שקעלעט אירער. מיט שטאָלץ און אַכטונג היט זי אָפּ דעם וואונדערלעכן מורישן אַלקאַזאַר, די זשיראַלדאַ און דעם טורעם פון גאָלד — סמנים פון איר אַראַבישער גלאַנץ־עפּאָכע. און מיט אָפענער גאוה גרויסט זי זיך מיט איר ריזיקער, גאָטישער קאַ־טעדראַלע, וועלכע איז דורך די קאַטוילישע דעראָבערער געבויט גע־וואָרן מיט דער כונה איבערצושטייגן אין פּראַכט און אין גרויסקייט אַלע, דעמאָלט עקזיסטירנדיקע, געבעט־הייזער.

די גאָלדענע זון און דער בלאָ־קלאָרער הימל שמייכלען תמיד איבער די ווייס־געפלאַסטערטע פּאַסעאָס מיט פלאַזאַס אירע, און פילן זיי אָן מיט גראַציעזער זאָרגלאָזיקייט און לייכטן געמיט. אָבער פון אירע פאַרפלאָנטערטע, צונויפגעדרייטע, שמאָלע געסלעך קריכן אַרויס און צעלייגן זיך די מיסטעריעזע שאָטנס פון מורא און טויט; די פאַרשטיקטע אָפּקלאַנגען פון גרוילעכער, בלוטיקער אכזריות. אויס־געצירטע, באַלעבטע בולוואַרן. שמעקנדיקע, קאַלירפולע גערטנער. און שטילע, אָפּגעלאָזענע מאָנאַסטירן און פאַראיינזאַמטע קאַפּעלעס. דער מערקווירדיקער, אַנדאַלוזישער געמיש פון בונטער, העלער לעבנס־פרייד און טיפן, פאַרבאָרגענעם מיסטיציזם.

בכלל אָבער איז סעוויל שטילער, אַריסטאָקראַטישער ווי אַנדערע גרויסע שטעט אין שפּאַניען. איר חן און אמתע שיינקייט זיינען ניט

קיין אויבנאויפיקע און וואַרפן זיך ניט גליך אין די אויגן. זי איז מער יחסנותדיק צוריקגעהאַלטן, און האָט זיך ליב אַרומצוהילן מיט דעם לייכטן, דורכזיכטיקן שלייער פון סודותדיקייט, פונקט ווי אירע שיינע טעכטער, די גוטמוטיק־שטאָלצע סעווילייאַנערינס.

זייענדיק אין דער אַנדאַלוזישער פּערל־שטאָט כאָטש די קורצסטע צייט מוז אייך ווערן קלאָר, פּאַרוואָס, ווען מען רעדט אָדער דערציילט וועגן סעוויל, מוז מען דאָס ערשטע דערמאָנען די סעווילייאַנערין. ווייל באמת, קיין זאַך איז ניט מער טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטאָט, ווי די שלאַנקע, דיסטינגירטע פרויען אירע. די סעווילייאַנערין פאַרדינט הייליק איר ווייט באַזונגענע רעפּוטאַציע. מ׳דאַרף זי אָנקוקן אין איר ענג־געפּאַסטן שוואַרצן קליידל, און דעם באַזונדערן אופן ווי אַזוי זי טראָגט דעם הויכן קאַם, באַצוימט מיט דער שוואַרצער מאַנ־טילאַ און זיידענעם שאַל. מ׳דאַרף זיך בלויז איינמאָל צוזאַמענ־טרעפן מיט דעם פייערדיקן בליק פון אירע כמעט תמיד אַראָפּגע־זונקענע אויגן, כדי צו האָבן אַ באַגריף פון שפּאַנישער גראַציע און שפּאַנישער פּיקאַנטקייט. ס׳איז דאָ וואַרעם לאָקנדיקע יוגנט און אַזוי־פיל צוזאָגנדיקע לעבנסלוסט אין איר גאַנצער איינגעשלאָסענער פיגור. איר קליידל איז שטאַרק פּאַרשפּילעט און פאַרדעקט אינגאַנצן די הענט און דעם האַלז. זי ווייסט דעם רייץ פון צוגעדעקטקייט. זי איז צוריק־געהאַלטן און ניט לייכט צוטריטלעך, די סעווילייאַנערין. כמעט תמיד טראָגט זי מיט זיך דאָס שוואַרצע געבעט־ביכל צוזאַמען מיט דעם קליינעם זיידענעם פעכער. איר גאַנג איז אַזוי דיסקרעט, אַזוי שטיל סודותדיק, אַז שטענדיק בין איך געווען אונטער דעם איינדרוק — אָדער זי גייט אין קירך צו פאַרזינקען אין הייסן געבעט צופוסנס פון דער הייליקער מוטער, אָדער זי גייט ערגעץ אויף אַ באַהאַלטענער ליבעס־ראַנדעוואו, וואו זי וועט, הינטער פאַרמאַכטע טירן און אַרונ־טערגעלאָזטע שטאָרן, זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם פיינפולן גענוס פון קערפּערלעכער תאוה...

און וואָס פאַר אַ מוראדיקער, אָפּשטויסנדיקער קאָנטראַסט זיינען די אומצאָליקע שוואַרצע גלחים־פיגורן, וואָס וואַרפן זיך אַזוי שטאַרק אין די אויגן איבער די גאַסן פון סעוויל. ווי פינצטערע רויב־פויגלען דרייען זיי זיך אַרום און איילן זיך איבער דער שטאָט. וואו דו זאָלסט

זיך ניט קערן און ווענדן טרעפּסטו זיך אָן מיט זיי. וואָס פּאַר אַ מאָדנע שרעקנדיקע געשטאַלטן זיי האָבן. איך האָב באַגעגנט גלחים איבער די געקרומטע וועגן אַרום וואַטיקאַן פון רוים דער הייליקער; כ'האָב זיי באַגעגנט אין די אומהיימלעכע געסלעך פון מיטלאַלטערלעכן פּראָג. אָבער אין ערגעץ האָבן זיי אויף מיר ניט אָנגעוואָרפן אַזאַ מורא, און ניט אַרויסגערופן אין מיר אַזאַ אומבאַוואוסטע שרעק ווי איצט, אין די שמאָלע, געדרייטע דורכגאַנגען פון סעוויל.

ס'איז דאָ עפּעס פּינצטערעס און געשפּענסטער־אַרטיקעס אין אָט די פיגורן, וואָס טראָגן, דאַכט זיך, הינטער זייערע מאַנטלען בלוטיקע, שוואַרצע סודות פון אַ לעבן פול מיט פּיין און שרעק. זייערע קעפּ, ווי ביי די קאַרשונס, זיצן טיף פאַרשטעקט אין די אויפגעשטעלטע שוואַרצע קאָלנערס. אין די אויגן פלאַקערט שטיל און גרויזאַם דאָס פייער פון קנאים, פון וועלכע זיי ווערן, דאַכט זיך, אַליין פאַרצערט. די שטערנס זיינען טיף צעאַקערט. די מיילער פעסט פאַרשנירלט. אויסגעקרימטע נעזער. און די פּנימער יאָגן פּחד און ציטערניש אין האַרץ אַריין.

וואו האָב איך די פּנימער געזען? אויף די ווענט פון מוזעאומס? אויף די בלעטער פון אַלטע ביכער? ניין. אַלע גאָיאַס קאַריקאַטורן און שרעקנס־בילדער, אַלע ריבעראַס פאַרפייניקטע געזיכטער זיינען בלאַס און נישטיק קעגן זיי. כ'ווייס, איך האָב זיי געזען אין מיינע אינגלישע שרעק־חלומות. מיט אַנגסט און פּיין פלעגן זיי מיינע נעכט אָנפילן, נאָכדעם ווי איך האָב אַ קינדערשע הייסע טרער פאַרגאָסן, זיך אָנהערנדיק די שוידערלעכע דערציילונגען וועגן דעם העלישן פייער פון דער אינקוויזיציע און איר בלוטיקן טאָרקוועמאַדאָ. איך דערקען זיי. און נאָך טויזנט מאָל שרעקלעכער און אומרעאַלער זעען זיי מיר אויס איצט, איילנדיק ווי די פינצטערע מחבלים איבער די גאַסן און געסלעך פון סעוויל.

ס'איז האַלבער טאָג. די גליענדיקע, כמעט טראָפּישע, יוני־זון ברענט און פאַרטרייבט אַלעמען פון דרויסן. די מערסטע גאַסן ווערן פאַרצויגן פון איין זייט צו דער צווייטער מיט די טענדידאָס, העל־

לייוועטענע שויז־דעכלעך, וואָס גיבן זיי צו אַ פּיטאָרעסקן, מזרחדיקן אויסזען. אַ מאָדנע איינשלעפערנדיקע מידקייט צעלייגט זיך איבער אַלץ. און ווי אַ דערפרישונג אַנטפּלעקן זיך פאַר דיר אין די האַלב געעפנטע הייזער־טויערן די קילע, באַשאָטנטע „פּאַטשיאָס" — אפשר איינע פון די שענסטע מתנות, וואָס די אַרויסגעטריבענע מורן האָבן איבערגעלאָזט דעם שפּאַניער.

צוזאַמען מיט זייער ליבע פאַר שיינע גערטנער, וואונדערלעכער אַרכיטעקטור און פיינער פּאָעזיע, האָבן די אַראַבער פון זייער היימלאַנד מיטגעבראַכט אין דעם ניי־דעראָבערטן האַלב־אינזל אויך דאָס געפיל פון פאַרשלאָסנקייט, און די ליבע זיך צוריקצוציען אין דער אייגענער היים. זיי האָבן זיך ניט שטאַרק געזאָרגט פאַר דעם אויסערלעכן אויסזען פון זייערע וואוינונגען, דערפאַר אָבער האָבן זיי די גאַנצע אויסגעצירטקייט און דעם גאַנצן פּאָעטישן צויבער אויסגעשפּרייט איבער די אינעווייניקסטע ווענט פון זייערע וואוינצימערן. און דאָס איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס געבליבן ביים שפּאַניער. ווי שטאַרק און אימפּולסיוו דער שפּאַניער זאָל ניט מוזן אויסברייננגען זיין ענערגיע אין דרויסן — אין גאַס אָדער אין קאַפע־הויז, ביים אָקסן־קאַמף אָדער אין טעאַטער — ווערט אָבער זיין אמתדיק, אינטים לעבן אויסגעלעבט צווישן די ווענט פון זיין היים. פּריוואַטקייט איז דער הויפּט־שטריך פון זיין משפּחה־לעבן. און די פּאַטשיאָ איז דאָס אידעאַלסטע אָרט, וואָס שאַפט אים געמיטלעכקייט און באַקוועמלעכקייט.

דאָס איז דאָס גרויסע פאַמיליען־צימער, וואָס איז אויף אַ וואונדערלעכן אופן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינסטלעכן, אינערלעכן גאָרטן. אין מיטן איז אַ פיינער פאָנטאַן, וואָס שלאָגט מיט קילנדיקן, שפּרודלדיקן וואַסער. אַרום זיינען אָראַנזשען־ביימער און די פּרעכטיקסטע בלומען־בייטן. צווישן זיי פיינע, באַקוועמע ביינק און קינסטלערישע, זעלטענע סטאַטועס. די ווענט אַרום זיינען פון גלאַזירטע, פאַרשיידנקאָלירנדיקע קאַכלעס מיט די חידושדיקסטע געצירטע אַראַבעסקן, אויף וועלכע די אַנדאַלוזיער זיינען אַזעלכע בריות. אין די ווינקלען הייגען באַלויכטענע הייליקע בילדער און שטייגן מיט שפּילערישע זינגפייגעלעך. די הויך פון דער פּאַטשיאָ איז די הויך פון גאַנצן הויז און איז געדעקט מיט אַ גלעזערנעם דאַך. און ביי דעם

צווייטען שטאָק ציט זיך אַרום די וואַנט אַ גלעזערנער באַלקאָן, וואָס פירט צו די שלאָפצימערן פון דער פאַמיליע. די פּאַטשיאָ איז דאָס חשובסטע און כמעט הייליקע אָרט אין יעדן הויז. דאָרט פאַרברייננגט מען די שענסטע שעהן פון טאָג. און די גאַנצע דערפינדערישקייט און פיינער געשמאַק ווערט אין יעדן הויז אָפּגעגעבן אויסצוצירן און איינצואָרדענען אָט דאָס באַליבטע פאַמיליען־ווינקל.

אָבער וויפיל חן גיבן זיי צו די סעווילאַנער גאַסן און געסלעך. וויפיל אייגנאַרטיקייט און קאָלאָריט שאַפן זיי פאַר דעם וואַנדערנדיקן פאַרבייגייער. איבערראַשנדיק רייך זיינען די אויסגעצירטע, שאָטנדיקע פּאַטשיאָס אין די ברייטע, יחסנותדיקע גאַסן. און לאַסטשענדיק צאַרט זיינען זיי אין די אָרימע, געקרומטע געסלעך. אי דאָ אי דאָרט שיינט זייער גרינקייט אַרויס דורך די שטאַכעטן, מיט וועלכע עס זיינען פאַר־גראַטירט די אַריינגאַנגען צו די הייזער, און לאַדן דיך איין מיט האַר־ציקער נייגעריקייט אין זיי זיך איינצוקוקן.

קריגסט זיי ליב, אָט די שטילע, שאָטנדיקע סעווילער פּאַטשיאָס. דיין, דורך דער היץ, אַביסל מידער מוח ביינקט נאָך אָפּרו. און ווי פון זיך אַליין קרייזלען און וויקלען זיך דיינע חלומות און ביינקשאַפטן אין די צעליכטיקטע, זון־פאַרפלייצטע גאַסן.

ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי דו געפינסט זיך אין דער „פּראַדאָ כּאַן סעבאַסטיאַן". אַ זייער גרויסער, כמעט ליידיקער פּלאַץ ניט ווייט פון דער סעווילאַנער באַרימטער ציגאַרעטן־פאַבריק. אין די פייעסטאַס ווערט דער פּלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַן אַמוזירונגס־אָרט פאַרן פאָלק, וואו עס קומען פאָר פּאָפּולערע שפּילן און טענץ. די איבעריקע צייט איז ער כמעט פאַרלאָזן. אָבער אין דעם גאָר ווייטן אַמאָל איז עס גע־ווען דער פּלאַץ, וואו עס פלעגן אויסגעפירט ווערן די טויט־אורטיילן פון דער הייליקער אינקוויזיציע. דאָ פלעגן פאַרצערט ווערן אין די העלישע פלאַמען פון די שוידערלעכע אויטאָ דאַ פע׳ס די לעבנס פון טויזנטער מאַרטירער און הייליקע...

דער אומגעהייערער פּלאַץ איז ווייסט און פון דער זון פאַרברענט. בלויז אין איין ווינקל שטייען עטלעכע אויפגעשטעלטע הילצערנע

ביידלעך, וואו מען פארקויפט ביר און אנדערע קאלטע געטראנ־
קען. ארום די טישלעך פאר די ביידלעך זיצן עטלעכע פאמיליעס און
לעשן זייער דורשט. די קינדער לויפן ארום און שפילן זיך שטיפעריש
ניט ווייט. הענדלער גייען ארום און פארקויפן געזאלצענע פישלעך
צו וועקן דעם דורשט פאר דעם ביר. ביי איינעם פון די טישלעך זיץ
איך. פאר מיר מיין פארציע געזאלצנס און גלאז ביר. כ׳בין אויך ניט
מער ווי איינער פון די געסט, געקומען צופעליק צו שטילן מיין דורשט.

אָבער פאַרוואָס פיל איך, ווי עפּעס קנוילט זיך אין הארצן און
דערגייט ביזן האלז, און שטיקט דאָרט און שטיקט? פאַרוואָס דאַרף
איך מיט אלע כוחות טרייבן פון זיך שווערע, טיפע זכרונות? ניין,
כ׳וויל ניט ארויסרופן אָט די אלע שרעקנס־בילדער און גרויזאמע, שווי־
דערפולע סצענעס, וואָס האָבן אמאָל מיט פחד און טויט דעם פלאַץ
לעבעדיק געמאכט. ס׳איז דאָך געווען אין די טעג פון די „קאַטוילישע
קעניגן״ פערדינאַנד און איזאבעלא. און איצט, די ניי־אויסגעבויטע
מאָדערנע אפּאַרטמענט־הייזער רינגלען ארום דעם פלאַץ. רואיקע, עט־
וואָס מידע מענטשן זיצן און פּלוידערן גוטמוטיק צווישן איין טרונק
און צווייטן — — —

גלעקער קלינגען. הייליקע פּראָצעסיעס גייען. מאַרטירער אין די
סאַנבעניטאָס, די געלע קליידער מיט אויסגעמאָלטע שדים. אויף די
קעפּ קאַראָצאָס, די גרעלע פאַנטאַסטישע שאַנד־מיצלעך. די הענט פאַר־
בונדן אויף הינטן. קרעכצן און געוויינען — — —

די קינדער לויפן צו צו די מוטערס. פאָדערן עפּעס א נאַש צו
טאָן. צעלויפן זיך צוריק — — —

קאַרדינאלן און גלחים. פאַרמאַסקירטע ריכטער. צלמים־
טרעגער און פייער־צינדער. צעשראָקענע פּנימער. טויט דערוואַרטנ־
דיקע אויגן. געשרייען פון שטאַרבנדיקע. — — —

אַן אַלטער בעטלער מיט א האַרמאָשקע קומט צו, שטעלט זיך
זינגען א פריילעך גאַסן־לידל און בעט א נדבה. — — —

קולות, קלאַנגען, שרעקנס־קלאַנגען פּלאָנטערן זיך ארום מיר.
רייסן זיך צו מיר. — — —

און דער טאָג איז העל און ליכטיק. מענטשן קומען און גייען.
עס בייטן זיך די געסט ביי די טישלעך לעבן די ביידלעך מיט קאלטע

געטראַנקען. אַרום רוישט סעוויל טעמפּ און געשטילט. פון ווייטנס זעען זיך די געביידעס און טורעמס פון דער סעווילער אינטערנאַציאָ־נאַלער אויסשטעלונג.

לאַנג נאָך, נאָכדעם ווי איך בין שוין ווייט אַוועק פון דער גרויסער, זון פאַרגאָסענער פּראַדאָ סאַן סעבאַסטיאַן, פאַרפאָלגט מיך אַלץ עפּעס גרוילעכעס און פּיינלעכעס.

סעוויל נעמט זיך איבער מיט די נעמען פון העלדן, זינגער און קינסטלער, וועלכע האָבן דערזען אין איר דעם שיין פון דער וועלט, אָדער האָבן זייערע גרויסע טעג פאַרבראַכט אין איר. זי גרויסט זיך מיט דעם, וואָס טראַיאַן און האַדריאַן שטאַמען פון איטאַליקאַ. די רוימישע פאָרשטאָט, וואָס ליגט אינגאַנצן פינף מייל פון סעוויל. פער־דינאַנד דער באַפרייער און דאָן פּעדראָ דער גרויזאַמער האָבן אין איר געקעניגט. אהער האָט זיך קאָלומבוס אומגעקערט פון זיין ערשטער אַנטדעקונגס־רייזע. סערוואַנטעס האָט דאָ פאַרבראַכט די שענסטע דריי יאָר פון זיין לעבן. לאָפּע דע רועדאָ, דער פאָטער פון שפּאַנישן טעאַ־טער, זורבאַראַן, וועלאַסקעז און מורילאָ, די דריי גרויסע שפּאַנישע מאַ־לער, זיינען דאָ געבוירן געוואָרן. אָבער קיינער פון אירע קינסטלער האָט ביי איר ניט פאַרדינט אַזויפיל געצערטלטע ליבע און אָנערקענטע פאַרערונג ווי דער לעצט דערמאָנטער.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס וועלאַזקעז איז פון די דריי זיכער דער גרעסטער, און זיין רום אין דער קונסט־וועלט איז פון אַ סך ברייטערן פאַרנעם, האָט סעוויל פונדעסטוועגן צוגעדריקט צו איר האַרצן דוקא דעם ספּיריטועלערן און גייסטיק נעענטערן מורילאָן.

עס איז זיכער דערפאַר, ווייל וועלאַזקעז'ס קינסטלערישער וועג און זיינע מעטאָדן זיינען געווען ווייט איבער די באַגריפן און שטימונגען פון סעוויל. זיין גרויסן טאַלאַנט האָט ער געשטעלט אין דינסט פון פיליפּ דעם פערטן. זיינע פּאָרטרעטן פון די קעניגלעכע פּערסאָנאַזשן, פון די אינפאַנטאַס און הויפישע קאַרליקעס זיינען געווען ווייט פון דער פאָלקס־נשמה און זייערע סימפּאַטיעס. וועלאַזקעז איז געווען דורך און דורך מאַדרידער, קאַסטילאַנער. מורילאָ, דאַקעגן, האָט זיך גענערט

פון די פּאָלקס־סענטימענטן. ער האָט געלעבט מיט זייער לעבן, ווען ער האָט געמאָלן די אָפּגעריסענע גאַסן־אינגלעך פאַרקאָכט אין זייער שפּיל, אָדער בשעתן נאַשן די ערגעץ אַוועקגעגנבעטע ווייַנטרויבן און מעלאָ־נען. אָבער נאָך מער איינגן איז ער זיי געווען אין זיינע רעליגיעזע בילדער. די שאַפונגען האָט ער אָפּגעגעבן דאָס שענסטע פון זיין ניט קליינעם טאַלאַנט. זיי האָט ער באַהויכט מיט דער ספּיריטועלער דער־הויבנקייט, וואָס האָט געלעבט טיף אין אים. אין זיי האָט ער אַרויסגע־בראַכט יענע רעליגיעזע עמאָציעס, וואָס זיינען געווען אַזוי נאָענט זיין צייטיקן, קאַטוילישן סעווילִיען.

אין סעוויל ווייסט ווי צו זיין דאַנקבאַר. דער מוזעאָ פּראָווינ־סיאַל, דער קליינער אָבער זייער אינטערעסאַנטער מוזעאום, וואָס האָט אַ פיינע קאָלעקציע פון די ערשטע זעלבסשטענדיק־שפּאַנישע מאָלער, ווי פראַנטשיסקאָ פּאַטשעקאָ, כואַן דע לאָס ראָאָלעס, וואַלדעז לעאַל און פראַנטשיסקאָ זורבאַראַן, ווערט דורכאויס דאָמינירט פון מורילאָן. די גאַנצע היבשע קאָלעקציע פון זיינע וויכטיקסטע ווערק בילדן דעם קערן און דעם הויפּט־טייל פון מוזעאום. די קאַטעדראַלע און אַנדערע קלענערע קירכן זיינען פול מיט זיינע שאַפונגען. אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט געפינען זיך דענקמעלער און מאָנומענטן פאַר אים. אָבער דעם שענסטן אופן פון פאַראייביקן איר קינסטלער האָט סעוויל געפונען אין די פּראַכטפולע, אויג־דערקוויקנדיקע גערטנער, וואָס טראָגן מורילאָס נאָמען. פאַר לאַנגע, ווייטע שטרעקעס ציען זיי זיך, אין האַרץ פון שטאָט, די געדיכטע רייען פון פּאַלמען, ציפּרעסן און אָליוון־בוימער. מיט די טייערסטע סטאַטועס און פּראַכטפולסטע אַלטאַנען זיינען זיי באַצירט. אַ פרייד און אַן אָפּרו־אָרט. בייטאָג שאַפן זייערע אַלייען שאָטן־אינזלען, אויף וועלכע די סיעסטאַ־שעהן ווערן פאַרבראַכט אין פאַנטאַזיענפולן האַלב־שלומער. און אין אָוונט ווערן זיי באַ־לעבט פון דעם רוישיקן, זאָרגלאָזן געפּלוידער און געלעכטער, מיט וועלכע עס פילן זיי אָן די לייכט־האַרציקע שפּאַצירער.

אַנטווערפּן האָט עס ניט געטאָן צו איר רובענסן. אַמסטערדאַם האָט עס ניט באַוויזן איר רעמבראַנטן. און ווענעציע האָט עס ניט צוגעטיילט איר טיציאַנען.

אָבער איז עס דען ניט עכט סעוויליאַניש, וואָס זי האָט איר

באַליבטן קינסטלער, דעם וואָס האָט אין טונקל מיסטישע פאַרבן אויסגעדריקט אירע רעליגיעזע עמאָציעס און שטרעבונגען, באַלוינט מיט אַ דענקמאָל פול מיט לעבנס־פרייד און לעבנס־לוסט?

זיי זיינען סעווילס רוף און ליוב צום לעבן, אָט די געצירטע מורילאָ־גערטנער.

און ניט ווייט פון זיי, אַ פּאָר שפּאַן, און דו געפינסט זיך אין דעם אַלטן מיסטעריעזן סאַנטאַ קרוז קוואַרטאַל. עס גיט מיט איין מאָל אויף דיר אַ הויך מיט אַלט שפּאַניען. שפּאַניען, וואָס איז פול מיט דער אומרואיק־בלוטיקער ביינקשאַפט נאָך ליידן און טויט; וואו סענטימענטאַלע ריטערלעכקייט מישט זיך אויס מיט דער ליידנ־שאַפטלעכסטער, ווילדער גרויזאַמקייט. אויף יעדן טריט פון די שמאָלע, קרומע געסלעך ליוערן אויף דיר שאָטנס פון טעג ליכטיקע מיט זייער הערלאַישקייט, און טונקעלע מיט דער אומרואיקער מורא פון שווי־דערלעכע רציחות. פון יעדן זייטן־ווינקל רייסן זיך דיר אַנטקעגן די סודותדיקע אָפּקלאַנגען פון אַ לעבן אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם אין בלוט־טיקער, רומפולער גלאָריע. ס'איז בירא דע סאַנטאַ קרוז, דער שטאָט־קוואַרטאַל, וואָס איז אַמאָל געווען די רייכע אידישע געטאָ פון סעוויל.

די געסלעך זיינען שטילע. די ווענט גרויע. די קליינע פענצטער־לעך זיינען פאַרגראַטעט. מענטשן גייען דאָ אומגעאיילט און שטיל. די באַלאָדענע אייזעלעך טרעטן קוים געהערט. אָבער דאָך רייסט זיך דאָ אויף יעדן שפּאַן אַדורך אַ לעבן אַן אַנדערס, אַ לעבן באַלויכטן מיט זיין לעגענדאַרישקייט און צויבער. שוין אין די נעמען פון די געסלעך הערט זיך די גאַנצע פאַנטאַסטישע בילדלעכקייט פון דעם שפּאַניער, און זיין ליבע פאַר דעם פאַרביק־דראַמאַטישן.

איך לייען:

דאָס געסל פון גוזמאַן דעם שיינעם. דאָס געסל פון דאָן פעדראָס קאָפּ. דאָס פעפער־געסל. דאָס שושנה־געסל, אָדער דאָס געסל פון טויט...

יעדער נאָמען דערציילט פון אַזויפיל גרוילהאַפטן און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן. עס גיט אויף אַ דיר אַ בלאָז מיט אומרו און מורא פון דער סצענע, ווען פעדראָ דער גרויזאַמער האָט געמוזט צוקוקן, ווי מ'האָט אין דעם געסל אויפגעהאַנגען אַן אויסגעשטאָפּטע פיגור פון

אים אליין. דאס איז געווען זיין שטראף דערפאר, וואס ער האט אין איינעם פון זיינע אוואנטוריסטישע נאכט־שפאצירן דערשטאכן אן אדעלמאן, פאר וועמענס פארגאסן בלוט די אויפגערעגטע בירגער האבן געפאדערט גערעכטיקייט.

ווי טרויעריק שיין אין איר פשוטקייט איז די לעגענדע, וואס ווערט דערציילט וועגן דעם פעפער־געסל. דער געהיימער איד, וואס האט דא אין איינעם פון די הייזער געהאלטן א שפייז־קרעמל, פלעגט זיך תמיד באקלאגן פאר זיינע קונים אויפן מאנגל פון פעפער, און דערביי גענומען ביי זיי א טייערן פרייז. איינער פון די קונים האט אים געטרייסט און פארזיכערט, אז גאט וועט העלפן. דער איד האט אויסגעדריקט זיין אומגלויבן אין דעם. דערפאר איז איבערנאכט פאר זיין פענצטער אויסגעוואקסן א פעפער־בוים, און דער איד איז איבער־געגעבן געווארן אין די הענט פון דער הייליקער אינקוויזיציע.

אבער א סך טראגישער און הארצרייסנדיקער איז די לעגענדע פון דעם שושנה־געסל. דער איד סוסאן האט געלאזט אין זיין הויז אפ־האלטן א געהיימע פארזאמלונג, אויף וועלכער עס איז געמאכט גע־ווארן א פארשווערונג קעגן דער אינקוויזיציע. די שיינע סוסאנא, זיין טאכטער, האט דעם סוד ארויסגעגעבן צו איר קריסטלעכן געליבטן, וועלכער האט וועגן דעם באלד געמאלדן די הייליקע קירכן־פאטערס. מ'האט אלע פארשווערער פארמשפט צום טויט. עס איז פארגעקומען א שרעקלעכער פאגראם. שושנה האט זיך געשמדט און זיך פאר־שלאסן אין קלויסטער. פארן טויט האט זי געבעטן מ'זאל איר קאפ באגראבן אין דער וואנט פון הויז, וואו איר פאטער האט געוואוינט...

פריער האט דאס געסל זיך גערופן דאס געסל פון טויט. ווייל לויט אן אנדער לעגענדע איז דער קאפ פון דער שיינער שושנהן א סך יארן געהאנגען דא אויף א האקן. די לבנה־שטראלן, וואס זיינען געפאלן אויף דעם קאפ, האבן געווארפן א שאטן אויף דער ווייסער וואנט, און האבן געבילדעט א סקעלעט, דעם צייכן פון טויט, וואס האט זיך געוויגט אין די שטילע נעכט . . .

אן איינזאמער, מיט פארשטילטע טריט, שפאציר איך איבער די סודותדיקע, אבער איצט רואיקע, אידישע געסלעך. ס'איז פאר־נאכט. די זשאסמין און רויזן, מיט וועלכע עס זיינען באפוצט די

האלב־פארהאנגענע פענצטערלעך, גיבן ארום שטילע, שמעקנדיקע ריחות. די קליינע, צארטע פאטשיאס קוקן ארום אזוי רירנדיק מילד. א פיינע, מעלאנכאלישע פארחלומטקייט הייגגט אין דער לופט. ס'מוז זיין עפעס אין מיין אויסזען און האלטונג, פארוואס די קליינע גרופע קינדער, וואס שפילן זיך אזוי געמיטלעך און רואיק, רייסן איבער זייער שפיל, רינגלען מיך ארום, און באגלייטן מיך מיט ליבלעכקייט און נייגיר אויף מיין שטילן גאנג.

קינדער אין שפאניע. וואס פאר א ליבע פנימער און שווארצע פארחלומטע אידישע אויגן. ווי נאענט פילסטו זיך צו זיי. האבן זיי דערשפירט אין מיר אן איינענעם, א פרעמדן? האבן זיי דערפילט דעם אומרו און ציטער פון מיין געמיט? ס'איז זיי ניט אויפפאלנד, פארוואס איך שפאציר הין און צוריק איבער דעם קליינעם שושנה־געסל, וואו זיי וואוינען און וואס איז זייער היים. זיי באגלייטן מיך ביז צו דער קליינער „פלאזא דאננא עלווירא", וואס איז באלד דער־לעבן. מיר געזעגענען זיך מיט די פייכט־שמייכלענדיקע בליקן.

עס איז אזוי רואיק אויף דעם קליינעם סקווער פון דער אומבא־קאנטער דאננא עלווירא. ער איז איינגעטונקען אין מאראנצן־בוימע־לעך. אין דער מיט שפילט א גראציעזער, קליינער פאנטאן. ארום אים זיינען איינגעמויערט וויים-גלאנציקע ביינק פון די גלאזירטע קאכלעס. קליינע גרופעס פרויען און מענער רוען אויף זיי. איך בין צווישן זיי. זאל איך ארויסרופן אין מיין געדאנק די פיינלעכע בילדער פון יענער נאכט, ווען די אינקוויזיציע איז באפאלן דאס הויז פון דעם אידן סוסאן? דאס אויפפראלן און פארהאקן פון טירן און די יאוש־דיקע, פארשטיקטע אויסגעשרייען? די צעשראקענע פיגור און דאס פארוויינטע פנים פון דער שיינער שושנהן, ווען א פארצווייפלטע לויפט זי נאך די וועכטער, וועלכע פירן אוועק איר באליבטן פאטער? . . .

און פארוואס האב איך אויף צומארגנס, און די טעג נאכדעם זיך געמוזט ווידער און נאך אמאל אומקערן אין אט די שטילע, פאר־חלומטע געסלעך. די קינדער האבן שוין אויף מיר געוואוארט.

ערשט שפעטער האב איך זיך געקענט צוגעוואוינען צום געדאנק, אז אויף דעם קליינעם דאננא עלווירא פלאץ איז אמאל געשטאנען דאס שפאנישע טעאטער פון לאפע דע רועדא, און צוריקגייענדיק האב

איך אויף דעם צווייטן ראָג פון שושנה־גנעסל געקענט באַמערקן דעם נייעם טאָוול אין דער וואַנט, מיט דער אויפשריפט: אין דעם הויז, וואָס געפינט זיך אין דער פּאַטעטישער סביבה פון לעגענדע און טראַ־דיציע, האָט געוואוינט דער שטאָלץ פון שפּאַנישן טעאַטער, די שוי־שפּילערין מאַריאַ גוערערא.

ביינאַכט אין סעוויל. מיט אַלע איברים און אַלע פיבערן לעבט זי איצט, די אַנדאַלוזישע פּערל־שטאָט. זי צעשפּילט איצט איר גאַנצן רייץ און פאַרבאָרגענעם חן. עס ווייזט אויס, אַז ערשט איצט הויבט זיך אָן איר אמתדיק לעבן. דער טאָג איז ניט געווען מער ווי אַ פּרעַ־לודיע, אַ פאָרשפּיל. דער טאָג מיט זיין שווערער מי און ניט באַליבטע אַרבעט־שעהן.

ס'זיינען איצט פול מיט שפּאַצירנדיקע די גאַסן און סקווערן, די אָפענע קאַפע־הייזער און אַריסטאָקראַטישע קלובן. ס'שפּאַצירן די אויסגעצירטע סעניאָריטאַס צוזאַמען מיט די עלטערע מיטגלידער פון דער משפּחה. ביי דער זייט, אַביסל צוריקגעצויגן און שעמעוודיק, גייט איר פאַרליבטער בחור. אַ סעוויליאַנערין וועט אַליין ניט גיין ביינאַכט מיט איר באַשערטן. ס'איז קעגן דער אָנגענומענער עטיקעט. גייען זיי ביידע אין דער באַגלייטונג פון די עלטערן אָדער שוועסטערן. די יונגע הערצער ציען זיך און ביינקען, אָבער די אויגן לאַכן און דערציילן זיך אַלץ, וואָס מען קען מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבן.

פון די קאַפע־הייזער דערטראָגן זיך די מונטערע שטימען פון די פריילעכע געסט, וואָס באַרעדן איצט די נייעסן און געשעענישן פון טאָג, די לעצטע פּאָליטישע פּאָרפּאַלן אָדער די איינצלהייטן פון קומענדיקן אָקסן־קאַמף. אין דרויסן פאַר די רייכערע קלובן זיינען אויסגעשטעלט באַקוועמע, ווייכע שטולן, אין וועלכע די קלוב־מיט־גלידער זיצן מיט דער גאַנצער דיסטינגירטער שפּאַנישער צוריקגע־האַלטנקייט, און באַטראַכטן די פאַרבייגייער אונטערן שאַרפן עלעק־טרישן גאַסן־ליכט. די ברוינע פּנימער און טונקעלע אויגן זיינען רואיק און קאַלט, אָבער פון אונטער דער אויסערלעכער רואיקייט שלאָגט מיט אַזויפיל ליידנשאַפטלעכן פיבער.

פון די האַלב־איינגעשלאָסענע באָדעגאַס, די אַלטע וויין־שטיבער, דערטראָגן זיך טענער פון מעלאַנכאָלישן געזאַנג, געמישט מיט דעם קלינגען פון די דולצינעאַס אָדער גיטאַרעס.

די ווייסע, העל־באַלויכטענע פּלאַזאַ דע סאַן פערנאַנדאָ, דער הויפּט־פּלאַץ פון סעוויל, וואָס ראָיעט דעם גאַנצן טאָג מיט די פאַר־שיידנאַרטיקסטע פאַרבייגייער, צווישן וועלכע עס פּלאָנטערן זיך די וואַסער־פאַרקויפער מיט זייערע מונטערע אויסרופן: אַגוואַ פריסקאַ (קאַלט וואַסער), און די פרויען מיט די לאַנגע אויפגעראָלטע לאָטערי־צעטלען, וואָס זיי לייגן פאָר מיט אַזאַ רחמנותדיקן שמייכל — די פּלאַזאַ האָט איצט אַ מאָדנעם אויסזען. **זי איז איצט דאָס אָפּרו־** און **שפּיל־אָרט פאַר די פּשוטע, אָרימע סעוויליאַנער.** די ווייסע שטיינערנע בענק אַרום דעם אימפּאָזאַנטן מאָנומענט פון דעם הייליקן פערדינאַנד — שפּאַניעס העלד און באַפרייער — זיינען איצט באַזעצט פון די געמיטלעכע עלטערן, וואָס קוקן מיט פאַרגעניגן אויף די טשיקאָס, די קליינע ווייסע־חברהניקעס, וועלכע שפּילן זיך איצט אין אָקסן־קאַמף, אָדער טאַנצן לוסטיק די טענץ פון די גרויסע און דערוואָקסענע.

און בלויז איין טריט פון דאָרט איז די, דאַכט זיך, מערקווירדיקסטע גאַס פון וועלכער ס'איז הויפּט־שטאָט. די „קאַזשע סיערפּעס" — די שלאַנגען־גאַס. זי איז די הויפּט־גאַס פון סעוויל. דאָרט געפינען זיך די פיינסטע געשעפטן, רייכסטע קלובן און בעסטע קאַפע־הייזער. אָבער צוליב איר שמאָלקייט איז יעדער אויטאָמאָביל־ אָדער וואָגן־פאַרקער פאַרבאָטן. זי איז איבערגעגעבן אין אויסשליסלעכן רשות פון די פוסגייער און שפּאַצירער. און איר ריטם איז טאַקע צוליב דעם אַן אמת שלאַנגיקער, פאַרלאַנגזאַמט צוריקגעהאַלטענער. מ'איילט זיך ניט. פאַרבייגייער נעמען זיך צייט צו באַטראַכטן אין די געשעפטס־פענצטער דעם אויסשטעל פון די באַרימטע שפּאַנישע שאַלן, קאָלירטע פעכערס און די פאַרשיידענע לוקסוריעזע אַרטיקלען, וואָס גלאַנצן איצט אונטער דעם העלן עלעקטרישן ליכט. פאַרביי אירע קאָמפּאָרטאַבעלע קלובן־פענצטער שפּאַצירן איצט די סעוויליאַנער אין די טאַנץ־הייזער און קאַפע־לאָקאַלן נאָך די פאַרביינקטע לידער און טענץ, אָן וועלכע זייער נשמה וואָלט קיין באַפרידיקונג ניט געפונען, און דער טאָג לעבן וואָלט ניט געווען פאַרפולט.

און סעוויל איז באַרימט מיט אירע טענץ, וועלכע זיינען פול מיט איר אייגנאַרטיקן רייץ, איר פיינער פּיקאַנטקייט און טיפן ערנסט. איר גאַנצער נשמה־אומרו און עקזאָטישער פייער געפינען אַן אויסדרוק אין אָט די וואונדערלעך־באַהאַרצטע, היים־אָטעמדיקע „פלאַמענקאָס", וואָס ווערן געטאַנצט צו דער ריטמישער באַגלייטונג פון האַנט־פּלעס־קעריי, אָדער פון די „קאַפּלאַס".

אָבער צי איז עס בלויז אַ צופאַל, וואָס דאָס באַפרידיקן דעם סעוויליאַנערס דורשט נאָך אָט די טענץ איז איבערגעגעבן געוואָרן כמעט אויסשליסלעך די גיטאַנאָס, די שפּאַנישע ציגיינער? זיי האָבן אין דער פלאַמענקאָ אַריינגעגעבן זייער באַרבאַרישע גראַציע און פייער־דיקן טעמפּעראַמענט, זייער אומגעצאַמטע לײַדנשאַפטלעכקייט און טיף מעלאַנכאָלישע בייִנקשאַפט. און נאַכט נאָך נאַכט ווערן אָנגעפילט די מאָדנע, אייגנאַרטיקע אַמוזירונגס־לאָקאַלן, וואו עס טאַנצן די ציי־גיינער, און וואו די לופט שיינט צו זיין אָנגעפילט מיט ליבע־הונגער און נשמה־ציטער.

דער גאַנצער אונטערשטער טייל פון לאָקאַל איז באַשטעלט מיט טישלעך, וועלכע קלאַמערן זיך, דאַכט זיך, אַרום דער ניט גרויסער, פאַרהאַנגסלאָזער בינע. ביי די טישלעך ווערט פאַר די געסט סערווירט קאַווע, וויין, אָדער אַנדערע שאַרפע געטראַנקען. הויך אַרום דער הינטערשטער וואַנט, און אויך אַרום ביידע זייטן ווענט, געפינען זיך קליינע פאַרשטעלטע לאָזשען, וואו עס זיצן די חשובערע געסט מיט זייערע דאַמען, וואָס ווייזן קוים אַרויס אַ טייל פון זייערע פּנימער און די בלישטשנדיקע אויגן. עס איז ניט אָנגענומען, אַז דאַמען זאָלן זיצן צוזאַמען אונטן מיטן אַלגעמיינעם פּובליקום. אויף דער בינע זיצט אין אַ האַלב־קרייז אויסגעזעצט די ניט גרויסע טרופּע פון די ציגיינערישע זינגער און טענצער. די מענער גייען אָנגעטאָן אין די טיפּיש־שפּאַנישע, טונקעלע קאָסטיומען — געפּאַסטע הויזן אַרומגע־גאַרטלט מיט דעם ברייטן,רויטן שאַרף, ווייס העמד און שוואַרצער ברייטער הוט. די פרויען אין ברייטע, געפאַלדעוועטע, פאַרשיידנקאָ־לירנדיקע קליידער, די פריזורן ציגיינעריש הויך פאַרקעמט.

אַ לאַנגע צייט פּאַסירט אויף דער בינע גאָרנישט. די טענצער זיצן רואיק אין זייער האַלב־קרייז און שמועסן צווישן זיך. דאָס

פובליקום ביי די טישלעך אונטערהאַלט זיך גערולדיק. זיי קוקן אַרויף צו די אַרטיסטן, און רעדן זיך דורך מיט זיי אויפן קול. ביידע צדדים לעבן זיך איין אויף אַ גוטמוטיקן, אינטימען אופן. מיטאַמאָל גייט דורך דעם גאַנצן זאַל דורך עפּעס ווי אַן אויפוועקנדיקער שטראָם. איינע פון די טענצערינס הויבט זיך אויף, טרעט אַרויס אין צענטער פון דער בינע. די מענער־אַרטיסטן נעמען זיך פאַר די גיטאַרעס און הויבן אָן שפּילן. עס דערהערן זיך די אַריינפירנדע, ציטערנדיקע סטרונע־טענער, און די טענצערין לאָזט זיך אַוועק אין ערשטן טאַנץ.

און וואָס פאַר אַן אומגלויבלעכער וואונדער עס קומט פאָר פאַר דעם צוקוקערס אויגן. זי איז ניט זייער קיין יונגע, די טענצערין. אַביסל דיק־לייביק — ווי אַלע איבעריקע ציגיינער־טענצערינס, וואָס זיצן אויסגעזעצט אויף דער בינע. איבער איר גאַנצן גוף איז אויסגעגאָסן אַ שווערפעלטיקע סענסועלקייט, וואָס מאַכט זי אַביסל פּלומפּ, אומגעלומפערט. אָבער אָט האָט זי אָנגעהויבן טאַנצן, און זי איז מיט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרינגפיסיקער, שלאַנקער שיינהייט. איר גאַנצע פיגור האָט מיטאַמאָל באַקומען אַזאַ לייכטקייט. איבער איר קערפּער האָט זיך צעלייגט אַזאַ פיינער תאוהדיקער רייץ. עס גיסן זיך די איינטאָניקע מעלאַנכאָלישע קלאַנגען פון די ציטרנדיקע גיטאַרעס, און עס ציטערן און פלאַטערן די גלידער ביי דער טאַנצנדיקער ציגיינערין. איר קאָפּ איז פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, די הענט

פאַרלייגט אין דער הויך, און דער גאַנצער קערפּער איז איין שטיק ברענענדיקער פייער, וואָס מאַכנט איצט דורך די פאַרשיידנסטע ריטמישע שטעלונגען און בויגונגען. און וויפיל ביינקשאַפט דריקט אויס דאָס טונקל־ברוינע פּנים מיט די איצט פאַרזונקענע גרויסע אויגנלעכער. מיט וואָס פאַר אַ חן און פּערפעקטקייט גייט זי דורך אַלע פאַלן, אין וועלכע דער טאַנץ איז איינגעטיילט. די ערשטע טאַקטן אָנהויבן מיט אַ פאַרשנעלערטן ריטם, וועלכער רייסט זיך פּלוצים אָפּ. קורצע, אָטעם איינהאַלטנדיקע פּויזע. דאַן הויבט עס זיך אָן גאַנץ לאַנגזאַם. דער קערפּער דריקט אויס שטילע, האַרץ נאָגנדיקע ליידנשאַפטן. און ביסלעכוויז הויבט די טעמפּאָ אָן פאַרשנעלערט צו ווערן ביז שווינדלענדיקן עקסטאַז. זי ווירבלט פאַר די אויגן, די טאַנצנדיקע גיטאַנאַ.

זי טאַנצט די פלאַמענקאַ. איר גוף צויבערט און צינדט און רופט אַרויס אַזאַ עקזאָטישע התלהבות, סיי ביי אירע באַגלייטערינס, וואָס דער־מוטיקן זי מיט זייערע צורופן, און סיי ביים פובליקום, וואָס איז איצט פאַרשיכורט פאַר באַגייסטערונג . . .

דאָס חזרט זיך איבער פאַר אַ לאַנגער צייט. ביז יעדע איינע פון די זיצנדיקע טענצערינס האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן טאַנץ צו דער באַגלייטונג פון אַלע איבעריקע. און מערסנטיילס ווערן די טענץ באַ־גלייט פון די וויימוטיק־נאַאיווע, מעלאַנכאָליש־פאַרביינקטע קאָפּ־לאַס:

קומט די נאַכט טו איך צו גאָט
אין דער שטיל אַלע מיינע זינד פאַרטרויען.
די תשובה, וואָס סיגיט מיר גאָט —
כיזאָל דיך מער אַזוי שטאַרק ניט ליב האָבן.

אָדער:

ווער סיצווייפלט און וואָלט וועלן וויסן
אויב אַוועקגיין איז באמת אַ פיין,
פרעגט מיך, איך וואָס, אָ, מיין לעבן
האָט פרובירט אָן דיר אַ טאָג צו זיין.

אָדער:

לעצטע נאַכט האָב איך געחלומט צוויי נעגערס
האָבן מיך דערהאַרגעט,
סיזיינען געווען דיינע צוויי שיינע, בייזע אויגן
וואָס האָבן מיך דורכגעשטאָכן . . .

עס ציען זיך די קאָפּלאַס פיינלעך־מאַנאָטאָן, גסיסהדיק־שווער, און פילן אָן דאָס בלוט מיט אַזאַ פיבערדיקן אומרו, גלייך ווי נשמות

וואַלטן זיך געקלאַנט אויף עפּעס, געביינקט נאָך עפּעס, און גערופן אימיצן.

די טרינקער ביי די טישלעך ווערן שטילער. די אויגן זיינען שמייכלענדיק־פאַרחלומט. זיינען דאָך די פלאַמענקאָ און די קאַפּלאַ דער אויסדרוק פון זייערע אייגענע נשמות און זייערע אייגענע בייקשאַפטן.

נאָר פונקט ווי אין אַלע אַנדערע ווינקלען פון דעם שפּאַניערס לעבן, חזרט זיך אויך דאָ איבער זיין ליבע און נייגונג צו קאָנטראַסטן. די ציגיינער־אַרטיסטן האָבן פאַרענדיקט זייער טייל און גייען אוועק. עס הויבט זיך אָן דער צווייטער טייל פון דער אונטערהאַלטונג. ער איז אָבער אַזוי משונהדיק אַנדערש, און קינסטלעריש אַזוי אומפאַר־גלייכלעך נידעריקער. ס'איז קוים צו גלויבן, אַז דאָס זעלבע פּובליקום, וואָס האָט זיך ערשט אַזוי אַנטציקט פון די פיינע ציגיינערישע טענץ און לידער, זאָל קענען מיטן זעלבן, און אפשר נאָך שטאַרקערן, התפעלות זיך באַגייסטערן פאַר די אויסגעלאַסענע קופּלעטן, וואָס ווערן באַגלייט מיט די אומאַנשטענדיקסטע קערפּער־באַוועגונגען דורך דער כמעט נאַקעטער שאַנסאָנעטקע, וועלכע פאַרנעמט איצט די בינע. עס ווערט פאַרדראָסיק און אומהיימלעך. אויבן אין די אָפּגעזונדערטע לאָזשען האָבן די דאַמען שוין לאַנג זיך אויפגעהויבען, און אין דער באַגלייטונג פון זייערע הערן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל.

אויב סעוויל איז די הידאַלגאָ פון שפּאַניע, די קעניגין פון אַנ־דאַלוזיע, איז איר קרוין זיכער דאָס דרומדיקע שטאָט־ווינקל, צווישן קאָנסטיטוציאָן־פּלאַץ, מיט דעם געצירטן שטאָט־ראָטהויז, און צווישן דעם וועג, וואָס פירט פון דער פּראַדאָ סאַן סעבאַסטיאַן שוין צום אויסשטאָט אַרוים. דאָס ווינקל, וואו עס געפינען זיך די קאַטעדראַלע מיט איר שטאָלצער אַראַבישער באַגלייטערין, די פּראַכטיקע זשיראַלדאַ, און דער אַלקאַזאַר, דער מערקווירדיקער מורישער שלאָס. לעבעדיקע עדות פון טעג שטורעמדיקע, הערָאָאישע, קאַמפּסלוסטיקע און דורכ־גענומען מיט דעם אינערלעכן דראַנג פון רייסן זיך צום הימל. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס גאַנצע ספּיריטועלע, צום שיינקייט שטרעבנדיקע און מיט בלוט דורכגעשטרייפטע אין אַלטן סעוויליען, וואָלט זיך צו־נויפגעזאַמלט אין אָט דעם דרומדיקן שטאָט־ווינקל.

שוין דער קליינער, איינגאַרטיקער האָספּיטאַל דע לאַ קאַרידאַד (צדקה־שפּיטאָל), וואָס געפינט זיך דאָרט אין שכנות, און האָט אַזאַ באַזונדערן צויבער פאַר דעם קינסטלעריש־גייסטיקן פּנים פון סעוויל, טראָגט דעם אָפּהויך פון אָט דעם טראַגישן געמיש. דער אַלטער האָספּיטאַל, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַ גרופּע איינגעשלאָסענע בארמהאַרציקע שוועסטערן, האָט צו פאַרדאַנקען זיין חן דעם קליינעם קלויסטער מיט די וואונדערלעכע קונסט-בילדער און אַלטאַר־באַצי־רונגען זיינע. און נאָך מער ווי דאָס — דער אַלט־צייטיקער לעגענ־דאַרישקייט, און פאַרלאָקנדיקע דערציילונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן נאָמען פון זיין גרינדער, דעם באַרימטן דאָן זשואַן און קאָרטנ־שפּילער.

אַ צעלאָזענער, אויסגעלאַסענער הידאַלגאָ, דאָן מיגועל דע מאַ־ניאַראַ, האָט אין אַ געוויסער נאַכט, אַהיים גייענדיק פון איינער פון זיינע ווילדע אָרגיעס, אין דער האַלבטונקלקייט פון דער גאַס באַגעגנט אַ לויה באַגלייט פון גלחים און פאַקל־טרעגער. ווען ער איז נעענטער צוגעגאַנגען און געפרעגט, ווער איז דער געשטאָרבענער, האָט מען אים געענטפערט — דאָן מיגועל דע מאַניאַראַ. און ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין טויטן, האָט ער דערזען זיין אייגן פּנים שטאַרנדיק אויף אים... אויף מאָרגנס האָט מען אים געפונען אַ פאַרחלשטן. ער האָט פאַרלאָזן זיין אַלטן וועג פון זינד און אויסגעלאַסנקייט, און האָט זיין גאַנץ לעבן און פאַרמעגן געווידמעט דער אויסבויאונג פון דעם קליינעם קאַרידאַד האָספּיטאַל מיט זיין באַרימטער קינסטלערישער קירכע.

פילסט עפּעס אַ מאָדנעם אומהיימלעכן ציטער, בשעת דו ציסט דעם גלאָק פון דעם פאַרמאַכטן טויער פון דער איינזאַמער, פאַרוואָר־פענער געביידע. עס דויערט ניט לאַנג ביז די פאַרמעט־פּנימדיקע, בארמהאַרציקע שוועסטער עפנט דיר אויף און לאָזט דיך אַריין אין דעם שטילן, פאַרמויערטן מאָנאַסטיר־הויף. דורך דעם קליינעם גאָרטן און איבער די דומפּ־אָפּקלינגענדיקע טרעפּ, קומסטו אַריין אין דער האַלב־טונקעלער מיניאַטור־קירכע, וואוהין די דרויסנדיקע זון־שטראַלן רייסן זיך קריינקלעך דורך די פאַרגעלטע שויבן. ביסט צופרידן, ווען נאָך אַ פּאָר קורצע, דיר סיי ווי אומפאַרשטענדלעכע דערקלערונגען,

לאָזט דיך דיין באַגלייטערין איבער אַליין אין דעם געוועלבטן זאַל, וואָס שמעקט אַזוי שטאַרק מיט דעם ספּעציפישן גערוך פון קלויסטער און מוזעאום.

ביסט ערגעץ טיף אין האַרצן דאַנקבאַר אָט דעם גרויסן אוואַנטור־ריסט און זינדער, וואָס זיין חרטה האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַזעלכע קינסטלער ווי מורילאָ און וואַלדעז־לעאַל צו שאַפן זייערע באַרימטע בילדער, וועלכע באַצירן די קירכן־ווענט. ס'איז מורילאָ אין זיין בעסערן מאַניער און אין זיין גליקלעכער שטימונג, אָט די גרויסע לייוונטן „הונגער" און „דורשט", וואָס שטעלן פאָר אין אַ לעבעדיק־וואַרימען, שילדערנדיק־דראַמאַטישן אופן די סצענעס, ווען משה שלאָגט וואַסער פון דעם שטיין, און קריסטוס באַווייזט דעם נס פון שפּייזן די פינף טויזנט געסט. ס'איז מורילאָ, וועלכער איז דאָ אַזוי אַנדערש און אינטערעסאַנטער, ווי אין די צאָלרייכע איבערחזרונגען פון די בלאַס־פאַרביקע מאַדאָנעס און הייליקע.

אָבער אַן אמתע דערפרייאונג איז דאָ, דער דעם ברייטן פּובליקום אומבאַקאַנטער וואַלדעז לעאַל. ער איז אין זיין צייט ווייט ניט געווען אַזוי גליקלעך און דערפאָלגרייך ווי מורילאָ, אויף ווענען ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אייפערזיכטיק. ער איז דער לעצטער פון די מאָלער, וואָס האָבן סעווילס נאָמען באַרימט געמאַכט. עס שלאָגט מיט נער־וועזן אימפּעט און גרוילעכן אומרו פון דער טעאַטראַליש־מאַנעריר־טער, אָבער דאָך פיין רעאַליסטישער סצענע, וועלכע שטעלט פאָר, ווי דער טויט לעשט אויס אַ שטורקאַץ, וואָס באַלויכט אַ טיש, באַ־דעקט מיט קרוינען, צירונג און רייכע געוואַנטן. פּונקט אַזוי עפעקטפול איז דאָס צווייטע בילד, וואָס שטעלט פאָר די וואָגשאָל, אויף וועלכער ס'ווערן געוואויגן די עמבלעמען פון טוגנד און גלויבן קעגן די סימ־באָלן פון וועלטלעכער זינד — פלעדערמייז, פאַוועס און שלאַנגען. אויב דאָן מיגועלס כוונה, ווען ער האָט געלאָזט באַשטעלן די בילדער, איז געווען אויף אַ בולט קינסטלערישן אופן צו ווייזן דעם גאַנצן הבל הבלים פון אונזער ערדיש לעבן, און די גאַנצע פאַרגענגלעכקייט פון עולם הזהדיקן פאַרגעניגן, האָט דער פאַרביטערטער, אָבער טעמ־

פעראמענטפולער, וואלדעז לעאל זיכער קינסטלעריש־געוויסנהאפט אויסגעפילט זיין אויפגאבע.

אין א מאדנער רעזיגנירטער שטימונג פארלאזטו די קארידאר־קירכע. ווערסט אבער שטארק איבערראשט, ווען דו קומסט ענדלעך ארויס צוריק פון דעם פארוואָרפענעם הויף, צו געפינען אין אנט־קעגנדיקן גערטנדל די סטאטוע פון דעם פרומען דע מאניארא פאר־געשטעלט דוקא אין א פריילעך וועלטלעכער, דאן זשואנישער פאזע, דריקנדיק פעסט זיין שווערד, מיט וועלכער ער האט אזוי בראוואוריש דועלירט פאר עולם הזהדיקע תענוגים און ליבע.

בלויז א קורצער שפאציר ביים גוואדאלקוויוויר־ברעג פארביי דעם טארע ד׳ארא, דעם גאלדענעם טורעם, פירט דיך צוריק צו דער פלאזא דעל טריאומפא, און ברענגט דיך צו די הויכע, פארמויערטע ווענט, הינטער וועלכע עס ליגט פארשלאסן אפשר דער שענסטער מאנומענט פון דער מורישער און נאך מורישער עפאכע, מיט וועלכע סעוויל גרויסט זיך — דער „אלקאזאר", דער אראבישער שלאס מיט זיינע פראכטפולע צימערן און וואונדערלעכע גערטנער. אויב דער אלקאזאר מאכט אפשר אויף דעם באזוכער ניט אזא טיפן איינדרוק ווי די טונקל־מיסטישע „מעזקוויטא" אין קארדאווא, און זיכער ווייט ניט אזא ווייז־מוטיקן רושם ווי די אומגלויבלעך שיינע „אלהאמבראַ" אין גראנאדא, איז ער אבער שטארק אינטערעסאנט מיט דעם, וואס ער פאסט זיך אומפארגלייכלעך פאר דער אטמאספערע און גייסטיקן פנים פון סע־וויל. עס איז אן אויסשליסלעך סעוויליער בנין מיט איר גאנצער קאמבינאציע פון פארשיידענע סטילן און כאראקטער־שטריכן.

איך קען זיך ניט פארשטעלן די מעזקוויטא ערגעץ אנדערש, ווי נאר צווישן די האלב־שלומערנדיקע, האלב־חלומנדיקע געסלעך פון קארדאווא. איך קען זיך אויך קיין פאל אין מיין דמיון ניט אויסמאלן די אלאהמבראַ ערגעץ אנדערש, ווי אויף די שלאנקע, אויפשווידערנדיקע אפריסן פון אלט־גראנאדא. פונקט אזוי ווי איך קען זיך ניט פאר־שטעלן דעם אלקאזאר, דעם אראביש־קריסטלעכן פאלאץ־פעסטונג, ערגעץ אנדערש ווי נאר אין דער שטאט פון פאנאטישער פרומקייט,

בלוטיקער אכזריות, פילפארביקער סענסועלקייט און סענטימענטאַלער ראָמאַנטישקייט.

וואַנדערנדיק צווישן דעם געמיש פון זוניקע פלעקן און שאָטנדיקע ווינקלען אין דעם „אַמבאַסאַדאָרן־זאַל", אין דער „פאַטשיאָ פון די ליאָלקעס", אָדער „פאַטשיאָ פון די מיידלעך", ווי עס רופן זיך די פאַרשיידענע אַלקאַזאַר־צימערן, שטויסטו זיך יעדעס מאָל אָן אָן לעבעדיקע סמנים, וואָס דערציילן דיר וועגן דעם גאַנצן בלוטיקן פלאָנטער, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט די פערל־שטאָט פון אַנדאַלוזיע. עס זאָגן דערויף עדות די פאַרשיידענע אַרכיטעקטאָרישע פאָרמען, די באַזונדערע סטילן, און דער געמיש פון צוריקגעהאַלטענער קינסטלערישער פשטות מיט די אויסברוכן פון איבערטריבענער עלעגאַנץ. די מורישע און ביזאַנטישע סטילן לעבן דאָ זייט ביי זייט מיט דעם גאָטישן און רענעסאַנסדיקן. פונקט ווי עס האָבן געלעבט זייט ביי זייט זיגער און באַזיגטע, ווען סעוויל איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און דער צלם האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער האַלבער לבנה. אַ לאַנגע צייט נאָכן אָפּנעמען סעוויל פון די אַראַבער, האָבן די קריסטן באַשעפטיקט די מודעזשאַרן (פאַרבליבענע מורן) צו דעקאָרירן זייערע פאַלאַצן מיט די שלאַנקע אַראַבעסקן, פיל־שפּיציקע סטאַלאַקטילן און גלאַנציק־פאַרביקע קאַכלעס.

געבויט אָריגינעל דורך דעם אַלמאַהאַדישן סולטאַן יוסוף אַבו יאַקוב אויף דעם גרונט, וואו ס'איז אַמאָל געווען אַ רוימישער פּרעטאָריום, איז דער אַלקאַזאַר שפּעטער פאַרנומען געוואָרן דורך פערדינאַנד דעם הייליקן, און איז איבערגעגאַנגען צו פּעדראָ דעם גרויזאַמען, איזאַבעלאַ די קאַטוילישע און טשאַרלז דעם פינפטן. יעדער פון זיי האָט אַביסל געענדערט און אַביסל געלאָזט צובויען צו דעם צויבערלעכן פאַלאַץ, ביז ער האָט באַקומען זיין איצטיקן אויסזען.

אַמבולסטן אָבער פילט זיך דאָ די אויסדריקלעכע השפעה, וואָס עס האָט געהאַט אויף דעם אַלקאַזאַר דער פּאָפּולערסטער און סעווילייאַנישסטער פון אַלע קריסטלעכע קעניגן, וועלכע האָבן די שטאָט באַהערשט — דאָן פּעדראָ דער אכזר. זיין כאַראַקטער און זיין שאָטן דאָמינירן איבער דעם גאַנצן פאַלאַץ. אַלע ווינקעלעך שיינען נאָך צו האָבן אויף זיך די סמנים פון זיינע שווידערלעכע קאַפּריזן און בלוּ־

טיקע מעשים. און די געשיכטע פון אַלקאַזאַר ווערט ניט ווילנדיק פאַרוואַנדלט אין דער געשיכטע פון אַט דעם אויסטערלישן, האַלב־אַזיאַטישן מאָנאַרך, וואָס האָט באַזעסן אַ משוגענע לוסט פאַר בלוט־פאַרגיסונג, און אַ פאַרריקטע פרייד צוצוזען מענטשלעכע ליידן. אין די פּרעכטיקע, אויסגעצירטע קעניגלעכע חדרים פלעגט ער מיט זיינע אייגענע הענט, אָדער דורך געדונגענע מערדער, אומברענגען יעדן, וועמען ער האָט געוואָלט פון וועג אַראָפּראַמען. אַהער האָט ער פון גראַנאַדאַ פאַרנאַרט דעם מורישן קעניג אַבו סאַאיד. און ווען יענער האָט קורמענדיק, מיט זיך געבראַכט זיינע באַרימטע אוצרות פון בריליאַנטן און איידלשטיינער, האָט דאָן פּעדראָ אים מיט זיין סוויטע באַפאַלן אין זייערע שלאָפצימערן, און אַלע ביז איינעם אויסגעהאַרגעט, כדי זיך צו קענען זעטיקן מיט דעם גלאַנץ פון די באַרויבטע אוצרות. פון דאַנען פלעגט ער אין די פינצטערע נעכט, אַן איבערגעטאָנענער, מען זאָל אים ניט דערקענען, זיך אַרויסלאָזן אין די שמאָלע געסלעך פון סעוויליען. ער פלעגט זיך אויסמישן מיטן פאָלק, און פריי און אומגעשטערט אַרויסווייזן זיין געשיקטקייט מיט דער שווערד אין די פאַרשיידענע נאַכט־געשלעגן און נאַכט־איבערפאַלן.

דאָך אָבער איז ער געווען שטאַרק באַליבט ביים פאָלק. ווייל אַט דער האַלב־פאַרריקטער אכזר האָט אויך אין אַ גאָר גרויסער מאָס באַזעסן אַ סך טיף מענטשלעכע מעלות. זיין צערטלעכע, גרעניצלאָזע איבערגעבנקייט צו זיין געליבטער מאַריאַ דע פּאַדילאַ, האָט אים נאָר געקענט דערהויבן אין די אויגן פון זיינע אונטערטאַנען. ער האָט אויך באַזעסן אַן איבערטריבענעם חוש פאַר גערעכטיקייט, ווען עס האָט זיך ניט געהאַנדלט אין זיין אייגענער פּערזאָן. ער פלעגט תמיד העלפן די אָרימע אין זייער יושרדיקן קאַמף קעגן די רויבערישע נאָבל־לייט. אין אַלקאַזאַר שטייט נאָך זיין שטול, אויף וועלכער ער פלעגט משפּטן און אויסטיילן גערעכטיקייט, ווען ס׳איז געקומען. אין דעם זין איז ער געווען אַן עכטער שפּאַניער.

שפּאַצירסט אום איבער די רייכע פּאַטשיאָס און פאַנטאַסטישע זיימן־צימערן. קענסט זיך ניט אינגאַנצן באַפרייען פון דעם כישוף־שפּור, וואָס איז פאַרבליבן נאָך די קונסט־ליבנדיקע און צאַרט־פּאָעטישע אַראַבער. אָבער די איבער־דעקאָרירטקייט און געקינצלטקייט פון

די איבערבויער לאָזן ניט קיין אָרט צו חלומען און פֿאַנטאַזירן, ווי עס איז דער פֿאַל אין דער אַלהאַמבראַ. דערפֿרישט און דערפֿרייט פֿילסטו זיך ערשט אַרויסקומענדיק אין די וואונדערלעכע אַלקאַזאַר־גערטנער, וועלכע פֿאַרכאַפּן דיך מיט זייער שיינקייט און פֿאַרשיידנאַרטיקייט. ווערסט איבעראַשט פֿון דער גרויסער דערפֿינדערישקייט און געצערט־לטקייט, וואָס איז באַנוצט געוואָרן פֿון דעם אַכזרדיקן דאָן פּעדראָ, כּדי צו שאַפֿן די אַלע שאָטנדיקע אַלייען און שפּילוועדיקע וואַסער־באַ־סיינען, וואו זיין באַליבטע מאַריאַ דע פּאַדילאַ זאָל האָבן צו שפּאַצירן און זיך באָדן אונטער די קנאַהדיקע בליקן פֿון די הויף־דאַמען און הויף־הערן. שעהנווייז קענסטו אַרומשפּאַצירן צווישן דעם גאַנצן גע־פֿלעכט פֿון שאָטנדיקע אַלטאַנעס, פֿאַרפֿיומירטע בלומען־בייטן, גאָל־דענע אָראַנזשען־ביימער און קילנדיקע שפּרינג־ברונעמס. מיטן פֿולן האַרצן קענסטו זיך אָפּגעבן דער באַוואונדערונג פֿאַר דער צאַרטער ליבע, וואָס דער שפּאַניער האָט צו שיינע, שמעקנדיקע גערטנער.

„לאָמיר בויען אַזאַ גראַנדיעזן און וואונדער־שיינעם טעמפּל, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן זאָגן, מיר זיינען געווען משוגע”. ס'איז געווען עפּעס פֿון גרויסן פֿאַרנעם און פֿאַנטאַסטישער באַפֿליגלטקייט אין דעם וואונטש פֿון די פֿרומע סעוויליאַנער, ווען זיי האָבן זיך גע־נומען בויען די קאַטעדראַלע נאָך דעם, ווי פֿערנאַנדאָ דער הייליקער האָט אָפּגענומען די שטאָט פֿון די מורן.

און באמת, זי מאַכט אַן איינדרוק פֿון עפּעס גיגאַנטישעם און דערשיטערנדיקעס, די ריזיקע גאָטישע קירכע, מיט די הויכע מאַסיווע קאָלאָנעס, געפֿאַרבטע גלאָז־פֿענצטער און טונקעלע קאַפּעלאַס. זי כאַפּט דיך אַרום מיט איר גאַנצער קאַטוילישער ביגאָטישקייט און פֿאַנאַטישער פֿרומקייט. די אייגנאַרטיקע האַלב־טונקלקייט אין איר איז דורכגענומען מיט דעם שטיל־פֿלאַקערנדיקן, פֿאַרטיפֿט־רעליגיעזן מיסטיציזם, וואָס איז אַזוי עכט שפּאַניש. אַ מאָדנע פֿאַרקלערטקייט ציטערט איבער די ריזיקע, געוועלבטע דורכגאַנגען. די שטיל פֿלי־מערנדיקע וועקסענע ליכט צופֿוסנס דעם אַלטאַר און אַרום די פֿאַר־שיידענע הייליקע פֿיגורן, וואַרפֿן אָפּ פֿאַנטאַסטישע שאָטנס. איר פֿאַר־

טיפטע און אין זיך לעבנדיקע שטילקייט, ווערט געשטערט דורך זעל־טענע געציילטע באזוכער. טונקעלע, שאָטנאַרטיקע פרויען־פיגורן שלייכן זיך לאַנגזאַם דורך די זייל־וועגן, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, און ווערן פאַרזונקען אין שטילן געבעט. איינ־ציקע און גרופּנווייז טונקלען פאַרביי די שוואַרצע גלחים־געשטאַלטן, און פאַרשווינדן ערגעץ אין די זייטיקע קאַפּעלאַס.

זי מוז זיין געוואַלדיק אימפּאָזאַנט די קאַטעדראַלע, ווען באַגאָסן מיט דעם העלן ליכט פון די ברענעדיקע קאַנדעלאַברעס באַלייכט זי די טויזנטער, וואָס פילן אָן אַלע אירע ווינקלען און דורכגאַנגען בשעת דעם אָפּריכטן פון די צערעמאָניאַלע גאָטעס דינסטן, אונטער דער באַגלייטונג פון די שאַלנדיקע אָרגל־טענער. איצט אָבער איז זי ליידיק און פאַרלאָזן. אין דער טונקלקייט שיינען מאַט אַראָפּ פון די ווענט און אַלטאַר די צענדליקע קונסט־בילדער און מאַלערייען פון די בעסטע סעוויליאַנער מאַלער. אַלאָנזאָ קאַנאָ און מורילאָ האָבן זייערע וויכ־טיקסטע ווערק דאָ באַהאַלטן. אָבער באַטראַכטן זיי איז ניט מעגלעך. מען זעט זיי קוים אָן. מסתמא האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו דעם דעמערונג־ליכט, און זיי לעבן זיך פאַר זיך דאָס לעבן, וואָס זייערע שאַפערם האָבן אין זיי אריינגעחלומט.

דורך די שווערע טויערן אירע שטראָמט איר פרומקייט און פאַרקלערטקייט אַרויס אין דעם גרויסן אָראַנזשען־הויף, און שלאָגט זיך אָן אָן דער שטאָלצער, שלאַנקער מוסולמאַנישער זשיראַלדאַ, וואָס ציט זיך אין דער הויך און טורעמט איבער דער קאַטעדראַלע. ס׳איז אַ פאַרמעסט פון כוחות. ס׳איז אַ קאַמף פון דורות. ס׳איז דער איי־ביקער קאָנפליקט פון גלויבן, אונטערדריקונג און שיינקייט. אָבער אפשר נאָר אין סעוויל קענען זיך צוזאַמענלעבן אין שכנות די אַלע פאַרשיידנגעזעצטע, אַזוי אַנדערשדיקע כוחות, און די קעגנערישע לעבנס־באַגריפן. — אין מיטן אָראַנזשען־הויף פאַר דער קאַטעדראַלע געפינט זיך אַ מוסולמאַנישער ברונעם, און אין איינער פון אירע ווענט איז אויסגעהאַקט אַ שטיינערנער פּולפּיט, פון וואַנען פאַרשיי־דענע בארימטע קאַטוילן האָבן געדונערט קעגן די אפיקורסים אין אומגלויביקע. פון דעם זשיראַלדאַ־מינאַרעט פלעגט מען ביים זון־אויפגאַנג און פאַרגאַנג רופן די געטרייע דינער פון אַללאַ צו תפילה

און געבעט. פון אירע הויכן פלעגן די אַראַבישע שטערן־זעער פאָרשן די סודות פון די הימלישע ווייטקייטן. איצט באַצירט איר מורישן קאָפּ אַ סימבאָלישע פיגור פון קריסטלעכן גלויבן. ס׳איז עכט אַנדאַ־לוזיש. טיפּיש סעוויליאַניש. די זשיראַלדאַ וועט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבן. זי דאָמינירט איבער סעוויל און גיט איר צו אַ מורישן אויסזען. און דאָך הייסט עס, אַז זי איז בלויז אַ צירונג, אַ באַפּוצונג פאַר דער פרומער קאַטוילישער קירכע.

סעוויל רינגלט אַרום איר קריסטלעכן געבעט־הויז מיט אייפעריקער ליבע און גלויביקער פאַרערונג. זי איז דער אויסדרוק פון איר פאַ־נאַטיזם און רעליגיעזקייט. אָבער — — —

איז עס אמת, אַז צוזאַמען מיט די קליינע נדבות ליגן די סע־ווילער ציגאַרעטן־אַרבעטאַרינס אויך אַריין אין די פושקעס פון זייער הייליקן אַנטאָניאָ צעטעלעך מיט דער אויפשריפט, אַז אויב דער היי־ליקער וועט זיי היינטיקע נאַכט ניט צושיקן קיין געליבטן, וועלן זיי אוועקוואַרפן זיין קמעה־בילד, וואָס זיי טראָגן תמיד אויפן האַלז?

און צי איז עס אויך אמת, אַז די בעטלערס, וועלכע וואַלגערן זיך תמיד אַרום לעבן און אין דער קאַטעדראַלע, זיינען עס די, וואָס גיבן איבער באַהאַלטענערהייט די ליבעס־צעטעלעך פון די קאַוואַ־שעזאָרס צו די שטיל־בעטנדיקע, טונקל־געקליידעטע סעוויליאַנערינס, בשעת זיי פאַרלאָזן דעם קלויסטער אין זייערע שוואַרצע מאַנטילאַס, מיט די קליינע זיידענע פעכערס?

קאָרדאָוואַ

קאָרדאָוואַ — שטאָט פון מיין שטילן, שטאָלצן אומעט.
ווי אימעץ וואָלט אויף אַ טיף־ווייכן אַראַבישן טעפּיך, אין
ציטעריק־שלעפעריקן ריטם דיין נאָמען אויסגעטאַנצט.

קאָרדאָוואַ — שטאָט פון ווייסע, שיינענדיקע שאָטנס.
אין טויזנט בענקשאַפט־זכרונות צעפּינקלט זיך דיין נאָמען —

כ'האָב עס זיך אַליין ניט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס די גאַנצע צייט, וואָס מער אונזער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער לעגענדאַריש־קלינגענדיקער שטאָט, אַלץ אומרואיקער און אין זיך אַליין פאַרטיפטער בין איך געוואָרן.

איז עס געווען דער שאַרפער איבערגאַנג אינם אויסזען פון דעם לאַנדשאַפט, וואָס האָט פאַרביי געשוועבט די קליינע וואַגאָן־פענצטער, וואָס האָט אַזוי באַווירקט מיין געמיט? וואָס ווייטער אַוועק פון קאַסטיליען און איבער דער סיעראַ מאָרענאַ, אַלץ בולטער זעט זיך דער איבערגאַנג צום מזרח, צו אַפריקע. פאַרביינקטער ווערן די פעלדער, זון פאַרברענטער און מעלאַנכאָלישער. די גרין-געלע קאַקטוס־פלאַנצן, וואָס באַזוימען די פאַרבייציענדיקע וועגן, הויכן אָן מיט מדברדיקער, פאַרלאָזטער איינזאַמקייט. די חורבות פון די אַלטע, מורישע פעסטונגען, וואָס טויכן אויף צווישן די כמורנע בערג־קייטן, טראָגן דיך אַריבער און פירן דיך צוריק אין טעג אַנדערע, ווייטע.

קיין זאַך האָט זיך דאָ, דאַכט זיך, ניט געענדערט דורך די לאַנגע יאָרהונדערטער. די שטיינערנע, ווייס־געקאַלכטע ברונימער אין מיטן די פעלדער זיינען געבליבן פונקט ווי דעמאָלט, ווען די מורן, וואָס האָבן זיי געבויט, האָבן זיי איבערגעלאָזן. די אייזעלעך, מיט וועלכע מען

באַנוצט זיך דאָ ביי דער ערד־אַרבעט, זיינען, דאַכט זיך, נאָר וואָס באַדינט געוואָרן פון די ברוין־הויטיקע מזרח־מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט. וואָס נענטער צו אַנדאַלוזיע אַלץ רירנדיקער און אינטימער ווערט די האַרציקייט פון די מיטפאָרער אין וואַגאָן, וועלכע זיינען, דאַכט זיך, צופרידן וואָס דו ביסט אַ פרעמדער און קענסט זיך מיט זיי ניט צוזאַמענרעדן, און זיי האָבן אַ געלעגנהייט דיך שטומערהייט אַרומצונעמען מיט דער אָריענטאַלישער, ליבלעכער גאַסטפריינטשאַפט זייערער.

אָדער אפשר איז עס געוועזן די אומרו פון דערנענטערן זיך אַהין, וואו עס האָט דיך לאַנג און אומבאַוואוסט געצויגן; וואו יעדע זאַך און יעדעס אָרט איז פאַרוועבט מיט דיר, און איז דיר טייער אויף אַן אומדערקלערלעך־פיינלעכן אופן.

צוזאַמען מיט דעם לויפן פון אונזער ניט־שנעלן צוג איז זי געוואַקסן, די אומרו אין מיר, און די דערוואַרטונג, וואָס האָט געמאַכט מיין האַרץ טיפער און אָנגעשטריינגטער קלאַפּן. צוזאַמען מיטן טאָג, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרגיין און זיך דערנענטערט צום סוף, איז זי אַלץ געוואָקסן אין מיר, די בלינדע אַנונג פון עפּעס שרעקלעך־שיינעס, וואָס קומט דיר אַנטקעגן פון דאָרט, וואו עס ליגט די שטאָט מיט דעם כישופדיקן נאָמען — די „בלום פון חכמה און ריטערליכקייט", די „כלה פון אַנדאַלוזיע", ווי די אַראַבישע שרייבער האָבן זי ליב געהאַט אָנצורופן. די שטאָט, וואָס האָט מיט טויזנט יאָר צוריק פאַרמאָגט אַ מיליאָן איינוואוינער, פופציק טויזנט פּאַלאַצן, דריי הונדערט מאָסקן, און האָט קאָנקורירט מיט באַגדאַד און דמשק אַלס צענטער פון בילדונג, קונסט און פּאָעזיע. קאָרדאָוואַ, וואו דאָס איידישע לעבן, אידישער גייסט און געניוס האָבן געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען, און זיך דערהויבען צו אַזעלכע הויכן, וואָס פאַרכאַפּן אונז נאָך היינט, און פאַרוואונדערן מיט זייער שיינקייט און פּראַכט.

וואָס טונקלער עס ווערן די שאָטנס, וואָס צעלייגן זיך איבער די פעלדער, אַלץ העלער ווערן אין דיר די זכרונות פון דער פילפאַרביקער, העראָאישער דראַמע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם קאַליפאַט פון קאָרדאָוואַ, און די גלענצנדיקע ראָלע, וואָס מיר האָבן אין איר געשפּילט. עס שווימט פאַר דיר אַרויס דער קעמפערישער, באַהאַרצ־

טער אבדאַר-ראַכמאַן, דער יונגער פּרינץ, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די שחיטות צווישן די אָמאַיאַדן און אַבאַסידן אין זייער קאַמף איבער דעם קאַליפאַט אין דמשק. זיין אָנמאַרש אויף דעם מערב לאַנד, על אַנדאַלוז, וואָס איז שוין פון פריער געהאַט געווען באַהערשט דורך פאַרשיידענע אַראַבישע שבטים. און זיין גרינדן זיין אייגענע, אומ־אָפּהייננגיקע מלוכה, וועלכע ער און זיינע נאָכפאָלגער האָבן דערפירט צו דער העכסטער מדרגה פון גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. פאַר לאַנגע יאָרן האָט געבליט אין איר די אַזוי באַזונגענע שפּאַניש־אַראַבישע קולטור, אין וועלכער עס האָבן זיך דורכגעפלאָכטן מוסול־מאַנישער פייערדיקער טעמפּעראַמענט און פּאָעטישע אומרואיקייט, צו־זאַמען מיט קריסטלעכער מיסטעריעזער פאַרחלומטקייט און טונקעלער שאָטנהאַפטיקייט, באַפליגלט מיט אידישער בליציקער חריפות, טיפער לומדות און אייביקן דורשט נאָך וויסן.

עס טויכן אויף אין דיר די אַלע אימפּאָזאַנטע פיגורן פון אידישע דיינקער, פּאָעטן און שטאַטסמענער, וואָס האָבן באַצירט יענע גלענצנ־דיקע עפּאָכע פון אונזער לעבן אין שפּאַניע, און האָבן גלייכצייטיק געהאָלפן שאַפן דעם רום און גרויסקייט פון קאָרדאָווער קאַליפאַט. עס ווערן ווי לעבעדיק פאַר דיר די אַלע שטרייטן און קאַמפן, די אַלע זיגן און נידערלאַגעס, וואָס דאָס פאַרשיידנאַרטיקע מורישע, אידישע און קריסטלעכע לעבן האָבן דאָ געהאַט צו פאַרצייכענען, ביז קאָר־דאָווע האָט דערגרייכט איר איצטיקן מעמד אַלס שטאָט פון שאָטנס און זכרונות. און דאָס אַלץ פילט דיך אָן מיט פרייד און אומעט, בענקשאַפט און טרויער, וועלכע מישן זיך איצט אויס מיט דעם שוין צוגעפאַלענעם אָוונט.

ס'איז טונקל ווען מיר קומען אין שטאָט אריין. מיט אַ מאָדנעם ציטער און כמעט איינגעהאַלטענעם אָטעם באַטרעט איך דעם שטוי־ביקן פּלאַץ פאַר דער קליינער, שטילער באַן־סטאַנציע.

איז אַזוי גוט געווען, וואָס איך בין אָנגעקומען אין קאָרדאָווע ביינאַכט. עס איז דער איינציקער און אידעאַלסטער וועג זיך צו באַ־געגענען מיט דער לאַנג געגאַרטער שטאָט. כ'ווייס ניט פון נאָך קיין

אנדער אָרט, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט פאַר נאַכט־באַגעגענישן, און וואָס זאָל האָבן אָמליבסטן דיך צו דערוואַרטן אין איר נאַכטיקן אויסזען, ווי קאָרדאָווע.

מ'זאָגט אויף דער אַלהאַמבראַ, אַז אירע בויער האָבן אויסגע־רעכנט איר גאַנצן פּראַכט און עלעגאַנץ זיי זאָלן שפּילן און זיך אַנט־פּלעקן בלויז אונטער דעם שיין פון לבנה־ליכט. אַ סך אמתער אָבער איז דאָס וועגן קאָרדאָווע בכלל. מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס אידע־אַלסטע ליכט, וואָס פּאַסט זיך פאַר איר, איז דאָס נאַכט־ליכט, און דאָס אמתע לעבן אירס איז דאָס נאַכט לעבן. דאָס לעבן פון באַהאַל־טענע שאָטנס, וואָס כישופן און ווערן רעאַל, ווען דאָס אַנדערע, דאָס „אמתע" לעבן פאַרשטילט.

זי האָט געמוזט זיין אויסערגעוויינלעך שיין, די שטאָט, ווען אַ פּאַרפּלייצטע פון דער בלענדנדיקער זון איז זי געלעגן, פול מיט ברוינז־דיקן, בונטן און קאַלירפולן מזרח־לעבן. ניט אומזיסט דערציילט מען, אַז ווען אַן אַמבאַסאַדאָר פון אַן אויסלענדישער מדינה האָט דאָס ערש־טע מאָל דערזען דעם צויבער פון אירע פּאַלאַצן, איז ער פאַר איבער־ראַשונג געפאַלן אין חלשות. אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, אין די טעג פון איר גרויסקייט. היינט ליגט זי שטיל פאַרזונקען אין די חלומות פון דער פאַרגאַנגנהייט, און אין טיפער בענקשאַפט הערט זי זיך איין אין זיך אַליין. היינט לעבט זי אַ לעבן פון שאָטנס. און דאָס פּאַסיקסטע ליכט אירס איז דאָס נאַכט־ליכט, און איר פּאַסיקסטע שטימונג איז די נאַכט־שטימונג.

מיט אַ מאָדנעם כישוף היינגט זי איצט איבער דער שטאָט, די ווייסע, העלע נאַכט, און הילט זי איין. עס ווייזט זיך אויס, אַז שוין פון ווייטע, לאַנגע ציטן, שוין פון יאָרן אַן אַ סוף, האָבן זיי זיך אַזוי איינגעלעבט, שטאָט און נאַכט; זיינען אַריינגעוואָקסן איינע אין דער צווייטער, און פילן אויס איינס דאָס אַנדערע. און מיט זייער גאַנצן אומפאַרשטענדלעכן צויבער לאָקן זיי מיך אַרויס צו זיך — נאַכט און שטאָט — מיך, דעם געקומענעם, וואָס האָט מיט בענקשאַפט און קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף דער באַגעגעניש מיט זיי. איך גיב זיך זיי איבער, און פיל אַליין ניט, ווי זיי נעמען מיך אַריין אין זייער געוועב און ציען מיך אַוועק אין זייער נעץ.

אין פאַרחלומטער ווייסקייט און אין פאַרכשופנדיקער לבנה־ליכט שפּרייט ער זיך — אָט דער גאַנצער פאַנטאַסטישער פּלאָנטער פון שמאָלע, געדרייטע געסלעך, וואָס שניידן זיך אריין איינס אינם צווייטן, און טוליען זיך אַרום איינס אַרום צווייטן. אין שטילן, וויב־רירנדיקן שלומער ליגט ער — דער גאַנצער געקנויל פון גייסטער־אַרטיקע דורכגאַנגען און באַשאָטנטע ווינקלען. אַלץ איז פעסט אַרומ־גענומען פון דעם בלוי־שימערירנדיקן הימל מיט זיינע פינקלענדיקע שטערן. עס איז אַראַביע ביינאַכט; ס׳איז אַ טויזנט און איין נאַכט מעשהלע דערציילט ביים לבנה־ליכט.

פון אַלע זייטן טראָגן זיך שטיל־שמעקנדיקע ריחות פון די ציט־רינען־און מאַראַנצן־ביימלעך, וואָס שאָטענען זיך ביי די ווייס־גע־קאַלכטע הייזלעך, אָדער אין די קליינע, זייטיקע גאָרטנדלעך. ווי סי־לועטן שלייכן זיך די טונקעלע אייזלען, וואָס פילן אָן די געסלעך מיט אַ מאָדנעם ציטערנדיקן געקלאַנג. בלויז איינציקע געציילטע פאַר־ביגייער איילן זיך דורך די געסלעך אין דער שפּעטער נאַכט־שעה. טיר און טויער זיינען צוגעקלאַפּט. פון ערגעץ זעט זיך ניט קיין ליכט. עס איז בלויז לבנה־שפּיל איבער ווייסע ווענט און וועגן. עס איז בלויז שאָטן־שפּיל איבער איינגע, געקרומטע געסלעך.

וואוהין פירט אָט דער פאַנטאַסטישער לאַבירינט פון צוזאַמענ־געפלאָכטענע און אויסגעקנוילטע דורכגאַנגען? איך ווייס ניט. אי־בער די וועגן פון מיין חלום, איבער די וועגן פון מיין בענקשאַפט. כ׳פאַרליר די ריכטונג, איך פאַרלאָז זיך בלויז אויף מיין אינסטינקט. איז עס דען ניט אַלץ איינס? טרעט איך דען ניט איבער קאָרדאָוואַ?

און ווייסט איין גאָט פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען דער קליינער, באָרוועסער, שפּאַנישער אינגל, וואָס שפּאַנט צוזאַמען מיט מיר איבער מיין רעטענישדיקן וועג. ווען האָט ער זיך צו מיר צוגע־קלעפּט? האָט ער אויף מיר געוואַרט ביים האָטעל־אַרויסגאַנג, וואו ער און זיינס גלייכן וואַרטן געוויינלעך אויף די אָנגעפאָרענע פּרעמדע, אָדער האָט ער מיך איבערגענומען ערגעץ אויפן וועג? שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט פּרובירט רעדן צו מיר. איך פאַרשטיי ניט און וויל ניט פאַרשטיין. אַ פּאָר מאָל האָט ער מיר געוואָלט עפּעס דערקלערן. איך ווייס ניט וואָס און איך וויל ניט וויסן. ער הויבט

פאַרוואונדערט מיט די מאָגערע, קליינע פּלייצעלעך, און שלעפּט זיך מיט מיר שווייגנדיק. לאַנג גייען מיר אַזוי אין דער ווייסער, טרויעריקער נאַכט.

און מיטאַמאָל הויבט ער אָן שטיל אונטערצוברומען עפּעס נאָגנדיק־מעלאַנכאָלישעס. דאָס ברומען גייט לאַנגזאַם איבער אין שטילן געזאַנג. איינס נאָכן אַנדערן זינגט ער די פלאַמינקאָס, יענע בענקשאַפטפולע און קלאָגנדיקע אַנדאַלוזישע לידער, די מורישע געזאַנגען, וואָס זיינען פול מיט דעם טרויער פון אַראַבישע נעכט, און הויכן מיט דעם פּרימיטיוון אומרו פון די אַפריקאַנישע וויסטענישן*). די אַלע באַזונדערע, אָפּגעריסענע פלאַמינקאָס גיסן זיך פון זיין יונגען האַלז אויס אין איין לאַנגן, אומעטיקן ניגון, וואָס וואַלגערט זיך שוין דאָ אפשר זייט דורות איבער די פאַרשטילטע געסלעך.

וואָס זינגט ער, מיין נאַכטיקער מיטגייער? זינגט ער אויס מיין טרויער? ווער בין איך? וואָס וויל איך דאָ? וואָס פּלאָנטער איך זיך איבער דער ווייסער, מיט לבנה־שיין באַגאָסענער, גייסטערהאַפטער שטאָט? וואוהין ציט מיך מיין אומעט? ווער וואוינט אין די אַלע איצט שלאָפנדיקע, נידעריקער הייזער? וואָס ליגט באַהאַלטן הינטער זיי? וואָס פאַרבינדט מיך צו זיי?

עס ציקלט זיך דאָס געזאַנג, ציט זיך און דרייט זיך אַזוי מאָנאָטאָן ווייטיקדיק, אַזוי סודותדיק פאַרבענקט. עס פילט אָן אונזער וועג מיט האַרציקייט און ציטערניש.

און אָט קומען מיר אַרויס פון דעם געפּלאָנטער צו אַן אומהיימלעכער, משונהדיקער געביידע. דאָס האַרץ גיט אַ צאַפּל. ווי אומ־

*) פלאַמינקאָס הייסן אין שפּאַניען ניט נאָר די טענץ, נאָר אפילו די לידער, וואָס ווערן צו זיי געזונגען. אפילו די ציגיינער, וואָס טאַנצן און זינגען זיי. די באַצייכנונג שטאַמט פון דער צייט, ווען די שפּאַניער האָבן געהערשט איבער פלאַנדריען. אלץ, וואָס איז זיי פאָרגעקומען אויסטערליש אָדער פרעמד האָבן זיי גערופן פלאַמינקאָ. מיט עס נאָמען באַצייכנט מען היינט אפילו די אַנדאַלוזישע קאָלירפולע קאָסטיומען. אין כאַראַקטער אָבער זיינען די פלאַמינקאָ־טענץ און לידער מוריש, אַפריקאַניש.

באוואוסט פאר זיך אליין זאגט עס דיר — די מעזקוויטא... דאס אמאליקע אראבישע געבעט־הויז, ארום וועלכן עס האבן זיך קאנ־צענטרירט אלע גייסטיקע און רעליגיעזע כוחות פון אבדאר־ראכמאנס גרויסן אויפשטייג. דער וואונדערלעכסטער איבערבלייב פון דעם מערבדיקן קאליפאט, די נשמה פון מורישן קארדאווא.

ווי א ריזיקער, פינצטערער ארון פול מיט שאטנס ליגט ער, דער מאסק, אין מיטן פון דעם געפלעכט פון געסלעך און דורכגאנגען. ער דארף זיך נאר עפענען און ער וועט פארפלייצן די שטאט מיט די מיליאנען גייסטער, וואס באהאלטן זיך אין אים, און לעבן דא זייער שאטן־לעבן זייט פארגאנגענע און ניט פארגעסענע צייטן. און צי דען דארף ער זיך עפענען? שטראמען זיי דען ניט, די שאטנס, פון אלע זיינע איצט אין דער פינצטערניש פארהוילענע טויערן? פילן זיי דען ניט אויס די פאנטאסטישע געסלעך? פיל איך זיי דען ניט ארום מיר? ווי דין און דורכזיכטיק איז די מחיצה, וואס טיילט איצט דא אפ דאס רעאלע, היינטיקע לעבן, פון דעם לעבן פון נעכטן, פון דעם לעבן פון דער פארגאנגנהייט. וועלכעס פון זיי איז אמתער?

שרעקנדיק ציט זי זיך, די מעזקוויטא, מאסיוו און אימפאזאנט מיט אירע שווערע פעסטונג־ווענט. אין בלייכן נאכט־ליכט זעט זיך נאר איר טונקעלער סילועט, וועלכער ציט צו זיך און רופט. מיר גייען זי ארום פון אלע זייטן. גייען אוועק אין די שטיינערנע געסלעך, דרייען זיך אריין אין די זייטיקע דורכגאנגען און קומען ווידער ארויס צו די מעזקוויטא־ווענט.

איז עס דאס הארץ פון דער אלטער קאליפן־שטאט? פירט דער גאנצער ארומיקער לאבירינט פון איר און צו איר? גלייך ווי די גאנצע אמאליקע גרויסקייט פון דעם בונטן לעבן, וואס האט די שטאט אנ־געפילט, האט זיך איצט אין דעם פינצטערן בנין פארבאהאלטן. גלייך ווי דאס פריידיקע געזאנג פון אירע אמאליקע פאלאצן, דער התפעלות־דיקער געברום פון אירע מעטשעטן, און דאס פארטיפטע לערנען פון אי־רע ישיבות וואלט איצט געציטערט און וויברירט אין אירע טונקעלע ווענט, און זיך געריסן אין אלע זייטן.

עס ציען זיך די נאגנדיקע פלאמינקא־טענער פון מיין קליינעם, נאענט געווארענעם באגלייטער. עס שווימט איבערן קאפ די פולע,

מאָדנע, שווייגנדיקע לבנה. געסל איין, געסל אויס. שטיל און טרויע־ריק. און פאַרוואָס איז מיר דאָ אַלץ אַזוי באַקאַנט און טייער? פאַר־וואָס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין פאַרבונדן מיט דעם אַלעם שוין פון לאַנג? אַז ניט דאָס ערשטע מאָל וואַנדער איך דאָ? ערגעץ טיף אין מיר גייען אויף די ווײמוטיק־בענקשאַפטפולע ווערטער, מיט וועלכע אבן שאַפּרוט האָט זיך געווענדט צום כאַזאַרישן קעניג: אויב עס געפינט זיך ערגעץ וואו אַן אָרט, אויב ס'איז דאָ אַ קעניגרייך, וואו מיר ווערן ניט אונטערדריקט, וואָלט איך פאַרבויגן מיין כבוד, פאַר־וואָרפן מיין גדולה און געגאַנגען פון באַרג צו טאָל, ביז וואַנען כ'וואָלט געקומען צו דעם אָרט, וואו מיין האַר טוט רוען, צו זען זיין גרויס־קייט...

עס שמעקט די נאַכט מיט די צאַרטע ריחות פון אָראַנזשען און ציטרינען, וואָס וויגן זיך שטיל אויף די שלומערנדיקע, טונקעלע בוימלעך. ווי רעטענישן וויקלען זיך און קנוילן זיך איינס אינם אַנ־דערן אַריין די ווייסע געסלעך פון דעם אַראַבישן, טויזנט און איין נאַכטיקן קאָרדאָוואַ.

איז דאָ אַ זייער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן ביינאַכטיקן און בייטאָגיקן קאָרדאָוואַ? מיר ווייזט זיך אויס, אַז ניין. אויך דאָס בייטאָגיקע לעבן איז דאָ שלומערדיק, חלומאַרטיק און אין זיך פאַר־טיפט. איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין איין צו־הויכן, שרייענדיקן געקלאַנג, אָדער צו שאַרפן גערויש, וואָס זאָל אין מיר האָבן איבער־געבליבן נאָך דער שטאָט. אַלץ איז פאַרווישט, פאַרשטילט און עכאָ־אַרטיק. ווי אַן אויסגעטראַכטע, אויסגעפאַנטאַזירטע ליגט זי, די ווייסע אַפריקאַנישע שטאָט. וואו דיין אויג פאַלט זעען זיך די איבערגע־בליבענע געטורעמטע מינאַרעטן. וואוהין דיין בליק קערט זיך זעסטו די בערג, די סיעררא מאָרענאַ, וואָס הילן זי אַרום.

ווי די קאַראַוואַנען אין דער מדבר ציען זיך דורך די געסלעך די לאַנגע שורות אייזלען, וועלכע זיינען דאָ כמעט דאָס איינציקע טראַנספּאָרט־מיטל. איין אייזל איז צוגעבונדן צום צווייטן, און פּאַ־מעלעך טרעטן זיי איינס הינטערן אַנדערן, אָנגעטריבן דורכן מאָנאָ־

טאָנעם געזאַנג פון זייער פירער. אָט זיינען אייזל־טרייבער מיט זייערע איינצלנע אייזעלעך. אויף יעדן פון זיי איז אָנגעלאָדן אַ בארג מיט סחורה, וועלכער איז צייטנווייז דריי מאָל אַזוי גרויס און אַזוי הויך ווי דאָס אייזל אַליין, וואָס טראָגט אים אויף זיך. אויף איינעם איז אַ גאַנצער סקלאַד מיט שווארצע קוילן. אויף אַ צווייטן איז אָנגעלאָדן אַ גאַנצער גאָרטן קאָלירטע גרינצייגן. אַ דריטס טראָגט אויף זיך אַ גאַנצע הורבע געפלאָכטענע קוישן און פארביקע טעפּיכער. ס'זיינען גייענדיקע, וואַנדערנדיקע קלייטן. דאָס לייכטע קלינגען פון די גלעקלעך אויף די אייזלישע העלזער מישט זיך אוים מיט די מעלאָדישע ניגונים, מיט וועלכע די אייזל־טרייבער רופן אוים זייער סחורה. פרויען קומען אַרויס פון די הייזער, שטעלן זיך אָרום די וואַנדערנדיקע קלייטלעך, האַנדלען, דינגען זיך און קויפן. אָבער אַלץ פארשטילט און אָן געלאַרם.

די געסלעך זיינען דאָ ווייס. ווייסער ווי אין סעוויל. דער הימל איז דאָ בלאָ. בלאָער ווי אין סעוויל. דאָס לעבן איז דאָ באַהאַלטענער. די טויערן פון די הייזער זיינען דאָ ניט אַזוי אָפן ווי אין סעוויל. זיי זיינען דאָ שווערער און מאַסיווער. די טירן פון די רייכערע הייזער זיינען פון צעדער־האָלץ און מיט בראָנז באַשלאָגן. און אויך די פאַטשיאָס זעען זיך דאָ ניט אַזוי אָפן ווי אין סעוויל. זיי זיינען טיפער אין הויז אריין פארטראָגן. די פענצטער זיינען שווערער פארגראַטעוועט מיט די אייזערנע שטאַבעטן. אַלץ איז דאָ פארבאָרגענער, סודותדיקער. ס'איז דער רעטינישדיקער אָריענט. ס'איז דער אין זיך פארטיפטער מזרח.

די געסלעך זיינען אַזוי איינג, אַז צוויי מענטשן קענען קוים גיין אין דער ברייט. און ווען די באַלאָדענע אייזעלעך טרעטן פארביי, מוז מען זיך אוועקשטעלן אין די אריינגאַנגען פון די הייזער, אָדער זיך אויסציען אין דער גאַנצער לייננ קעגן דער וואַנט, כדי צו לאָזן זיי פריי דעם וועג. און אויך די סקווערן זיינען דאָ קלענער און זייטיקער. זיי זיינען תמיד ווי אין שאָטן באַהאַלטן. פארמאָגן קוים עטלעכע אָראַנזשען־ביימלעך, און תמיד די ווייסע גלאַזירטע קאַכלעס־בענק. און מיטאַמאָל קומסטו אַרויס אויף אַן אָפענער פלאַזעטאַ. אַ קליינער מורישער פאָנטאַן שלאָגט אין דערמיט פון דעם אַרומרינגלענדיקן

שטיינערנעם באסיין. זיינע וואסערן צעשפריצן זיך אין אלע זייטן אין פרייליכע, שארשקענדיקע בייטשעלעך. ארום שטייען די ווייבער מיט די לעדערנע אדער ערדענע אראבישע פלעשער, וואס זיי פילן אן מיט וואסער. א סך באנוצן זיך מיט לאנגע אויסגעהוילטע באמבוס־שטעקענעס, וואס דינען אלס רערן, דורך וועלכע דאס וואסער גיסט זיך פון פאנטאן אין פלאש אריין.

מערסטע קלייטלעך זיינען, ווי אין מזרח, בלויז אויסגעווייסטע שטיבלעך, אין וועלכע עס ליגן, אויפן אראבישן אופן, אנגעלייגט אויף דער ערד, אדער היינגען פון סופיט אראפ די פארשיידענע סחורות. און נאך מאדנער זיינען די קליינע, היימישע שטריקערייי־ אדער שניי־דער־ווערקשטאטלעך. זיצן אויף דער ערד אין א קרייז אויסגעזעצט די מיידלעך, די פיס אונטער זיך. דער מיטן פון קרייז איז פארנומען מיט דער אויסגעארבעטער סחורה אדער געצייג. און אלע ארום אר־בעטן, דורכמאכנדיק מיט די הענט איין און די זעלבע ריטמישע באַ־וועגונגען.

די זון שיינט הויך. און ווי מיטאמאל ווערט די שטאט פארלאזן און אוועקגעווארפן. ס׳קומען אן די סיעסטא־שעהן, און אלץ און איעדער גיט זיך איבער דער רו און דער פארשלאסנקייט אין די קילע פאטשיאס אדער שטיבלעך. טיר און לאדן זיינען פארהאקט און פאר־האנגען. אלץ זוכט שוץ פון דער ברענענדיקער, גליענדיקער היץ. ליכטיקע און שיינענדיקע אונטער דער העלער, שטראלנדיקער זון ליגן די אפענע, געקרימטע געסלעך. אלץ בלענדט און שימערירט אין דער ווייסער ליכטיקייט. די אויסגעקאלכטע הייזער שפילן מיט זייער שניי־נענדיקער ווייסקייט. אפילו די קליינע אייזעלעך, וואס שטייען איצט שלומערנדיקע, די קעפ אין די ווענט איינגענורעט, זיינען איצט פאר־וואנדלט אין גאלדענע, בלאנקענדיקע פלעקן.

און ווידער נעמט אלץ אן א ניט רעאלן, צויבעראַרטיקן אויסזען. ווידער גיי איך, ווי אין א ווייסן חלום, א חלום אין מיטן טאג. און ווידער גיב איך זיך איבער דעם בלויזן אינסטינקט, וואס פירט מיך איצט אין דער נעץ און פלאנטער פון דער ווייסער, צעליכטיקטער קאַ־

ליפן־שטאָט. פון צייט צו צייט גיט זיך ערגעץ א פאררוק א שטאָר הינטער א פארגראטעוועט פענצטער. עס גלאַנצן ארויס א פאָר פאר־וואונדערטע, פרעגנדיקע אויגן. אָבער דאָס פארשטארקט נאָך מער דעם איינדרוק פון חלום און ווייטקייט. קען זיין, אז די זעלבע אויגן האָבן פונקט אזוי פארוואונדערט און פרעגנדיק ארויסגעקוקט מיט לאַנגע, לאַנגע יאָרן צוריק, צוגעצויגן דורך די מאָנאָטאָנע און אומגעוויינלעכע טריט פון עפּעס א פארבליפּטן וואנדערער.

ווי דורך א כישוף פארוואנדלט זיך דאָ קעגנווארט אין פאר־גאַנגענהייט און צוריק. זיי בייטן זיך, מישן זיך אויס און ווערן איינס — — — אָט די נידעריקע, וויס־געקאַלכטע הייזלעך זיינען אמאָל געווען וואונדערלעכע, פיין געצירטע וואוין־ערטער. די שמאָלע, זון־באַגאָסענע געסלעך האָבן אמאָל געפירט צו וועגן, איבער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן רייך־געקליידעטע, מיט געוואנטן געשמוקטע גייער און קומער. די שטאָט האָט פארנומען א שטח פון צען מייל. זי איז גע־ווען פול מיט הונדערטער מאסקן, באַלעבטע מארק־פּלעצער, טייערע בעדער און באקוועמע מאַנזילס — איינפאַרהייזער פאר פרעמדע. זי איז געווען די פּאַרקערפּערונג פון אָריענטאַלישן עקסטראַוואַגאַנץ. אין דער צייט ווען גאַנץ אייראָפּע איז געווען פארזונקען אין פינצטערניש און ווילדקייט, איז זי געווען דער צענטער פון קונסט און געלערנט־קייט. אירע קאַליפן האָבן פארשווענדט אוצרות אויסצובויען זייערע פּאַלאַצן — פּאַלאַצן פון רו, פּאַלאַצן פון בלומען, פּאַלאַצן פון געליב־טע. זיי האָבן געפלאַנצט שמעקנדיקע גערטנער פול מיט די טייערסטע פרוכטן, און איינגעריכט קלאָרע טייכלעך פול מיט די פּרעכטיקסטע פיש. בלויז פאר דעם פּאַלאַץ וואָס אַבדאַר־ראַכמאַן דער גרויסער האָט געלאָזט אויסבויען פאר זיין באַליבטער שקלאַפין אַז־זארא, האָט מען באַנוצט 10 טויזנט קעמלען, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן געפירט די טייערע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פארברויכט געוואָרן אויף דער געביידע. ס׳איז געווען מער ווי בלויזע באַגייסטערונג אין די ווערטער פון דעם מורישן פּאָעט:

„דערצייל מיר ניט וועגן דעם הויף פון באַגדאַד און זיין שטראַלנ־דיקער פּראַכט. לויב מיר ניט פּערסיע און כינע מיט זייערע פּילצאָ-

ליקע וואונדער, ווייל ס'איז אויף דער ערד ניטאָ נאָך אַזאַ אָרט ווי קאָרדאָווא".

און ווי אַזוי איז עס? איך געפין זיך מיטאַמאָל אין אַ שמאָל, בלינד געסל. די הייזער האָבן כמעט ניט קיין פענצטער צום דרויסן ארויס. נאַקעטע, הוילע ווענט. קענסט אַליין ניט באַגרייפן, פאַרוואָס דו ווערסט פּלוצים אומרואיק און דיין בליק זוכט דעם אויפשריפט אויף דער וואַנט: „קאַזשע מיימאָנידוס". דאָס רמב"ם געסל...

איז עס בלויז צופעליק אַזוי אָנגערופן, אָדער איז עס דאָס אָרט, וואו דער גרויסער, כמעט לעגענדאַרישער, אומרואיקער גייסט האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט? עס צייכנט זיך מיט קיין זאַך ניט אויס פון אַלע ארומיקע געסלעך. בלויז איין הויז טיילט זיך אויס. עס איז ברוינ־לעך־געל געפאַרבט, ווי ס'זיינען געפאַרבט אַלע ערטער, וואָס שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער „קאָמיסיע אַכטונג צו געבן אויף די היסטאָרישע מאָנומענטן" אין שפּאַניע. ס'איז די סינאַגאָגע, די איינ־ציקע אידישע שול, וואָס איז פאַרבליבן אין קאָרדאָווא.

איך מאַך אויף דאָס טירל אין דעם אַלטן, הילצערנעם טויער. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ קליינע פּאַטשיאָ מיט עטלעכע בלומען־בייטן און בלומען־וואַזאָנעס. אַ יונגע מיידל שטייט אויף די קני אַראָפּ־געלאָזן, רייניקט און באַוואַסערט די בלומען. זי דרייט קוים אויס דעם קאָפּ ביי מיין אַריינקומען. ניט אויפהויבנדיק זיך ווייזט זי מיר אָן דעם אַריינגאַנג צו דער סינאַגאָגע. אַ קליינער, טונקעלער חדר, פון וועלכן עס שלאָגט מיט אַזויפיל פאַרלאָזנקייט און עלנט. אויף די ווענט זיינען נאָך פאַרבליבן שפּורן פון געצירטע אַראַבעסקן און פאַר־שיידענע אַראַביש־העברייאישע אויפשריפטן. אין אַ ווינקל געפינט זיך אַ שמאָלער אַרויפגאַנג, וואו עס זיינען אַמאָל געוועזן טרעפּן צום עזרת־נשים. די הילצערנע גאַלעריע אין דער הויך אַרום איינער פון די ווענט ווייזט נאָך דאָס אָרט, וואו די פרויען זיינען געזעסן און מיטגעדאַוונט.

איך שטיי און הער זיך איין אין דער שטילקייט. עס יאָגט מיך ארויס אין דרויסן, אין דעם מיימאָנידוס־געסל. איז דאָס אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון אונזער גרויסקייט דאָ? זיינען דאָס אונזערע דענק־מאָלן פון דעם רייכן, גייסטיקן לעבן, וואָס מיר האָבן דאָ געפלאַנצט.

זאָל איך זיך טרייסטן מיט דעם, וואָס אונזערע מאָנומענטן זיינען ניט קיין מאַטעריעלע, קיין פיזישע ; אַז זייער כוח באַשטייט אין זייער גייסטיקייט און דויערנדיקייט ? זאָל איך זיך באַרויקן דערמיט, וואָס דאָס בלוט, מיט וועלכן די ערד איז דאָ אָנגעזאַפּט, און די קרעכצן, מיט וועלכע די לופט איז דאָ פול, האָבן אונז געשאַפן כוחות, וואָס זייערע זאַפטן נערן אונז און שטאַרקן, און האַלטן אונז אויף דורך לאַנגע יאָרן פון נסיונות און פיין ?

איבער דעם פאַריתומטן, פאַרלאָזענעם שול־דאַך שוואַרצט זיך אַן אייזערנער, דראָענדיקער צלם.

און באַלד, ניט ווייט פון דאָרט, איז קאַזשע דעל פּאָרטילאָ, דאָס קליינע געסל מיטן טונקעלן געמויערטן פּאָרטאַל, וואו ס'איז אַמאָל געווען דאָס געטאָ־טויער. אין די צייטן פון אידישע רדיפות פלעגט מען ביינאַכט פאַרשליסן דעם טויער, כדי די אידישע איינוואוינער זאָלן ניט קענען אַרויסגיין און זיך ניט אויסמישן מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. איצט איז געבליבן דער בלויזער פּאָרטאַל, דער טויער איז ניטאָ. ס'איז אַן אָפענער, אומהיימלעכער דורכגאַנג. זיי האָבן זיך ניט אויסגעמישט...

ס'איז זונטיק אין קאָרדאָווע. און אַזאַ ליבער, קליינשטעטלדיקער חן און נאַאיווע, פּראָווינציעלע רואיקייט ליגט איבער איר. מיט גע־לאַסענע, געמאָסטענע טריט שפּאַצירט מען איבער די געסלעך. די סעניאָריטאַס אין זייערע שוואַרצע קליידער און שאַלן. ס'איז דאָ עפּעס פּאַטעטישעס אין דעם אופן ווי זיי באַמיען זיך נאָכצומאַכן דעם גאַנג און די האַלטונג פון זייערע יחסנותדיקע שוועסטער, די גרויס־שטאָ־טישע סעוויליאַנערינס. אָבער דאָס גיט זיך זיי ניט איין. עס פעלט זיי עפּעס. זיי פאַרמאָגן ניט די ספּעציפישע פּיקאַנטקייט, דעם „סאַל", דאָס זאַלץ — אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק, וואָס דער שפּאַניער באַ־נוצט כדי צו באַצייכענען דעם באַזונדערן שיק און גראַציע פון דער סעוויליאַנער פרוי. און אויך אַזוי פּראָווינציעל־געמיטלעך איז די האַלטונג פון די מענער, אויסגעפּוצט אין זייערע פּשוטע אָבער ריינע שפּאַנישע, איינג געפּאַסטע, טונקעלע קאָסטיומען און ברייטע סאָמ־ברעראָס.

דערפאַר אָבער זיינען פּונקט ווי אין סעוויל פריי די פאַרלאַנגען און די בענקשאַפטן אין די שוואַרצע, פינקלענדיקע מענער־אויגן. פּונקט ווי אין דער גרויסער שטאָט זאָגט דאָ דער בחור אַרויס הויך אויפן קול זיין באַוואונדערונג דער פאַרבייגייענדיקער מיידל: „ווי האַרציק שיין דו ביסט. וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע אויגן דו האָסט". און די פרעמדע פאַרבייגייערין פילט זיך ניט באַליידיקט דערפון. עס איז דער נאַציאָנאַלער מנהג אַזוי. פאַרקערט, זי איז זיכער אַרויס שפּאַצירן כדי דאָס צו הערן. און זי דריקט אויס איר דאַנקבאַרקייט מיט דעם שמייכל פון אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

דאָס באַלעבסטע שפּאַציר־אָרט איז די „פּאַסעאָ דעל גראַן קאַפּיטאַן", דער הויפּט־בולוואַר, וואו עס געפינען זיך די געציילטע מאָדערנע האָטעלן, דאָס איינציקע טעאַטער און דערלעבן די קליינע פּלאַזאַ דע טאָראָס, דער רינג, וואו עס קומען פאָר די קליינשטעטלדיקע אָקסן־קאַמפן. ער איז ניט שיין, דער בולוואַר, און גאָרניט כאַראַקטעריסטיש. די עטלעכע מאָדערנע געביידעס פּאַסן זיך אַזוי ניט אַריין אין דעם איינגאַרטיקן, דורך דורות אויסגעהאַמערטן, קאָרדאָווער מזרח־סטיל. ער איז אַפילו ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם העלד, וועמענס נאָמען ער טראָגט — דער מוטיקער, ליבן־האַרציקער נאָבלמאַן, דאָן גאָנסאַלוואָ, וועמען די קאַטוילישע קעניגין איזאַבעלאַ האָט געמאַכט פאַר דעם אָנפירער פון אירע זיגרייכע אַרמייען ביים פאַרטרייבן די מורן, כאָטש פערדינאַנד האָט אים ניט ליב געהאַט און פאַרדעכטיקט. ניט געקוקט אויף זיין גדולה איז גאָנסאַלוואָ געשטאָרבן אין שאַנד, ווייל ער האָט זיך קעגנגעשטעלט פערדינאַנדס באַפעל איינצופירן די אינקוויזיציע אין נעאַפּאָל, וואו ער איז צו יענער צייט געווען וויצע־קעניג. אין זכרון פון פאָלק אָבער איז ער פאַרבליבן אַלס דער געליבטער, טאַפּפערער גראַן קאַפּיטאַן.

דאָן גאָנסאַלוואָס נאָמען איז הויפּטזעכלעך פאַרבונדן מיט גראַנאַדאַ. דאָ, אין קאָרדאָוואַ, דערוועקט זי, די פּאַסעאָ, וואָס דאַרף אים פאַראייביקן, זיכער ניט די זכרונות פון זיין אַמאָליקער גרויסקייט.

איך פאַרלאָז דעם בולוואַר מיט זיינע זונטיקדיקע שפּאַצירער און אייל זיך צוריק אַוועק אין דעם פאַרפּלאָנטערטן, אַזוי היימישן געקנויל

פון די איינן־געוואָרענע געסלעך. מיין וועג פירט פאַרביי דעם קליינעם פּראָווינציעלן מוזעאום.

ער איז ניט איבעריק אינטערעסאַנט פאַר דעם באַזוכער. ער פאַר־מאָגט בלויז אַן אָרימע קאָלעקציע פון די שפּאַנישע פּרימיטיוויסטן. עטלעכע ניט וויכטיקע, שלעכט־אויפגעהאַלטענע בילדער פון וואַלדעז לעאַל און ריבערא, און אַ פּאָר קליינע בילדער פון די מאָדערנע: זולאָ־אַגאַ, זוביאַאור און סאָראָליאַ. עס איז אָבער ווערט די צייט און די מי פון דעם באַזוך צוליב דער פרייד, וואָס עס פאַרשאַפט „די זינד״, דאָס איינציקע בילד פון דעם ערשט־געשטאָרבענעם, אַזוי אייגנאַרטיקן ראָמערא דע טאָרעס. אָט דער באַרימט־געוואָרענער קאָרדאָווער מאָ־לער, וואָס האָט געגעבן אַזאַ וואונדערלעכן אויסדרוק און נייעם אויס־טייטש דעם שפּאַנישן פרויען־קערפּער. ער האָט אויף אַ מאָדנעם אופן געפונען די פיינע קאָמבינירונג פון קלאַסישן און מאָדערנעם אין זיינע קאָמפּאָזיציעס. זיינען פרויען־בילדער רופן אַרויס אַזאַ באַגייסטערונג, וועלכע ס'איז שווער צו פאַרגעסן. לאַנג בין איך געשטאַנען אין די אויסשטעלונגען פון מאַדריד און באַרצעלאָנאַ פאַר זיינע קלויסטערלעכע טריפּטיכן, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלן די הייליקע מאַדאָנעס מיט די אונטערגעשמירטע אויגן פון קורטיזאַנקעס.

דאָס שענסטע אין דעם קליינעם מוזעאום איז די שטילע, שאָטנ־דיקע פּאַטשיאָ מיט די אויסגעלייגטע קאָלירטע שטיינדלעך אין געלן זאַמד, צווישן די גאָלד־גרינע ביימלעך, וואו מ'קען רוען און חלומען אומגעשטערט, זיך איינהערנדיק אין דעם מאָנאָטאָנעם געקלאַנג פון דעם קלויסטער־גלאָק אויף דעם טורעם פון דער ניט ווייטער מעזקוויטאַ.

ווידער צווישן די קליינע געסלעך, פאַרביי די מיניאַטור סקווערן און קליינע פאָנטאַנען, וואָס זיינען איצט אַרומגערינגלט פון שמועסנ־דיקע שפּאַנישע ווייבער און זיך שפּילנדיקע קינדער. ווידער פירט עס מיך צוריק צו דעם קליינעם, בלינדן געסל מיט דעם שטילן, אָבער אַזוי הויך קלינגענדיקן נאָמען קאַזשע מיימאָנידוס. דאָס מאָל איז דאָס געסל באַלעבט. ס'איז נאָך די סיעסטאַ־שעהן, און שכנים זיצן אויף די שוועלן און שמועסן געמיטלעך. און, ווי איבעראַל אין אַנדאַ־

לוזיע, נעמט זיך יעדער דערוואַקסענער אָדער קינד די מי דיר אָנצו־ווייזן און אָנזאָגן — לאַ סינאַגאָגאַ, געטאָ...

וואָס פאַר אַ באַזונדערן, אומפאַרשטענדלעכן כוח און צוציאונג עס האָט אין זיך דאָס איינציקע וואָרט אין שפּאַניע. געטאָ. כ'געדיינק, כ'האָב אַרומגעוואַנדערט איבער די געטאָ־געסלעך אין ווענעציע און אין רוים. עס האָט זיך עפּעס שטיל און פּיינלעך געדעגט אין האַרצן באַגעגענענדיק זיך מיט אָט די מאָדנע איטאַליענער, וואָס האָבן מיט־אַמאָל אָנגעהויבן צו דיר צו רעדן שלעכט העברייאיש אָדער פאַרקריפּלט דייטש, כדי דיר צו ווייזן, אַז זיי זיינען אידן. אָבער ווי אַנדערש איז עס דאָ. וויפיל פּיינלעכער טראַגיזם און גרוילהאַפטע מורא הויכט דאָ פון די אַלע ווייבער, קינדער און מענער, וועלכע ווייזן דיר אויפן אומ־גלויבלעכסטן אופן אַרום זייער גוטסקייט. פילסט זייער נאָענטקייט צו דיר, און דאָך שטייט ווי אַ שרעקנדיקע, ניט דורכדרינגלעכע וואַנט צווישן דיר און זיי. גלייך ווי ביי יעדן פון זיי וואָלט אין האַרצן פאַר־גליווערט געוואָרן די פּיין און אַנגסט פון פאַרגאַנגענע, בלוטיקע טעג. קענסט אויף קיין פאַל ניט וויסן, וואָס עס האַלט זיי דאָ צוזאַמען אין די איינגע געטאָ־געסלעך. און אין שטומען צער דרייסטו זיך אַרום הין און הער צווישן די קליינע, פאַרהאַקטע טירן און פאַרגראַטעטע פענצטער, צווישן די ווייסע ווענט און שוואַרצע, פרעגנדיקע אויגן. ס'איז די געטאָ, אָנגעזאַפּט מיט דער פרייד און צער, דעם גרויסן אויפ־שטייג און טיפער ירידה פון אידישן לעבן אין שפּאַניש־אַראַבישן קאָר־דאָוואַ.

און הער — — — מוזיק־טענער דערנעענטערן זיך. אַזעלכע שוואַכע און איינגעהאַלטענע. עס קומט אָן אַ קליינער אינגלערישער אָרקעסטער. די שפּילער אָנגעטאָן אין ווייסן. שילער פון אַ פּריסטער־קאָלעגיום. דאָס גייען זיי צו דער פּלאַזאַ דע טאָראָס. זיי דאַרפן שפּילן פאַרנאַכט אין רינג ביי דער פאָרשטעלונג פון אָקסן־קאַמף, וואָס הויבט זיך דאָרט באַלד אָן.

ס'איז טונקעלער אָוונט, ווען נאָך אַ לאַנגער צייט זיך אַרומשלעפּן געפין איך זיך אויף דער מערקאַדאָ — דער שטאָט־מאַרק פון קאָר־

דאָוואַ. זיי זיינען שטאַרק אינטערעסאַנט די מאַרק־פּלעצער, אומע־טום, אין יעדן לאַנד. זיי גיבן אַ געלעגנהייט צו זען דעם פּשוטן, טאָג־טעגלעכן מענטשן אין פּשוטער, לעבנס־שטייגערדיקער סביבה. אָבער אַזויפיל אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער זיינען די מאַרקן אין די פאַרשיידענע שטעט אין שפּאַניע. זיי זיינען אַזוי בילדערלעך און קאָ־לירפול. זיי ראַיען מיט אַזויפיל אייגנאַרטיקע, אינטערעסאַנטע לעבנס־סצענעס. זיי זיינען אַזוי מאַלעריש, סיי מיט זייערע סחורות, אויבסטן, גרינסן און בלערליי עסנווארגן, און סיי מיט די וואונדערלעכע טיפּן פון הענדלער, פּויערים און איינקויפער. דרייען זיך אַרום אָדער זיצן פאַר זייערע בוידן־קרעמלעך פיגורן, גלייך ווי פון זוביאַאורס אָדער זולואַגאַס לייוונטן אַרויסגעטראָטן.

ווי אינטערעסאַנט זיינען די מאַרק־פּלעצער אין סעוויל, אין מאַד־ריד אָדער טאָלעדאָ. ווי פול מיט לעבן און באַוועגונג, מיט האַסט און טעמפּ, מיט רעש און געפּילדער. אָבער די שענסטע צייט צו באַ־זוכן די מערקאַדאָ אין קאָרדאָוואַ איז ביינאַכט, ווען זי קריגט אַזאַ באַזונדערן אויסזען און באַדייטונג.

זי איז ניט פאַרלאָזן אין אָוונט, די גרויסע, קיילעכדיקע, שטיי־נערנע געביידע. די טונקעלע דורכגאַנגען צווישן די געוועלבטע פּו־ליאַרן זיינען פול מיט לעבן איצט. גרופּעס, רעדלעך און פּאָרלעך באַ־וועגן זיך, שפּאַצירן אָדער שמועסן צווישן זיך. און ס'איז באמת שווער צו באַשטימען צי זיינען עס רעאַלע, לעבעדיקע מענטשן, אָדער בלויז שאָטן־פיגורן, צום לעבן געקומענע בלויז אויף אַ ווייל, וואָס פירן דאָ עפּעס ווי אַ המשך פון אַ לעבן, אַ שוין לאַנג געלעבטס און פאַרגאַנגענעס. זייערע שאַרפע שמועסן און העפטיקע באַוועגונגען זיינען דורך דער נאַכט ווי אַרומגעהילט מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאַפּט זיי אין זיך איין און פאַרטושט זיי. דומף קלינגען די טריט איבער דעם שטיינערנעם ברוק. די אָפענע קעמערלעך צווישן די פּו־ליאַרן, וואָס ליכטיקן זיך אַרויס מיט אַ שוואַכן שיין, מאַכן אַזאַ מוראַ־דיקן און גראָטעסקן איינדרוק. זיי זיינען אָנגעוואָרפן מיט שמאַטעס, מיט קינדער, מיט דעם משונהדיקסטן געמיש פון סחורות. און עס איז ניט קלאָר, וואָס זיינען זיי. ציגיינער־היילן, מענטשלעכע וואוינונגען אָדער אַלטצייטיקע קברים. קענסט אויך ניט וויסן, צי פירט מען דאָרט

אינווייניק אַ מענטשלעך לעבן, אָדער באַהאַלט מען זיך אויס פון עפּעס אַ בייזן שונא.

פון צייט צו צייט נאָר גיט אַ בליץ אַרויס אַ שאַרפצוגיק פּנים מיט שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן. פון צייט צו צייט נאָר טויכט פון דאָרט אַרויס אַ טונקעלע פיגור און ווערט פאַרפאַלן צווישן די רעד־לעך אין מאַרק. אָדער פון ערגעץ אַ זייטן־גאַנג רוקט זיך אַרויס עפּעס אַ געשטאַלט און פאַרזינקט אין איינעם פון די טונקעלע עפענונגען. אַ פּאָר סילועטן פון גלחים אין די לאַנגע מאַנטלען און ברייטע הוטן שוואַרצן פאַרביי אין דער קווער פון מאַרק. צווישן אַלע טונקעלע פיגורן זיינען זיי די טונקעלסטע. צווישן אַלע זיך באַוועגנדיקע גרופּן טיילט זיך אויס זייער מאָנאָטאָנער, דראָענדיקער גאַנג. און עס באַקומט זיך אַזאַ משונהדיקע, פּחדים׳דיקע נאָקטורנע. אַזאַ אומפאַרשטענד־לעכע און סודותדיקע נאַכט־סצענע. עס שמעקט מיט באַהעלטעניש, מאַראַנען און מורא.

און פּאָר עפּעס וואָס פיל איך, אַז מיר איז שווער אָוועקצוגיין און פאַרלאָזן די מערקאַדאָ. איך דריי זיך און פּלאָנטער זיך צווישן אָט די טונקעלע גרופּן. שטוים זיך אָן אָן זיי, ווער אַריינגעפלאָכטן אין זיי. מיש זיך אויס מיט די מענטשן, וואָס איך קען ניט, צווישן געשפּרעכן, וואָס איך פאַרשטיי ניט, און קען אויף קיין פאַל ניט באַ־גרייפן, וואָס ציט מיך צו זיי. כ׳קען אויף קיין פאַל מיר ניט קלאָר מאַכן, וואָס זוך איך דאָ צווישן די שאָטן־פיגורן אויף דער אין נאַכט־געהילטער, סודותדיקער מערקאַדאָ.

איז אייך שוין אויסגעקומען צו הערן דעם אויסדרוק „שפּילן דעם בער״?

איך האָב אים אַ סך מאָל געהערט דערמאָנען און געלעזן וועגן זיין באַדייטונג. אָבער מען דאַרף זיין אין שפּאַניע, און איבערהויפּט אין קאָרדאָווא, און זען עס מיט די אייגענע אויגן, כדי צו האָבן אַ באַגריף ווי שטאַרק דער שפּאַניער איז געניגט צו דראַמאַטיזירן זיין טאָג־טעגלעך לעבן, און אין דער זעלביקער צייט באַהויכן עס מיט דעם צאַרטן הומאָר און גוטמוטיקן חוזק.

עס איז נאַכט. די געסלעך זיינען טונקל און פרידלעך. אין שפּאַנישע פאַרשטילטע שטיבער קלייבט מען זיך שוין שלאָפן גיין. די זשאַלוזעס הינטער די פאַרגראַטעטע פענצטער זיינען אומעטום אַרונטערגעלאָזן. אָבער ביי איין פענצטער, אין דער גאַנצער לייננג אויסגעצויגן, שווארצט זיך אַ פיגור פון אַ יונגן בחור. ער קלעבט, דאַכט זיך, אָן די אייזערנע גראַטעס. וואָס ציט אים אהין? צו וועמען פליסטערט ער דאָרט אין דער שטילער נאַכט? פון יענער זייט פענצ־טער, אין דער טונקעלער שטוב, שאָטנט זיך דער קאָפּ פון דער יונגער, באַגערטער סעניאָריטאַ.

די שפּעטע פאַרביינער ווייזן ניט אַרויס קיין שום פאַרוואונדערונג אָדער אויפמערקזאַמקייט צו דעם בילד. ס׳איז נאַטירלעך — דאָס שפּילט ער דעם בער. דאָס שדכנט זיך דער יונגער בחור צו זיין באַ־ליבט מיידל. דאָס דערציילט ער איר וועגן זיין ליבע און בענקשאַפט. אַן אַלטער, עכט שפּאַנישער מנהג, וואָס האָט זיין אָפּשטאַם אין דער אָריענטאַלישער אָפּגעהיטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט פון דער פרוי.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די שפּאַנישע פרוי איז אינערלעך פריי און זעלבסטשטענדיק; ניט געקוקט אויף איר גייסטיקער אומ־אָפּהייניגקייט און שטאָלץ, איז זי אָבער פאָרט אונטערגעוואָרפן דער ירושה פון די אַראַבער, לויט וועלכער די פרוי איז אָפּגעהיט און איינ־געשלאָסן. דער בחור, וואָס שדכנט זיך צו אַ מיידל, טאָר אַ לאַנגע צייט ניט קומען אפילו צו אירע עלטערן אין שטוב אריין. ער קען ניט בלייבן מיט איר אַליין, אָדער מיט איר שפּאַצירן אָן דער באַגלייטונג פון אימיצן. דאָס איינציקע, וואָס איז אים דערלויבט איז — שטיין אין גאַס, הינטער דעם פאַרגראַטעטן פענצטער, און אויסרעדן זיין הארץ פאַר דער באַליבטער, צוגעשמידט דורך איר מיידלשן חן, און דורך דער אַזוי כשופדיקער קונסט פון קענען פאַנגען דאָס הארץ פון דעם מאַן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי דער שפּאַנישער פרוי.

פאַר שעהן לאַנג הערט זיך דאָס פליסטערן אין דער שטילער נאַכט, און פאַר שעהן לאַנג קלעבט זיך אַזוי די טונקעלע פיגור אָן די שווארצע גראַטעס. דאָס דערציילט ער וועגן זיין בענקשאַפט און ליידן דער ליבער מיידל, וועמענס קאָפּ עס טונקלט זיך פון יענער זייט

פענצטער, און וועמנס שמייכלנדיקע אויגן און שמעקענדיקע ליפּן עס לאָזן אזוי שטיל און שטארק.

און ס'לאכט דער שפּאניער גוטמוטיק איבער זיך אליין און זיין פארעלטערטן מנהג, און רופט דערפאר אָט די ניט באקוועמלעכקייט פון דעם ליבע־געיעג: שפּילן דעם בער... אָבער וויפיל הארציקייט גיבן זיי צו, אָט די פארבענקטע, ליבע־פיגורן, דער שטילער, אומעטי־קער קאָרדאָווער נאכט.

קילקייט. טונקלקייט. שאָטן־געפלעכט. לאנגע, אומענדלעכע רייען פון קאלטע זיילן. פארבאָרגענער, דריקנדיקער סופיט אונטערגע־שפּארט דורך אומצאָליקע פּאָדקאָווע־ארטיקע בויגנס. אזא טיפע בענקשאפט רייסט ארום דאָס הארץ. אזא ניט באגרייפלעכע אומרו־איקייט פירט דיך ארום. ס'איז דער אינטעריאָר פון דער מעזקוויטא. ס'איז דאָס משונהדיקסטע און אימפּאָזאנטסטע געבעט־הויז, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. דער מעסיד־אל־כאמי, דער „הויפּט מאָסק" פון די אראבער.

מיר דאכט זיך, אין ערגעץ ווערט ניט אזוי קלאָר און פארשטענד־לעך דער טיפער באגריף „ממעמקים", ווי דאָ איצט אין דעם מורישן מאָסק, וואָס איז לכתחילה אויסגערעכנט געווען צו גרויסן אללאָס נאָמען דוקא מיט זיין אויסערלעכן, אויג־פארכאפּנדיקן פּראכט און אויג־דערקוויקנדיקן עשירות.

האָבן דורות געבראכט די געוואלדיקע ענדערונג? האָבן עס לאנגע רייען יאָרן גורם געווען, אז דאָס הויז, וואָס האָט געדאַרפט פארבלענדן אלע געבעט־הייזער פון מעקא און ירושלים מיט זיין אויס־סערלעכער געצירטקייט און שימערירנדיקן גלאנץ, זאָל פארוואנדלט ווערן אין עפּעס שאָטנדיקעס, פּארטיפּטעס און אין זיך אליין פארזונ־קענס, וואָס האָט, דאכט זיך, מיט לעבעדיקן, וועלטלעכן גאָרנישט צו טאָן?

ס'איז געווען אבדול ראכמאנס — דעם גרינדער פון קאָרדאָווער קאליפאט — שטארקער פארלאנג זיך צו פארפעסטיקן אין דעם ניי־איינגענומענעם מערב־לאנד, און זיין ווילן אָפּצוהאלטן דעם שטראָם

פון רעליגיעזר ענערגיע, וואָס האָט תמיד געצויגן קיין מעקא; ס'איז געווען די שטרעבונג צוצובינדן זיינע אונטערטאַנען צו דער נייער ערד, וואָס האָט אים געפירט צו בויען אין קאָרדאָווא אַן אייגן געבעט־הויז פאַר אַללאַן. ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט געוואָלט, אַז דער נייער טעמפּל זאָל זיין פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס זאָל זיין אַ פרייד און אַ פריידזונג פאַר אַללאַס נאָמען, כדי אַז יעדער פרעמדער, וואָס וועט קומען אָנצוציען פון דער ווייט אין דער נייער הויפּט־שטאָט זאָל אַרומגענומען און אָנגעפילט ווערן מיט דעם שיין פון אַללאַס גרויסקייט און מעכטיקייט. און ער האָט זיך גענומען בויען דעם וואונ־דערלעכן מאָשעי, וואָס איז ניט נאָר דער ערשטער, נאָר אויך דער פיינסטער מוסטער פון עכט־אַראַבישער רעליגיעזער אַרכיטעקטור אין אייראָפּע.

וויפיל געצערטלטע ליבע, צעשפּילטע פאַנטאַזיע און אָנגעשטריינג־טע מי האָבן די בויער באַדאַרפט אַריינלייגן אין דעם אימפּאָזאַנטן בנין, ווען זיי האָבן באַדאַרפט צוזאַמענברייגגען די טויזנטער פאַר־שיידענע זיילן פון גראַניט, אַלבאַסטער, יאַספּער און מירמלשטיין, וועלכע זיינען ווי אין אַ לוסטגאָרטן איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דער געביידע און האָבן געבילדעט די צענדליקע לאַנגע זיילן־אַלייען. פון פאַרשיידענע טיילן וועלט זיינען זיי געבראַכט געוואָרן. פון רוים און ירושלים, פון קאַרטאַגיען און קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען זיי אַהער געבראַכט צו באַצירן אַללאַס טעמפּל אין דער מעקאַ פון מערב.

וואָס פאַר אַ שיינענדיקע וויזיעס וועגן אַ ניי, מעכטיק קעניגרייך אין דער אַנדאַלוז, אין דעם לאַנד פון גאָלד, האָט געמוזט זען דער גרויסער אַבדאַר־ראַכמאַן, ווען טאָג נאָך טאָג האָט ער אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט ביים איבערפלאַנצן דעם גאַנצן גלאַנץ פון מזרח אין דעם וואונדערלעכן מיראַב — די נישע, וואו עס שטייט דער געבעט־עמוד; אין די געצירטע מאָזאַאיקן, וואָס האָבן דעם ריזיקן דיל אויס־געפּלאַסטערט; אין די טויזנטער באַגילדעטע לאָמפּן און אינקרוס־טירטע שאַנדאַלירן, וואָס האָבן דעם טונקעלן בנין באַדאַרפט באַלייכטן.

די חלומות און פאַנטאַזיעס זיינען דורך זיין טויט ניט איבער־געריסן געוואָרן. זיין זון האָט נאָך אַכט יאָר שווערער אַרבעט דעם בנין געענדיקט אין זיין ערשטער פאָרם, און זיינע וויטערדיקע נאָכ־

פאָלגער האָבן אים פאַרגרעסערט, ביז ער איז איבערגעשטיגן אין אימפּאָזאַנטקייט און ווירדע די מאָסקן פון קאַירע און דמשק.

ווי די אַלטצייטיקע שרייבער גיבן אָן, זיינען די לאַנגע רייען זיילן פון דער מעזקוויטאַ געווען אָפן צו דער הערלעכער „פּאַטשיאָ דע לאָס נאַראַנזשאָס", דער אָראַנזשען־הויף, וואָס ציט זיך פאַר איר. און ווען די זון־שטראַלן פלעגן אַריינשטראָמען און פאַלן אויף די קאָלירטע, גלאַנצנדיקע זיילן מיט זייערע טאָפּלטע אַראַבישע, וויים־רויטע בויגנס, פלעגט ווי דורך אַ נס דער גאַנצער מאָסק זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שמעקנדיקן, שימערירנדיקן וואַלד מיט קינסטלערישע, סימעטריש־גע־פלאַנצטע פאַלמען־בוימער, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט די פאַל־מען, מיט וועלכע דער אָראַנזשען־הויף איז געווען פאַרפלאַנצט. וואונ־דערלעכע מאַראַנצן־בוימער האָבן באַצירט דעם הויף, און קוועלנדיקע פאָנטאַנען האָבן געשפּרודלט מיט קילנדיק וואַסער, כדי די גלויביקע אָנגעקומענע זאָלן זיך קענען וואַשן די ליפּן און די פיס איידער זיי האָבן זיך געמעגט ווייזן פאַר דעם אָנגעזיכט פון אַללאַ אין דעם פּראַכט געצירטן מאָשעי.

היינט זיינען אין דער פּאַטשיאָ דע לאָס נאַראַנזשאָס געבליבן נאָר פינף פאָנטאַנען, אַרום וועלכע עס קלייבן זיך צונויף די ווייבער ביים וואַסער שעפּן. בלויז אַ פּאָר שורות מאַראַנצן־בוימלעך שאַפן אַ קילנדיקן שאָטן, אונטער וועלכן עס קען רוען דער מידער וואַנדערער. אויף דעם אָרט וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער מינאַרעט געפינט זיך איצט די קאַמפּאַנילאַ מיט דעם „טויער פון מחילה", די פּאָרטאָ דעל פּערדאָן. די זיילן־אַלייען זיינען אָפּגעטיילט פון דעם הויף און פאַרמויערט, אַזוי אַז די זון קען מער אַהין ניט אַריינדרינגען. און אין מיסטישער שאָטנהאַפטיקייט האָט זיך אַריינגעטאָן די טונקעלע מעז־קוויטאַ. אין טיפער פאַרטראַכטקייט איז פאַרזונקען דער גאַנצער וואַלד פון די געדיכטע שורות שלאַנקע בויגנס און זיילן. דער אין טונקל־קייט רוענדיקער סופיט האָט זיך, דאַכט זיך, אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. אַ טיפער טרויער הויערט איבער דער גאַנצער געביידע. פון איר הארץ, פון איר מיטן האָבן די קריסטלעכע ווידער־דעראָבערער, נאָך זייער פאַר־טרייבן די מורן, אַרויסגעריסן דריי און זעכציק זיילן, כדי צו מאַכן

אָרט פאַר דער קאַטוילישער רענעסאַנס־קירכע, וואָס איז אינווייניק, אין דער מעזקוויטאַ, אויפגעבויט געוואָרן.

אין די זייטן־ווינקלען, צווישן די זיילן, זיינען אויסגעבויט געוואָרן צענדליקע קאַפּעלעס מיט קריסטלעכע הייליקע בילדער. די קאַפּעלעס זיינען אָפּגעטיילט און ארומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן, וואָס גיבן זיי צו דאָס אומהיימלעכע אויסזען פון פאַרגראַטירטע תפיסה־קעמערלעך. די שוואַרצע גלחים, וואָס באַהערשן איצט דעם מאָסק און פאַרנעמען די קאַפּעלעס, שליסן אויף די שטאַכעטן־טירלעך, גייען אַריין און אַרויס, און זעען אויס ווי תפיסה־וועכטער, וואָס פּאַרען זיך אַרום זייערע געפאַנגענע.

ווען האָבן זיי דאָרט פאַרשלאָסן? וואָס שאַרן זיי זיך אַרום די קעמערלעך און שפּרייטן נאָך גרעסערע אומרו און מורא?

די פאַרשטילטע טונקלקייט, וואָס נעמט דיך אַרום וואַנדערנדיק צווישן דעם זיילן־וואַלד, און וואָס פילט אָן דיין געמיט אין דער שאָטנ־דיקער מעזקוויטאַ, ווערט דורכגעריסן דורך די ווייסע און רויטע קליי־דער־פּלעקן, אין וועלכע עס גייען אָנגעטאָן די יונגע קלויסטער־זינגערס, און די ווייַרויך־שפּרייטער, וואָס וויגן זייערע זילבערנע פאַנען און מאַכן אַ וועג פאַר די קלויסטער־גלחים. דאָס גייען זיי איצטער דורך די טונקעלע זיילן־אַלייען צו דער מנחה־תפילה אין דער וואַנדאַלישער, קריסטלעכער קירכע, וואָס האָט זיך צעלייגט אַזוי חוצפהדיק און טרי־אומפירנדיק אין דער מיט פון דער מעזקוויטאַ. און מיט נאָך אַ גרעסערער טונקלקייט און חשכות רינגלט זי אַרום דער אַראַבישער מאָשעי. בלויז די איינזאַמע מיראַבן האָבן זיך שטאָלץ און ווירדיק פאַררוקט אין זייערע ווינקלען, און פינקלען אין דער שטיל מיט זייערע גאָלדענע מאָזאַאיקן, בלאָע אַראַבעסקן און קליינע, געצירטע דאָמען.

ווידער דער אייביקער געראַנגל. ווידער דער שפּאַנישער קאָנטר־ראַסט. קען זי נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן, די מעזקוויטאַ, דעם גלויביקן און פריידיקן רוף פון אַבדאַר־ראַכמאַן, איר בויער:

„אַללאַ וועט קיינמאָל ניט געבן די קראַפט פון דער וועלט צו די, וואָס זיינען די שקלאַפן פון שיכרות און תאוה, אין דער צייט ווען זיי

פריידיקן תשובה און צנועות; וואָס ווערן אַליין רייך אויפן חשבון פון אַנדערע, פאַר וועמען זיי פריידיקן אָרימקייט".

אַהיים פון דער מעזקוויטאַ גיי איך. די זון זעצט זיך מדבר־דיק רויט און פאַרגייט איבער דעם גוואַדאַלקוויווירָ־טייך, וואָס ציט זיך פאַרביי דעם מאָסק אויף זיין וועג קיין סעוויל. עס לעשט זיך דער טאָג אַרום די שפּיצן פון די סיעראַ מאָרענאַ. עס דערנעענטערט זיך דער אָוונט. באַלד וועט דאָס ווייסע לבנה־ליכט אָנהויבן צו שפּילן איר כישוף אי־בער די קרומע, פאַרפּלאָנטערטע געסלעך פון קאָרדאָוואַ. באַלד וועט זי אַריינגעוועבט ווערן אין דער שימערירנדיקער נעץ פון זכרונות. אין דעם אָנקומענדיקן ווינטל טראָגן זיך שוין די שמעקנדיקע ריחות פון די אָראַנזשען־ און ציטרינען־ביימלעך. און מיינע אויערן פאַר־נעמען שוין דאָס ציטערדיקע קלינגען פון די גלעקלעך אויף די העלזער פון די אייזעלעך, וואָס טרעטן שטיל און פאַרנאַכטיק צווישן די ווייסע, שימערירנדיקע שאָטנס.

גראַנאַדאַ

ס׳האָט מיר שפּעטער באַנק געטאָן, וואָס מיין ארויפשטייגן אויף דעם אַלהאַמבראַ־באַרג איז מיר אָנגעקומען אַזוי גרינג, און איז פאַר־געקומען ביי אַזעלכע פּראָזאַאישע באַדינגונגען.

געוואָלט האָט זיך מיר, אַז דאָס ארויפקלעטערן אויף דעם וואונ־דערלעכן אָרט זאָל מיר אָנקומען שווער און מיט דביקות. ס׳האָט זיך געוואָלט עולה רגל זיין צו דעם וואונדער פון דער וועלט, צו דעם אָרט פון שיינקייט און בענקשאַפט. אָבער אָנקומענדיק אין גראַנאַדאַ האָב איך זיך געלאָזט איבערוועלטיקן פון דעם פאַרלאַנג איינצושטיין אין איינעם פון די האָטעלן, וואָס געפינען זיך אין דעם אַלהאַמבראַ־קוואַר־טאַל. איך האָב זיך געלאָזט דורך דעם האָטעל־דינער אריינזעצן אין דעם גערוימען אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך מיט אַן עכט אַמעריקאַ־נישער שנעלקייט געטראָגן דורך קליינע, אָבער פאָרט אייראָפּייאישע, פיין־באַלויכטענע געסלעך, און דורך טונקעלע גערטנער, ערגעץ באַרג ארויף, דורך געדרייטע וועגן און אַלייען. כ׳האָב נאָך קיין צייט און קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט זיך צו אָריענטירן און ארומקוקן זיך וואו מיר פאָרן און וואָס ארום מיר קומט פאָר, ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער שאָפער האָט געעפנט דאָס טירל: מיר זיינען אָנגעקומען.

מיט דער גאַנצער שפּאַנישער, ליבלעכער גאַסטפריינטלעכקייט בין איך אריינגעפירט געוואָרן אין דעם קליינעם האָטעל־פּענסיאָנאַט און אין מיין אויסגעקליבן צימער. האָב זיך אויף שנעל איינגעאָרדענט און איינגעשטעלט, און בין ווידער ארויס אין דרויסן פאַר דער טיר. הייסט עס, איך בין אין גראַנאַדאַ, אויף דעם אַלאַהאַמבראַ־באַרג און אַלהאַמבראַ־קוואַרטאַל...

אלץ ארום איז איינגעהילט אין דער פינצערניש. ס׳זעען זיך עטלעכע טונקעלע געסלעך, שוואך באלויכטענע, וואס פירן ערגעץ אוועק. עס לייכטן זיך נאר די געציילטע עטלעכע פאנסיאנאטן און ווייגשענקלעך. ס׳שפאצירן פארביי בלויז עטלעכע איינזאמע דורכגייער. פארבלאנדזשעטע הינט שליכן זיך ביי די ווענט. עס הארמאנירט אזוי נישט מיט דעם באוואוסטזיין, אז דו געפינסט זיך אין דער אלהאמבראַ; אז דו ביסט ארומגערינגלט פון אזויפיל דורות אלטער שיינקייט. עס טוט דיר אזוי באנג און עס פארדריסט. און איך ווייס אליין נישט פארוואס איך באשלים היינטיקן אוונט נים צו גיין אין ערגעץ. נישט צו באגעגענען זיך מיט גראנאדא.

איך גיי צוריק אין האטעל. איך לאז זיך שווייגנדיק דערלאנגען מיין מאלצייט. זיץ אביסל אין דעם קליינעם, אינטימען גאסטצימער, מיט דער געשמאקפול איינגעארדנטער ביכער־שראנק. איך בלעטער דורך די פארשיידענע אינפארמאציע־ביכער וועגן גראנאדא; לויף דורך די פארשיידענע אלבאמען און בילדער פון די שפאנישע זע־ווער־דיקייטן און צי זיך צוריק. איך פארשפאר זיך אין מיין צימער. מיין צערייצטקייט וואקסט אין מיר. אן אומרואיקער ווארף איך זיך אויף מיין געלעגער, אבער קען אויף קיין פאל נים איינשלאפן.

דאס באוואוסטזיין, אז איך געפין זיך אזוי נאענט פון מיין לאנגר יאריקן חלום; דאס פילן, אז ארום מיר שלאפן די אלהאמבראַ־גערט־נער און דער אלהאמבראַ־פאלאץ פילט אן מיין געמיט מיט אזויפיל ווייטוט און בענקשאפט. נישט איינמאל באהערשט מיך דער פארלאנג זיך אנצוטאן און ארויס אין דרויסן, אוועקלאזן זיך ערגעץ אן א ציל אין דעם אומרואיקן חושך. אבער איך האלט זיך צוריק. ניין. כ׳וועל ווארטן ביזן מארגן. כ׳וויל מיין רואיקייט געפינען. כ׳וויל זיך צו־גרייטן פאר דער גרויסער שיינקייט. כ׳וויל מיין הארץ רייניקן. כ׳וויל מיין נשמה אויסגלעטן. איך ווייס דאך, וואס מיך דערווארט.

מיט אפענע אויגן חלום איך בלויז און קלער איבער וועגן דעם כישוף־לאנד, איבער וועלכן איך וואנדער די לעצטע וואכן. איך לאז נאר אויפגיין אין זיך די גאנצע געבענטשטקייט און וואונדער פון די איבערראשונגען, וואס איך באגעגען דא אויף יעדן ארט. יעדער טריט אן אנטפלעקונג. יעדער שפאן א נייער אויפגלאנץ אין דעם וואונדער־

לעבן געמיש, וואָס רופט זיך שפּאַניש לעבן, שפּאַנישע קולטור און שפּאַנישע קונסט. איך טראַכט וועגן דעם, אַז מען פאָרט אַהער מיט מורא און פּאָראורטייל, און ווי אָנגענעם איבערראַשט מען ווערט דאָ. דאָס לאַנד פון קאָנטראַסטן. וואו די ווייס־גלאַנציקע שניי־קרוינען, וואָס באַזוימען די בערג, ווערן כסדר געקושט פון דער היציק־גליענדיקער אַפריקאַנישער זון. וואו אַראַבער און אייראָפּייער לעבן בשלום כמעט אין יעדן איינוואוינער. און וואו די אַנטציקונג פון מיסטיציזם און די פרייד פון ווירקלעכקייט זיינען אַזוי אייניג צעזאַמענגעפלאָכטן אין איר קונסט און לעבנס־שטייגער.

דער ליכטיקער פרימאָרגן, וואָס רייסט זיך דורך די גרינע בוימער אין מיין פענצטער אַריין, הויבט מיך ראש און אימפּעטפול אויף פון מיין געלעגער. מיין יום־טובדיקע דערוואַרטונגס־שטימונג שטייט אויף צוזאַמען מיט מיר. כ'טו זיך אָן אין שטילער, איינגעהאַמעוועטער נייגיריקייטס־פרייד. אין זיך אָן איילנדיקער, אָבער אויסערלעך רואיק און לאַנגזאַם, לאָז איך זיך אַרויס באַגעגענען גראַנאַדאַ און די „אַלהאַמבראַ". אַ גאַנץ קורצער שפּאַציר ברענגט מיך אַרויס אויף אַ גרויסער, אָפענער עספּלאַנאַדע. פּלאַסאַ דע לאָס אַלושיבעס — פּלאַץ פון די ציסטערנעס.

דער פּלאַץ איז ציגל־קאָליר רויט, און אַרומגעהילט פון איינגעמויערטע, פּראַכטיקע גערטנער, וואָס זייערע טויזנט־קאָלירנדיקע שפּיצן זעען זיך איבער די ברווינע, אָפּגעלאָזענע מויערן. איך ווייס, אַז ערגעץ דאָ אָן אַ זייט ליגט דער אַריינגאַנג צו דעם אַלאַהמבראַ־פּאַלאַץ. אַלץ אין מיר רייסט זיך אַהין. אַלץ אין מיר צאַפּלט זיך שוין גיכער זיך געפינען אין אויסגעבענקטן אָרט. אָבער מיט אַ מאָדנער איינגעשפּאַרטקייט האַלט איך זיך צוריק פון געפינען די טיר. עפּעס ווי איך וואָלט זיך ניט געטרויט מיט איינמאָל אַהין אַריינצוגיין. ווי איך וואָלט זיך נערייצט מיט זיך אַליין, און אָפּגעלייגט מיין קומען אַהין. און מיט דער שטילער יום־טובדיקייט שפּאַציר איך איבער דעם זון־פּאַרגאָסענעם פּלאַץ פון די ציסטערנעס. בלויז געציילטע בוימער באַשאָטענען די עספּלאַנאַדע. קינדער שפּילן זיך אונטער זיי. טויבן שפּאַצירן אַרום

זיי, און פירן אָן זייערע שפּילערייען, וואָרקנדיק און חנדלנדיק זיך אין זייער ריטמישן גאַנג.

איך קום צו צום ראַנד פון דעם פּלאַץ, און פאַר מיר גיט אַ שיין אויף אַ בילד, וואָס רופט אַרויס אַ פריידיקן, קוים קאָנטראָלירטן אויסגעשריי. ס'איז אַלט גראַנאַדאַ, וואָס ליגט אונטן אין טאָל צווישן דעם ציגל־רויטן אַלהאַמבראַ־באַרג און דעם גרינעם אַלבאַאיצין־באַרג. די געל־גרויע הייזלעך אויף ביידע זייטן פון דעם שמאָלינקן דאַראָ־טייכל פינקלען אין דער זון אונטער זייערע אָפּבלאַקירטע שינדל־דע־כער, איבער וועלכע עס ציען זיך קאָלירנדיקע, לאַנגזאַמע רויכלעך. עס צעטראָגן זיך, ווי אין יום־טובדיקן האַלב־שלומער, ווייטע קולות פון הענדלער, קינדער, און גלעקלעך־געקלאַנג אויף די העלזער פון אומ־געזעענע אייזעלעך. די לופט פינקלט און שימערירט ווי פון דין־צעמאָ־לענעם אויסגעשאָטענעם קרישטאָל און גאָלד. עס בלענדט די אויגן, אָבער טוט נישט וויי. די געסלעך צווישן די הייזלעך שפּרייטן זיך ווי געל־זיידענע, גלאַנצנדיקע סטענגעס. פון אַנטקעגן איבער, אויף דעם אַלבאַאיצין זעען זיך די קליינע הייזלעך איינגעטונקען אין לאַוועגדער און גרינס, און די שמאָלע וועגן, וואָס פירן צו די היילן פון די ציגיי־נער. און דאָס אַלץ איז אַרומגענומען מיט די ריזיקע בערג באַדעקט מיט אייביקן שניי.

ס'איז אַלט גראַנאַדאַ, וועלכע די אַלט־אַראַבישע שרייבער פלעגן אָנרופן „די וואַזע אָנגעפילט מיט עמעראַלדן און היאַצינטן".

זי איז געווען די שאַפונג פון דעם יונגן, ענערגישן מור פון אַרזשאָיאַ יוסוף איבן אַל האַמאַר (דער רויטער), דער גרינדער פון דער מאַזרים־דינאַסטיע. ס'איז געווען אין דרייצנטן יאָרהונדערט, ווען די גאַנצע הערשאַפט פון די פאַרשיידענע אַראַבישע הערשער איבער דעם שפּאַנישן האַלב־אינזל איז צוזאַמענגעבראָכן אונטער דעם שאַרפן אָנגריף פון פערדינאַנד דעם באַפרייער. ס'זיינען געפאַלן קאָר־דאָוואַ און סעוויל. אָבער דער קלוגער און מוטיקער איבן אַל האַמאַר האָט צוזאַמענגענומען זיינע לעצטע כוחות, צונויפגעזאַמלט די לעצטע רעשטלעך און זיך צוריקגעצויגן קיין גראַנאַדאַ, און פון דאָרט גע־

לאָזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון דעם שפּאַנישן באַפרייער, אַבי מען זאָל אים לאָזן זיין לעצטן אָנהאַלט אין גראַנאַדאַ. זיין מוט און טיפער ווילן ניט אונטערצוגיין האָבן אים געטריבן אפילו צו דעם פאַרצווייפלטן שריט אומדערוואַרטערהייט צו דערשיינען אין פערדי־נאַנדס לאַגער און — ווי די לעגענדע דערציילט — זאָגן: „איך בין געקומען, טרויענדיק אין דיין גוטן גלויבן, זיך צו שטעלן אונטער דיין שוץ. נעם אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, און מאַך מיך פאַר דיין וואַסאַל"...

ער האָט אַזוי אַרום דורך זיין טאַקט און קלוגשאַפט אָפּגעראַ־טעוועט די מורישע הערשאַפט אין שפּאַניע פאַר נאָך איבער צוויי הונדערט יאָר. אָבער דאָס זיינען געווען יאָרן פון העכסטער בליאונג און וואונדערלעכסטער שאַפונג.

ער האָט די פריער קליינע גראַנאַדאַ פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די פּרעכטיקסטע פּערלען אין דער געצירטער קרוין פון דער מורישער הערשאַפט אין שפּאַניע. ער האָט צוגעצויגן אַלע אַנטלאָפענע פון די איבעריקע געפאַלענע מורישע קעניגרייכן. ער האָט אויסגעברייטערט די שטאָט. ער האָט געשטיצט און דערמוטיקט אַגריקולטור און האַנדל. ער האָט פּאַטראָניזירט קונסט און וויסנשאַפט. ער האָט געשאַפן אַן אַרמיי, וואָס איז געווען די באַרימטסטע אין יענער צייט. אָבער זיין שענסטער טאַט — גלייך ווי זיך צו טרייסטן פאַר זיין מוזן זיך אונ־טערגעבן די נישט גלויביקע שפּאַניער — איז געווען זיין נעמען זיך בויען אויף דעם אַלהאַמבראַ־באַרג אָט דעם חלום־פּאַלאַץ, די „אַלהאַמ־בראַ", אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדריקט זיין לעצטער, פאַרצווייפל־טער, אָנגעשטריינגטער ווילן אויפצוהאַלטן דעם חלום פון אַללאַס גרויסקייט און אומבאַזיגלעכקייט.

איך שטיי און קוק אַראָפּ אויף דער גראָ־געלער שטאָט פון דער אַמאָליקער אַראַבישער גרויסקייט. האָט אויף איר די צייט קיין שום שליטה נישט געהאַט? נישט געקוקט אויף דער לאַנגער קייט פון טראַגישע פּאַסירונגען; אויף דער לאַנגער רייע פון מוטיק־העראָ־אישע קאַמפן און בלוטיק־פּאַטעטישן אונטערגאַנג; נישט געאַכט,

וואָס שוין אזוי לאַנג האָבן די קאַטוילישע באַזיגער געזוכט אַרויס־צוליינען זייער חותם אויף איר, איז גראַנאַדאַ דאָך פאַרבליבן עכט אַראַביש. אין די ווייטע אָפּקלאַנגען און צורופן, וואָס טראָגן זיך פון די שמאָלע געסלעך אונטן אין דאַראָ־טאָל, שיינט זיך צו הערן דער אָפּקלאַנג פון יענע טעג, וואָס זיינען געווען פול מיט דעם צויבער פון סענטימענטאַלער, ראָמאַנטישער פּאָעטישקייט. און דו באַמערקסט אַליין נישט, ווי אזוי דיין גאַנצער „איך" גליטשט זיך אַרויס פון דעם איצטיקן, רעאַלן און ממשותדיקן, און לעבט זיך אַריין אין דעם פאַרגאַנגענעם, ווייטן און פאַנטאַסטישן, וואָס ווערט דיר נאָענט און אייגן.

פילסט כמעט נישט, ווי דו לאָזסט זיך גיין צו דעם זייטיקן אַריינגאַנג, ביי וועלכן עס זיצן עטליכע גלייכגילטיקע וועכטער, וואָס פאַרקויפן דיר מעכאַניש די אַריינגאַנגס־קאַרטן צו דעם „אַלהאַמבראַ"־פּאַלאַץ. דו ביסט כמעט נישט באַוואוסטזיניק, ווען דו באַצאָלסט די עטלעכע מטבעות און טרעטסט אַריבער דעם קליינעם פאָרהויז, וואָס פירט דיך אַריין אין עטלעכע ווייס־געקאַלעכטע געוועלבטע צימערן. זיי צייכענען זיך מיט קיין זאַך נישט אויס און ציען מיט גאָרנישט צו דיין אויפמערקזאַמקייט. אָבער דו קענסט זיך אַליין ניט דערקלערן פאַרוואָס ביסלעכווייז שטייגט אין דיר דיין אומרואיקייט און דאָס וויי־טיקלעכע באַוואוסטזיין, אַז דו ביסט „אינוויינינק". דו פילסט, אַז עס קומט אויף דיר ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. עס גייט אויף אין דיר, ווי אַ פריידפול־שמערצלעכע זעאונג. ליכט און שיינקייט רינגלען דיך אַרום, פאַרקלעמען דיין האַרץ און ברענגען טרערן צו די אויגן.

און פאַרוואָס ציטערן ביי מיר די פּיס?

אַ לייכטער ווינט בלאָזט דורך די אָפענע בויגען־פענצטער. קרייזלט צווישן די אַרקעס און קאָלאָנען. פרישט דיך אָפּ און מאַכט מעגלעך דיין וויטערדיקן גאַנג צווישן די אַלע חלום־זאַלן און כישוף־הויפן. וואַנדערסט לאַנג אַרום צווישן די פאַרשיידענע, זיך איבערגיסנדיקע שאַטירונגען פון קילנדיקער ווייסקייט, ביז דו קענסט קומען צו דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז דאָס שפּאַצירסטו אַרום אין דעם „מירטעלן־הויף", „לייבן־הויף" און „אַמבאַסאַדאָרן־זאַל" פון דער „אַלהאַמבראַ". און ערשט דעמאָלט גראָבסטו זיך איין מיט דיינע אויגן אין דעם

געפלעכט פון זון און מאַרמאָר. ווילסט זיך איינקלאַמערן אין דער נעץ פון שיינקייט, זי זאָל קיינמאָל פון דיין זכרון נישט אַרויס.

עפן אויף יעדעם ווינקל, יעדע באַהאַלטנקייט פון דיין נשמה — דו שטייסט פאַר אַ וואונדער. וואַרף אַראָפּ יעדן שאָטן פון קליינ־לעכקייט און נישטיקייט — ס'הויכט דיר מיט אייביקייטס־שיינקייט אַנטקעגן. לאָז פאַרביי עוולות און באַליידיקונגען — זיי האָבן קיין ווערט נישט. פאַרגעס דעם פיין פון פאַרראַט, די אַנטוישונג פון פאַרגאַנגענער ליבע — דו באַגעגענסט זיך מיט אַ נייעם זין פון לעבן. אויב דיר זאָל זיין באַשערט ליידן און קומער; אויב דיינע טעג זאָלן שוין זיין אָנגעפילט מיט דעם צער פון מאַטערנדיקער בענקשאַפט — דו האָסט דעם „אַלהאַמבראַ" געזען. ביסט אין גראַנאַדאַ געווען. — —

דער מירטעלן, אָדער אָראַנזשען-הויף. אַ לענגלעכער הויף מיט אַ וואַסער־בעקן אין מיטן. מאַרמאָרנע שטעגן אַרום אים, באַזוימט מיט צוויי שורות פּלוש־גרינע קוסטן אַרום זיי, צווישן וועלכע עס וויגן זיך די צוויי איינצלנע אָראַנזשען־ביימלעך, פון וואַנען דער הויף טראָגט זיין נאָמען. ווענט פון געשניצטע אַלבאַסטער־זיילן און שאָטנ־דיקע געוועלבער רינגלען אַרום דעם הויף. איבער די זיילן גייט אַ רייע קליינע מורישע פענצטערלעך, וואָס גייען אַרויס פון די אויבערשטע צימערן. די פענצטער זיינען באַצירט מיט אַזעלכע באַשיידענע בלומען־טעפּלעך און בלומען־דראַפּירונגען. און איבער זיי ווידער אַמאָל נאָך איידעלערע און נאָך שלאַנקערע זיילן און געוועלבער. אַ גאַנצע רייע געשניצטע שירמען־וועגטלעך ציט זיך צווישן די זיילן. אין הינטער־גרונט הויכט זיך די פעסטונג־וואַנט מיט דעם קליינעם גלאַזירטן קו־פּאָלעכל. שווערע צעדער־טירן באַשלאָגן מיט בראָנז באַהאַלטן זיך צווישן די אונטערשטע געוועלבער. אָבער איבער דעם גאַנצן הויף שוועבט אַזאַ לייכטקייט, אַזוי פיל גראַציעזע געמיטלעכקייט. די געביידע איז ווייס, און דאָך דאַכט זיך, אַז זי שיינט מיט טויזנטער קאָלירן. די געוועלבטע בויגנס זעען אויס נישט ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די שפּיצן־אַרטיקע קעפּ פון די זיילן, נאָר געשוועבט אין דער לופטן. און וואָס פאַר אַ פיינער, דורכזיכטיקער שניצעריי־געוועב שטעלן

מיט זיך פאַר די אַלע אַראַבעסקן, וואָס פלעכטן צוזאַמען און שליסן אַן איין בויגן אַן צווייטן, איין געוועלב אַן אַנדערן. „ליבהאָבערס־טרערן" האָבן זיי געפלעגט צו רופן אָט די געצירטע שפּיצן־אַרבעט. ווי האָט מען געקענט אַריינפאַנטאַזירן אַזוי פיל שיינקייט אין אָט די שטיינערנע ווענט? וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן חוש פאַר עלעגאַנץ און קאָמפאָרט עס האָבן געמוזט האָבן די בויער פון אָט דעם הויף. ער ווייזט זייער גאַנצע איינגעבוירענע ליבע צו קונסט און טיפע סענסועלקייט. עס איז סובלימירטע עראָטיק. סענסואַליזם פאַרקער־פּערט אין שטיין.

ווי שיין איז די לעגענדע וועגן דער אַנטשטייאונג און באַשאַפונג פון די סטאַלאַקטילן־באַצירונגען צווישן די געוועלבער, קופּאָלן און דאָמען, מיט וועלכע דער מירטעלן־הויף און אַלע איבעריקע הויפן אין „אַלהאַמבראַ" זיינען פול. דער ערשטער אַרכיטעקט האָט געהאַט געשאַפן בלויז נאַקעטע, הוילע דאָמען, גלאַטע געוועלבער. ער איז אָבער געבליבן נישט צופרידן. האָט ער זיך מתבודד געווען און גאָט געבעטן, ער זאָל אים ווייזן דעם ריכטיקן וועג, ווי אַזוי צו פאַרענדיקן זיין קונסט־ווערק. דערווייל זיינען אָנגעקומען די הויף־מיידלעך מיט קוישן שניי פון דער סעראַ־נעוואַדאַ, און זיך שפּילנדיק אָנגעהויבן וואַרפן מיט שניי. אויף די ווענט און סופיטן האָבן זיך געשאַפן מאָדנע באַצירונגען. דער אַרכיטעקט האָט דערזען זיך שמעלצנדיקע אַרקעס פון שניי־הייַלן, וועלכע האָבן געהאַט די פאָרמען פון די פּילקאַנטיקע סטאַלאַקטילן, און ער האָט אין דער פאָרם געפונען זיין אויפגאַבע: אַריינצוברענגען דאָס געפיל פון קילונג און דערפרישונג אין דער מיט פון אַ היים, לײַדנשאַפטלעך, סענסועל לעבן.

מיט וויפיל לעבן און באַוועגונג האָט דאָ געמוזט פול זיין דער מירטעלן־הויף. אונטער די אַרקן זיינען אויף טיף־ווייכע טעפּיכער געזעסן און געלעגן די פאַרשיידן־קאָלירנדיקסטע גרופּן פון הויף־דאַמען און הויף־שקלאַפינס, און זיך צוגעקוקט צו די ברוין־לייביקע סולטאַנאַס, וואָס האָבן זייערע אויסגעצירטע קערפּערס געבאָדן אין די פאַרפיומירטע וואַסערן פון דעם ריזלנדיקן באַסיין, אונטער די קושנדיקע זון־שטראַלן. די שמעקנדיקע, קוים געזעענע דופטן פון די ווײַרויך־בעקנס האָבן זיך איבערגעמישט מיט די בענקנדיקע מוזיק־טענער, וואָס האָבן זיך גע־

טראָגן פון באַהאַלטענע ערטער, ערגעץ וואו אויף די באַלקאָנען. עס האָט געשמעקט מיט „גליק און שפע", ווי עס לויטעט די אַראַבעסקע־אויפשריפט איבער דעם אַריינגאַנג.

איצט אָבער איז דאָ אַלץ שטיל און פאַרטיפט. דער גאַנצער הויף שפּיגלט זיך אין גרין־קלאָרן וואַסער־בעקן, און ציטערט און פאַלדעוועט זיך. די וואָלקנס אויף דעם ליכטיקן הימל, וואָס זעט זיך איבער דעם אָפענעם דאַכלאָזן הויף, זיינען אַזעלכע פאַרחלומט־שטילע. איבער דעם מאַרמאָר־ברעג, אַרום וואַסער, שטיי איך אונטער איינעם פון די זיילן. די האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן מיינע גלעטן די עטלעכע גאָלד־געלע אָראַנזשען אויף די געציילטע צוויי מאַראַנצן־ביימלעך, צווישן די פלוש־גרינע גראָז־בייטן אַרום די אַרקן־ווענט.

דער לייבן־הויף. אַ גרויסער, אַלבאַסטער־ווייסער הויף צווישן שלאַנק־געשניצטע זיילן און אַרקאַדן. אין צענטער אַ גרינלעך מאַר־מאָרנער, הויכער שפּרינג־בעקן, אַרומגערינגלט מיט צוועלף פאַנטאַס־טישע לייבן, וואָס שטייען געדיכט רוקן צו רוקן, מיט זייערע שלאַנקע קעפּ אויסגעשטרעקט פאַראויס. אין מאַרמאָרנעם דיל, וואָס באַדעקט דעם גאַנצן הויף, זיינען אויסגעלייגט פיר שמאָלע וואַסער־רינעס, וואָס ציען זיך פון אַלע פיר זייטן צו דעם צענטער־שפּרינג־ברונעם. נישט ווי דער מירטעלן־הויף, באַשטייט דער לענגלעכער לייבן-הויף בלויז פון איין שטאָק הויכע, געוועלבטע אַרקאַדן, וואָס ענדיקן זיך אין ביידע קעגן־געזעצטע זייטן מיט שלאַנק־געוועלבטע פּאָרטיקאָס, וועלכע געבן דעם איינדרוק פון אַריינגאַנגען צו פאַנטאַסטישע מזרח־טעמפּלען. אָבער וואָס פאַר אַ צאַרטע דינקייט איז אַריינגעוועבט אין די מאַרמאָרנע בויגנס, וואָס שטרעקן זיך פון זייל צו זייל. ס'איז ווי אַ פיינער שפּין־געוועב, איבער וועלכן עס שפּילן זיך פינקלענדיקע זון־שטראַלן. און צווישן זיי שפּיגלען זיך די, צום הימל זיך רייסנ־דיקע וואַסער־שטראָמען, וואָס שפּרינגען פון דעם פאָנטאַן און צעפאַלן זיך אין טויזנטער גאָלד־פונקען. דער וואַסער־שפּריי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ נעץ פון קאָלירנדיקע זייד־פעדים, אין וועלכע עס פלאָנטערט זיך אַ שטענדיקער רעגן־בויגן. ער באַרויקט און פרישט אָפּ.

זיצסט און טראַכסט — ערגעץ וואו, ווייט, איז דיין היים. דאָרט איז רעש, טומל. שטרעבן צו דערגרייכונגען פון מאָמענט. פאַרגעני־לעבקייט. נישטיקייט. דאָ איז שטילקייט. אייביקייט פון דורות. מע־לאַנכאָליע, וואָס קומט פון אינערלעכער פרייד. נשמה־ציטער, וואָס באַרואיקט. אָפּקלאַנגען פון פּאַטאָס און טראַגעדיע, פון ליבע און טויט. ס'איז דערהויבענער טראַגיזם, וואָס איז דאָ פאַראייביקט גע־וואָרן.

ווען מען היטן זיי, אָט די טונקעלע, מאַרמאָרנע לייבן ? וואָס פאַר א לעבן איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע שטיינערנע, אויסגע־הוילטע אויגן ? ווארטן זיי נאָך ווידער צו זען די פיין־געצירטע, ברוין־פּנימדיקע איינוואוינער פון דעם פּאַלאַץ, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם הויף מיט אַזוי פיל גראַציע און שפּיל ? הערן זיי זיך נאָך אַלץ איין צו די טראַגישע געשעענישן און פּאַסירונגען אין דעם לעבן פון דעם לעצטן מורישן הערשער, וואָס האָט דעם פּאַלאַץ באַוואוינט ? אין דעם לעבן פון באַאַבדיל דעם שלימזלדיקן, ווען ס'איז באַשערט געווען אָפּצושליסן די הערלעכסטע עפּאָכע פון דער אַראַבישער הער־שאַפט אויף דעם שפּאַנישן האַלב־אינזל ?

מען האָט אים גערופן „על זאָגאַאיבי”, דער שלימזלדיקער, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ שלימזלדיקן שטערן, און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען האָט געהאַט אַ פּאַטאַלן רע־זולטאַט פאַר גראַנאַדאַ, די לעצטע מורישע פעסטונג זיך אונטערצו־געבן דעם זיגנדיקן קאַטוילנטום.

פון די פּראַכטיקע צימערן פון דער „אַלהאַמבראַ” איז עס באַ־אַבדיל אַרויסגעריטן יענעם גרויען פרימאָרגן איבערצוגעבן די שליסלען פון גראַנאַדאַ צו פערדינאַנד און איזאַבעלאַן, די „קאַטוילישע קעניגן”. צו דעם פּאַלאַץ האָט ער ביי זיין פאַרלאָזן די שטאָט צום לעצטן מאָל אומגעקערט זיינע מיט טרערן אָנגעפילטע אויגן, ווען זיין מוטער, די ענערגישע און קאָמפּאָלוסטיקע אאישאַ האָט אים געשטראָפט : „דו וויינסט ווי אַ פרוי איבער דעם קעניגרייך, וואָס דו האָסט נישט גע־האַט קיין מוט צו פאַרטיידיקן אַלס מאַן”. און וועגן דעם פּאַלאַץ האָט עס שפּעטער טשאַרלז דער פינפטער געזאָגט : „ווען איך וואָלט

געווען באַבדיל וואָלט איך ליבער אויסדערוויילט צו מאַכן די „אַל־האמבראַ" פאַר מיין קבר, איידער צו לעבן אין גלות ווייט פון איר".

באַבדיל איז אומגעקומען ערגעץ אין אפריקע אין אַ מלחמה, וואָס ער האָט געפירט קעגן אַ סולטאַנס מורדים. דער אַראַבישער היסטאָריקער שרייבט וועגן אים: „פאַרפלוכטער מאַן. ער האָט גע־קענט פאַרלירן זיין לעבן פאַר אַן אַנדערנס זאַך, כאָטש ער האָט נישט געוואַגט עס צו פאַרלירן פאַר זיין אייגענער". מען האָט געפונען זיין מצבה, וועלכע איז, ווי די לעגענדע דערציילט, גענוצט געוואָרן אַלס שווענק פון אַן עפנטלעכן באָד, כדי אַלע גלויביקע זאָלן ביים אריין און ארויסגיין טרעטן איבער דעם, וואָס האָט פאַר מחמדס קינדער פאַר־לוירן זייער שענסטן באַזיץ.

אין דרום זייט פון לייבן־הויף פירן די ברייטע פאָרטאַלן צו דעם אַזוי פאַטאַלן, שוידערלעך־שיינעם „זאַל פון די אַבענצעראַזשעס". דאָס איז אַ וואונדערלעך געצירטער זאַל באַלויכטן פון זעכצן פענצטער־לעך, וואָס זיינען איינגעפאַסט אין אַ גאַנצער נעץ פון פילקאַנטיקע, גאָלדענע סטאַלאַקטילן. דער זאַל טראָגט זיין נאָמען צוליב דער בלוטיקער טראַגעדיע, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, און וואָס פירט ווי־דער צוריק צו באַבדיל דעם שלימזלדיקן.

אבו האסאַן, באַבדילס פאָטער, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער ווייב. די פרוי האָט געוואָלט זען איר זון אויפן טראָן, און האָט געהעצט דעם אַלטן, אייפערזיכטיקן האסאַן, אַז זיין געליבטע אַאישאַ, באַבדילס מוטער, איז אים אומטריי מיט אַ פרינץ פון די אַבענצעראַזשעס, וואָס זיינען געווען איינע פון די פירנדיקע קלענס אין גראַנאַדאַ. דער אַלטער האָט געשיקט נאָך דער אַבענצעראַזשעס משפחה. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם זאַל, וואָס טראָגט זייער נאָמען, און דאָרט זיינען זיי איינציקווייז אויסגעשאָכטן געוואָרן. אַאי־שאַ איז צוזאַמען מיט איר זון באַבדילן פאַרשפאַרט געוואָרן אין איינעם פון די אַלהאַמבראַ־טורעמס, פון וואַנען זי האָט אים דורך אַ פענצטער אַרונטערגעלאָזט אויף איר שאַל, און אַזוי אַרום אים גע־ראַטעוועט פון זיין פאָטערס צאָרן.

אויף איין אָרט אין דעם זאַל איז דער מאַרמאָר אויף דעם דיל רויט געפלעקט. און ווי די לעגענדע וויל עס האָבן, זאָל עס זיין פון

דעם בלוט פון די אבענצעראזשעס, וואס איז פון דאנען געפלאסן איבער דער רינע, וועלכע פירט צום פאנטאטן אין לייבן־הויף. און פון דאנען נעמט זיך אויך דער גלויבן, אז דורך די נעכט הערט מען אין לייבן־הויף מאדנע שרעקנדיקע גערוישן, וואס זיינען ענלעך צו קרעכצן און מורמלען פון מענטשן־מאסן. — דאס קומען יעדע נאכט די גייס־טער פון די דערמארדעטע אבענצעראזשעס צוריק צום ארט פון זייערע לײדן, און רופן צום הימל, ער זאל שיקן זיין נקמה פאר זייער פארגאסן בלוט...

און גלייך אנטקעגן איבער דעם בלוטיקן אבענצעראזשעס זאל געפינט זיך דער „זאל פון די צוויי שוועסטער". דאס איז א מין ווינ־טער־צימער פאר די פרויען. ער הייסט אזוי צוליב די צוויי גרויסע מארמארנע פליטעס, וואס זיינען איינגעפאסט אין דעם ווייסן, שטיי־נערנעם דיל.

ס'האט עמיצער געזאגט, אז ארכיטעקטור איז פארפרוירן־געווא־רענע מוזיק. איז אויב די „אלהאמבראַ" איז די וואונדערלעכסטע סימפאניע אין שטיין, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן, איז אט דער קליינער זאל, וואס רעכנט זיך פארן טייערסטן אין דעם גאנצן פאלאץ, די שענסטע „סקערצא", וואס איז ווען עס איז פארפאסט געווארן.

ווי מוזיק איז בלויז אבסטראקט, זי געהערט נאר צום עולם הדמיון. קענטס נאר לאזן די נשמה אוועקשוועבן אויף אירע קלאנגען. קענסט נאר פילן ווי דאס הארץ גייט אויס. אזוי קענסטו דא בלויז לאזן דאס אויג צערטלען און גלעטן אט די וואונדערלעכע אראבעסקן און געשטריקטע שפיצן פון מארמאר. פילסט בלויז ווי דיין נשמה פאר־גייט זיך ערגעץ אין העכערע, קיינמאל נישט געאנטע וועלטן.

די זון, וואס רייסט זיך דורך די קליינע געוועלבטע פענצטערלעך, שאפט בלויז נייע פלעקן־אראבעסקן, און פארלירט זיך צווישן דעם שטיינערנעם געוועב פון זייד־געהעפט.

און וואס פאר א וואונדערלעכן קאנטראסט שאפן די שפיצן פון די גרינע ציפרעסן־בוימער, וואס זעען זיך דורך די צוויי פענצטער, אויף דעם באלקאן פון דער „דאראקסא" — א שפאניש־מורישע בא־

צייכענונג, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז די פענצטער זיינען די „אויגן פון הויז". וויפיל פיינעם געקלאַנג גיבן צו די וואַסער־קאַסקאַדן, וואָס זעען זיך אונטן צווישן די געצירטע בוימער אין דער „פּאַטשיאָ דע דאַראַקסאַ". און ווי אַ לעבעדיקער עדות פון די טעג פון רחבות און שפע שטייט אין אַ ווינקל פון דעם „זאַל פון די שוועסטערן" די באַרימטע אַלהאַמבראַ־וואַזע, וואָס מען האָט געפונען אין פערצנטן יאָרהונדערט אָנגעפילט מיט גאָלדענע אוצרות.

איך וואַנדער צוריק צו דעם גרויסן געצירטן „אַמבאַסאַדאָרן־זאַל" מיט דעם וואונדערלעכן קופּאָל פון פּערלמוטער און צעדערהאָלץ. דאָ, אין טראָן־זאַל, פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן די מלוכה־פאַרזאַמלונגען און די אויפנאַמעס פון פרעמדע אַמבאַסאַדאָרן. אין דעם זאַל האָט דער טראַגישער באָאַבדיל אָפּגעהאַלטן די לעצטע פאַרזאַמלונג מיט זיינע מורישע יועצים, וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די שטאָט צו די נייע הערשער. דאָ האָט די פרומע איזאַבעלאַ אויפגענומען קאָלאָמבוסן, ווען ער האָט איר פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן פון זיין רייזע, וואָס האָט אים געפירט צו אַנטדעקן די נייע וועלט. די געוועלבטע גערוימע ווענט זיינען באַדעקט מיט אַ גאַנצער נעץ פון פאַרשיידן־קאָלירנדיקע גלאַזירטע קאַכלעס, וואָס יעדע באַזונדער כמעט האָט אַן אַנדערע אַראַבישע געקינצלטע צייכענונג. אָבער דאָס שענסטע אין דעם זאַל זיינען די ריזיקע פענצטער, דורך וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך ווידער אין זיין גאַנצער פּראַכט דער אויסקוק איבער דעם דאַראָ־טאָל, און איבער דעם אַלבאַאיצין, וויט אוועק צו די הויכע סאַקראַמענטאַ־ און עלווירא־בערג, וואָס רינגלען אַרום און שליסן איין די קליינע גראַנאַדאַ.

מיד און פאַרשכורט פון דעם גאַנצן געמיש געפילן און איינדרוקן, וואָס דיין וואַנדערן איבער דער „אַלהאַמבראַ" האָט דיר געשענקט, ביסטו צופרידן זיך אָוועקזעצן אָפּרוען דיינע אויגן אַנטקעגן דעם הערלעכן לאַנדשאַפט, וואָס שימערירט דורך דער דורכזיכטיקער שפּאַנישער יולי־לופט. אַנטקעגן זעען זיך די ווייסע הייזלעך און די וועגן צו די הייל פון די ציגיינער אויף דעם אַלבאַאיצין. און גאָר וויט אויבן דער „סאַקראַ־קער"־מאָנאַסטיר. אין דער לופט טראָגן זיך די

קלאַנגען פון די אַרומיקע קלויסטערס מיט די מינאַרעט־טורעמלעך און מורישע ווענט. אַ לאַזור־בלאָער הימל. שטיל פאַרקלערטע וואָלקנס. די בערג אַרום, מיט די שניי־קרוינען אָן די וואָלקנס אָנגעשפּאַרט, ליגן אין זייער ריזיקער, מאַיעסטעטישער שווייגנדיקייט. די זון שאַפט פאַנטאַסטישע שאָטן־פלעקן אויף זייערע קעפּ. פון לינקס, אין דער פאַרנעפּלטער ווייטקייט, זעט זיך סאַנטאַ־פע, דאָס קליינע שטעטל, וואָס איזאַבעלאַ האָט אויסגעבויט נאָכדעם ווי איר לאַגער איז פאַרברענט געוואָרן, און וואו זי האָט געוואַרט אויף דער נייעס, אַז גראַנאַדאַ האָט זיך אונטערגעגעבן. אַרום זיינען די טאָלן אין די פאַרשיידנסטע שאַטירונגען פון בלוי און גרין, באַשפּרינקלט מיט דעם גאַנצן שלל פון פאַרביקע בלומען. און צווישן דעם אַלעם זעען זיך דאָ און דאָרט ווייסע ווענט, געלע חורבות, די רויטע פעסטונגען פון דעם אַלאַהאַבראַ־באַרג.

דער אויסקוק איז באַצווינגנדיק, אַראַביש, מזרחדיק, און דערציילט פון אַמאָליקער מאַיעסטעטישער גרויסקייט. און ביי די פיס פון דעם לאַנדשאַפט ליגט ווידער אַלט גראַנאַדאַ מיט די געל־גרויע הייזער. ווי אויף דער קלאָרער האַנט־פלאַך זעט זיך רעכטס דאָס געלזאַמדיקע משופּעדיקע געסל, וואָס פירט אַפּנים צום בית עולם דאָ ערגעץ נישט ווייט. אַהין פירן אַלע האָפענונגען. אַהין פירן אַלע טרוימען. פון צייט צו צייט ווייזט זיך אַ קליינע לויה־פּראָצעסיע. די פיר אין שוואַרצן געקליידטע אָרון־טרעגער האַלטן פעסט אויף זייערע אַקסלען דעם טויטן-קאַסטן. די באַגלייטער גייען שטיל־שווייגנדיק נאָך. אַלע צוזאַמען באַוועגן זיי זיך באַרג אַרויף, און זעען פון דער הויך אויס ווי אַ לעבעדיק געוואָרן בילד פון עפּעס אַן אַלט־שפּאַנישן פּרימיטיוון מאָלער. זיי גייען מיט אַזעלכע לאַנגזאַמע, ריטמישע טריט. און אין זעלבן ריטם וויגן זיך אויך מיט דיינע פאַרשטילטע געדאַנקען ביים ריזיקן פענצטער פון „אַמבאַסאַדאָרן־זאַל” אין דעם מוריש־פאַנטאַסטישן „אַלאַהאַמבראַ”-פּאַלאַץ.

נאָכמיטאָג. די זון שטייט הויך. איך געפין זיך אויפן צווייטן בערג פון דער דאַראָ, צופוסנס פון אַלבאַאיצין. קליינע, כאַראַקטעריסטיש־שפּאַנישע הייזלעך מיט דאָ און דאָרט אַ קליינע פּאַטשיאָ.

אָבער וואָס ווייטער אַרויף באַרג פאַרוואַנדלט זיך די געגנט אין אַ רחבותדיקן געמיש פון שפּועדיקע מורישע געסלעך צווישן רייך צע־בליטע „קאַרמענאַס”, הייזער באַהאַלטן אין ווייַנגערטנער פון די פּראַכ־טיקסטע שאַטירונגען אין גרין, בלוי, פיאָלעט און אָראַנזש. אין זייער גאַנצער זוניקער באַלאַדנקייט ליגן זיי, די געצירטע קאַרמענאַס, און ריכטן אָפּ די „סיעסטאַ” פייערונג צוזאַמען מיט אַלע שטעטל־איינ־וואוינער. די קליינע קרעמלעך און וואַרשטאַטלעך אין די געסלעך זייַנען איצט פאַרשטילט, און מאַכן דעם זעלבן ליבן איינדרוק ווי אַלע אַזעלכע אין די שפּאַניש־מורישע שטעט. איך פאַרקליב זיך אין אַ זייטיק געסל, וואָס ציט זיך באַרג אַרויף, און פאַר מיר באַווייזט זיך אַ מאָדנע בילד: אַ גלח אין זיין שוואַרצן מאַנטל און ברייטן הוט רייט אויף אַ קליינעם אייזל באַרג אַראָפּ. איבער דער גאַנצער ברייט פון דעם שמאָלן, וויס־געקאַלכטן געסל האָט זיך צעליינט די שוואַר־צע פיגור, וועלכע הענגט כמעט איבער דעם נידעריקן אייזל. מיט די זיך בלאָזנדיקע צעשפּרייטע פאָלעס פון דעם מאַנטל זעט ער אויס ווי אַ פליענדיקע שוואַרצע פלעדערמויז, וואָס לאָזט זיך שפּועדיק אַראָפּ.

דאָס בילד איז אַזוי גראָטעסק, אַז איך מוז אַ פאַרכאַפּטער זיך אָפּשטעלן. איך קען סיי ווי ווייטער נישט גיין. דער אויסטערלישער רייטער פאַרנעמט דעם גאַנצן דורכגאַנג. איך טרעט אים אָפּ דעם וועג. ער גריסט מיך מיט אַ לייכטן שאָקל פונם קאָפּ, וואָס שטעקט טיף אין דעם קאָלנער פון מאַנטל. איך ענטפער אָפּ זיין באַגרי־סונג. און נאָך אַ ווייל פאַרשווינדט ער ערגעץ אין אַ דורכשניידנדיק געסל אַזוי אומגעריכט ווי ער האָט זיך באַוויזן.

איך לאָז זיך העכער, באַרג אַרויף צו די הייַלן, וואו עס וואוי־נען די ציגיינער.

צווישן די פאַרשיידענע פּיטאָרעסקע גרופּן פון פּויערים, אָקסן־קעמפער, פישערלייט און אייזל־טרייבער זייַנען די שפּאַנישע ציגיי־נער אפשר די מאָלערישסטע און צוציענדיקסטע, וואָס מען קען זען אין אַנדאַלוזיען. און דאָ אויף די שפּועדיקע ראַנדן פון דעם גרינעם אַלבאַאיצין וואוינען זיי זייט דורות אין די באַרגיקע הייַלן.

וואָס פּאָר אַ שאַרפן קאָנטראַסט שאַפט זייער קוואַרטאַל צו די אונטערשטע קולטואווירטע און פיין אָפּגעהיטענע קארמענאַס. סיי דער שמאָלער זאַמד־וועג, וואָס דרייט זיך גאַנץ אויפן קאַרק פון דעם באַרג־שפּוע, סיי די זעלטענע הייזלעך, וואָס ציען זיך אַרום הויפּט־געסל און קליינעם מאַרק־פּלאַץ, זיינען ווילדער, רויער און אומרעגל־מעסיקער. אויף יעדע עטלעכע טריט ציען זיך די הילצערנע אויפגעשטעלטע צלמים מיט די מאַריע־פיגורן. קינדער שפּילן זיך גרופּנווייז. הינט ליגן אויסגעצויגן איבערן וועג און שלאָפן פויל אין דער זון. פון די קליינע אָפענע וואַרשטאַטלעך וואו מען האַמערט אויס די פאַרשיידנסטע מעשענע כלים טראָגט זיך דער פריילעכער גערמיש פון מעטאַל־געקלאַנג און ציגיינער־לידער. פייערדיק גלאַנציקע אויגן שפּיזן דיך דורך פון אַלע טירן. אויף די ראַנדן פון באַרג־אָפּרים זעען זיך די אַריינגאַנגען און פענצטערלעך צו די ציגיינער־היילן. און דו ווערסט מאָדנע אַנגענעם איבערראַשט צו זען די אַריינגאַנגען אין דער ערד וויים־אויסגעקאַלכט, און די פּיצעלעך פאַרגראַטירטע פענצטערלעך באַצירט מיט בלומען... קאָלירטע וועש אויסגעהאַנגען אַרום די היילן געבן דעם גאַנצן אָרט צו עפּעס גאַלאַ־אַרטיקעס, טעאַטראַליש־יום־טובדיקס. אויף די שמאָלינקע וועגן גלייך איבער די ווענט פון באַרג שפּאַצירן פון הייל צו הייל אַזעלכע שלאַנקע, זון־פאַרברענטע פרויען־פיגורן, וואָס דערמאָנען אַזוי שטאַרק אָן די ענלעכע גענג ערגעץ אויף די ווענט פון אַראַבישע דערפער אין מזרח. אַ פאַראיינזאַמטע פיגור פון אַ גאַרד אַ סיוויל, אַ פּאָליציייאיש זעלנער, שלעפּט זיך פויל איבער דעם פאַרשטויבטן וועג. ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. ער דערקענט אין מיר אַ פרעמדן און באַגריסט מיך מיט דער געוויינלעכער גאַסטפריינטלעכקייט.

ס'וואָלט זיך מיר וועלן אַ קוק טאָן, ווי אַזוי זעען אויס די וואוינונגען אין די ציגיינער־היילן. ווי אַזוי לעבט מען דאָרט. אָבער איך בין צו פויל איבערצערייסן מיין געמיטלעכע שטימונג, און זיך פרובירן אַריינלאָזן מיט זייערע איינוואוינער אין אַ שמועס, אין וועלכן די הענט און די אויגן מוזן פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער שפּראַך, וועלכע דו קענסט נישט. באַגנוגן איך זיך בלויז מיט דעם לייכטן, אַנ־

ציליקן אַרומשלעפּן זיך איבער די זיך שלענגלענדיקע שטענגלעך אויף די זוימען פון באַרג אין ציגיינער־קוואַרטאַל.

דערפאר אָבער פאַרכאַפּט דאָס אויג דער מאַיעסטעטישער אויס־בליק אויף דעם אַלהאַמבראַ־באַרג און אַלהאַמבראַ־פעסטונג, וואָס זעען זיך דאָ אַזוי שאַרף פון אַנטקעגן איבער דעם שמאָלן דאַראָ-טאָל. עס זעען זיך די ברוין־רויטע פעסטונג־ווענט, די דראָענדיקע, טונקעלע טורעמס און געלע חורבות, וואָס טויכן אויף צווישן די גלייך זיך ציענדיקע, הענגענדיקע גערטנער פון דער אַלהאַמבראַ.

אַ אין זיך אַליין פאַרשלאָסענע ליגט זי איצט די פעסטונג, אַנט־קעגן דער פאַרנאַכטיק צעגילדעטער שקיעה. עפּעס דראָענדיקס איז דאָ אין איר אָנבליק, וואָס זי וואַרפט פון דער הויך איבער דער גאַנ־צער אַרומיקער געגנט.

איך גיי צוריק באַרג אַראָפּ. ווידער פאַזע דעם גערינצלטן, האַלב־אויסגעטרוקנטן קליינעם דאַראָ־שטראָם. און מיטאַמאָל ווער איך פאַר־האַלטן פון אַ מאָדנעם געזאַנג. אַ כאָר פון קלינגענדיקע יונגע קעלעכ־לעך רייסט זיך אַרויס דורך די אָפענע פענצטער פון אַ קליינער, רויטער נעביידע. זיינען עס אינגלעך צוזאַמען מעביר די סדרה, אָדער לייענען הפטורה אויפן קול? איז עס אַ היימישער, אַלטפרענקישער חדר?

ניין. ס'איז אַ שפּאַנישע אינגלעך-שולע, וואו די שילער לערנען איצט אַ טייל פון זייערע לעקציעס, צוזאַמען אויסזינגענדיק דעם טעקסט. דורך די אָפענע פענצטער זעען זיך זייערע פיגורלעך אויסגעזעצט אויף די לאַנגע שול־בענק. זייערע אַנטבלויזטע קעפּלעך גלאַנצן אַנט־קעגן די לעצטע זון־שטראַלן. אָבער עפּעס אַזוי פיל באַקאַנטעס און נאָענטעס איז דאָ אין זייער געזאַנג. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז וואָלט איך אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער שולע, וואָלט איך דאָרט געפונען זייער רבין — אַן אַלט־היימישן מלמד מיט אַ שוואַרצער אָדער גרויער באָרד, מיט אַ טיף צעאַקערטן אידישן שטערן, און טיף טרויעריקע אידישע אויגן...

איך גיי צוריק אַהיים אין אַלהאַמבראַ־קוואַרטאַל. אָבער דאָס טאָל גיי איך שוין צופוס איבער דער „קעסטאַ־עמפּעדראַדאַ״, אַ שמאָל ליבלעך געסל מיט קליינע געוועלבער, אין וועלכע מיידלעך זיצן און

נייען פלינק ביי די שפּיצן־מאַשינדלעך, וואָס אַרבעטן אויס די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע שפּאַנישע שאַלן און שפּיצן־אַרטיקלען. דאָן נעמט זיך דער וועג אַרויף איבער די וואונדערלעכע אַלייען פֿון עלם־בוימער, צווישן וועלכע עס לויפֿן קוועלנדיקע וואַסער־ריטשקעלעך, וואָס ציען זיך פֿריילעך אין טאָל אַראָפּ. דער גאַרטן-וועג פֿאַרקער־רעוועט זיך. עס באַווייזט זיך די באַרימטע „פּוערטאַ דע לאַ כוסטיציאַ", דער גערעכטיקייט-טויער, ביי וועלכן יוסוף דער ערשטער פֿלעגט, ווי די לעגענדע דערציילט, אויסטיילן גערעכטיקייט צו די איינוואוינער, וואָס זיינען עס געקומען פֿאָדערן ביי אים. איבער דעם טורם זעט זיך די סימבאָלישע אינסיגנאַ — אַ פֿינף פֿינגערדיקע האַנט, און אויף דער צווייטער, אינעווייניקסטער זייט טויער, אַ גרויסער שליסל. אַזוי פֿיל לעגענדעס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער באַדייטונג פֿון די צוויי סימ־באָלן. די באַליבסטע איז, אַז יוסוף האָט געגלויבט אין דער אומ-באַזיגלעכקייט פֿון גראַנאַדאַ, און געזאָגט, אַז נאָר דעמאָלט, ווען די האַנט פֿון דרויסן וועט זיך קענען אומווענדן און אָננעמען דעם שליסל פֿון אינעווייניק, נאָר דעמאָלט וועט גראַנאַדאַ פֿאַלן. שפּאַ־צירסט דורך דעם טויער איבער די געדרייטע פֿעסטונג־טרעפּן, און קומסט אַרויס צו דער גרויסער „פּלאַזאַ פֿון די ציסטערנעס" אין האַרץ פֿון אַלהאַמבראַ.

סעניאָר אַנטאָניאָ באַריאָס טאַמאַיאָ איז אפשר דער ליבלעכסטער אַלטיטשקער, מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט און זיך באַפריינט אין שפּאַניען. ער האַלט אַ קליינע „באָדעגאַ", אַ ווייַנשענקל, אין איי־נעם פֿון די געסלעך אויף דער אַלאַהאַמבראַ. און ביינאַכט האָב איך ליב אַריינצוגיין און שמועסן מיט אים אויף זיין געבראָכענעם, אָבער דאָך פֿליסיקן ענגליש. ער איז וועלטלעך קלוג און אַ האַרציקער שמועסער. ער איז אַ פֿריינט פֿון ליטעראַטן און קינסטלער, און די גאַנצע מחנה מאָלערס פֿון אַלע וועלט-טיילן, וואָס קומען יאָר איין יאָר אויס צו מאָלן אין די פּאַלאַצן פֿון דער „אַלהאַמבראַ", געפֿינען אין אים אַ פּאַטראָן און עצה־געבער. ער קען זייער אַרבעט, און איז אויך גוט באַקאַנט מיט זייער פּריוואַט לעבן. ער האָט ליב צו דערציילן פֿאַרשיידענע

אנעקדאָטן און פּאַסירונגען פון דעם אָדער יענעם מאָלער. און דער־ווייסנדיק זיך פון מיר, אַז איך קום פון אַמעריקע, פּאַקט ער אויס פאַר מיר אַ גאַנץ בינטל געשיכטעס וועגן דזשאַן זינגער סאַרדזשענט, אַמע־ריקעס וויכטיקסטן מאָלער, מיט וועלכן ער איז נאָענט באַפריינדעט גע־ווען, ווען יענער פלעגט קומען אויף זיינע שטענדיקע באַזוכן אין גראַנאַדאַ. ער לויפט אַוועק אין די הינטערשטע צימערלעך פון דעם קליינעם ווײַנשענקל, און קומט באַלד צוריק מיט עטלעכע נישט־גרויסע לייוונטן, וואָס סאַרדזשענט פלעגט אים שענקען אַלס פריינטלעכע **מתנות.**

מיר שטייען און שפּאַרן זיך אָן אָן דעם טונקעלן בופעט, וואו מיר טרינקען צוזאַמען דעם מאַלאַגאַ־ווײַן. איך הער זיך איין אין די נעמיטלעך־קלוגע פלוידערייען פון אַלטן אַנטאָניאָ. כ׳האָב ליב צו זען דעם מילדן שמייכל פון זיינע קינדערשע אויגן. אייגנטלעך איז ער גאָר אַליין אַ מאָלער. און ווען דו געווינסט זיין צוטרויען איז ער גרייט דיך אַפילו צו לאָזן זען זיין אַרבעט. ער ברענגט זי דיר טאַקע אַריין פון דעם הינטערשטן צימער. ער טוט עס אָבער מיט אַזאַ קינדערשער פאַרשעמטקייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַר עפּעס פאַרענטפערן.

עס קומט אַביסל איילִיק און דיסקרעט צו גיין דער יונגער ווירט פון מיין פּאַנסיאָן. ער איז אומיסטן געקומען מיך אויסזוכן.

— ווילסטו הערן אַ סערענאַדע?

צי איך וויל הערן? עפּעס גלויבט זיך עס מיר ניט. זינגט מען נאָך טאַקע איצט סערענאַדעס אין שפּאַניען? איז עס נישט בלויז נאָר אַן איבערבלייבעכץ פון די ראָמאַנטישע ביכער אָדער סענטי־מענטאַלע טעאַטער־שטיקער?

איך גיי מיט אים אַרויס אין די טונקעלע געסלעך. ער פירט מיך אַרויס אויף דער פּלאַזאַ פאַר דעם „אַלהאַמבראַ”־פּאַלאַץ. אויף אַ באַנק נישט ווייט פון אַריינגאַנג זיצט אַ קליינע גרופּע יונגעלייט אין די נאַציאָנאַל־שפּאַנישע קאָסטיומען מיט גיטאַרעס אין די הענט. צוליב דער טונקלקייט זעען זיך נאָר זייערע קאָנטורן, ווען זיי סודן זיך צוזאַמען. דאָס שטערט אָבער נישט צו זען ווי עס בליצן אויף

זייערע אויגן, ווען זיי הויבן זיי דערוואַרטנדיק אויף צום באַלקאָן פון הויז ביים גאָרטן.

מיין ווירט דערקלערט מיר, אַז דאָס איז איינער פון די בחורים פאַרליבט אין דער טאָכטער פון גאָרטן־אויפזעער, און דאָס קומט ער תמיד אין די אָוונטן מיט אַ גרופּע פון זיינע חברים צו סערענאַ־דירן פאַר זיין געליבטער. אין אַ ווייַלע אַרום קומען פון הויז אַרויס צוויי יונגע מיידלעך. און אפילו פון דער וויַיטנס, אין דער פינצטער, וואו מען שטייען, איז נישט שווער צו הערן זייער אויפגערעגט פּליס־טערן און צופרידן אויפלאַכן. דאָס זיינען די קאַמער־מיידלעך פון דער דאָננאַ, און דאָס ווייזן זיי אַרויס זייער גליקלעכקייט פאַר זייער באַליבטער האַרין.

די יונגעלייט הויבן אָן צו זינגען, באַגלייטנדיק זיך אויף זייערע גיטאַרעס. דער פאַרליבטער בחור שטייענדיק אויסגעשטרעקט קעגן באַלקאָן, און זיינע חברים זיצנדיק אַרום אים. זייער זינגען איז וואַ־רים, האַרציק, און שמעקט מיט פאַרליבטקייט, ווי די טונקעלע נאַכט, ווי דער טיף־אויסגעשטערנטער גראַנאַדער הימל. אָן אַ מאָס שמערצ־לעכקייט איז דאָ אין די קורצע קאָפּלאַס, וואָס זיי זינגען נאָכאַנאַנד מיט גאַנץ קורצע איבעררייסן. און די קעפּ, און די פינקלנדיקע אויגן זיינען אַלץ געווענדט צום באַלקאָן.

ווען זי אַרויסקומען?

יאָ. שטיל מאַכן זיך אויף די גלעזערנע טירן אויף דעם באַלקאָן. עס באַווייזט זיך דער סילועט פון דער באַגערטער מיידל. צוויי אויגן בליצן אַראָפּ, און אַ דיסקרעטע האַנט וואַרפט אַראָפּ עפּעס, וואָס דער פאַרליבטער בחור כאַפּט פלינק. ווי אַ ציטער לויפט דורך איבער דער גאַנצער גרופּע אונטן. מען קען כמעט הערן ווי אַלעמענס הער־צער קלאַפּן. דאָס האָט דאָס געליבטע מיידל אַרונטערגעוואָרפן דעם שליסל צום טויער פון אַלהאַמבראַ־גאָרטן . . . דער סילועט אויפן באַל־קאָן פאַרשווינדט. עס פאַרשווינדן אויך גיך די צוויי קאַמער־מייד־לעך צוריק אין הויז אַריין. די טיר פון גאָרטן ווערט שנעל אויפגע־שלאָסן, און פאַרמאַכט זיך צוריק נאָך די סערענאַדע־זינגערס. און לאַנג נאָך הערט זיך פון דער טונקעלער גאָרטן־טיף אויף יענער זייט

טויער, דאָס קלאַנגדיקע געבעט פון די אנדאַלוזישע פלאַמענקאָס אין דער שאַרף אויסגעשטערנטער נאַכט . . .

אָן אומרואיק שווייגנדיקער שפּאַציר איך נאָך מיט מיין באַגליי־טער איבער דער פינצטערער פּלאַזאַ. מיר קומען צו צו דעם נידעריק־געמויערטן וואַל, וואָס פאַרענדיקט דעם פּלאַץ. איך שפּאַר זיך אָן מיט ביידע הענט און קוק אַרונטער. איך שווינדל אויף. — — — — איז עס אויגן־בלענדעניש? איז עס כשוף? — — — צופוסנס, אונטן איבערן גאַנצן טאָל שפּרייט זיך אַ טיף טונקעלער הימל באַצירט מיט פינקלענדיקע, שימערירנדיקע שטערן. איך גלויב נישט, און הויב אויף מיינע אויגן — איבער מיר אַן אויסגעשטערנטער הימל. אָבער נאָך אַ פיל שענערער און מאַניענדיקערער אונטן.

מיין ווירט ווייסט מיין איבעראַשונג. ער לאָזט מיך נאָך זיך אָנזעטיקן מיט דעם עקסטאַז פון דעם אנטפּלעקטן בילד, און דער־קלערט מיר דערנאָך. — ס׳איז אַלט גראַנאַדאַ אין דער פינצטער, מיט אירע טויזנטער צאַנקענדיקע ליכטלעך פון די געסלעך און הייז־לעך, וואָס שאַפן דאָ אין דער שאַרפער לופט, דעם איינדרוק פון נאָך אַ הימל — אַן אונטערשטן. די אַלהאַמבראַ־איינוואוינער שטאָלצירן טאַקע מיט דעם, אַז זיי האָבן צוויי הימלען. אָבער פאַר מיר איז זיין דערקלערונג אַזוי בלאָס, אַזוי אומנויטיק. איך הער זי כמעט נישט. איך בין איינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער אויסטערליש־וואונדער־לעכער דערשיינונג. מיין גאַנצע נשמה איז אַריינגעצויגן אין דעם פינקל־פלימערדיקן שטערן־שפּיל, וואָס גייט איצט אָן צווישן די צוויי טונקל־סאַמעטענע הימלען . . .

איבער דעם גאַנצן טאָל, פון באַרג צו באַרג, צעטראָגט זיך דער שווערער געקלאַנג פון דער „מאַריאַ יאָזעפאַ מערצעדעס” — דער גרויסער גלאָק אויף דעם ווילאַ־טורם. און פון די אַרומיקע קלויסטערס ענטפערן אָפּ ווייטע, טיפע אָפּקלאַנגען, וואָס הילן מיך אַרום און רייסן מיך מיט, ווען זיי פאַרשווימען ערגעץ אין דער כשופדיקער גראַ־נאַדער נאַכט.

מיט אויסגעוואַשענע, פרימאָרגנדיקע אויגן און באַהאַלטענעם וואונטש אין האַרץ לאָז איך זיך אַרונטער פון אַלהאַמבראַ־באַרג אונטן

אין אַלט גראַנאַדאַ. טיף אין זיך צערטל איך עפּעס אַ סוד, וועלכן איך וויל זיך אַליין נישט קלאָר מאַכן. איך גיי לאַנגזאַם, אָבער אַנט־שלאָסן צו עפּעס אַ באַהאַלטענעם, לאַנג געגאַרטן ציל. איך דריי זיך צווישן די געסלעך און קליינע מאַרקען ביז איך בלייב שטיין פאַר דעם „מחילה־טויער" מיט די הויכע קאָלאָנעס — דער אַריינגאַנג צו דער גראַנאַדער קאַטעדראַלע. שווער און מאַסיוו ליגט זי דאָ, כמעט באַהאַלטן, אַרומגערינגלט פון אַ סך אַלטע געביידעס, אַזוי אַז מען זעט זי קוים אַרויס. ס'איז די קאַטעדראַלע אויפגעבויט צו פאַראייביקן דעם לעצטן אַנטשיידענעם זיג פון דער קאַטוילישער קירכע איבער די פאַרטריבענע מורן.

ווי אַלע איבעריקע שפּאַנישע קירכעס פאַרמאָגט זי גאַנצע אוצרות פון קונסט־ווערק און בילדער, טייערע געוואַנטן, גאָלד און איידלשטיי־נער. אָבער איך זע דאָס נישט איצט. איך מייד דאָס איינגעשפּאַרט אויס. עפּעס אַנדערש זוכט מיין האַרץ און מיין אויג. אין דער ווייַ־רויכדיקער האַלב־טונקלקייט, אונטער דער באַגלייטונג פון די פאַר־שיידענע איינגלעך־כאָרן און תפילה־געזאַנגען דערנענטער איך זיך צו דער „קאַפּילאַ רעאַל", דער קעניגלעכער קאַפּעלע, וואָס איז אָפּ־געטיילט פון דער הויפּט־קאַטעדראַלע מיט אַ שווערן דראָענדיקן טויער. אַן אָפּגעשלאָסענע קירכע אין אַ קירכע.

מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם מאַך איך דורך די קורצע צערע־מאָניע פון קויפן דעם ספּעציעלן איינטריט־בילעט און אים איבערגעבן דעם אַלטן דינער, און גלייך בין איך אינווייניק. אַ הויך גאָטיש גע־וועלב מיט אַן אַלטאַר, הייליקע בילדער און קניענדיקע סטאַטועןָ. אָבער באַלד קומט מען אַריין אין דעם אינווייניקסטן, אין דעם האַרץ פון קלויסטער — — — דאָס באַגרעבעניש־אָרט פון די קאַטוילישע קע־ניגן, פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. — — —

לאַנג נאָך איידער איך האָב זיך געקענט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם אמתן באַטייט פון געשעענישן; נאָך איידער איך האָב ריכטיק געקענט באַגרייפן דעם טראַגישן מיין פון פאַסירונגען, איז מיין קינ־דעריש האַרץ שוין געווען אַרומגעריפּט פון דעם פאַנטאַסטישן שרעק, וואָס עס פלעגט ביי מיר אַרויסרופן דער בלויזער קלאַנג פון די נעמען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. מיט פחדימדיקער סודותדיקייט פלעגט ער

אַנפּילן מיין יונגלישע נשמה. טרערן פון דורות. פאַרשעמטקייט פון יאָרהונדערטער. אינקוויזיציע. פייער־טויט. גירוש. שמד. מיט פּיין און אומרו האָבן די נעמען אָנגעפילט מיינע שרעקנס־נעכט, און ווי שוואַרצע, געשפּענסטערהאַפטע שאָטנס האָבן זיי מיינע טעג באַגלייט. איבער אַ סך יאָרן מיינע איז געלעגן דער שענדלעכער חותם פון דעם פּאָרל פון אַראַגאָן און קאַסטיליען. שטענדיק האָט זיך איבער מיין לעבן געצויגן דער בלוטיקער פאָדים, וואָס האָט מיך געבונדן צו זיי אין דער פאַטאַלער קרובה׳שאַפט. און אָט שטיי איך פאַר זייערע מאַרמאָרנע קברים . . .

פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר זיך אַליין מודה צו זיין, אַז איך בין אַהערגעקומען אָפּצוצאָלן אַ חוב — אַ בלוטיקן, אַ פּיינענדיקן, אָבער באַפרייענדיקן? . . .

לאַנג שטיי איך אין שווערע מחשבות פאַר דעם אייזערנעם קינסטלערישן שטאַכעטן־צוים, וואָס צעטיילט אין דער העלפט דאָס באַגרעבעניש־צימער. מיינע אויגן זיינען צוגעשמידט צו די צוויי מאַרמאָרנע קאַטאַפאַלקן רעכטס און לינקס, אויף וועלכע עס זיינען צווישן פאַרשיידענע רענעסאַנסדיקע רעליעף־באַפּוצונגען אויסגעאַרבעט די ליגנדיקע פיגורן פון די צוויי פּאָרלעך — אויף איינעם פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, און אויפן צווייטן זייער טאָכטער כואַנאַ לאַ לאָקאַ, די משוגענע יאָאַנאַ ,און איר מאַן פיליפּ דער אומטרייער. עס דויערט ביז איך בין אומשטאַנד אַרונטערצוגיין אין דעם הייל־געוועלב אונטער די קאַטאַפאַלקן, אין דעם „פּאַלאַץ פון טויט" — אַ טונקלשטיינערנער געוועלב, וואו עס ליגן שטום די פיר קליינע טרומנעס מיט דעם געביין פון די, וועמענס מצבות נעפינען זיך אויבן.

ווי אומהיימלעך איז אין דער כמורנער הייל. ווי שנעל קלאַפּט דאָס האַרץ, און ווי געשווינד עס יאָגן זיך דאָ די געדאַנקען דורך דעם מוח. וואָס פאַר אַ טרויעריקע דערינערונגען רופן אַרויס אָט די פיר שוואַרץ־געוואָרענע קעסטלעך אַרומגעבונדן מיט טונקעלן באַנד. אָט זיינען זיי — די פייערדיק פאַנאַטישע איזאַבעלאַ, דער אייפעריק קאַרגער פערדינאַנד, דער אומטרייער פיליפּ, וועמען פערדינאַנד האָט, ווי מען זאָגט, פאַרגיפטעט, און יאָאַנאַ די משוגענע, וועמען ער האָט איר גאַנץ לעבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין תפיסה. וואָס פאַר אַ גע־

שפּענסטערהאַפטע געשיכטע פון אַ געשפּענסטערהאַפטער מאָנסטער־פאַמיליע.

איך גיי צוריק אַרויס. אָטעם אָפּ פרייער ווידער פאַרבייגייענדיק די מאַרמאָרנע קאַטאַפאַלקן. איך גיי צוריק דורך דער קינסטלערישער שטאַכייטן־וואַנט ,די רעזשאַס, וואָס די געלערנטסטע אַרטיזאַנער פון רענעסאַנס, כאַדערינגאַ, באַרגאַניאַ און ראָדריגאַ האָבן די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר זייער אויסאַרבעטונג. איך בין ווידער אין ערשטן צימער, וואו פאַר דעם אַלטאַר שטייען די לעבנס־גרויסע קאָלירטע סטאַטועס פון די קניענדיקע קעניגליכע פיגורן אַרום דעם אויפשריפט: די קירכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך די קאַטוילישע דאָן פערדינאַנד און דאָנאַ איזאַבעלאַ, וועלכע האָבן צעשמעטערט אַפּיקורסות, פאַרטריבן די מורן און די אידן פון זייער קעניגרייך און רעפאָרמירט די רעליגיע . . .

מיט אַ גלייכגילטיקן שמייכל פאַרלאָז איך דעם שווערן טויער, און לאָז זיך מיט אַ לייכט האַרץ באַטראַכטן די קאַטעדראַלע, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט די פאַרשיידענע היסטאָרישע חפצים, ווי די פענער וואָס זיינען געטראָגן געוואָרן ביים איינעמען גראַנאַדע, איזאַבעלאַס קרוין און שווערד, און נאָך. אָבער מער אינטערעסירן מיך איצט די פאַרשיידענע קונסט־בילדער פון ריבעראַ, גרעקאָ און אַלאָנזאָ קאַנאָ, וואָס זיינען אין אַזאַ גרויסער מאָס צעהאַנגען איבער די פאַרשיידענע קאַפּעלאַס.

איבערהויפּט איז דאָ שטאַרק פאַרטראָטן דער לעצטער, אַלאָנזאָ קאַנאָ, וועמענס נאָמען איז ענג פאַרבונדן מיט דער קאַטעדראַלע פון גראַנאַדאַ. ער איז געווען אַ באַרימטער תלמיד פון כואַן דע קאַסטיליאַ, ביי וועמען ער האָט געלערנט אין סעוויל צוזאַמען מיט מורילאָן, און אויך אַ פריינט פון וועלאַסקעז. ער איז געווען אַ גרויסער טאַלאַנט, אָבער אַן עקסצענטרישע ווילדע נאַטור. יעדער איינער האָט פון אים געוווּסט צוליב זיין שווערן כאַראַקטער. ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען איינזאַם. קיין גראַנאַדאַ איז ער אַנטלאָפן נאָכדעם ווי מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אין מאַדריד דערהרגעט זיין ווייב. ער האָט דאָ געקראָגן אַ קאַנאָנען־שטעלע אין דער קאַטעדראַלע, וואו

ער האָט געמאָלן עטלעכע פון זיינע שענצטע בילדער, און וואו ער איז געבליבן אין גלות ביז זיין טויט.

איך עטעם אָפּ פרייער, ווען איך געפין זיך צוריק אין דעם ליב־טיקן דרויסן, וואו עס באַוועגט זיך אַזוי לאַנגזאַם און אומגעאײַלט דאָס גראַנאַדער לעבן. כאָטש די טעג איז דאָס שטעטל באַזונדערס אויפגעלעבט. די גאַסן ווערן דעקאָרירט. און אויפן מאַרק־פּלאַץ, זע איך, שטעלט מען צוזאַמען אַן ארענע פאַר אַ צירק און בודעס פאַר פאַרשידענע פאַרווײַלונגען. אין אַפּאָר טעג אַרום קלייבט מען זיך פייערן דעם קירכליכן „קאָרפּוס־קריסטי״ יום־טוב. פון פאַרשיידענע טיילן לאַנד, און אפילו פון דער פרעמד וועלן זיך צוזאַמענפאָרן טויזנטער געסט קיין גראַנאַדאַ, וואו די קאָרפּוס־קריסטי־פּראָצעסיע איז — נאָך די טאַלעדאָ׳ער — די איינדרוקספולסטע אין גאַנץ שפּאַ־ניען. און דאָס גרייט מען דאָס צו פאַרשיידענע גאַסן־פאַרווײַלונגען פאַר די אָנגעקומענע און אייגענע צושויער.

דער שפּאַניער נעמט טאַקע זיין רעליגיעזיטעט גאַנץ ערנסט און פון טיפן הארצן. ער פאַרגעסט אָבער נישט צו דעם צוצומישן אַ געוויסן גראַד פון ציניזם. ער האָט זי ליב צו נעמען מיט לייכטקייט און אַ שמייכל אין די פינקלענדיקע אויגן.

איך שפּאַציר נאָך געמיטלאַך איבער דעם געפּלאַסטערטן און מיט בלומען־געצירטן קאָלאָמבוס־וועג, אַ ברייטע מאָדערנע אַוועניו, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער פּראַכטיקער מאָנומענט, וואָס שטעלט פאָר ווי קאָלאָמבוס ווייזט זיינע רייזע־פּלענער פאַר דער זיצנדיקער איזאַבעלאַן. איך פאָר נאָך אויף דעם קליינעם טראַמוויי, וואָס באַ־וועגט זיך אַזוי לאַנגזאַם און פרעמד איבער די אַלט־ און ניי־גראַ־נאַדישע געסלעך, און קער זיך צופוסנס ווידער אום דורך די שמעקנ־דיקע אַלייען צו זיך אַהיים אויף דעם אַלהאַמבראַ־באַרג.

שעה׳ן אין פאַרחלומטן שלומער פאַרבראַכטע אין די אַרדאַוועס־נערטנער אַרום דער פּלאַזאַ פון ציסטערנעס, און אין דער „גענעראַלי־פע״ — אָט דער צויבערלעכער קעניגלעכער גאָרטן, וואָס סולטאַן אַמאַר האָט אויסגעפּלאַנצט אויף דער אַלהאַמבראַ. ס׳איז געווען דער גאָרטן

פון טאַנץ, דער גאָרטן פון שפּיל, וואָס האָט געדינט אַלס זומער־רעזידענץ פאַר די מורישע מאַנאַרכן. נאָר אפשר די קעניגליכע גערטנער פון אַלקאַזאַר אין סעווילען קענען זיך גלייכן צו דעם דאָזיקן. אָבער די אַלע אַלייען פון ציפּרעסן און צעדער־ביימער, די טיראַסן פון רויזן, זשעראַניעס און העליאָטראָפּ, וואָס פלעכטן זיך דאָ אויס אין אַ סימפּאָניע פון בלומען־קאָלירן, זיינען דאָ נאָך באַחנט מיט דעם כישוף פון די פילפאַרביקע און בלוטיקע לעגענדעס, מיט וועלכע גראַנאַדאַ איז אַזוי פול.

און ווידער אַמאָל וואַנדערונגען איבער דעם ציטאַדעל מיט די פאַרשיידענע טורעמס, וועלכע זיינען פול מיט דראַמאַטישע אָפּקלאַנגען, און שמעקן מיט מורא און טויט. און ווידער צוריק אין דעם „אַלהאַמבראַ"־פּאַלאַץ. ווידער אַמאָל שעה'ן פון פאַרגעסנקייט און פאַרביקע חלומות.

דיר ווערט קלאָר די אויפשריפט אין „זאַל פון די שוועסטערן" —

„אין דעם אָרט קען די נשמה חלומען פון גליק. איך ביז דער גאָרטן, וואָס נעמט טעגלעך אָן נייע באַצירונגען. טראַכט זיך אריין אין מיין שיינקייט און דו וועסט קענען באַמערקן די ענדערונגען".

דיר ווערט אויך קלאָר פאַרוואָס די מורן פון גראַנאַדאַ האָבן באַטראַכט זייערע קעניגן, וואָס האָבן געבויט די אַלהאַמבראַ, פאַר כישוף־מאַכער, וועלכע האָבן געקענט באַווייזן דעם נס צו באַשאַפן אַזויפיל שיינקייט.

דו פילסט מיטן גאַנצן האַרצן דעם לויב און דעם דאַנק, וואָס די מורישע סולטאַנען האָבן פאַראייביקט אין די אַראַבעסקן פון דעם מירטעלן־הויף:

„ווען די פינקלענדיקע שטערן ציטערן, איז עס אויס מורא פאַר דיר. און ווען דאָס גראָז אין פעלד בויגט זיך, איז עס דיר צו געבן אַ דאַנק".

דיין גאַנץ געמיט איז אָנגעפילט מיט טיפער גליקזעליקייט איצט אין דעם „הויף פון די אָראַנזשן". ער איז איצט אַ פּליסיקער, אַ שווימענדיקער, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין דעם רינצלענדיקן וואַסערבעקן צווישן די מאַרמאָרנע שוועלן. די גאָלדענע פישלעך קומען צו

און שפּילן זיך ביי די ראַנדן, און בלעזלען דאָס וואַסער. שטיל באַוועגן זיך די אָראַנזש־ביימלעך. ווי אַ פּאַרקלערטקייט הערט זיך פון זיי. די זון זעצט זיך. אַ שאָטן פון אַ פויגל פליט איבער דער נאָך ליכטיקער וואַנט. אים אַליין זעסטו נישט, אָבער ווי דו וואָלסט געפילט דעם ווינט פון זיין פליגל געפאָך. שוואַלבן צוויטשערן. און אַזאַ איינשלעפערנדיקער האַלב־דרימל נעמט דיך אַרום ביים צופאַלן פון אָוונט אין דער „אַלהאַמבראַ", דעם פּאַלאַץ פון כישוף און חלום . . .

טאָלעדאָ

אַ רויט־געלבלעכער, דרייעקיקער מאַרק־פּלאַץ. אַ רוי־גליענ־דיקע זון. אַ געפּלאָנטער פון מענטשן, אייזלען און מויל־אייזלען. פאַרשיידנפאַרביקע געוואַנטן און סחורות. ביזאַרע געשטאַלטן און גרופּן. ברוין־פאַרברענטע לייבער און פּנימער. די משונהדיקסטע טראַכטן און קאָלירנדיקסטע קליידונגען. און דאָס אַלץ טוקט זיך אין דעם אוירען־פאַרטויבנדיקן געברויש פון די אַזוי פרעמדע אָרי־ענטאַלישע אויסרופן און אויסגעשרייען. דאָס אַלץ וויגט זיך אין דעם לעבעדיקן טומל פון די אַראַבישע אויסגעזונגענע ווענדונגען פון פאַרקויפער און קויפער. עס בלאַנקט פאַר די אויגן. עס בלענדט אין מוח. וואו געפין איך זיך? וואוהין בין איך פּלוצים אַריי־געפאַלן? האָט מיך מיין „מאַגישער טעפּיך" אויף דעם וואונדער־לעכסטן אופן פאַרטראָגן אַזש קיין באַגדאַד? בין איך ווי דורך אַ נס פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ מאַרקפּלאַץ ערגעץ אין קאַאיראָ? אָט בין איך דאָך ערשט נישט לאַנג, בלויז מיט איבער אַ שעה צו־ריק, אַרויסגעפאָרן פון דעם אַזוי עכט אייראָפּעאישן, מאָדערנעם מאַדריד?

ס'איז די „פּלאַזאַ דע זאָקאָדאָווער", דער אַלטער אַראַבישער מאַרק־פּלאַץ אין דער אַלט־היסטאָרישער טאָלעדאָ, דאָס „האַרץ פון שפּאַניען", די „קעניג שטאָט" פון אַלטן קאַסטיליען.

נישט געקוקט אויף מיין צוגעגרייטקייט אויפצונעמען די פאַר־איינזאַמט־מעלאַנכאָלישע שטאָט, איז אָבער מיין איבערראַשונג אי־בערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען באַלד ביים אַראָפּקומען פון קליי־נעם באַן־הויף. ווען איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דעם אויטאָ־בוס, וואָס האָט מיך און אַנדערע פּאַסאַזשירן מיט אַ שטאַרקער שנעלקייט געפירט באַרג אַרויף צו דער אַלטער פעסטונג־שטאָט. דער

וועג אַרויף איז אַזוי שווידערלעך שיין און אויג־פאַרכאַפּנדיק מיט זיין שטרענגקייט, אַז מען קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. מען ווייסט נישט אויף וואָס פריער דעם בליק צו פאַרפיקסירן. דער שליאַך דרייט זיך און בויגט זיך אַלץ העכער איבער רויטלעך־ברוי־נע פעלזן צווישן שטיינערנע פאַרענטשעס. פאַר די אויגן טויכן אויף באַהאַלטענע באַסטיאָנען און חורבות פון פעסטונגען, וואָס הויכן זיך איבער דעם שטרענגן, צורינצלטן טאָל. די לאַנדשאַפט איז מאָגער און צעריסן. אין דער הויך, איינגעראַמט אין אַ ברייט צו־ליכטיקטן הימל, און באַזוימט מיט דעם ברוין־ליימיקן שטראָם פון טאַגוס־טייך, וואָס רינגלט אַרום איר פעלזיקן פונדאַמענט, ליגט שווייגנדיק־שווערלעך, אין מאַיעסטעטישער איינזאַמקייט, טאָלעדאָ. דורך דעם דורכזיכטיק־גאָלדענעם שטויב, וואָס הויבט זיך איבער דעם וועג באַרג אַרויף, זעט זי אויס ווי אַ פאַנטאַסטישע צויבער־שטאָט. און מיט אַמאָל גיט זיך ביים העכסטן אומדריי אַ באַוויז דער אַלט־מורישער פעסטונג־טויער, דורך וועלכן מען יאָגט זיך שנעל דורך. מען ציט שנעל פאַרביי די שטיינערנע אַלקאַנטראַ־בריק. אונזער אויטאָבוס גיט זיך אַ שאַרפן פאַרדריי אין אַ שווינד־לענדיקן צי באַרג אַרויף. ער גיט זיך פּלוצים אַ האַסטיקן שטעל אָפּ אין דעם וואָלקן־שטויב אויף דער מיט קופּערדיקער זוניקייט פאַרגאָסענער „פּלאַזאַ דע זאָקאָדאָווער”.

ס'דויערט אַ שווערע ווײַלע ביז דו קענסט קומען צו זיך און צוריק געווינען דיין זעלבסטבאַהערשונג. קענסט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם עכט־מזרחדיקן איינדרוק, וואָס אָט דער אַלטער אַראַבישער מאַרק־פּלאַץ מאַכט אויף דיר. כאָטש די פאַר־שיידענע קאַפע־הייזער, וועלכע געפינען זיך אין די אונטערשטע שטאָקן פון די מויערן אַרום זיינען עכט אייראָפּעאישע, און אַרום זייערע, אויף די טראָטוארן אויסגעשטעלטע טישלעך זיצן די טרינ־קערס גאַנץ גרויסשטאָטיש אייראָפּעאיש, איז אָבער דער מאַרק דורך און דורך אָריענטאַליש. אָט ווי אין דער צייט, ווען די שטאָט איז נאָך באַהערשט געווען פון די ברוין־הויטיקע ,שוואַרץ־אויגיקע, וויס־צייניקע אַראַבער.

עס זיינען אויף אים ניטאָ קייןביידלעך. די פאַרשיידנקאָלירנ־דיקע סחורות ליגן אויסגעלייגט אויף דער ערד, אָדער הענגען אויף שטענגלעך. דער האנדל גייט אָן פריי און זינגענדיק. דאָ און דאָרט זיינען צווישן צוויי שטעקנס פאַרצויגן קאָלירטע פלאַכטעס, וואָס שאַפן אַ שטיקל שאָטן און שוץ קעגן דער ברענענדיקער זון. אָבער מען באַנוצט זיך מיט זיי זעלטן. אין די זייטן, וואו ס'איז נאָר מעגלעך און נישט מעגלעך ליגן האלב נאַקעטע מענטשן מיט די פאַרברוינטע פנימער אַנטקעגן דער זון, און זיינען פאַרזונקען אין שווערן, הנאהדיקן שלאָף. אָבער קיינער קומערט זיך ניט וועגן זיי און זיי זיינען קיינעם ניט אין וועג. ווען מען דאַרף שפּרייזט מען זיך גאַנץ געמיטלעך אַריבער איבער זיי. אויך דער טרעפּן-אַראָפּ־גאַנג דורך דער „אַרקע פון קריסטוס בלוט" איז באַלייגט מיט שמאַ־טעדיקע מענטשן, וואָס שלאָפן זיך געמיטלעך צווישן די אייזעלעך, וועלכע שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אָבער מען דאַרף נישט זיין לאַנג אין טאָלעדאָ זיך צו איבער־ציינגן, אַז די „פּלאַזאַ דע זאָקאָדאָווער" איז בלויז אַן אויסנאַמס פּלאַץ אין לעבן פון טאָלעדאָ. איינער פון די פאַרשיידענע קאָנ־טראַסטן, מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך אַזוי אָפט אין שפּאַניען. די לעבעדיקייט דאָ איז דער היפּוך צו דער געצווימטער איינגעהאַלטנ־קייט און פאַרשלאָסנקייט, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך טאָלעדאָאיש. דאָ אויף דעם אַלט־אַראַבישן מאַרק האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער טומל און וואַכעדיקייט פון דער אַלט-יחסנותדיקער קעניג־לעכער שטאָט, וואָס לעבט איצט אָפּגעזונדערט און אין זיך פאַרטאָן מיט אירע גליקלעכע און טרויעריקע זכרונות.

מען דאַרף נאָר אָפּגיין עטלעכע שפּאַן פון דעם זאָקאָדאָווער־פּלאַץ, בלויז דורכשפּאַצירן די קורצע, משופּעדיקע „קאָמערציאַ"־גאַס, ווי מען פאַלט אַריין אין דעם גאַנצן געפלעכט פון די מיטל־אַלטערלעכע, קרומע און בלינדע געסלעך, וועלכע פאַרלירן זיך איינס אינם אַנדערן אַריין ,און ציען זיך איינס איבערן אַנדערן אַריבער — דאָס אמתע אויפגעהאַלטענע, און ווי פאַרגליווערט געוואָרענע טאָ־לעדאָ.

זי באָדט זיך אין מזרחדיקער, גליאיקער זוניקייט, אָבער ס'ברענגט איר ליכטיקייט נישט קיין פרייד, נאָר טיפע אומרו. ס'שטראָמט פון איר מיט אַזויפיל טרויערדיקער סודותדיקייט. ס'איז איר צעליכ־טיקטקייט מיט אַזאַ שווערער מעלאַנכאָליע דורכגעוועבט. טאָלעדאָ וויל נישט שפּילן די ראָלע פון אַ יורד. זי גיט זיך נישט אונטער אין איר געפאַלנקייט. זי איז נאָך אַלץ ביי זיך די קעניג־שטאָט — אין איר האָבן געהאַט זייערע רעזידענצן סיי דער וויסגאָטישער וואַמבאַ, סיי דער קריסטליכער אַלפאָנזאָ דער זעקסטער. זי איז געווען דער טריאומף־פּלאַץ סיי פון די גאָטן, סיי פון די מורן, סיי פון פּעדראָ דעם אכזר, און מער פון אַלעמען פון דעם קאַלירפולן לעגענ־דאַרן „סיד”. טאָלעדאָ קען זיך נישט אָפּזאָגן פון איר גדולה. זי האָט זיך בלויז אָפּגעזונדערט אין איר מאַיעסטעטישער דערהויבנ־קייט און פירט זיך איר איינגאַרטיק און אָפּגעשלאָסן לעבן. זי האָט איר טרויער ווי אַ צירונג־שלייער אויף זיך אָנגעטאָן. אָבער עס פּאַסט איר איר אַלטע צערינצלטקייט, ווי די צעאַקערטע קנייטשן אויף אַ פאַרזאָרגטן, יחסנותדיקן שטערן.

די געסלעך אין טאָלעדאָ זיינען שמעלער ווי די פון קאָרדאָוואַ. זיי שמעקן נאָך מער מיט מורישער אָפּגעשלאָסנקייט. זייערע ווענט האָבן ווייניקער פענצטער צום דרויסן אַרויס. און די וואָס זיינען דאָ, זיינען מער אין די אויבערשטע שטאָקן און מער פאַרגראַטירט. דערצו גייען נאָך די געסלעך שטאַרק משופּעדיק, כסדר באַרג אַרויף. אָבער דאָ און דאָרט טרעפסטו ווידער אַמאָל אָן אויף אַ שטאַכייטן־טיר, אָדער געעפנטן טויער, וואָס לאָזט דורך זיך אַרויסקוקן אַ דער־קוויקנדיקע, מיט צאַרטקייט און פּאָזיע פולע פּאַטשיאָ.

ווי די געסלעך אין סעוויל שאָטענען זיי אויך דאָ אין זיך אָפּ־קלאַנגען פון גרויסע נצחונות, מערדערלעכע אינטריגעס און קאָליר־פולער ראָמאַנטישקייט. און פּונקט ווי אין גאַנץ שפּאַניען איז דאָ נאָך פאַרבליבן די גרויסע ליבע צו פּיטאָרעסקע און באַרבאַרישע נעמען. ס'זיינען דאָ: דאָס „געסל פון שיינע קינדערלעך”, דאָס „געסל פון לעבן פון אָרעמקייט”. דער „קליינער סקווער פון היי־ליקן יאָהאַן דעם בעל־תשובה”. דאָס „געסל פון די קליינע שפּיל־קעלעך” — ווייל די מיידלעך, וואָס בעטן דאָ צו דעם הענגענדיקן

בילד פון דער הייליקער מוטער, שטעקן אהין אריין שפּילקלעך, זי זאָל זיי באַשערן מיט גוטע חתנים.

עס פעלן אויך נישט קיין נעמען, וואָס זאָלן דערמאָנען אָן אונזער אַזוי בלוטיק־שיינעם לעבן אין דער אַלטער קעניג־שטאָט. אָט איז דאָס „גאַסל פון ברונעם פון ביטערניש". — רחלם פאָטער האָט דערשטאָכן דעם קאַסטיליאַנישן יונגנמאַן, וואָס האָט געוואָלט מיט איר אַנטלויפן. איין אָוונט האָט די שיינע אידישקע געזען דאָס פנים פון איר געליבטן אויפן דעק פון ברונעם פאַר זייער הויז, און האָט זיך אהין אַרונטערגעוואָרפן. דאָס וואַסער איז געוואָרן ביטער ווי די ביטערניש פון אירע טרערן . . .

ס'איז שווער געווען זיך צו דערקלערן, פאַרוואָס מער ווי ערגעץ אַנדערש, ווערט מען אין טאָלעדאָ געפאַנגען אין דעם צאַרט־טרויעריקן געוועב פון פאַרגאַנגענעם אידישן לעבן דאָ. זאָל עס זיין דערפאַר, ווייל מער ווי אין אַנדערע שפּאַנישע שטעט האָבן זיך דאָ אויפבאַהאַלטן און גאַנץ געבליבן בולטע סימנים פון אונזער אַזוי רייכער פאַרגאַנגענהייט? אויף שריט און טריט שטויסטו זיך אָן אויף זיי, ווי אויף ווייטיקדיקע, נאָך לאַנג נישט פאַרהיילטע וואונדן.

אָט קומט דיר אַנטקעגן אַ קליינע פּלאַזאַ. לייענסט איבער:

„קאַזשע דע לאַ קאַרצעל דע לאַ הערמאַנדאַד" — די גאַס פון דער אינקוויזיציע־תפיסה. דו דערזעסט פאַר זיך די „פּאָסאַדאַ דע לאַ הערמאַנדאַד" — דאָס אינקוויזיציע הויז . . . דאָס האַרץ ציטערט אויף . . . אַ קליינער כמורנער פּאַסאַד. עטלעכע גראַניט־זיילן. איבער זיי אַ פאַרגראַטירטע פענצטער. אַ שווערער טויער מיט אייזן באַשלאָגן. אין אים אַ פּיצעלע פענצטערל מיט גראַטעס פון דרויסן און אינווייניק. אַ נידעריקע טיר. עס הויכט מיט שרעק.

אַריינגיין? . . .

אַ גרויסער, טונקעלער פירהויז באַליינגט מיט שמוץ און פערדןמיסט. אַ סטאַדע הינער פּיקן דאָס אָפּפאַל. אייזעלעך קייען מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַ גרופּע טונקל געקליידטע פרויען זיצן גלייכגילטיק און עסן פויל שטומערהייט. די פענצטער זיינען מיט אייזערנע גראַטעס. לעכער אין אַלע זייטן. פינצטערע טרעפּ פירן אַראָפּ אין

די קעלערן. וואָס פאַר אַ גרויל און עלנט. שרעק יאָגט פון אַלע ווינקלען. דער טויט שרייט דאָ פון יעדן לאָך.

איך פּרוביר אַראָפּלאָזן זיך אויף איינעם פון די וועגן, וואָס פירן אין קעלער אַראָפּ. איך צינד אָן אַ שטיקל ליכט. אַ קליינער אייזל, וואָס האָט דאָרט געגראָבן אין טיף־אַנגעוואָרפענעם מיסט, אַנטלויפט דערשראָקן. דאָס האַרץ פאַלט ביי מיר אַרויס . . . די ווענט אין די קעלערן זיינען צעקראַצט. אפשר מיט די נעגל פון די מאַרטירער. פּיין . . . פּיין . . . און אָט איז אין איינעם פון די פינצטערע קאַמערן דער ברונעם, וואו מען פלעגט אַרונטערלאָזן אין וואַסער אַריין די פאַרפּייניקטע, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרשווינדן מען זאָל ניט וויסן, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. די פרוי, וואָס פירט מיך, דערציילט מיט אַ דערשראָקן קול, ווי יעדע נאַכט הערט מען פון דעם טיפן ברונעם דאָס יאָמערן פון די קרבנות: אוי . . . אוי . . . אוי . . .

זאָל זיין, אַז זי גלויבט אַליין אין אירע רייד. זאָל זיין, אַז דאָס דערציילט זי פּשוט נאַאיוו דעם לעגענדאַרן נוסח, וועלכער ווערט צוגערייט פאַר פרעמדע באַזוכער. איך גלויב עס איר. איך גלויב עס איר פון דער טיפעניש פון מיין נשמה.

און צי דען נאָר דורך די נעכט גייט אויף דער מאַרטירער־געיאָמער פון דער ברונעם־טיפקייט? הער איך אים דען נישט איצט? פילט ער דען נישט אָן מיין געמיט מיט גרויל און שווי־דער? מיין קערפּער איז איינגאַנצן אין קאַלטן שוויים איינגעטונ־קען. עס ווערט פינצטער אין די אויגן. און צי ווייזט זיך מיר בלויז אויס, אַז די געוועלבטע, מיט פּחד דורכגענומענע ווענט דריקן זיך צוזאַמען און שטיקן מיך?

אַרויס. אַרויס פון דעם צערפולן, פאַרשאָלטענעם אָרט. איך מוז ווידער אָטעמען פרייע לופט. — — — — — — — — — — — — — —

וואָס פאַר אַן אָפּפרישונג. וויפיל לייכטקייט און ליכטיקייט פאַרן געפּייניקטן געמיט. ליכטיק־ציכטיקע, אויסגעקאַלכטע ריי־נע ווענט פון מויערן, וואָס זיינען אין זיך אַריין פאַרמויערט, אָן

פענצטער כמעט, רינגלען ארום א גרויסן, רחבותדיקן פּלאַץ. עט־לעכע צעוואָרפענע בוימלעך ארום אַן אויסגעקאַלכטן מורישן ברו־נעם. אַלץ איז באַגאָסן מיט אַ שמעקעדיקער ווייסקייט.

ס׳איז די „פּלאַזאַ דע לאַ כודעריאַ״. דער פּלאַץ פון דעם אידן־קוואַרטאַל. די אידישע געטאָ.

ווי אַנדערש איז זי דאָ פון דער געטאָ אין קאָרדאָווע. וויפיל אָפענער און אפילו איינלאַדנדיקער. איך ווייס נישט צי איז זי שטענדיק אַזוי געווען. מיר איז נישט באוואוסט צי האָט זי ניט געענדערט איר אויסזען פאַר די פיר הונדערט יאָר, וואָס דאָס אידי־שע לעבן איז פון איר פאַרשניטן געוואָרן. אָבער דאָס איז זיכער אַז אין יענע ווייטע צייטן פון אידישן קאַמף און גדולה, פון אויפ־בלי און מאַרטירערטום, איז זי נישט געווען אַזוי שטיל און איינזאַם, ווי איצט. מען זעט קוים אַ מענטשן דאָ אויף דער „פּלאַזאַ דע לאַ כודעריאַ״. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ יונג מיידל אָדער אַן עלטערע פרוי פון ערגעץ אַ זייטן־געסל, דערנענטערט זיך צום ברו־נעם, שעפּט אָן וואַסער, און פאַרשווינדט שטיל און באַזאַכט אַהין פון וואַנען זי איז געקומען.

אויף אַ געמויערט ווייס טרעפּל זיץ איך. אָנגעשפּאַרט אָן אַ ווייסער צעליכטיקטער וואַנט, אונטער דער שפּעטער נאָכמיטאָג-זון. איך פאַרמאַך די מידע אויגן. גאָלדענע פעדעם שימערירן און גלאַנצן פאַר די פאַרשלאָסענע אויגן-לעדלעך. פעדעם, וואָס וועבן אוים די וואונדערלעכסטע, גאָלדיקסטע אוזאָרן און אַראַבעסקן פון אַ לעבן אַ לאַנג פאַרגאַנגענס, וועמענס אָפּקלאַנגען און עכאָס וויב־רירן נאָך אַזוי מעלאַדיש און האַרציק. עס שפּינען זיך ווי כישוף־געוועבן, וואָס הילן איין דיין נשמה מיט אַזאַ צאַרטער בענקשאַפט. עס ווערן לעבעדיק געשעענישן און מענטשן, וואָס האָבן אָט די געטאָ־ווענט אָנגעפילט. און איבער אַלעמען וועבט זיך די טראַ־גישע דיכטער־פיגור פון אפשר דעם אימפּאָזאַנטסטן און אייגנאַר־טיקסטן אברהם אבן עזרא. אפשר דער שאַרפסטער אויסדריקער פון שפּאַנישן אידישן גייסט און געמיט. דער וואָס האָט פאַרקער־פּערט אין זיך דעם גאַנצן געקנויל פון סתירות און קאָנטראַסטן, וואָס זיינען דער מהות און דער סוד פון דער שפּאַנישער נשמה.

טיפע רעליגיעזיטעט דורכגעקרייצט מיט דער עקסטרימסטער פריי־גייסטיקייט. שארפער שכל הישר געמישט מיט טונקעלן מיסטי־ציזם. פּאָעט און וויסנשאפטסמאן. פילאָזאָף און אַסטראָלאָג. אי־בער דער געטאָ דאָ איז ער אומגעגאנגען. דאָ האָט ער איבערגע־לעבט די טעג פון זיין גרויסן צער און טיפער אנטוישונג. איך וויל זיך זיין בילד אין מיין דמיון אויסמאָלן. אָבער די גאָלדענע פּע־דים פאַר מיינע פארמאכטע אויגן וויגן זיך און מישן זיך איבער. זיי בלענדן און לאָזן ניט שאפן קיין גאנץ געשטאלט. לאָזן ניט טראכטן קיין גאנצע געדאנקען. אַלץ איז אָפּגעהאקט, אָפּגעריסן. ווער ווייסט, ווי לאנג איך בין נאָך אזוי געזעסן איינער אליין אין דער איצט איינזאמער, ציכטיקער און ווייס־שמעקנדיקער טאָלעדאָ־ער אידישער געטאָ.

א טעאטער פאָרשטעלונג אונטער דעם פרייען אָוונטיקן טאָ־לעדאָער הימל . . . איז עס געווען מיין גוטער מזל צו קומען פּונקט, ווען די קליינע קעניג־שטאָט איז באזוכט געוואָרן פון א וואנדערנ־דיקער טעאַטער־טרופּע, וואָס האָט דאָ געגעבן בלויז איין פאָר־שטעלונג?

טעאַטער אין שפּאניען. דעם אמת געזאָגט בין איך שטיל אין הארצן געווען אַביסל אנטוישט פון דעם, וואָס מיר איז אויס־געקומען צו זען אין מאדריד, אין סעוויל און בארצעלאָנע. די טרופּעס פון איזאבעלאַ באראָן, פון ראָסי קאלוואָ, פון כאָסע כואן קאַדענאַס, און אפילו דאָס קונסט־טעאַטער פון סיערא, האָבן מיך געלאָזט קאלט און אומבאפרידיקט. פיינע גרויסשטעטישע טעאַטערס, וואָס זיינען זעלטן שפּאניש. סיי די פּיעסן, סיי די שוישפּילער און סיי די אויפפירונגען קענסטו זען אויף יעדער בינע אין פאריז, בער־לין אָדער נויאָרק. ס'האָבן ביי מיר אפילו ארויסגערופן א שמייכל די גאנץ נעטע פארזוכן פון „מאָדערניסטישע” אויפפירונגען אין מאדרידער „טעאטראָ עספּאניאָל”. מיר האָט זיך אַלץ געוואָלט זען עבּט, אמתדיק און אפילו אַלט שפּאניש טעאַטער. און כ'בין געווען גליקלעך איבערראשט צו פארבלאָנדזשען אויף מיין אָוונטיקן שפּאַ־

ציר אין א זייטיקן גאָרטן, נישט ווייט פון דער אַלקאַנטראַ־בריק, וואו הונדערטער שפּאַניער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען זען א פּאָר־שטעלונג אונטערן פרייען הימל.

אויף אַן אימפּראָוויזירטער צונויפגעקלאַפּטער בינע, באַדעקט און באַהאָנגען מיט קאָלירטע טעפּיכער און בונטע פוירהאַנגען. באַלויכטן — כ׳וויים נישט צי פון די שוואַכע עלעקטרישע לעמפּלעך, פון די פינקלענדיקע שטערן אין בלאָען אָוונטיקן הימל, אָדער גאָר פון די שטראַלנדע אויגן פון די אַנטציקטע טאָלעדאָער צושויער — אויף דער בינע האָבן געשפּילט, געטאַנצט און געזונגען אָט די פלינקע, וואַגאַבונדישע טרופּע־אַקטיאָרן מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ פרישקייט און מיט אַזאַ ברען, אַז עס האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ און די נשמה. אַלץ איז געווען אַזוי פריידיק עכט ,אַז דער גאַנצער פּשוטער עולם אין זייערע פּשוטע, טאָג־טעגלעכע קליידער, איז אָנגעשטעקט און מיטגעריסן געוואָרן מיט דער התלהבות, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אָט דער נישט גרויסער, אימפּראָוויזירטער בינע אַראָפּ. ס׳האָט זיך ניט געפאָדערט קיין שום אָנשטרענגונג צו דערפילן, אַז דאָ האָסטו פאַר זיך פרייע וואַגאַבונדן, וואָס ציען נאָך זייער גאָלדענעם אָפּשטאַם פון יענעם ערשטן וואַגאַבונד־אַקטיאָר־דירעקטאָר לאָפּע דע רועדאָ, וועגן וועלכן סערוואַנטעס דערציילט, אַז זיין גאַנצער טעאַטער־באַגאַזש און אַלע אַקסעסואַרן פאַר זיינע אויפפירונגען איז באַשטאַנען פון א זאַק מיט פיר מאַנטלען, באַזוימט מיט באַגילדטע לעדער, פיר פּאַרוקן און בערד, און פיר שעפער־שטעקנס. זיין בינע — פיר בענק אויסגעשטעלט אין א פירעק, באַלייגט מיט עטלעכע ברעטער. די אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פון א קאָלדרע, וואָס מען האָט מיט א שטריק פאַרצויגן אָן א זייט . . . די גאָלדענע צייט, ווען טעאַטער־אילוזיע איז נאָך ניט געווען די אויסשליסלעכע שאַפונג פון דעקאָראַטאָר און עלעקטראָטעכניקער, נאָר דער קנין און די אויפגאַבע פון דעם עכטן, גאָט-געבענטשטן אַקטיאָר.

און אָט צעגיסט זיך, ווי אַן אָפּפרישנדיקע כוואַליע איבער דעם גאַנצן גאָרטן־אוידיטאָריום, אַזאַ העלער קאַסקאַדישער געלעכטער. אויף דער בינע שטייט עפּעס א לצ׳עוואַטע פיגור אין א העל-געקעסטלטן, פאַנטאַסטישן קאָסטיום. איך זיץ ווייט אַוועק און קען

דייטלעך ניט זען זיין פנים. ער דערציילט עפעס. און פון זיין יעדער פראַזע, פון זיין יעדער אינטאַנאַציע, פון זיין יעדער פלינקער, משונהדיקער באַוועגונג, מיט וועלכער ער באַגלייט זיין דערציילן, טראָגט זיך אַזויפיל אָנשטעקנדיקער געלעכטער, וואָס האַלט דעם גאַנצן עולם אין איין ווייגנדיקער קראַמפּהאַפּטיקייט. כ׳באַמערק אַליין ניט, ווי כ׳ווער מיטגעריסן און באַוועג זיך מיט צוזאַמען מיט דעם קייכנ־דיקן עולם.

איז עס דען נישט דער אַזויפיל באַשריבענער Gracioso — דער קאָמישער פּאַרשוין פון לאָפּע דע וועגאַס טעאַטער־ברעטער?

באַלד אָבער ענדערט זיך די גאַנצע שטימונג און דאָס אויס־זען פון דעם גאָרטן־עולם. עס קומט דער הויפּט־מאָמענט פון דער פאָרשטעלונג. די בינע איז איצט ווידער פאַרנומען מיט דער קליי־נער טרופּע אַקטיאָרן, וואָס זיצן אויסגעזעצט און באַגלייטן זייער חבר, וואָס טראָגט פאָר מיט אַזויפיל האַרצרייסנדיקער מתיקות די שפּאַנישע פלאַמענקאָס, אָן וועלכע קיין טעאַטער־שטיק פאַרן פּשוטן פאָלק קען זיך נישט ענדיקן.

ס׳איז אַצינד אין טיפן שווייגן און אין מוראַדיקער פאַראינטע־רעסירטקייט פאַרזונקען יעדער איינער פון די צוהערער, וואָס שלינגט סיי מיט די אויערן, סיי מיט די אויגן, ווי מיט יעדן פיבער פון דער נשמה אָט די קורצע, זיך ציקלענדיקע קאָפּלאָס:

טיף אין מיין נשמה רוען צוויי קיש —
פאַרגעסן וועלן זיי קיינמאָל נישט זיין.
דעם לעצטן האָבן מיין מוטערס ליפּן אָנגעפּרעסט,
דעם ערשטן האָב איך געגנבעט פון דיר.

אויב די זון וויל אויפגיין זאָל זי אויפגיין,
אָבער טאָמער נישט, זאָל זי תמיד ליגן באַהאַלטן.
ווייל די ליכטיקייט פון מיין באַליבטערס אויגן
שטראַלט אויס ווי די זון האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן.

פאַר דיינע ברעמען די שניי־פלעקלעך
איילן פאַרביי און זאָגן:

וואו מיר זיינען נישט נויטיק
צו וואָס זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן ?

ס'איז שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט. (טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שפּאַניען הויבן זיך תמיד אָן נאָנט צו האַלבער נאַכט) פון די אַרומיקע, אין דער פינצטער ליגנדיקע, טאָלן קומען אָן אַזעלכע לייכטע ווינטעלעך און גלעטן דאָס פאַרפלאַמטע פּנים, ווען איך גיי צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע איבער די טונקעלע טאָלעדאָער געסלעך אַהיים פון דער זאָנדערבאַרער פאָרשטעלונג, אין דעם פאַרוואָרפענעם גאָרטן אונטערן פרייען הימל. כ'בין אַזוי פיל מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אָט דער וואַגאַבונדישער, גאַסטראָלירנדיקער טעאַטער־טרופּע, וועמענס נעמען איך האָב, צוליב דעם וואָס זיי האָלטן נישט פון קיין טעאַטער־פּראָגראַמען, אפילו נישט פּרובירט אויסצוגעפינען. ווייל — איז עס דען נישט אַלץ איינס ?

אויף מיין איינפאָר־הויז, וואו כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט, דערוואַרט מיך אַ שטיקל איבעררעשונג. ווען כ'בין אין דערפרי אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ, איז מיר אוממעגלעך געווען צו קריגן אַ צימער אין איינעם פון די עטלעכע קליינע האָטעלן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר טוריסטן. מאָרגן איז יום-טוב. „קאָרפּוס קריסטי". עס זיינען זיך אָנגעפאָרן הונדערטער פרעמדע, וואָס האָבן נאָך געהאַט פון פריער רעזערווירט יעדעס פרייע צימער, וואָס איז נאָך געווען צו קריגן. באין ברירה האָב איך געמוזט זיך לאָזן נעמען אין אַ פּשוטן איינפאָר-הויז, וואו מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גאַנץ גערוימען ווייסן צימער. נישט געקוקט וואָס אַלע פיר ווענט האָבן געהאַט קליינע פענצטערלעך אין דער הויך צום באַלקן צו, איז אין צימער געווען טונקל, ווייל די שטאָרן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט. געמיינט האָב איך, אַז דאָס איז, ווי אומעטום אין שפּאַניען, כדי די ברענענדיקע זון־שטראַלן זאָלן בייטאָג ניט קענען אַריינקומען. כ'האָב זיך אָבער געפילט אין אַ מאָדנער לאַגע ווען כ'בין אַהיימגעקומען ביינאַכט, אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפּל, דערזען די אויפגעהויבענע שטאָרן פון די אָפענע

פענצטערלעך, און דערפילט, אַז איך בין נישט אַליין — די פענצטער זיינען נישט ארויסגעגאַנגען אין דרויסן, נאָר אין אַנדערע חדרים, מיט וועלכע מיין צימער איז געווען ארומגערינגלט. פון דאָרט האָבן זיך פריי און אומגעשטערט געטראָגן די פאַרשיידענע קלאַנגען פון די שווער־שלאָפנדיקע, און נאָך מער די הויכע געלעכטערס און געשפּרעכן פון די, וואָס האָבן נאָך נישט געטראַכט זיך אָפּצורוען. כ׳האָב זיך געפילט ווי אָפּגעשלאָסן אין מיטן אַ מאַרק. מיין צימער האָט נאָך בולטער אָנגענומען די פאָרמען פון אַ שווערן, מיטלאַלטערלעכן חדר. כ׳האָב זיך לאַנג נישט געקענט קיין אָרט געפינען, קוים זיך דערוואַרטנ־דיק אויפן אָנקומען פון מאָרגן, איך זאָל זיך באַפרייען פון מיין איינ־געשלאָסנקייט אין דער מאָדנער קרעטשמע פון מיטלאַלטערלעכן טאָלעדאָ.

דער קלאָרער פרימאָרגן געפינט מיך אויף די איצט באַלעבטע, משופּעדיקע געסלעך פון טאָלעדאָ. עס איז איצט פאַר דער קאָרפּוס קריסטי־פּראָצעסיע, וואָס דאַרף זיך ארום ניין אַזייגער ארויסלאָזן פון דער באַרימטער טאָלעדאָער קאַטעדראַלע, ארומקרייזן איבער די קרומע געסלעך אַראָפּ צום זאָקאָדאָווער פּלאַץ, און ווידער צוריק אין קלויסטער אריין. עס ציען זיך שטראָמען מענטשן פון אַלע זייטן געסלעך איבערן וועג, וואָס פירט צו דער קאַטעדראַלע און צום מאַרק. פון מויער צו מויער זיינען איבערן גאַנצן מאַרשרוט פאַרצויגן די קאָלירטע לייוונטענע טענדידאָס צו באַשיצן די פּראָצעסיע פון דער צו שטאַרקער זון. אַלץ איז פּיבעריש אויפגעהייטערט. עס מישן זיך אויס אין געדראַנג די היימיש־איינגעזעסענע טאָלעדאָער אין זייער נאַאיוו־פּראָווינציעלער יום־טובדיקער פאַרפּוצטקייט, מיט די פרעמדע אָנגעפאָרענע, וואָס זיינען ספּעציעל געקומען בייוואוינען דעם יום־טוב. אפילו די איינצלנע פיגורן פון די פאַרשיידענע גלחים אין זייערע שוואַרצע און רויטע מאַנטלען, און אויך די גרופּעס טעאַטראַל־באַמונ־דירטע „גאַרד אַ סיוויל״, וואָס איילן זיך אין קלויסטער אריין, שאַפן בלויז אַ באַפּיצונג פאַר דער זיך פלאַנטערנדיקער מאַסע. אַלע אויגן דריקן אויס נייגעריקע דערוואַרטונג, און — — — גלייך ווי מיר

וואָלטן דערוואַרט זיך דאָ ווידער צו טרעפן, קומט מיר אַנטקעגן די ליבע אַלטיטשקע מיט דעם צאַרטן מאַריע-מוטער־פּנים.

כ׳האָב זי געכטן גאַנץ פרי באַגעגנט אין באַן־וואַגאָן אויף מיין רייזע קיין טאָלעדאָ. מיר איז אויסגעקומען צו זיצן פּונקט איר אַנט־קעגן אין דער זעלבער אָפּטיילונג פון דעם שמאָלן שפּאַנישן צוג. כ׳בין צוגעצויגן געוואָרן פון איר אויסזען, און האָב שוין דעם גאַנצן וועג נישט געקענט זיך באַפרייען פון איינגראָבן זיך אין איר מיט מיינע בליקן. אַ פיגור, וואָס מען זעט נאָר אויף די אַלט-רעליגיעזע בילדער. אַזוי האָבן די פאַרצייטיקע פרומע קינסטלער זיך פאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון דער צער- און רחמים־פולער מוטער פון געקרייציקטן אויף דער גאַלגאָטע... דאָס דורכזיכטיקע עלפנביין־פּנים צעקאַרבט אין טויזנט מילדע פאַלדן, אויגן פול מיט מיטליידס־פייכטקייט. די פיין צוזאַמענגעצויגענע ליפּן פול מיט גוטסקייט. ווייסע ווייכע האָר. טיפע איינגעפאַלענע באַקן און אויגנגריבער. פון שוואַרצן קלייד צייכנט זיך נאָך שאַרפער דער מאַט-בלאַסער קאָפּ מיט דער שיין־גלייכער נאָז. די הענט בעטנדיקע, צערטלנדיקע. אין גאַנצן אַן אויס־דרוק פון מילדקייט, רחמנות און ליידן... זי האָט געזען מיין שטומע באַוואונדערונג, און אויך אַזוי שטום האָט זי מיר מוטער־לעך־צאַרט צוגעשמייכלט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי איבער דעם גאַנצן וועג. ביז מיין אָנקומען און אויסשטייגן אויף דער קליינער באַן-סטאַנציע האָט איבערגעריסן אָט דעם פיינעם געשפּרעך אָן ווער־טער, וואָס האָט זיך געפירט צווישן אונז, און מיר האָבן זיך צע־שיידט.

און אָט שטייט זי איצט ווידער פאַר מיר. דאָס מאָל שוין אין דער באַגלייטונג פון אירע טעכטער, וועלכע וואוינען מסתמא דאָ אין טאָלעדאָ. זי באַגריסט מיך ליבלעך מיט אירע שמייכלענדיקע, גלעטנדיקע, פייכטע אויגן. גלייך ווי מיר וואָלטן זיך לאַנג געקענט. דאָך ווער איך צעטומלט. אַ וואַרימקייט גיט מיר אַ שלאָג אין האַרץ אַריין. איך נעם גיך אַראָפּ מיין הוט און ענטפער אויף איר באַגריי־סונג. זי גייט מיך ווייך פאַרביי. איך מוז נאָך בלייבן שטיין און איר נאָך לאַנג נאָכקוקן, דער וואונדערלעכער אַלטיטשקער מיט דעם מילדן, צער- און רחמים־פולן מאַריע־מוטער-פּנים, וועלכע שפּאַצירט

איצט אַזוי יום־טובדיק פייערלעך אין איר שוואַרצן שפּאַנישן טראַכט, האַלטנדיק אין די צאַרטע הענט דעם טראַדיציאָנעלן קליינעם, שוואַרצן פעכער און דאָס קליינע שוואַרץ־איינגעבונדענע געבעט־ביכל.

די קאַטעדראַלע איז געפּאַקט. די פאַרשיידענע באַזונדערע קאַ־פּעלעס פינקלען און לויכטן איצט מיט די אומצעליקע וואַקסענע ליכט, וואָס ברענען פאַר די הייליקע פיגורן, וועלכע שטייען אויסגעפּוצטע, גרייט אַרויסגעטראָגן צו ווערן צו דער פּראָצעסיע. יעדע פיגור אַרומ־גערינגלט מיט איר גרופּע גלחים און פאָנען־טרעגער. אין צענטער זיינען אויסגעשטעלט אין רייען און גרופּן די פאַרשיידענע בירגער־לעכע גילדעס און קלויסטער־ברידערשאַפטן געקליידט אין די אַלט־שפּאַנישע טונקעלע קאָסטיומען מיט די ווייסע, ברייטע שפּיצן־קעלנער אַרום די העלזער און פראַנזן אַרום די אַרבל. אין די הענט ברענענ־דיקע לאַנגע ליכט. די ליכט פלימערן, מיניען זיך און וואַרפן לאַנגע, זיך וויגנדיקע שאָטנס, פון וואָס די פיגורן פון די ליכט־טרעגער צע־קרומען זיך, ווערן אומפּראָפּאָרציאָנעל פאַרלענגערט און דיספיגורירט. און אויף דעם מאָדנעסטן אופן שאַפט זיך אַזאַ פאַרכאַפּנדיק לעבעדיק על גרעקאָ־בילד, וואָס נאָר אין דער וויזיאָנערער פאַנטאַזיע פון דעם גרויסן, אומרואיקן מייסטער וואָלט אַזעלכעס געקענט געשאַפן ווערן. איך קען מיינע אויגן נישט אָפּרייסן...

אין גיכן לאָזט זיך די פּראָצעסיע, אונטער די באַגלייטנדיקע טענער פון קירכן־געזאַנג און גלאָקן־געקלאַנג, אַרויס איבער די געס־לעך, וואָס זיינען איצט פאַרפלייצט מיט געדיכט־געפּאַקטע מענטשן־מאַסן. ליכט־טרעגער, חופּות־טרעגער, הייליקע פיגורן־טרעגער. גלחים, בישאָפן, זינגער, ווייהרויך־שפּרייטער, סאָלדאַטן, אָפיצירן, דיגניטאַרן, רעליגיעזע פאַרערער, און איך צווישן זיי. — — —

כ׳שפּאַן אין שווערע מחשבות. איבער וואָס פאַר א וועג גיי איך איצט? איז דער וועג נישט געפּלאַסטערט מיט דעם בלוט און טרערן פון קדושים? זיינען איבער די משופּעדיקע, זיך שלענגלענדיקע, גאַסן נישט געגאַנגען אַנדערע פּראָצעסיעס? אויך ליכט־טרעגער, הייליקע פיגורן־טרעגער, גלחים, בישאָפן, זינגער, סאָלדאַטן, אָפיצירן, דיגני־טאַרן.

און באַלד ווייזט זיך מיר אויס, אַז די אַלע טויזנטער, מיט רע־ליגיעזער התלהבות פאַרגאַסענע פּנימער אַרום, קרומען זיך מיט אַמאָל אויס אין פאַנאַטישן האַס און עקזאַלטירטער בלוט־דורשטי־קייט — — —

זינגט מען דאָס אַזוי הויך צו פאַרשרייען די פיינלעכע, אַנגסטיקע קולות פון די, וועמען מען פירט איצט צו שטאַרבן אויפן שייטער־הויפן פאַר זייער גלויבן און כבוד? און צי בין איך אַליין נישט איינער פון די, וועמענס העפטיקן האַרץ־קלאַפּן און פחדיקע מורא מען וויל פאַרטויבן? און דאָך וויל איך זיך נישט אַרויסרייסן פון דער מענגע. דאָך שפּאַן איך צו דעם איצט אָפּגעליידיקטן זאָקאָדאָווער מאַרק־פּלאַץ, וואו עס וועלן באַלד פאַרקומען די הקפות אַרום דעם הייליקן קריסטוס־קערפּער. פון דאָרט פליען זיך דאָך אַרויפכוואַליען צום בלאָען הימל די שוואַרצע וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די „אויטאָ דאַ פעס” און מיטגעטראָגן די לעצטע גסיסה־זיפצן פון די שטאַרבנדיקע אין די רויטע פלאַמען — — —

אין קאָפּ מישט זיך מיר אַלץ צוזאַמען. איך פיל, אַז איך בין נישט קיין בלויזער באַאָבאַכטער, נאָר אַן אַנטיילנעמער אין דער פּראָ־צעסיע. און זיכער בין איך נישט דער איינציקער, וואָס פילט אַזוי. זיכער זיינען דאָ אַסאַך, וואָס שפּאַנען איצט אין שווערע מחשבות נאָך דער קאָרפּוס קריסטי־פּראָצעסיע, איבער דעם פיין און טרערן־וועג פון די טאָלעדאָער קרומע, מיטלאַלטערלעכע געסלעך...

דורך דער „אַרקע פון קריסטוס בלוט”, וואָס פלעגט אַמאָל זיין דער הויפּט־אַריינגאַנג צו טאָלעדאָ, פירט דער טרעפּן־אַראָפּגאַנג צו דער סערוואַנטעס־גאַס, און צו דער „פּאָסאַדאַ דע לאַ סאַנגר”, די בלוטיקע קרעטשמע.

וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע דראַמאַטישע ליבע צו פייניקונג און בלוט — אפילו בלויז אין נעמען — עס האָבן געהאַט די אַלטע איינ־וואוינער פון שפּאַניען.

אַן אַלטער, האַלב־חרובער איינפאַר־הויז. דער ברייטער קרעטשמע־טויער איז אויפגעפּראַלט. עס זעט זיך אַ גרויסע, טונקעל געקאַלכטע

פּאַטשיאָ מיט שווערע זײַלן, וואָס האַלטן אונטער אַן אײַנגעפּאַלענע שטאַכיײטען־גאַלעריע ארום דעם פאַרלאָזטן אויבערשטן שטאָק. אויך די הילצערנע טרעפּ, וואָס פירן צו דער גאַלעריע זײַנען אויסגעקרומט און צעבראָכן. דער הויף איז טיף באַליגנט מיט שמוץ און פערדן־מיסט. עס זײַנען אָנגעשטעלט ציגײַנער־בוידן און דיליזשאַנסן. פון די אָפענע שטאַלן זעען זיך די קײַענדיקע פערד און מויל אײזלען. די פויערים און אײזל־טרײַבער מיט די פאַרשוויצטע פּנימער זיצן אויס־געזעצט אין גרופּן, שמועסן, לאַכן אויף א קול, און טרינקען פון די גרויסע ווײַן־פלעשער.

אַן אַלטער טאַבלאָ צוגעקלאַפּט צום פּאַסאַד דערציילט : „אין דעם הויז האָט געוואוינט און געשאַפן דאָן מיגועל סערוואַנטעס״...

ווידער אַמאָל אַרויף שטאָט, פאַרבײַ די קאַטעדראַלע, דורך די בלינדע לײדיקע געסלעך, איבער דער אײַנזאַמער געטאָ. און אין א זײַט, בײַם אַראָפּגאַנג צום געלן טאַגוס־טײַך, כמעט ווי א בלויזער שפּאַלט, וואו איין מענטש קען נאָר דורכגיין, און דו געפינסט זיך בײַ דעם „על־גרעקאָ־הויז״, און דעם קליינעם „על־גרעקאָ־מוזעאום״. דאָס אָרט וואוהין די קינסטלערישע וועלט הערט נישט אויף עולה רגל צו זײַן אין דער טיפסטער פאַרערונג פאר די לעצטע עטליכע צענדליק יאָרן.

א געראַימער לײַדיקער פירהויז מיט א באַנק. א ווײַס־שאָטנדיקע גרויסע פּאַטשיאָ מיט שפּאַניש־אַראַבישע זײַלן, וואָס האַלטן אונטער א רענעסאַנס־באַלקאָן. בויכיקע מורישע וואַזעס מיט בלומען אין די ווינקלען. די אונטערשטע טײלן פון די ווענט זײַנען פון גלאַזירטע קאַכלעס מיט געאָמעטרישע באַפּוצונג. די אויבערשטע טײלן פון גאָ־טישן סטוקאָ באַצירט מיט קריך־פּלאַנצונגען, וואָס ציען זיך אין אַלע זײַטן. אײַנגעמויערטע קליינע ברונימלעך מיט האָקעס פאר שעפּן. א קליין פאַרגראַטירט פענצטערל און אַן אײזערנע הענג־לאַמטערן איבער דעם. צעדער־טירן, וואָס פירן אין די פאַרשידענע וואוין־צימערן, און מיט אַראַבישע פאָרמען באַצירטע טרעפּ פירן צו דער אויבערשטער סטודיאָ, קאַפּעלע און אויפנאַמס־צימערן.

דאָ האָט געשאַפן און זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט דער ריז פון דער שפּאַנישער מאַלעריי, דער פאָרלויפער און דער געפרייזטער אָפּגאָט פון דער מאָדערנער קונסט און קינסטלער־וועלט.

אָבער וואָס פאַר אַ מאָדנער געמיש פון געפילן רעגט זיך אַצינד אין מיין הארץ. וואָס פאַר אַ טיפער אומרו מאַכט מיין בלוט קלאַפּן שנעלער. וועלכע באַזונדערע באַדייטונג האָט דאָס הויז פאַר מיר? מיט דעם הויז איז דאָך פאַרבונדן אַזאַ רייך שטיק אידישע געשיכטע. דאָס הויז איז דאָך געווען דער לעבעדיקער עדות פון אַזוי פיל שיינע, הערלעכע יאָרן און בלוטיק־אומרואיקע טעג, וואָס האָבן געהאַט זייער אָפּקלאַנג אויפן גורל פון גאַנצן אידישן לעבן אין טאָלעדאָ. עס איז, דער געוועזענער פּאַלאַץ פון פּעדראָ דעם אַכזר'ס אידישן פינאַנס־מיניסטער, וועמען ער האָט פריער דערהויבן צו דער העכסטער גדולה, כדי אים שפּעטער צו שיקן צום גרויזאַמן מאַרטירער־טויט. ס'איז דער פּאַלאַץ פון סעמועל לעווי.

די געשיכטע פון דעם הויז און פון איר בויער איז אַזוי שפּאַ־נענד־פאַרכאַפּנדיק מיט איר טיפן טראַגיזם, ווי דאָס גאַנצע פּיטאָ־רעסקע, אין גאָלד און אין בלוט געטונקטע לעבן פון דער אידישער, שפּאַניש־אַראַבישער עפּאָכע.

סעמועל לעווי איז געקומען צו זיין גדולה אין אַ זייער אומרואיקער צייט. דאָס טאָלעדאָער קעניגרייך איז געווען אין אַן אומאויפהערלעכן קריזיס־צושטאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די שטרייטן צווישן דאָן פּעדראָ דעם גרויזאַמן און זיינע אומגעזעצליכע ברידער. די שטרייטן האָבן אַ תל געמאַכט פון פּעדראָס פינאַנצן, און אונטערגע־גראָבן זיין אויטאָריטעט ביי די בירגער. מען האָט געמוזט האָבן געלט כדי אָנצופירן די קאַמפן און אונטערקויפן די שונאים. סעמועל לעווי האָט מיט זיין קלוגער טאַקטיק אָפּגעראַטעוועט די לאַגע און איינגע־שטעלט אָרדנונג. פאַר אידן האָט זיך דעמאָלסט געשאַפן אַ גאָלדענע צייט. אַ צייט פון שפע און זיכערקייט. אין יענער צייט האָט עס סעמועל לעווי אויסגעבויט זיין רייכן, געצירטן פּאַלאַץ.

אבער, ווי תמיד אין אידישן לעבן, האָט זיך די לאַגע גאָר אינגיכן איבערגעביטן. צוליב פאַרשידענע אינטריגעס, און צוליב דעם וואָס דער גאָלד־גיריקער פּעדראָ האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זיין פינאַנץ

מיניסטערס אויסערגעוויינלעכע עשירות, האָט ער אים פּלוצים געלאָזט אריינוואַרפן אין תפיסה און צונעמען זיין גאַנץ פאַרמעגן. דאָס איז נאָך אָבער נישט געווען גענוג. עס זיינען ארומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז לעווי האָט געהאַט אָנגעזאַמלט און באַהאַלטן אוצרות, ערגעץ אין סעווילען. האָט דער אכזריות'דיקער פּעדראָ אים געלאָזט אוועקפירן אין דער אַנדאַלוזישער הויפּט־שטאָט און אים דאָרט איבערגעגעבן צו די גרעסטע ענוים. סעמועל לעווי איז ווי אַן אימפּאָזאַנטער איד פון זיין צייט געשטאָרבן מוטיק און שטאָלץ.

אָבער פון יענער גאָלדענער צייט זיינען אין דעם הויז פאַרבליבן זייער ווייניק סמנים. קענסט בלויז אין דיין דמיון לאָזן אויפלעבן יענע הערליכע טעג, ווען דאָס הויז איז פול געווען מיט אידישער גרויסקייט. קענסט בלויז אין דיין פאַנטאַזיע פאַרביילאָזן די אַלע וואונדערליכע פיגורן, וואָס האָבן דאָס הויז באַלעבט. און בלויז אין דער אומרואיקייט פון דיין האַרץ קענסטו ווידער אַמאָל דורכלעבן דעם ווייטן, פאַרשטיקטן טרויער, וואָס האָט דאָס הויז אָנגעפילט, ווען דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיין אויסבויער און באַוואוינער. אַלץ וואָס איז פון יענער צייט פאַרבליבן זיינען די פאַרגראַטירטע, געוועלבטע קעלערן, וואָס זענען זיך אין דרויסנדיקן גאָרטן, און וואָס שפּאַרן אונטער דאָס הויז ווי אַ פעסטונג. לויט ווי ס'ווערט דערציילט זאָל סעמועל לעווי דאָרט האָבן געהאַלטן זיינע אוצרות. זיי זיינען געווען אַזוי רייך, אַז ווען פּעדראָ האָט זיי דערזען, בשעת ער האָט אונטערזוכט זיין געוועזענעם פינאַנץ מיניסטערס קעלערן, האָט ער אויסגעשריען: „ווען דאָן סעמועל לעווי וואָלט מיר אָפּגעגעבן בלויז אַ דריטל פון זיין שאַץ, וואָלט איך אים דאָך קיין שלעכטס ניט געטאָן."

ווי שוואַרצע, שטומע עדות נאָך אַ הערליכער, רומפולער צייט זענען זיי זיך איצט, די אָפענע, פאַרהושכטע געוועלבער־קעלערן אין דעם פיין פאַרקלערטן, מורישן גאָרטן ביים אַראָפּגאַנג צום טאַגוס־טייך.

שפּעטער האָט אין זעלבן פּאַלאַץ געוואוינט דאָן ענריקאָ דע אַראַגאָן, אַ באַרימטער שריפטשטעלער און געלערנטער, און אין די קעלערן האָבן זיך געפונען זיינע לאַבאָראַטאָריעס, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַלכעמיע און כשוף.

איצט איז דאָס אָרט באַקאַנט פאַר דער וועלט אַלס דאָס על־גרעקאָ־הויז, לויט דעם צונאָמען פון דאָמיניקאָ טעאָטאָקאָפּולי, דעם לעגענ־דאַרן גריך, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט ארום 1585, און וועמענס נאָ־מען עס לויכט נאָך היינט אזוי העל און פאַרכשופנדיק אַלס דער גרעס־טער פון די דריי מייסטער, וואָס האָבן די שפּאַנישע מאַלעריי געמאַכט אומשטערבליך פאַר אַלע צייטן.

גייסט ארום אין די שטילע צימערן, וואו עס שטייט נאָך אַ גרוי־סער טייל פון דעם מעבל, וואָס דער מייסטער האָט באַנוצט, און קוקסט זיך איין דורך די קליינע, מורישע פענצטער אויף דער לאַנדשאַפט ארום, און דיר הייבט ביסלעכווייז אָן קלאָר צו ווערן דער סוד, וואָס הייסט על גרעקאָ, און וואָס הערט נישט אויף צו אינטריגירן מיט זיין געהיימניש־פולקייט און עקזאָטישקייט די קינסטלערישע וועלט אין אַלע לענדער. אין דיין געמיט הייבט לאַנגזאַם אָן אויפצוגיין אָט יענע צוויבערליכע, מיסטישע שטימונג, וואָס פאַנגט דיך ווי אין אַ כשוף־נעץ תמיד, ווען דו באַגעגנסט זיך ערגעץ פּנים אל פּנים מיט איינעם פון די בילדער מיט די זאָנדערבאַרע, לענגליכע פיגורן, שמאָלע קעפּ, און מאָדנע פאַרטיפטע, אין זיך אריין געווענדטע בליקן.

די לאַנדשאַפט אנטקעגן הויז איז אזוי אומרואיק, מיסטעריעז און פאַרקלערט. דער טאַגוס, וואָס איז דאָ כמעט רויט־ברוין, פאַר־קרומט זיך ערגעץ און ווערט פאַרשווינדן אין אַ זייט. ווילד צוקאַמטע בערג און שטרענג צוריסענע פעלזן. די וועגן געדרייט און ברוין מזרח־דיק. חורבות ארום. אַלץ איז אזוי אומרעגלמעסיק. און ווי אומרואיק צורודערט עס שיינט דאָ דער הימל.

ס׳איז אוממעגליך צו קענען און געניסן טינטאָרעטאָן אויב מען האָט נישט באַזוכט די פּאַלאַצן און שטודירט די מאַגנאַסטיר־ווענט פון ווענעציע. ס׳איז נישט מעגליך אריינצוטראַכטן זיך און באַנעמען די שיינקייט פון פראַ אַנזשעליקאָ אויב מען האָט זיך נישט מתבודד גע־ווען ביי די קלויסטער און מאַנאַסטיר־ווענט פון פלאָרענץ. אָבער נאָך מער, דאַכט זיך מיר, איז נישט מעגליך איינגאַנצן זיך דורכצונעמען און אריינצודרינגען אין דער פאַראיינזאַמטער סודותדיקייט פון על גרעקאָ, אויב מען האָט נישט געוואַנדערט איבער די געסלעך און נישט באַזוכט דאָס גרעקאָ־הויז אין טאָלעדאָ.

ביזן היינטיקן טאָג זיינען נישט אויסגעפאָרשט און נישט פעסט־געשטעלט געוואָרן די סבות און די אומשטענדן, ביי וועלכע דאָמיניקאָ טעאָטאָקאָפּולי האָט פאַרלאָזט זיין דערפל אין גרינכלאַנד, און שפּעטער זיין שטודיום אונטער טיציאַן אין איטאַליען, און געקומען זיך באַזעצן אין דער דעמאָלטדיקער קעניגלעכער קאַסטיליען. אָבער עס איז קלאָר, אַז ס'איז אפשר נישטאָ נאָך אַן אָרט אין דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל סיי לויטן טעמפּעראַמענט, סיי לויט דער שטימונג און סיי לויטן אויסזען האָבן געוועזן בעסער צוגעפּאַסט צו דער קאָמפּליצירטער און אַזוי אומפאַרשטענדלעכער נאַטור פון דעם קינסטלער, וועמען מען פלעגט האַלטן פאַר אַ משוגענעם; אויף וועמען מען פלעגט זאָגן, אַז ער מאָלט זייענדיק אינספּירירט אדער דורך גאָט, אדער דורך דעם שטן.

דאָ, אין טאָלעדאָ, האָט ער זיך אַליין געפונען. ווייל כאָטש ער קען זיך נישט לחלוטין באַפרייען פון יענע ביזאַנטישע איקאָנעס, וועלכע עס האָבן געמאָלן די קלויסטער־מאָנאַכן, ביי וועמען ער האָט פאַר־בראַכט זיינע לערן־יאָרן אין דעם היימישן גריכנלאַנד; כאָטש ער איז נישט אינגאַנצן פריי פון דעם איינפלוס, וואָס אויף אים האָט אויס־געאיבט אין זיינע איטאַליענישע יאָרן דער גרויסער טינטאָרעטאָ, האָט אָבער דאָ, אין שפּאַניען, זיין נערוועזע נאַטור געפונען אַן אויסדרוק פאַר דעם עקזאַלטירטן ענטוזיאַזם און פאַרגייסטיקטן עקסטאַז, וועלכע מאַכן זיינע בילדער אַזוי אייגנאַרטיק און פאַרכאַפּנדיק. דאָ האָט זיך געשאַפן אָט דער וואונדערלעכער געמיש פון זיינע קאָלירן — די פלאַ־מיקע פאַרביקייט קעגן דעם איינגעהאַלטענעם, מיסטיש־גרויען הינטער־גרונט. אין טאָלעדאָ האָט ער דערגרייכט אָט די זאָנדערבאַרע קאָמבי־נאַציע פון שוואונגפולער דראַמאַטישקייט און אונטערדריקטן אַסקע־טיזם. דאָ האָט ער אין פאַרלויף פון יאָרן געלאָזט אויסשטורמען פון זיך אָט די אַלע באַהאַלטענע און קעגנגעזעצטע כחות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון פאַרשידענע לענדער, און וואָס האָבן גע־קעמפט אין זיין בלוט. עס איז זיכער געוועזן די אומרואיקייט, וואָס האָט אים געפירט צו זוכן אַן אויסדרוק אין די דעפאָרמירטע, אויס־געלענגליכטע פיגורן מיט די פאַרחלומטע בליקן פון הייליקע אויפן פאָן פון צושטורמטע, אומרואיקע לאַנדשאַפטן אין די בילדער, וואָס מאַכן אונז אַזוי נאָענט דעם נאָמען על גרעקאָ.

און זאָל זיין אויסקלייבן אַלס וואוין־אָרט דאָס שפּאַניש, אַראַביש, אידישע טאָלעדאָ באמת האָבן צו טאָן מיט דער השערה, וואָס עס זאָגט אַרויס ווענן אים איינער פון זיינע שטודירער, אַז על גרעקאָ איז געווען אַ איד, צוליב דער וויזיאָנערער עקסטאַטישקייט און נביאישן גייסט פון זיינע ווערק?

איצט, זיצנדיק אין דעם גערוימען סטודיאָ־צימער מיט די דריי פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צום אנטקעגנאיבערדיקן ברעגיקן לאַנד־שאַפט, קומען דיר אין זינען די אַלע צענדליקע בילדער פון מאַדאָנעס און הייליקע, פון „קרייציקונג" און „תחית המתים", פון די „בשורה־אָנזאָגונג" און „הימל־אויפשטייג", וואָס דיר איז אויס־געקומען צו זען אין די פאַרשיידענע מוזעאומס און קלויסטערס, און עס צעוואַקסט זיך פאַר דיר די פיגור פון דעם מע־לאַנכאָלישן קינסטלער, וואָס האָט זיין טרויער איינגעהילט אין אַזאַ פּאָעטישער פאַרביקייט. עס קומט צו דיר צוריק „דאָס באַגרעבעניש פון קאָנדע דע אָרגאַז", דאָס בילד וואָס ווערט אין דער וועלט באַטראַכט אַלס דעם קינסטלערס מייסטערווערק און געפינט זיך אין דעם קליינעם „סאַנטע־טאָמע" קלויסטער נישט ווייט פון גרעקאָ־הויז, און אויך די „עקספּאָליאָ" (דאָס אַראָפּנעמען די קליידער פון קריסטוסן פאַרן קרייציקן), דער שענסטער „גרעקאָ" מיט דער פלאַמיק־רויטער קריסטוס־פיגער, וואָס איך האָב געזען אין די שאַף־צימערן פון דער טאָלעדאָער קאַטעדראַלע. הערסט זיך איין אין דער פאַרחלומטער שטילקייט, און ערגעץ טיף אין דיר ווילט זיך דאַנקען, דאַנקען פאַר אַסאַך שעהן פון ספּיריטועלער דערהויבנקייט, און אַסאַך מאָמענטן פון עמאָציאָנעלער גליקזעליקייט, וואָס עס האָט דיר געגעבן דער מייסטער, וועלכער האָט דאָ צווישן די פיר ווענט געשאַפן אין דער אומרואיקייט פון זיין נשמה און אין דער אויפגעשטורעמטקייט פון זיין בלוט.

אין שטילער באַרואיקטקייט, ווי נאָך אַ תפילה, שפּאַצירסטו אַרום איבער די פאַרשידענע צימערן און ווינקלען מיט די בילדער פון וואַלדעז לעאַל, קאַרעניאָ, מאַזאָ און מורילאָ צוהאַנגען איבער די שאָטנ־דיקע ווענט. פאַרהאַלטסט זיך אין דער קליינער קאַפּעלע מיט דעם מוריש־אַנדאַלוזישן מאָזאַאיק־אַלטאַר. און שפּאַצירסט צוריק אַראָפּ,

ארוים אין דעם שטילן, פיין אויפגעהאלטענעם אויבערשטן גאָרטן מיט די מיניאַטור פאָנטאַנען און וואַסער־בעקנס. ציגל־טרעפּלעך פירן דיך אַראָפּ צו דעם אונטערשטן גאָרטן. צווישן די שמעקעדיקע בוימלעך און בויכיקע וואַזאָנעס זיצסטו אונטער דער טאָלעראַער זון. זוכסט צו טראַכטן, אַז דאָ אין דעם גאָרטן האָבן שפּאַצירט טירסאָ דע מאָלינאַ, דער שאַפער פון דער דאָן זשואַן־לעגענדע, לאָפּע דע וועגאַ, מיגועל סערוואַנטעס, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט קומען באַזוכן דעם אומרואיקן, פאַראייניקטן דאָמיניקאַ טעאָטאָקאָפּולי. קענסט זיך אָבער נישט באַפרייען פון דעם באַוואוסטזיין, אַז הינטער דיינע פּליי־צעס שוואַרצן זיך די אָפענע, פאַרגראַטירטע געוועלבער־קעלערן, די איינציקע איבערבלייבענישן נאָך דער טראַגישער גרויסקייט פון דאָן פּעדראָ דעם אכזר'ס אידישן פינאַנץ מיניסטער סעמועל לעווי...

ווי דו וואָלסט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דיין, אין גאָלדענע שאָטנס געהילטן זכרונות־וועג פירט דיך דאָס קליינע סעמועל לעווי געסל, קאַזשע דע סעמועל לעווי", צוריק צו דער „סינאַגאָגאַ דעל טראַנ־זיטאָ". דאָס איז די שול, וואָס פּעדראָס פינאַנץ מיניסטער האָט גע־לאָזט אויסבויען אין דער צייט, ווען זיין שטערן איז נאָך געשטאַנען הויך, און וועלכע איז נאָך דער פאַרטרייבונג פון די אידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלויסטער, און געהייליקט געוואָרן צו דעם טויט (טראַנסיטאָ) פון דער יונגפרוי.

אַ קליין פּעדערהייזל פירט דיך אריין אין דער סינאַגאָגע. זי איז הויך, געראַם. דער דיל פון געפּלאַסטערטע שטיינער. מורישע ווענט און באַלקן. דער מזרח האָט דריי פענצטער פיין אויסגעשניצטע צווישן געוועלבטע זיילן. אַרום די ווענט ציען זיך פריזן באַפּוצט מיט די קאָמפּליצירטסטע אַראַבעסקן, און אידישע אויפשריפטן פון תהילים פּסוקים. גלאַזירטע בענק אַרום די זייטן, וואו עס פלעגן זיצן די רבנים. אין די ווינקלען זיינען צעשטעלט דריי אידישע אויפבאַהאַלטענע מצבות. איבער דער פּאָדלאָגע זיינען אויסגעשטעלט עטלעכע מאַר־מאָרנע שטיינער־קברים, וואו עס ליגן די קריסטלעכע העלדן, וואָס

האָבן געהאָלפן איינגעמען גראַנאַדאַ. ס'שמעקט מיט נאָדל־ביימער פון די צווייגן, וואָס ליגן אין די נישעס פון די מזרח־פענצטער. שוואַלבן פליען ארום און פילן אָן דעם קילן היכל מיט זייער צוויטשעריי. זיי האָבן זייערע נעסטן אין די געשניצטע גראַטן ארום די אויבער פענצ־טער. אויך דער מערב האָט דריי פענצטער. דאָ און דאָרט זעען זיך נאָך אויף די ווענט אָן סמנים פון פרעכטיקע פאַרבן. פון אויבן קוקן אראָפּ די ליידיקע גאַלעריעס, וואו עס האָט זיך געפונען דער עזרת נשים.

ס'איז קיינער נישטאָ איצט אין דער סינאַגאָגע־קירכע, און איך קען אַליין ארומוואַנדערן איינהערנדיק זיך אין דער קילער, שאָטנ־דיקער שטילקייט, און איינאָטעמען דעם טיף שמעקעדיקן גרוך פון די נאָדל־ביימער צווייגן.

בלויז א קליינער שפּאַציר פאַרביי די אָפענע געווערקשטאַטלעך, וואו מען אַרבעט אויס די באַרימטע טאָלעדאָער קלינגען און שאַרפן, און וואו יונגע און עלטערע האַנטווערקער שניצן אויס זייערע אינ־קרוסטירטע גאָלדענע און זילבערנע צירונגען, און דו קומסט צו דער צווייטער, אינטערעסאַנטערער סינאַגאָגע־קירכע, „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ". זי איז שוין דורכגעגאַנגען מערערע מעטאַמאָרפאָזן. ווען זי איז צוגענומען געוואָרן פון די אידן איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קריסטליכן קלויסטער. שפּעטער האָט מען אין איר איינגע־אָרדנט אן אזיל פאַר פּראָסטיטוטקעס בעלות תשובות. נאָכדעם האָט מען זי פאַרוואַנדלט אין א קאַזאַרמע פאַר קאַוואַלעריע. און נאָך שפּע־טער אין א שטאַל.

די „סאַנטאַ מאַריאַ לאַ בלאַנקאַ" איז אויך אין איר געבוי אינ־טערעסאַנטער ווי די „טראַנסיטאַ". זי איז אינגאַנצן אין מודעזשאַ־רישן*) סטיל. מען קומט קודם אריין אין א קליינעם אָראַנזשן הויף מיט קליינע ברונעמלעך, ווי אין די מורישע מעזקוויטאָס. אינווייניק באַשטייט די שול פון פיר געוועלבטע רייען מורישע זיילן מיט פּאָדקאָווע־אַרקעס און פיין געשניצטע קאַפּיטאָלן. איבער די אַרקן ווידער רייען פון קלענערע זיילן און אַרקן. דער דיל אויסגעזעצט מיט

*) מורן וואָס האָבן געלעבט אונטער קריסטלעכער הערשאַפט.

זייער רייכע קאָמפּליצירטע מאָזאַאיק־צייכנונגען. די ווענט זיינען לייד־דיק, אָן שום באַצירונגען און אָן אידישע אויפשריפטן. עטלעכע גלאַז־זירטע טרעפּ אין מזרח־וואַנט פירן צום קריסטלעכן אַלטאַר מיט אַ צלם און דאָס. דאָס ליכט איז דאָ געדעמפטער. עס קומט פון די אָפענע, רונדע פענצטער אין די זייטן־ווענט. די שטימונג איז דאָ אַ שווערערע און טיפערע. זי דערמאָנט אַ סאַך אָן דער טיפקייט פון דער מעזקוויטאַ אין קאָרדאָוואַ...

מיין פאַרטראַכטקייט אויפן וועג אַרויס פון דעם אידן־געטאָ ווערט מאָדנע אַנגענעם איבערגעריסן.

ווער זינגט עס זיך אונטער אַזוי עכט אידישלעך און האַר־ציק־היימיש?

גייט זיך אַ שפּאַניער איבער די קליינע טאָלעדאָער געסעלעך, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און זינגט זיך אונטער אַזוי געמיט־לעך שטיל. איך גלייך זיך אויס מיט אים, און פאַר מיר גיט אַ שיין אַ טונקל ברוין, פאַרזאָרגט אידיש פּנים, מיט טיפע צעאַ־קערטע קנייטשן, און אידישע, רחמנותדיקע אויגן . . .

ווידער אויף דעם פּיטאָרעסקן זאָקאָדאָווער־מאַרק. מיד פון די אַלע איבערגעלעבטע טעג אין דעם קליינעם, מיטלאַלטערלעכן, קאַס־טילישן טאָלעדאָ. די זון שטייט איצט הויך איבערן קאָפּ און פאַר־טרונקט אַלץ אין איר שמעלצנדיקן פייער. דער גאַנצער אַראַבישער מאַרק איז איצט איינגעהילט אין אַ בלענדנדיקן כּשוף־מאַנטל. קולות און באַוועגונגען זעען און הערן זיך ווי דורך גאָלדענע שלייערן. דו פאַרלירסט דאָ יעדן ציל. ס'לעבן טראָגט זיך איבער ערגעץ טיף אינווייניק. יעדער פאַרלאַנג שיינט צו זיין אַזוי ווייט אָפּגערוקט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַזוי ווי דער איצט וואָלט נאָר געוועזן עפּעס אַ בלענדנדיקער אָפּקלאַנג פון אַמאָל. די קעגנוואַרט בלויז אַ שימע־רירנדיקער אָפּקלאַנג פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט. די צייט שלעפּט זיך אַזוי לאַנגזאַם אונטער דער ברענענדיקער זון.

און וואָס איז זיך דאָ צו איילן? איז ניט אַלץ קיין חלום? אַלץ איז פאַרגענגלעך. אונזער זיג און פאַרלוסט. געווינס און דורכ-פאַל. נאָר דער חלום איז אמת. נאָר די שיינקייט פאַרבלייבט. בלויז די פאַנטאַזיע איז אייביק...

יוני־יולי, 1930.

פראַנציס פון אַסיסי

אָרימקייט באשטייט אין גאָרנישט
נישט האָבן און גאָרניטש נישט באַ־
גערן, און דאָך אין באַזיצן אַלצדינג אין
גייסט פון פרייהייט.
Fra Jacopone da Todi

ווענעציע. זון און געשפּאַנטקייט. ליכט און אָנשטריינגונג. עס גלאַנצט און שפּיגלט זיך דער „גראַנד קאַנאַל". די אַלטע ברוין און ראָז־פּאַרביקע פּאַלאַצן פוןביידע זייטן, זיינען באַצירט מיט פענער און טעפּיכער. גרויסע מענטשן־מענגעס באַלאַגערן אַלע בריקן, וואָס פירן פון די זייטיקע שמאָלע קאַנאַל־געסלעך צום גרויסן גאָלדיקן וואַסער־וועג. די מיט מענטשן געפּאַקטע „ריאַלטאָ"־בריק האָט זיך אויסגעטאָן פון איר בונטער האַנדל־וואָכיקייט, און אַ מיט רויטן געוואַנט באַצירטע היינגט זי מיט יום-טובדיקער מורא און נייגעריקייט אנטקעגן די מיט דאַמאַסק און בראָקאַד באַפּוצטע באַלקאָנען.

די לאַגונע פאַרן ארויפשטייג צום „פּאַלאַץ פון די דאָדזשען" און דער וועג, וואָס פירט צווישן די מאַרמאָר־קאָלאָנען צו דער „פּיאַצאַ סט. מאַרקאָ" איז פול מיט וואַרטנדיקע אויסגעפּוצטע ווענעציאַנער. דעפּוטאַציעס פון פאַרשיידענע שטאָטישע גילדעס מיט זייערע פענער. מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט זייערע אָרקעסטערס. הויכע אָפיצירן אין זייערע קאָלירטע שיינענדיקע מונדרין. ווייסע, יום־טובדיקע קינ־דער־גרופּעס מיט פאַרוואונדערטע, נייגעריקע פּנימלעך.

עס קומען אָן און פאַרנעמען זייערע ערטער די קיראַסירן־אָפּטיילונגען אין זייערע גלאַנציקע מעשענע העלמען. די פּאַזשן־גרופּן אין

די געל־רויטע טריקאָטן, און די עמבלעם־טרעגער מיט זייערע בליש־טשענדיקע האַליבאַרדן.

פון דער מאַיעסטעטישער „סט. מאַרקאָ" קירכע ציען זיך הייליקע פּראָצעסיעס. לאַנגע שורות גלחים אין די פאַרשידנסטע טראַכטן. פראַנציסקאַנער אין ברוינעם, דאָמיניקאַנער אין ווייס־שוואַרצן. גריכישע אין געלן און קאַטוילישע אין רויטן. עס באַוויַיזן זיך אין זייער גאַנצן בלענדענדיקן פּראַכט די הייליקע מאַריע־מוטערס, געטראָגן אונטער גאָלדענע, שימערירנדיקע חופּות, אַרומגערינגלט פון די אין שפּיצן־מאַנטלען איינגעהילטע בישאָפן.

די פאַרביקע רייען שלענגלען זיך איבער די ווייסע קירכן־טרעפּן אַראָפּ, אַהין צום זון־באַפּלייצטן קאַנאַל־ברעג. זינגענדיק־פייערלעך, פּלאַטערנדיק מיט די גלאַנציק־רויטע קירכן־פענער, באַוועגן זיי זיך צווישן די אין ווייסן־געקליידטע ליכט־טרעגער און ווייַרויך־שפּרייטער.

די געשניצטע קאַרניזן פון דעם דאָדזשעס פּאַלאַץ ; די ביזאַנטישע קופּאָלן און גאָלדענער דאָם פון דער סט. מאַרקאָ קירכע; די טריאומפאַלע, שיינענדיקע גראַניט־קאָלאָנען און די שטאָלצע, טורמדיקע קאַמפּאַנילע שניידן זיך קעגן דורכזיכטיקן אַלבאַסטער־הימל. פון יענער זייט קאַנאַל גלאַנצן אַריבער די ווייסע פּאַסאַדן און די גאָלדענע שפּיצן פון די „סאַנטאַ מאַריאַ דעלאַ סאַלוטע" און „סאַנט דזשאָרדזשיאָ מאַדזשאָרע" קלויסטערס.

טויבן פליען, פענער פּלאַטערן. עס מיניעט פאַר די אויגן דער גאַנצער פאַרבן־געמיש פון די פאַרשידענע קאָלירטע גרופּן. די לופט איז פאַרהילכט פון די אָרקעסטער־קלאַנגען, וואָס שניידן זיך דורך און מישן זיך צוזאַמען. אַלץ איז פול מיט זון־באַשפּריצטער באַוועגונג, מיט פּאָמפּעזער דערוואַרטונג. אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט אויף איין פּונקט. אַלע אויגן קוקן אָנגעשטריינגט אַהין, צום גראַנד קאַנאַל, וועלכער איז באַלעגערט פון די באַצירטע און אויסגעפּוצטע גאָנדאָלעס און שיפלעך.

און מיט אַמאָל — ווי אַ ציטער וואָלט אַדורכגעשטראָמט איבער אַלץ און אַלעמען. פון דערווייטן אויפן קאַנאַל באַוויַיזט זיך אַ שווימענדיקע פּראָצעסיע פון באַגילדעטע שיפן, וואָס דערנענטערן זיך אַהער צו דער לאַגונע פאַרן פּאַלאַץ פון די דאָדזשעס.

די געשפּאַנטקייט ווערט גרעסער. די באַוועגונג אָנגעשטריינגטער. די אָרקעסטערס שפּילן שטאַרקער. די לופט ווערט אויפגעטרייסלט פון די סאַלוטירנדיקע הארמאַטן־שאָסן. די העראָלדן שאַלן אין זייערע צעגילדעטע טראָמייטן. די קאַנאַל־כוואַליעס צעשפּרייטן זייער העלסטע גאָלד. דער הימל פאַרפליצט זיין בלענדענדיקסטע צעליכטיקייט. די נעשניצטע ווייסע וואָלקנס ציען אהין, צו די אָנקומענדיקע אוועק. די צעפלאַמטע פענער פלאַטערן אהין, דער פּראָצעסיע אנטקעגן. דער אויפגעשריי פון די מענטשן־מאַסן טראָגט זיך אהין, אהין איבערן קאַנאַל.

וועלכער מאָנאַרך קומט דאָס פון זיין וויטן לאַנד קיין ווענעציע אָנצוזיען?

איז דאָס פרידריך באַרבאַראָסאַ אָנגעקומען כדי אויסצוטאָן זיין קעניגליכן מאַנטל און קניען פאַר גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד, זיין הייליקייט פּויפּסט אַלעקסאַנדר דעם דריטן? האָט זיך ווענעציע אויסגעצירט אין איר שענסטער קעניגלעכער און קירכלעכער יום־טובדיקייט כדי צו באַגעגענען הענרי דעם דריטן פון פראַנקענרייך?

ניין. דאָס ברייננט מען דאָס געביין און די רעליקוויען פון דעם „הייליקן פראַנציס פון אַסיסי", וואָס ווערן איצט, נאָך 700 יאָר, איבערגעפירט אין דער „סאַנט מאַרקאָ" קירכע פון ווענעציע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„פראַנציס פון אַסיסי", וועמענס גאַנץ געהייליקט לעבן איז געווען איין גרויסע טריאומף־פּראָצעסיע פון פּשוטקייט און איינפאַכקייט. וועמענס אַלע געפּייניקטע יאָרן זיינען געווען איין לאַנגע ווידמונג דער נויט און זעלבסט־אַנטזאַגונג.

„סט. פראַנציס", וואָס האָט זיין פרייליכע ווייז־ און געזאַנג־פולע יוגנט פריוויליק אַראָפּגעטרייסלט פון זיך, איבערלאָזנדיק זי אין די לעבנסלוסטיקע און צעווילדעוועטע גאַסן פון מיטלאַלטערלעכן אַסיסי, און זיך מיט דעם גאַנצן פריידיקן נשמה־פייער פאַרקנסט צו זיין באַליבטער „דאַמע אָרימקייט".

דער „הייליקער פראַנציס", וועמענס אָרימער לעבן האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ ריזיקער פּראָטעסט־געשריי קעגן דעם בלוטיקן

קאַמף פאַר מאַכט און באַזיצונג, וואָס ס׳האָבן געפירט פּויפּסט קעגן קעניג, באַראָן קעגן באַראָן און בירגער קעגן בירגער אין מיטלאַלטער־לעכן איטאַליען.

„סט. פראַנציס", וואָס האָט מיט אַזוי פיל פאַראַכטונג זיך אָפּ־געקערט פון דעם רייכקייט און איבערפלוס, עשירות און רחבות, און פון דעם רויב און מאָרד, צאַנקערייען און בלוט־פאַרגיסונג, מיט וועלכע עס זיינען פול געווען די שטעט פון איטאַליען פון דרייצנטן יאָרהונדערט.

פראַנציס פון אַסיסי — אפשר די שענסטע און ליכטיקסטע פּער־זענלעכקייט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס פינצטערע, אין בלוט־פאַרפלעקטע מיטלאַלטער.

ווייל — זיין אָפּגעבן זיך דער אויסערליכער אָרימקייט, איז דאָך געווען בלויז אַן אויסדרוק פון דער טיפער אינערלעכער זעלן-רייכ־קייט און גרויסער ליבע צו אַלעם, וואָס לעבט און אָטעמט מיט גאָטס גענאָד. זיין פרייוויליק זיך אָפּזאָגן פון שיינקייט און פּוסטן גלאַנץ, איז דאָך געווען דער רעזולטאַט פון אַן אינווייניקסטער שיינקייטס־זוכעניש, מיט וועלכער ס׳איז געווען אָנגעפילט זיין טיף־פּאָעטישע נשמה. זיין פלאַם־פייערדיקער אַסקעטיזם איז דאָך נאָר געווען דער פּועל יוצא פון דער גרויסער פרייד און ליבע, וואָס האָט איבערפלייצט זיין האַרץ, און זיך פאַראייניקט מיט דער פרייד פון דער נאַטור און אירע באַשעפענישן.

אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון איבערפלייסיקן לוקסוס און צעלאָזענער שטיפעריי ; אויסגעוואַקסן אין טיפער פאַראַכטונג צו אַלעם, וואָס איז אָרים און אָפּשטויסנדיק — דערפילט ער אָבער אין זיך דאָס אויפגיין פון דער גרויסער אַנטפּלעקונג וועגן דעם וואָס איז אַזוינס אמתע פרייד און אמתע שיינקייט. ער דערפילט זיין קרובה־שאַפט מיט אַלע אומגליקלעכע און דערנידעריקטע, און דערגייט צו דער הויכער מדרגה, ווען ער כאַפּט אַרום קושן דעם קרעציקן בעטלער ביי די טויערן פון אַסיסי.

לעבנדיק אין אַ צייט ווען די העכסטע אַמביציעס פון דער יוגנט זיינען געווען די שטורמדיקע איבערלעבונגען פון דעם רייכן ריטער־קלאַס, זאָגט ער זיך אָפּ פון אָט די אַמביציעס און ווערט דער ריטער

פון די נויטבאדערפטיקע, דער פירער פון די „קליינע ברידער פון פראנציס". דערצויגן אונטער דעם איינפלוס פון די וואנדערנדיקע לידער־זינגער, פון די פארליבטע טרובאדורן, פארוועגדט ער דעם גרויסן קוואל פון ליבע און שיינקייט, וואס פילט אן זיין הארץ, אויף צו ווערן דער טרובאדור פון גאט, דער לידער־זינגער פון דער שיינקייט פון גארנישט באזיצן. לעבנדיק אין דער מיט פון א וועלט, וואס האט זיך געבאדן אין ערדישן וואוילטאג און זיך געגערט פון ווילדער רוי־בעריי, ווידמעט ער זיך מיט זיין גאנצער נשמה דער גייסטיקער דער־הויבונג און ווערט דער העראלד פון ארימקייט און איינפאכקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קאנאל־פראצעסיע דערנעגטערט זיך צום ברעג. אלץ ארום ווערט מיטאמאל שטיל און האלט איין דעם אטעם. די לאנגע שורות באצירטע גאנדאלאס שווימען צו און שטעלן זיך אויס אין א צע־רעמאניעלער רייע. די פארשיידענע מאטראזן־גרופן דעפילירן מיט אויפגעהויבענע רודערס. שווייגנדיק גליטשן זיך צו צו דעם טרעפן־ארויפגאנג פון דער לאגונע די מיט גירלאנדן־באהאנגענע בוקענטוע־רעס. עס שטייגן ארויס די קאסטומירטע הויכע באאמטע פון ווענעציע, די עלפנביין־פנימדיקע גלאט־ראזירטע פארשטייער פון דער קירכע. און ענדלעך שווימט צו פייערלעך די גרויסע, אין פענער איינגעהילטע, שיף.

אונטער א גאלדענער חופה, אויף א גאלדענער טראג־שטול, צווישן ליכט־ און קרייץ־טרעגער, ווערט געפירט דער קארדינאל אין בלוט־רויטן, פורפורנעם מאנטל, מיט דעם פינקלנדיקן צלם פאר די אויגן. און הינטער אים טראגט די קליינע גרופע גאלקעפיקע, בארוועספיסיקע פראנציסקאנער דעם ארון פון זייער הייליקן.

ריטמיש רירן זיך די ארון־טרעגער. זייערע טריט זיינען פאר־ווישטע, שטילע. די באוועגונגען געמאסטענע און איינגעהאלטענע. און אויך אזוי פארווישט און איינגעהאלטן איז דער שטיל־ציטערדיקער שארך, מיט וועלכן דער ריזיקער ים פון אנגעשטריינגטע בליקן און אפענע מיילער נעמט אין זיך אריין דעם לאנג־דערווארטעטן.

און מיטאמאל גיט זיך עפּעס א וויג. די איינגעהאלטענע שטיל־קייט הויבט אָן איבערצוגיין אין שטייגנדיקן, אָנגעקנוילטן עקסטאַז. די פאַרשיידענע גרופּן און אָפּטיילונגען רינגלען אַרום די איינפאַכע הילצערנע טרומנע. עס הויבט זיך אָן צו רירן די פילפאַרביקע פּראָ־צעסיע איבער דעם מאַרמאָר־געפלאַסטערטן וועג פון דער „פּיאַצאַ סט. מאַרקאָ". עס הויבן אָן זינגען די גלחים. עס כאַפּן אונטער די טויזנט־קעפּיקע באַגלייטער. עס קלינגען די גלעקער פון די אַרומיקע קלויסטערס. עס רוישן די פענער. אויף אַלע פּנימער איז אויסגעגאָסן אַזוי פיל הייליקע רעליגיעזע פאַרערונג.

און איבער דעם אַלעם איז אויסגעשפּרייט דער ליכטיק־טיפער ווענעציאַנער הימל. דאָס אַלץ בלענדט און גילדעט די שטראַלנדיקע פייער־פליסנדיקע זון.

באַגלייט זי אויך דעם גרויסן הייליקן? דעם, וואָס אין זיין פּאַטעטישן עקסטאַז און פייערדיקער ליבע האָט ער געזונגען זיינע לויב־לידער צו זיין געטרייען „ברודער זון"?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון איז אים געווען אַ ברודער, פּונקט ווי די שטערן זיינען אים געווען שוועסטער. ער האָט געהאַט אַ לעבעדיקע, דירעקטע באַציאונג צו אַלע נאַטור־כחות און דערשיינונגען אַרום אים.

ווייל — אָפּזאָגנדיק זיך פון דער וועלט און איר ערדישער רייכ־קייט האָט ער דאָך געפונען אין זיין האַרץ אַ פיל שענערע עשירות — זיין טיפע פאַרערונג פאַר יעדער זאַך, וואָס לעבט און טראָגט אין זיך די אָפּשפּיגלונג און דעם נצוץ פון דער גרויסער געטלעכקייט.

ווען ער איז געגאַנגען אין פעלד און האָט דערפילט אין זיך דעם שטאַרקן דראַנג צו לויבן גאָט און אויסגיסן זיין געמיט, וואָס איז געווען פול מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט, איז ער געווען גליקלעך זיך אָפּצושטעלן און אַרומזאַמלען אַרום זיך די פעלד-חיות און פייגל, און זינגען פאַר זיי זיינע לויב-לידער. און ער פלעגט זיי דאַן אַנדערש נישט רופן ווי „ברודער וואָלף" אָדער „שוועסטער פייגל".

און נישט נאָר צו די לעבעדיקע ברואים. אין זיין זוכן זיך צו דערנענטערן צו גאָטס גרויסקייט און זיין חסד, האָט ער געפילט

נאָענטקייט און קרובהשאפט אפילו צו דעם אַלעם, וואָס מען האַלט כלומרשט פאַר טויטע זאַכן. פאַר אים זיינען קיין טויטע זאַכן נישט געווען. אַלצדינג האָט געהאַט לעבן, און איז געווען פול מיט דער גרויסקייט און מעכטיקייט פון גאָט. ער פלעגט זיין טרויער, זיינע ספקות אָדער זיין אָנגעקומענע גרויסע פרייד פאַר־טרויען די „צאַרטע שוועסטער בלימעלעך" אָדער דעם „ליבן ברודער ווינט". און נאָך מיט גרעסערער פרייד האָט ער געזונגען זיין לויב ליד און באַגריסונג צו דער שיינענדיקער, וואַרעמענדיקער זון. די זון איז דאָך אַ לעבעדיקער, ווירקנדיקער כוח, וואָס פילט אונז אָן מיט מוט און מיט האָפנונג, מיט גלויבן און מיט ליבע. און ער האָט נישט געקענט אַנדערש, ווי זיך ווענדן צו דעם כוח, ווי צו „טייערער ברודער זון".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס פלאַטערן אַזוי אומרואיק די טויבן? וואָס ווירבלען זיי אַרום דער פּראָצעסיע? זיינען זיי איצט ווידער געקומען זיך גע־זעגנען און פאָכען מיט זייערע פליגל אַרום דעם הייליקן פראַנציס, ווי דעמאָלט, בשעת ער האָט זיין לעצטן אָטעם אויסגעהויכט אין דעם איינזאַמען, אָרעמען קלויסטער־צימערל?

זיינען זיי געקומען אָפּגעבן זייער לעצטן גרוס דעם, וואָס פלעגט תמיד ריידן צו זיי ווי צו „מיינע קליינע שוועסטער, פשוטע, אומ־שולדיקע און צנועה'דיקע טויבן"?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער גאַנצער וועלטלעכער און קירכלעכער פּאָמפּעזקייט באַ־וועגט זיך די פּראָצעסיע. אַ פייערלעכע, שיינענדיק מיט איר כמעט דורכזיכטיקער מאַרמאָר־פאַסאַדע, וואַרט די „סט. מאַרקאָ"־קירכע, גרייט אויפצונעמען דעם געבריינגטן הייליקן. אַ גיריקע גלאַנצט זי מיט אירע באַצירטע געוועלבער, געגילדעטע קופּאָלן און הייליקע מאָ־זאַאיקן.

וואָס פאַר אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דער אָרעמער באַשיידע־נער „פּאָרטונקולאַ", די קליינע באַהאַלטענע קאַפּעלע אין דעם איינ־

זאַמן אומברישן וואַלד, וואו פראַנציס האָט געלעבט זיין נזיר לעבן; וואו ער האָט געזען זיינע ליכטיקע זעאונגען און וואו ער האָט פאַר זיין שטאַרבן געבעטן מען זאָל אים אוועקלייגן אויף דער הוילער ערד, כדי צום לעצטן מאָל צו דערפילן זיין נאָנטקייט צו זיין „לי־בער שוועסטער ערד".

איצט וועט מען אים באַהאַלטן הינטער די פעסטע קלויסטער ווענט. פראַנציס פון אַסיסי, וועמענס אומרואיק האַרץ און פלאַ־טערנדיקע נאַטור האָבן תמיד דיקטירט אַ לעבן פון אייביקן נע־ונד זיין; אַ לעבן פון אַ וואַנדערנדיקן זינגער, וואָס פירט איבעראַל מיט זיך מיט זיין עקסטאַזפולע, האַרץ־צערייסנדיקע ליבע צו גאָט און זיינע ברואים.

עס דערציילט די לעגענדע, אַז סט.פראַנציס איז נישט געשטאָרבן, נאָר אַ נישט־געזעענער בעט ער אין דעם אונטערערדישן קירכן־קעלער פון אַסיסי פאַרן שלום פון דער וועלט — ווער ווייסט צי גייט ער נישט איצט מיט אַ טיף געבויגענעם קאָפּ נאָך זיין אייגע־נער לויה, און זיין האַרץ גייט נישט אויס פון צער און פיין. ווי אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער האָט געזען, אַז זיינע תּלמידים הויבן אָן זיך אָפּצוקערן פון זיין לעבנס־לאַנגער לערע, אַז גאָטס דינער טאָר קיין זאַך נישט באַזיצן און אויף קיין זאַך נישט זאָגן „דאָס איז מיין".

ווער ווייסט צי וואָלט ער איצט ווידער אַמאָל נישט געוואָלט אַנטלויפן מיט צאָרן און פאַראַכטונג פון דעם רוישיקן פּאָמפּ און בלענדנדיקן גלאַנץ, מיט וועלכן מען רינגלט אַרום זיין אָרעם גע־ביין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינע נאָך דער צווייטער ציען זיך די גלחים־גרופּעס צו די הויכע געוועלבטע טויערן פון דער גליענדיקער קירכע. איינע נאָך דער צווייטער שטייגן זיי אויף די מאַרמאָר־טרעפּ אַרויף. יעדעס מאָל גלאַנצט אויף אַן אַנדערע גאָלדענע חופּה, אַן אַנדער מאַריע־פיגור, און ווערן פון דער גיריקער קירכן־טונקלקייט פאַרשלונגען.

ביז עס טויכט אויף איבער די טרעפּ דער הילצערנער ארון אויף די אַקסלען פון די ברוין־באַמאַנטלטע פראַנציסקאַנער.

א לעצט מאָל צאַנקט נאָך אויף א ליכט אין די טויזנטער אויגן. קעפּ שטרעקן זיך. הענט ציען זיך. דאָס געזאַנג דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל. א גרויסע ליבע געזעגנט זיך מיט דער וועלט. א שיינע ביינקשאַפט שטאַרבט אָפּ און פאַרשטומט. דורך די גע־וועלבטע הויכע טויערן רייסן זיך די ציטערנדיקע אָרגל־טענער ארויס, און ווי אומגעזעענע פליגלען טראָגן זיי מיט זיך אריין דעם ארון —

אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן ארום. דער כשוף האָט זיך ווי אָפּ־געטאָן. און ביסלעכוויז הויבט דער גרויסער עולם אָן זיך פאַנאַנ־דערצעגיין דורך די זייטיקע, קרומע געסלעך ארום דער „פּיאַצאַ סט. מאַרקאָ״.

ווענעציע, 2 יולי, 1927.

זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ

ביי זיינע פאַרפאָלגונגען און אַרעסט
ביי זיין פאַלשן משפט
ביי דער אכזריותדיקער און פייניקנדיקער מאַרטערונג
ביי דעם פייער און צלם אויף וועלכן ער איז געשטיינט געוואָרן
ביי דעם אַרנאָ־טייך וואו ער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן
ביי דעם מאַרטירערישן פאַרראַרישן פראָפעט
בעט איך דיך מיר צו שיינקען דיין פאַרגעבונג.
(Piagnoni Poets)

אַ קיילעכדיקער בראָנזענער טאָוול אין אספאַלטענעם ברוק מיט דער אויפשריפט: „אויף דעם אָרט איז צוזאַמען מיט זיינע מיט־ברידער דאָמיניקאָ בונוויטשיני און סילוועסטראָ מארופי דעם 23טן מאַי, 1498, דורך אַן אומגערעכטן משפט אין פייער און תליה אום-געקומען פראַ זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ".

איך הויב אויף די אויגן. אַ נישט איבעריק גרויסער, זון באַ-גאָסענער, פרייער פלאַץ צווישן אַלטע געביידעס, דורכגעשניטן פון שמאָלע עפענונגען, וואָס פירן אַוועק אין נישט גלייכע, העל־גרויע געס־לעך. די „פיאַזאַ דעללאַ סינאָריאַ". דער צענטער און דאָס האַרץ פון פלאָרענץ. לינקס די אָפענע „לאָזשיאַ דעי לאַנצי", די האַלב־נאַטישע האַלב־רענעסאַנס טעראַסע־געביידע, וואו עס פלעגן אַמאָל פאָרקומען אַלע פייערלעכע שטאַטס־צערעמאָניעס, און וואָס איז איצט באַצירט מיט די בראָנז און מאַרמאָר-פיגורן פון זשאָוואַני דאַ באָלאָניאַ, בע־נעווענוטאָ טשעליני און דאָנאַטעלאָ. באַלד דערלעבן הויכט זיך דער טונקעלער „פּאַלאַצאָ וועקיאָ", דער אַלטער כמורנער שלאָס, וואָס

איז האַלב־פּעסטונג, האַלב־פּאַלאַץ, מיט זיין שווערן, דראָענדיקן פּיר־קאַנטיקן טורעם. פאַר דעם פּאַלאַץ־טויער שטרעקט זיך די ווייס־מאַר־מאָרנע שלאַנקע פיגור פון מיקעל אַנדזשעלאָס „דוד״, די פאַרקערפּערונג פון באַפרייטן כח און מילדן חן. אין דער זייט דער גרויסער פאָנטאַן מיט נעפּטון און טריטאָ פון באַרטאָלאָמעאָ אַמאַנאַטי. אביסל וויטער קאָסימאָ׳ס רייטער־סטאַטוע פון זשאָוואַני דאַ באָלאָניאַ. אַ געמיש פון פיגורן, געביידעס און מאָנומענטן, וועלכע ווערן פאָרט דאָמינירט דורך דעם פּאַלאַצאָ וועקיאָ, וואָס שאַפט אַ מאָדנעם הינטערגרונט פאַר דעם גאַנצן פּלאַץ.

דער פּלאַץ איז לעבעדיק און פול מיט באַוועגונג. מענטשן קומען און גייען. שפּאַצירנדיקע שניידן דורך פון איין געסל אין אַנדערן אַריין. הענדלער פאַרקויפן זייער טאָג־טעגלעכע סחורות. טוריסטן וואַנדערן געמיטלעך פון געביידע צו געביידע, פאַרהאַלטן זיך ביי די פאַרשיידענע סטאַטועס און דענקמעלער. און דאָך זיינען זיי אַלע נישט אומשטאַנד צו פאַרוואָכנדיקן די גרויסע יום־טובדיקייט, וואָס לעבט זיך איר באַזונדער לעבן אין דער לופט אַרום. דאָס היינטיקע קען בשום אופן נישט פאַרווישן און אויסמעקן דעם גרויסן, פּאַסי־רונגען־רייכן אַמאָל. ס׳איז דער פאָרום פון דער אַמאָליקער פלאָרענ־טינער רעפּובליק אין דער בליאונגס־צייט פון איטאַליענישן רענעסאַנס. וואָס האָט זיך דאָ נישט אָפּגעשפּילט. וויפיל שטורמישע און קאָליר־פולע סצענעס אין לעבן פון דער רעפּובליק זיינען דאָ נישט פאָר־געקומען. די לופט שיינט נאָך צו זיין דורכגענומען מיט די עכאָס פון אַמאָליקע, אַזוי־רייכע געשעענישן, און די אָפּקלאַנגען פון די אַזוי אימפּאָזאַנטע פיגורן, וואָס האָבן דורך זייער לעבן און שאַפן דאָס אָרט אונז טייער געמאַכט. פלאָרענץ איז פול מיט זיי. אירע גאַסן לעבן נאָך מיט זייערע נישט פאַרבלאַסטע שאָטנס און נאָך נישט פאַרטונקלטן רום.

אָבער פאַרוואָס איז דאָס? פאַרוואָס מער ווי דורך אַלע, פיל איך מיך צוגעצויגן דורך דעם שאָטן פון יענעם זאַנדערבאַרן מאָ־נאַך? פאַרוואָס ווייזט זיך מיר אויס, אַז שטאַרקער ווי יעדער איי־נער האָט ער אַרויפגעלייגט זיין חותם איבער אָט דער צויבערלעכער שטאָט, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין קינסטלער און אין העלדן,

אין הייליקע און אין שטאָטסמענער, אין פּאָעטן און אין אַוואַנטור־
ריסטן? פאַרוואָס ווער איך אויף יעדן שריט און אין יעדן ווינקל
ווי אַרומגענומען מיטן כשוף פון דעם וואונדערלעכן טרוימער פון
פאַרראַרא, פון פראַ זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ?

ער איז געווען אַ טרוימער. ער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט
פון דעם שטאָף, פון וועלכן עס ווערן געשאַפן די חלומות־פאַנגער,
פאַנטאַזיעס־וועבער, העלזעער און פּאָעטן. מאַכטדורשטיק, אַדווענ־
טוריש, פאַנאַטיש און קאַמפּסלוסטיק ווי ער איז געווען, איז אָבער
די הויפּט־נאָטע, וואָס האָט אַמהעלסטן דורכגעקלונגען אין זיין אומ־
רואיק, שטורמדיק לעבן פאָרט געווען פּאָעטישע צאַרטקייט און נזירישע
זעלבסט־אַנטזאַגונג. טיף אין דער ווירקלעכקייט פאַרוואָרצלט, פּאָ־
ליטיש ניכטער, מיט אַן אויג און אויער פאַר די ערדישע געברויכן
און טאָג־טעגלעכע נויטן, איז זיין גאַנץ לעבן פאָרט באַפאַרבט געוואָרן
מיט דעם העלן שיין פון טרוימערישער התפּעלות און הימלישער
בענקשאַפט. ער האָט אויף אַ מאָדנע פאַנטאַסטישן אופן מיט זיך
פאָרגעשטעלט די אומהיימלעכע קאָמבינירונג פון פּאָליטיקער און פּאָעט,
רעפאָרמאַטאָר און מיסטיקער, פירער און אַסקעט. ער איז אפשר געווען
דער העכסטער אויסדרוק פון זיין צייט, וואָס איז געווען אַ ביזאַרער
געמיש פון קלאָרסטן קריטישן פאָרשן און מיסטישער בענקשאַפט;
פון ליכטיקער אויפקלערונג און טונקעלן אַבערגלויבן; פון קלאַסי־
שער ראַפינירטקייט און מיטלאַלטערלעכן באַרבאַריזם. ער איז גע־
ווען דער ברען־פונקט, וואו עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די בליס־
טשענדיקסטע שטראַלן און ליכטיקסטע אָפּגלאַנצן פון די אַלע פאַרשיי־
דענגעזעצטע און שטורמישע לעבנס־כחות, וואָס האָבן געשפּילט און
געבלענדט אין דער וואונדערלעכער פאַדזשענט־דראַמע, וועלכע האָט
גענאַרפט פאַראייניקן דעם אַוועקגייענדיקן, אָפּשטאַרבנדיקן מיטל־
אַלטער מיט דער אין גלאַנץ און אין גלוטער אויפשטייגנדיקער נייער
צייט. אָט די וואונדערלעכע רענעסאַנס־דראַמע, וואָס איז פול מיט
אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע פּאַסירונגען און אויג־פאַרבלענדנדיקע פיגורן.
קאָסימאָ און לאָרענצאָ דע מעדיטשי. געמיסטאָס. פּיקאָ דעלא מיראַנ־
דאָלאַ. מאַרסיליאָ פיטשינאָ. ראָדעריגאָ און צעזאַר באָרדזשיא, באָרסאָ
ד'עסטע. מיקל אַנדזשעלאָ. פראַ אַנדזשעליקאָ. באָטיטשעלי. די דעלאַ

ראָביאַס — דעספּאָטן, הומאַניסטן, קאָנדאָטיערן, אַקאַדעמיסטן, פּויפּסטן, פּאָעטן, אַוואַנטורן-זוכער און קינסטלער. עס איז אַ ווירבל פון העלדן און טאַטן, פון פּערזאָנען און האַנדלונגען. און שווינדלענדיק שנעל אַנטוויקלט זיך די דראַמע. איבערראַשנדיק לייכט בייטן זיך די געשעענישן. באַזונדערע קלענערע און גרעסערע עפּיזאָדן שפּילן זיך אָפּ אָט אין איין פּלאַץ און באַלד אין אַ צווייטן. אָט איז עס רוים, מילאַן, פּיזאַ, און אָט ווענעציע, פּאַדואַ, וועראָנאַ. אָבער די הויפּט־אַקציע און דער הויפּט־קלימאַקס קומט פאָר אין פלאָרענץ — דער צענטער און דאָס האַרץ פון גאַנץ איטאַליען. פאַר איר באַזיץ האָבן זיך געשלאָגן פירשטן, פּויפּסטן און קעניגן. צו איר שיינקייט זיינען צוגעצויגן געוואָרן פּאָעטן, קינסטלער און שיינגייסטער. און דער פּראָטאַגאָניסט אין דער דראַמע איז פראַ זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ. דער הויפּט-העלד איז אָט דער בלייך־פּנימדיקער, לייכטפיגורינדיקער מאָנאַך פון פעררארא, מיט די ליידנשאַפטלעכע דיקע ליפּן, אויסגעבויגענער שאַרפער נאָז, ברענענדיק־דורכדרינגנדיקע אויגן, אַרויסשטאַרנדיק־באַצווינגנדיקע באַקביינער און גערייצט־נערוועזע, כמעט דורכזיכטיקע, סענסיטיווע הענט.

ער איז געווען דער אויסגעבענקטער העלד און דער געליבטער אידעאַל פון די אַלע, וואָס האָבן אין דער צייט פון אויפקלערונג און געזונטן פאַרשטאַנד דאָך געבענקט נאָך וואונדער און איבערנאַטירלעכע געשעענישן. ער איז געווען דער חלום פון די אַלע, וואָס האָבן אין יענעם מאָדנעם ווירוואַר פון קולטורעלער ראַפינירטקייט און מאָראַלער געזונקענקייט; פון באַזונגענער פרייהייט און שאַרפסטן דעספּאָטיזם, גענאַרט נאָך רעליגיעזער דערהויבונג און נשמהדיקער אויסלייזונג. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אָט דעם צויבער פון באַפליגלטער, נשמה-אויפמונטערנדיקער פרייד און דעם כשוף פון פאָעטישן, באַפרייענדיקן עקסטאַז. ער האָט פאַראייניקט אין זיך דעם העראָאישן דראַמאַטיזם פון אַ פירער און דעם שוואונגפולן פאַטאָס פון אַ רעפאָרמאַטאָר. ער האָט אויך אַ מאָדנע אימפּאָזאַנטן אופן געקענט צופּאַסן זיינע פאַרנעפּלט־מיסטישע, נשמהדיק־רעליגיעזע זעאונגען צו די פּאָליטיש־ניכטערע ווירקלעכקייטן. פּונקט ווי זיין פּאָליטישע ווייטזיכטיקייט האָט זיך ביי אים אויסגעדרוקט אין רע־

ליגיעזע פּראָוויסאָגנגען וועגן דעם פּאַל און באַשטראָפונג פון די איטאַליענישע פּראָווינצן.

און ס׳איז גאָרנישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכעס אין דעם פּאַקט, וואָס די שטאַרקע, ברויזנדיקע כחות, וואָס האָבן אין אים געלעבט; זיין טיפער ווידער־ווילן צו דעם גאַנצן קאָרופּטן און באַ־טריגערישן אַרט לעבן, אין וועלכן די געזעלשאַפט איז דעמאָלט געווען פּאַרזונקען — פון איין זייט בלענדנדיקער לוקסוס, שימערירנדיקער גלאַנץ און אומבאַגרעניצטע מאַכט, און פון דער צווייטער זייט טיפער עלנט, הילפלאָזע דחקות און דערדריקנדיקע אָרימקייט — ס׳איז קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס אַלץ האָט אים פּאַרפירט אין די ווענט פון קלויסטער, און האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין זיין רעליגעזער עקזאַלטאַציע. זיינע וויזיעס וועגן אַ באַנייטן קריסטנטום און אַ באַפרייטער קירכע זיינען אפשר געווען נישט מער, ווי אַ פּאָעטישע סובלימירונג פון זיין טיפן דראַנג נאָך פּאָליטישער פרייהייט און גע־זעלשאַפטלעכער אויסלייזונג. ער איז געווען געבענטשט מיט דער פּאָעטישער אימאַזשינאַציע, וואָס צעבליט זיך אין איינזאַמקייט. ער האָט געמוזט האָבן די איינגע פיר ווענט פון זיין קלויסטער-צעלע און די שטילקייט פון „סאַן־מאַרקאָ" כדי צו קענען אויסחלומען זיינע גרויסע חלומות פון אַ מאָראַליש באַפרייטער און פּאָליטיש געשטאַרק־טער איטאַליען.

לאַנג האָט ער אין די צוגרייטונגס־יאָרן געשטאַרקט זיין האַרץ און געפעסטיקט זיין מוט. אָבער ווען די צייט איז געקומען אַרויס־צוטרעטן און פּאַרנעמען זיין אָרט אין דער זיך אַנטוויקלנדיקער רע־נעסאַנס־דראַמע, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין איר סאַמע צענטער. זיין אָרט אויף דער פלאָרענטינער בינע איז געווען איינציק און קאָנ־קורענטלאָז. אין דעם שאַרפן קאָנפליקט, וואָס האָט זיך אויף אַזאַ גלענצנדיקן, עכט רענעסאַנסדיקן אופן צעשפּילט צווישן אים און דעם מעכטיקן לאָרענצאָ דע מעדיטשי, דעם אונטערדריקער פון פלאָ־רענצ׳ס פרייהייט, האָט ער געמוזט נעמען די אויבערהאַנט. זיין קלאַ־סישער ענטפער, וועלכן ער האָט געגעבן צו דער דעלעגאַציע פון די פינף אָנגעזעענע פלאָרענטינער בירגער, וועלכע זיינען ביי זיינע ערשטע אַרויסטריטן אין „סאַן מאַרקאָ" געקומען בעטן ער זאָל מילדערן דעם

טאָן פון זיינע דרשות — „זאָגט לאָרענצאָ, וועלכער האָט אייך צו מיר געשיקט, אַז כאָטש ער איז אַ פלאָרענטינער און דער ערשטער בירגער אין שטאָט, און איך בין נישט מער ווי אַן אָרעמער מאָנאַך און אַ פרעמדער, דאָך וועט ער פון דאַנען מוזן אַוועקגיין און איך וועל בלייבן". אָט דער ענטפער איז געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט, און זיין אומקאָמפּראָמיסלעכן כאַראַקטער. אויך דעמאָלט, ווען דער האַלב גוססער לאָרענצאָ האָט אים גערופן צו זיין טויטנבעט און אים פאָרגעשלאָגן שלום אין דער פאָרם, סאַוואָנאַראָלאַ זאָל אים געבן די לעצטע בענטשונג פאַרן טויט, אויך דעמאָלט האָט ער נישט געוואָלט וויסן פון קיין קאָמפּראָמיסן און גע-פאָדערט פולשטענדיקע קאַפּיטולירונג. פון זיינע דריי פאָדערונגען צו דעם שטאַרבנדיקן דעספּאָט: אָנערקענען גאָטס גרויסקייט, אָפּ-געבן די אָנגערויבטע פאַרמעגנס און צוריקקערן פלאָרענץ איר אמתע רעפּובליקאַנישע פרייהייט, האָט לאָרענצאָ מיט געבראָכענעם מוט מסכים געווען אָנצונעמען בלויז די ערשטע צוויי. און ווען ער זאָגט זיך אָפּ נאָכצוגעבן די דריטע פאָדערונג, פאַרלאָזט סאַוואָנאַראָלאַ דאָס בעט פון דעם גוסס, און לאָזט אים איבער אָן זיין קירכלעכער ברכה. דער קעמפער ווייסט נישט פון קיין האַלב-וועגן.

ערשט ווען לאָרענצאָ האָט פאַר אים, דורך זיין פריצייטיקן טויט, באַפרייט די בינע, וואָס האָט זיך גערופן פלאָרענטינישע רעפּובליק, ערשט דעמאָלט האָט זיך זיין גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט און זיינע פּאָעטישע שאַפנדיקע כחות אַרויסגעוויזן אין זייער גאַנצער גרויסקייט. ער ווערט דער נישט געקרוינטער, אָבער שטאַרק פאַר-ערטער הערשער פון פלאָרענץ. עס ווייזט זיך אַרויס און צעבליט זיך זיין שטאַרקע ליבע צו דער שטאָט, וואָס האָט אים באַשענקט מיט אַזויפיל איבערמענטשלעכער פאַרהערלעכונג און, צום סוף, מיט דעם גלאָררייכן מאַרטירער-טויט.

ווייל אויב דאָס געפיל פון ליבע צו דער וואונדער-שטאָט איז דעמאָלט געווען איינגעוואָרצלט ביי יעדן פלאָרענטינער, איז זי נאָך טויזנט מאָל שטאַרקער געווען איינגענערט און אויסגעוואַרימט ביי דעם פאַראַרער טרוימער, וואָס האָט פון אַלע שטעט זיך אַלס זיין געליבט אָרט, פון וואַנען צו לאָזן הערן גאָטס וואָרט, געהאַט אויס-

געקליבן די שטאָט פון צעבליטע גערטנער — פלאָרענץ. די „פּערל" און „בלום" פון גאַנץ איטאַליען. ער האָט זי ליב געהאַט ווי אַ גע־ליבטע. ער האָט זי פאַרערט און געצערטלט. ער האָט זי באַשאָטן מיט די וואַרימסטע ליבלעכקייטן. איז געוועזן אײפערזיכטיק אויף איר נישט באַשיידנקייט און געליטן צוליב אירע נישט צניעותדיקע פירונגען. און זיין ליבע צו איר, ווי זיין ליבע צו פרייהייט און גלויבן, האָט זיך געקענט ענדיקן נאָר מיטן טויט, דערפאַר ווייל אים איז געווען פרעמד דאָס אונטערגעבן אָדער בויגן זיך. שוין אין דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן; נאָכדעם ווי ער איז אויסגע־שטאַנען די העכסטע מאַטערנישן אין פאָלטער־קאַמער; אויף זיין לעצטן גאַנג, ווען מען האָט אים געפירט צום פאַרברענען און דער בישאָף פון וואַסאָנאַ האָט אים דעגראַדירט מיט די ווערטער: „איך צעשייד דיך איצט פון דער מיליטאַנטער און טריאומפירנדיקער קירכע", האָט סאַוואָנאַראָלאַ קאַטבלוטיק אָפּגעענטפערט: „מיליטאַנטער — יאָ, אָבער נישט טריאומפירנדיקער, ווייל דער טריאומף געהערט צו גאָט". וואָס ער איז געווען איז ער געבליבן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. זיין פּאָעטישע צאַרטקייט און פעסטער גלויבן אין דעם אמת פון זיין וועג האָבן אים באַגלייט אפילו אין די פינצטערע טעג פון זיין געפאַנגענשאַפט און פייניקונג אין דער תפיסה־קאַמער, פון וואַנען עס האָט אים באַפרייט דער מאַרטירער־טויט אויף דעם שייטער־הויפן. זיינע תפיסה־מעדיטאַציעס געהערן צו זיינע שענצטע שאַפונ־גען. אין זיי ברענגט ער נאָך שטאַרקער ווי תמיד אַרויס זיין גלויבן און פאַרלאַנגען פאַר אַ באַנייטער און גערייניקטער קירכע. אָט די מעדיטאַציעס האָבן לוטערן — ווי ער האָט אַליין מודה געווען — געפירט אויף דעם וועג פון פּראָטעסטאַנטישן בונט קעגן דער רוי־מישער קירכע.

ס'זיינען קילע, דורכזיכטיק־גאָלדיקע טעג. פאַרחלומטע, בענק־שאַפטפולע פאַרנאַכטן. גליקזעליקע, טיף־טונקעלע אָוונט. אַ ראָז־בלאַסע ליגט פלאָרענץ פוןביידע זייטן אַרנאָ־טייך, צווישן די אָראַנזש־גרינע ווילאַס און דערפער, וואָס רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטן,

בויגן זיך צו איר אריבער פון די ארומיקע בערג און פילן זי אַן מיט אַ לייכט פאַרשכורנדיקן, ווייניקן אַראָמאַט. איך וואַנדער אַרום אי־בער די איינגע געסלעך און נישט גרויסע פּיאַזאַס. פלאָרענץ כשופט און וויגט איין. זי לאָזט דיך אויף קיין פאַל נישט צוהערן זיך צום היינט. דאָס איצטיקע איז נאָר עפּעס אַן אויסרייד און אַן אויבער־פלעכלעכער צודעק. עכט און אמתדיק איז נאָר דער אַמאָל. און ער לעבט, דער אַמאָל, מיט אַזאַ רייץ, מיט אַזאַ לאַקנדיקן שימער און גלאַנץ. ווי לעבעדיק און פריש שיינען די פּאַסירונגען פון פאַר־גאַנגענע טעג. ווי העל און דייטלעך קלינגען זייערע געשעענישן. און אַלץ דרייט זיך אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן ווידער אַמאָל בלויז אַרום יענעם דאָמיניקאַנער מאָנאַך מיט דעם נישט שיינעם פּנים, אָבער מיט דעם האַרץ פון לויטערער ליבע און וואונדערלעכע בענקשאַפטן. ס׳איז פלאָרענץ, אַרום וועלכער עס האָט זיך אויסגע־וועבט דער רייצנדער געוועב פון זיינע אומרואיק־געוויטערדיקע און פאַרביק־דראַמאַטישע טעג.

ס׳איז געווען עפּעס פאַטאַלעס דערין, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט אַלס יונגער אינגל ביי זיין ערשטן וויזיט אין באָרסאָ ד׳עסטעס פרינצ־לעכן הויף, דערפילט דעם גאַנצן עקל און ווידערווילן צו די פּאָמ־פּעזע אָרגיעס און סענסועלע פאַרווייַלונגען, צו דער גאַנצער הבל הבלימדיקייט און נאַרישע פירונגען פון זיינע לאַנדסלייט; נאָכדעם ווי ער אַנטלויפט פון זיין פאָטערס הויז און נעמט אָן די קלויסטער־שבועה אַלס דאָמיניקאַנער ברודער אין „ס׳ט דאָמיניקאָ” אין באָלאָ־ניאָ; ס׳איז געווען זיין שיקזאַל, וואָס האָט אים נאָך זיבן יאָר קלויסטער־איינזאַמקייט אין באָלאָניאָ געפירט קיין פלאָרענץ. פלאָ־רענץ, וואָס האָט זיך אויסערלעך געבאָדן אין גלאַנץ און לוקסוס, און איז געווען באַשטראַלט מיט דעם חן פון דעם קלוגן לאָרענצאָ דע מעדיטשי, וואָס איז אָבער אינערלעך געווען פאַרשקלאָפט אונטער דער שרעקלעכסטער דיספּאָטיע און מאָראַלער געזונקנקייט. ער האָט געפילט אַ ברענענדיקע בענקשאַפט צו דער שטאָט. ס׳איז זיכער געווען אַ שאַרפער באַגער און טיף שטרעבן, וואָס האָט אָבער דער־וויַיל נאָך טונקל געלעבט אין זיין אונטער באַוואוסטזיין, זיך צו פאַרמעסטן אין כחות מיט דעם מעכטיקן, זעלבסטהערשערישן לאָ־

רענצאַ. ס׳איז זיכער געווען דער דראַנג נאָך אויסדרוק פון זיינע שטורמישע כחות און צעוויגטע לײדנשאַפטן, וואָס ווען שפּעטער געפינען זייער פאַסיקסטן אָרט זיך אויסצושפּילן אין אָט דער וואונדערלעכסטער און רייצנדיקסטער טוסקאַנישער שטאָט.

ווי האָט זיין האַרץ געמוזט קלאַפּן מיט אומרואיקער פרייד ביים ערשטן אָנבליק פון דער שטאָט, ווען ער איז אַלס יונגער, אומבאַקאַנטער מאָנאַך אהער געקומען זיך אָנצושליסן אין דעם „ס׳ט מאַרקאָ״־קלויסטער. האָט עס אים פאַראויסגעזאָגט די שיינע טעג, וואָס אים איז דאָ באַשערט געווען איבערצולעבן? האָט ער געאַנט וועגן זיין טרויעריקן סוף? זיכער יאָ. ווי העלפאַרביק זיינע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס האָבן פאַר אים נישט געזאָלט מאָלן די קומענדיקע טעג; ווי ווייט עס האָבן אים נישט פאַרטראָגן זיינע חלומות וועגן די שפּעטערדיקע פאַסירונגען, האָט ער פאָרט אינטואיטיוו געפילט, אַז זיין וועג קען זיך ענדיקן נאָר מיט דעם מאַרטירער־טויט.

דער פאָרגעפיל וועגן דעם איינציקן אויסוועג פון זיין גורל האָט אים נישט פאַרלאָזט אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין טריאומף, נאָך זיין ערשטן צוזאַמענשטויס מיטן רוימישן פּויפּסט. פון זיין איינזאַמער צעלע אין סאַן מאַרקאָ וויל ער זיין מוטער פאָרט צוגרייטן צו דעם שרעקלעכסטן, וואָס זאָל נישט פאַסירן. אין אַ לאַנגן בריוו שרייבט ער צו איר: „איך וואָלט זיך געווינטשן צו וויסן, אַז דיין גלויבן איז אַזוי שטאַרק ווי דער גלויבן פון דער אידישער מוטער אין אַלטן טעסטאַמענט. דו זאָלסט אומשטאַנד זיין, קיין טרער נישט פאַרגיסנדיק, מיט דיינע אויגן צו זען, ווי דיין זון ווערט געמאַטערט. איך וויל דיך צוגרייטן — אפשר וועל איך דאַרפן שטאַרבן״.

איך וואַנדער אַרום איבער די גאַסן און געסלעך, וואָס פירן דיך ווידעראַמאָל איבער דיזע לעבנס־וועג פון דעם פאַרדאַרער טרוימער.

„פּיאַזאַ דע דאָומאָ״. אַ ליכטיק שימערירנדיקע שטייט זי, די „סאַנטאַ מאַריאַ דעל פיאָרע״, איינג צוזאַמענגעפּרעסט צווישן די אַרומיקע געביידעס מיט דעם ראָז־ווייסן פאַסאַד און הויכן גאָלדענעם

ברונעלעסקי־קופּאָל. ס'איז די פלאָרענטינישע קאַטעדראַלע. די „דאָומאָ", וואו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די שענסטע טריאומפן אין סאַוואָנאַראָלאַס לעבן, און וואָס האָט אויך געזען דעם אָנהויב פון זיין טרויעריקן נידערפאַל, ווען די כוואַליעס פון זיין רום האָבן זיך קעגן אים צוריקגעקערט, און ער האָט אָנגעהויבן צו דערפילן די ערשטע סמנים פון ביטערער אַנטוישונג.

זיינע ערשטע אַרויסטריטן אַלס פּריידיקער און צום גלויבן רו־פער אין דער קליינער קירכע פון סאַן מאַרקאָ האָבן אַרויסגערופן אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט און אויפזען סיי ביי די געלערנטע הו־מאַניסטן, וועלכע זיינען געוואָרן זיינע נאָענטע פריינט, און סיי ביים פשוטן עולם, אַז דאָס פּלאַץ איז איינג געוואָרן און האָט מער נישט געקענט אַריינגעמען די אַלע טויזנטער, וואָס זיינען געווען הונגעריק נאָך זיין וואָרט. מען האָט אים דערפאַר געמוזט אַריבערפירן אין דער דאָומאָ, די וויכטיקסטע און גרעסטע קירכע אין פלאָרענץ.

אויב זיין קלויסטער־צעלע אין סאַן מאַרקאָ איז געווען דאָס אָרט, וואו ער האָט אין טיפער איינזאַמקייט אויסגעחלומט זיינע פּלענער פאַר אַ שענערער און בעסערער פלאָרענץ און דאַדורך אויך איטאַליען; אויב אין דעם איינגן מאָנאַכן־קעמרל האָט ער געוועבט זיינע ווייט־גרייכנדיקע און העל־גלאַנצנדיקע טרוימען פון אַ בעסע־רער וועלט און העכערער מאָראַל, זיינען די גרוימע געוועלבן פון דער דאָומאָ פאַר סאַוואָנאַראָלאַן געוואָרן די קאַמף־פּאָזיציע, פון וואַנען ער האָט די פּלענער זיינע גענומען פאַרווירקלעכן. דאָס איז געוואָרן דאָס שלאַכטפעלד, וואו זיינע טרוימען האָבן באַקומען בלוט און פלייש, און אָנגענומען אַ לעבעדיקע פאָרם. ווייל מיט דער אויס־ברייטערונג פון זיין מאַכט ווערט אויך גרעסער די צאָל פון זיינע שונאים, און ממילא מוז אויך גרעסער ווערן דאָס פעלד וואו אָנצו־גרייפן אָדער זיך פאַרטיידיקן. זיין געווינען די הערצער פון די פלאָ־רענטינער פאַר זיינע באַגריפן פון מאָראַלן לעבן און שטאַטלעכער פרייהייט רופט אַרויס מורא און צעטומלונג ביי די פירשטן און דעספּאָטן פון די אַרומיקע איטאַליענישע פּראָווינצן. זיי זעען אין פלאָרענץ און אין איר אָנפירנדיקן מאָנאַך די פאַרקערפערונג פון ביטערן קאַמף קעגן יעדער טיראַניע. אין די נייע רעפּובליקאַנישע

יסודות, וועלכע סאוואָנאראָלאַ האָט איינגעפירט מיט דער הילף פון דער סעניאָריאַ, — דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער פאַרטרייבונג פון פיעראָ דע מעדיטשי, — זעען זיי די פייער־פונקען, וואָס דראָען יעדע מינוט זיך אַריבערצוואוואַרפן און אָנצינדן אויך זייער באַזיץ. אָבער דער געפערלעכסטער שונא פון זיין לעבן ווערט זיין הייליקייט פויפסט ראָדעריגאָ באָרדזשיאַ. און פונקט ווי פריער קעגן לאָרענצאָ דע מעדיטשי, וואַרפט סאַוואָנאַראָלאַ איצט אַריבער זיין הויפט־קאַמף קעגן דעם הייליקן רעגירער פון רוימישן וואַטיקאַן. גאַנצע אַכט יאָר, די צייט ווען ער איז געווען דער פאַקטישער הערשער איבער דער רעפובליק, האָבן פון דעם פולפּיט אין דער דאָומאָ זיך געטראָגן זיינע פייערדיקע אָנפאַלן אויף דעם שענדלעכן פאַרכאַפּער פון ס'ט פעטערס טראָן, דעם אויסגעלאַסענעם פויפסט. פון דאַנען האָבן זיך צעטראָגן זיינע וואָרנדיקע רופן וועגן דער באַשטראָפונג און נידערלאַגעם פון די איטאַליענישע צעלאָזענע פראָווינצן. פון דער דאָומאָ־בימה האָבן זיך ווי אויפטרייםלענדיקע דונערן געלאָזט הערן זיינע שאַרפע אָנגריפן קעגן די פאַרדאַרבער און צעשטערער פון דער פאָלקס־מאָראַל און פאָלקס־פרייהייט. קעגן די רייכע און זאַטע, וואָס אין זייער לעבן פון רויב און אונטערדריקונג פאַרגעסן זיי אָן די אָרעמע און אונטערדריקטע.

ער איז געווען מיט די אָרעמע און אונטערדריקטע. זיין טיפער וואונטש פאַר פרייהייט און גליק פאַר אַלע מענטשן האָבן אים תמיד געפירט אין די רייען פון די באַרויבטע און באַליידיקטע. ער האָט תמיד מיט וואָרט און טאַט געזוכט צו לינדערן זייערע נויטן און אַריינברענגען פרייד און דערלייכטערונג אין זייערע לעבנס. אפילו זיין, גרויסע לײדנשאַפטלעכע ליבע צו גאָט טרעט אָפּ אויפן צווייטן אָרט, ווען עס קומט צו העלפן די, וועלכע ליידן נויט. ער פריידיקט כסדר וועגן בויען אָרעמע קירכעס און דאָס געלט אָפּגעבן צו די אָרעמע. „איך וועל זיין דער ערשטער — שטורמט ער — וואָס וועל לייגן אונטערן האַמער די גאָלדענע צלמים און קירכן־בעכערס. כ'וועל זיי פאַרקויפן אויף לעציטאַציע, כדי צו העלפן די אָרעמע, וואָס באַזיצן גאָרנישט”.

עפּעס אויסערגעוויינלעך אויפשטורמדיקס און צוציענדיקס איז

געוועז אין די פריידיקן פון דעם מאַנאַך פון סאַן מאַרקאָ. זיין גאַנצע פיגור פלעגט ווי אויפלאַמען און אַרומכאַפּן מיט אַ נישט געזען, אָבער נשמה־צינדענדיקן פייער די טויזנטער פאַרגאַפטע צוהערער זיינע. זיין העל־פּאָעטישע ליידנשאַפטלעכקייט און די טיף־ דראַמאַטישע בילד־לעכקייט פלעגן ווי אָפּנעמען דעם אָטעם און אָנפילן מיט ווייטוט־טרערן די אַלע, וואָס האָבן אים געבראַכט אַהער זייערע אויערן און הערצער. און אומדערהערט גרויס איז געווען זיין ווירקונג. מענטשן פלעגן אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט, און אין די גרעסטע רעגנס און קעלטן פלעגט מען שעהנוויז וואַרטן פאַרן קלויסטער, כדי צו קענען פאַרנעמען אַן אָרט אינעווייניק, ווען די טירן פון דער דאָומאָ וועלן זיך עפענען.

איך שפּאַציר אַרום אין דער טונקעלער, גרוי־געוועלבטער דאָומאָ. די ווענט און זיילן זיינען נאַקעט, אָן שום באַפּוצונגען. דאָס רויט־געלבלעכע ליכט, וואָס רייסט זיך דורך די טונקל־קאָלירטע פענצטער אויבן אין דער הויך, פאַרשטאַרקט נאָך מער דאָס מיס-טיש-סודותדיקע, וואָס שימערירט און צעלייגט זיך צווישן די דיקע, מאַסיווע זיילן און פאַרבאָרגענע ווינקלען. טריט רופן אַרויס דומפּע נאָכקלאַנגען, וואָס מישן זיך אויס מיט די נאָכקלאַנגען פון פאַר־גאַנגענע און דאָך נאָענטע געשעענישן.

צווישן אָט די זיילן, אין איינעם פון די ווינקעלעך פלעגט מיט ברענענדיקע, באַגייסטערטע אויגן און אומרואיק-קלאַפּנדיקן האַרץ שטיין דער יונגער מיקעל אַנדזשעלאָ, ווען ער פלעגט גיריק זיך איינ־הערן צו די פּאָעטיש־רעליגיעזע דרשות פון זיין באַליבטן סאַוואָנאַ-ראָלאַ. אונטער די הויכע, אין שאָטנס זיך פאַרלירנדיקע געוועלבער, פלעגן זיך צעטראָגן די התפּעלותדיקע און גליקזעליקע אויפזיפצן פון סאַוואָנאַראָלאַס לעבנסלאַנגע אָנהייננגער די פּיאַנאָנים (קלאָגערס), וואָס פלעגן אים תמיד אַרומרינגלען בשעת זיינע ליידנשאַפט־לעכע אַרויסטריטן קעגן די שטאַרקע און קאָרומפּירטע, קעגן די מעכ־טיקע און פאַרדאָרבענע. און דאָ האָבן זיך געהערט די צאָרן געשרייען און אויפרייצונגען קעגן אים פון זיינע ביטערע קעגנער די אַרראַביאַ־טים (די צעווילדעטע), אָנהיינגער פון די מעדיטשים, שפּעטער ווען זיין שטערן האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. ווען די הערצער פון

די פלאָרענטינער האָבן אָנגעהויבן זיך פון אים אָפּצוקערן און ער הויבט זיך אָן צו דערנענטערן צו זיין אונטערגאַנג.

און אונטערגיין האָט ער געמוזט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איינזען, אַז דער קאַמף קעגן אים, וואָס האָט זיך אויסערלעך געדרייט אַרום פראַגן פון רעליגיעזער געהאָרכזאַמקייט און קירכלעכער גע־טריישאַפט איז אין דער אמתן געווען נישט מער ווי אַ קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט און וועלטלעכן באַזיץ.

ראָדעריגאָ באָרדזשיאַ, דער אויסגעלאַסנסטער און געזונקנסטער פון אַלע רענעסאַנס־פּויפּסטן, האָט נישט געקענט מיט פאַרלייגט הענט צוזען, ווי עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מאָנאַך זאָל האַלטן אין זיינע הענט און אונטער זיין השפּעה אָט די באַגערטסטע פון אַלע איטאַליענישע פּראָווינצן. אַז ער זאָל אָפּן און אָן מורא פּריידיקן מרידה קעגן דעם גאַנצן פאַרדאָרבענעם לעבנס־אופן, פאַר וועלכן באָרדזשיאַ, אַלס פּויפּסט אַלעקסאַנדר דער 6טער האָט געגעבן דעם טאָן. זיין פריערדיקער פאַרזוך איינצושטילן דעם רעבעלירנדיקן מאָנאַך און אים צוריקברענגען אונטער די שטילע, שיצנדיקע פליגל פון דער געהאָרכזאַמער רוימישער קירכע, האָט זיך צעבראָכן אונטער סאַוואָנאַראָלאַס הארטנעקיקייט און פעסטקייט. באָרדזשיאַ האָט אַלזאָ געמוזט אויפנעמען דעם קאַמף אויף לעבן און טויט. און ווי אַן עכטער רענעסאַנס־פּרינץ פון דער קירכע האָט ער אין דעם קאַמף זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין מיטל אבי צו דערגרייכן זיין ציל. אַלץ איז געווען כשר — שווינדל, אונטערקויפן, וועלן סאַוואָנאַראָלאַן פאַרנאַרן קיין רוים כדי אים צו אַסאַסינירן, אויפרייצן קעגן אים אַלע פאַרשטייער פון די איבעריקע פּראָווינצן, און צום סוף — דאָס פאַרווערן אים עפנטלעך צו פּריידיקן.

אָבער דאָס שרעקט נישט אָפּ דעם קעמפנדיקן סאַוואָנאַראָלאַן. פאַרקערט, זיינע אַרויסטריטן קעגן פּויפּסט ווערן העפטיקער. זיינע אָנפאַלן נאָך פייערדיקער. אַלעקסאַנדר דער 6טער ווענדט נאָך אָן זיין שטענדיק אויספּרובירט מיטל — ער לייגט דעם מורד פאָר דעם קאַרדינאַל־הוט. ער וויל אים דערהויבן כדי אים צו דערוויטערן פון פלאָרענץ. אָבער סאַוואָנאַראָלאַ ווייזט מיט פאַראַכטונג צוריק זיין שוחד אָנבאָט. ער זעט ווי דער קרייז, מיט וועלכן מען רינגלט

אים אָרום ווערט וואָס אַמאָל ענגער; דער שטורם אַרום אים ווערט וואָס אַמאָל ווילדער. אָבער ער פאַרשכורט זיך אַליין מיט דעם קאַמף־לוסט. ער זעט — ווי ער דריקט זיך אַליין אוים — אַז זיין שיף ווערט דורך די בייזע כוואַליעס אַוועקגעטראָגן אַלץ ווייטער פון ברעג. אָבער קיין צוריק איז שוין נישטאָ. זיינע שונאים די אַררא־ביאַטים און זייערע אַרויסהעלפער די קאַמפּאַניאַטשים (וואוילע יונ־געןן) ווערן וואָס אַמאָל חוצפהדיקער און הויבן העכער אויף די קעפּ. זיי זוכן מיט אַלע מיטלען צו שטערן זיינע דרשות. און ענדלעך קומט זיין לעצטער אַרויסטריט אין דער דאָומאָ. קעגן דער וואָרנונג פון זיינע פריינט, די פיאַנאָנים, פּרובירט ער נאָכאַמאָל צו לאָזן הערן זיין מעכטיקע שטימע פון דעם פּולפּיט, אָבער זיין אַרויסטריט ענדיקט זיך מיט אַ שרעקלעכן דורכפאַל און ווערט איבערגעריסן צוליב דעם טומל און פאַניק, וואָס די קאַמפּאַניאַטשים און זייער אָנפירער דאָפּפאָ ספּיני האָבן געמאַכט.

ווי דער לעצטער דונער צעטראָגט זיך נאָך איבער זיין קאָפּ דער שרעקלעכער חרם, וואָס דער פּויפּסט האָט אויף אים אַרויס־געגעבן. און אין דער זעלבער דאָומאָ, וואָס איז געווען דער עדות פון זיינע נצחונות און פאַרערונגען, אין דער זעלבער דאָומאָ איז פאָרגעקומען די פיינלעכע סצענע פון פאָרלייענען דעם חרם־אַקט. די שטענדיקע טונקלקייט פון די מיסטעריעזע געוועלבער איז נאָך פינצטערער געוואָרן פון די פיר שוואַרצע ליכט, וואָס האָבן שוואַך געפלימערט. אין טיפער שרעק און ציטערדיקער מורא האָבן זיך איינ־געהערט די פאַרזאַמלטע קירכן־ברידער פון „סאַנטאַ קראָטשע״, „סאַנטאַ מאַריאַ נאָוועללאַ״ און „סאַנטאַ ספּיריטאָ״. ווען דער גלח האָט פון דעם גרויסן אַלטאַר אַראָפּ געענדיקט פאַרלייענען דעם שענדלעכן חרם, זיינען די פיר ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן און אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן צו דער ערד.

האָט דאָס סימבאָליזירט דאָס אויסלעשן זיך און אַראָפּפאַלן פון סאַוואָנאַראָלאַס שטערן? ביי זיין גאַנצן מוט און טיפן גלויבן אין זיך, האָט דער מאָנאַך געמוזט פילן טיף אין האַרצן, אַז יאָ. אומזיסט האָט ער זיך פּרובירט אַנטקעגנצושטעלן דעם חרם. אומזיסט האָט

ער געזוכט צו באַווייזן, אַז אַ פּויפּסט, וואָס האָט זיין שטול געקראָגן דורך באַטריגערישקייט און אונטערקויפונג איז נישט ווירדיק צו פאַר־נעמען ס'ט פּעטערס זיץ, און זיין חרם האָט דעריבער נישט קיין ווערט. אומזיסט פּרובירט ער צו אָרגאַניזירן די קעגנער פון פּויפּסט, זיי זאָלן צונויפרופן די גרויסע פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל ראָדעריגאָ באָרדזשיאַן אַראָפּזעצן פון דעם וואַטיקאַנישן טראָן. די אומשטענדן זיינען קעגן אים.

ווייל ווי שטאַרק יענע צייט איז נישט געווען דורכגענומען מיט פריידענקערישקייט און אויפקלערונג; ווי ווייט מענטשן האָבן זיך נישט געוואָלט באַפרייען פון דער פאַנאַטישער ממשלה פון דער קירכע, זיינען אָבער די וואָרצלען פון אָבערגלויבן פאַרט געזעסן טיף אין זייערע הערצער און נשמות. די מורא פאַר די פּויפּסטלעכע וואָרנונגען, אַז אויב די פלאָרענטינער וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייער העצנ־דיקן מאָנאַך, וועט די רוימישע מוטערלעכע קירכע אָפּטאָן איר גנאָד פון דער רעפּובליק; אַז זייער גאַנצע פּראָווינץ וועט געשטעלט ווערן אונטער חרם און ווערן אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט — דאָס אַלץ האָט ארייינגעוואָרפן אין שרעק סאַוואָנאַראָלאַס פריער־דיקע אָנהענגער און זיי האָבן אים מאַסנווייז אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך געמוזט צוריקציען אין דער שטילקייט פון זיין סאַן מאַרקאָ־קעמערל, און מיט אַ פאַרדריקט האַרץ און פאַרשטאַרקטן גלויבן אָפּוואַרטן די אַנטוויקלונג פון די וויטערדיקע פּאַסירונגען.

די דאָומאָ־וועגט איז נאָך באַשערט געווען צו הערן די לעצטע צאָרנדיקע אויסרופן קעגן אים צוויי טעג נאָך דעם אומגליקלעכן פייער־נסיון, ווען זיין נאָענטער פריינט און תּלמיד פראַ מאַריאַנאָ דעלי אוגהי האָט געוואָלט רעדן אין סאַוואָנאַראָלאַס נאָמען. ער איז מיט שפּאָט און ווילדן טומל אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון דער קירכע. די פאַרזאַמלטע האָבן שוין ווי אַ שטורמדיקער ים געשוימט מיט האַס צו זייער ערשט נישט לאַנג פאַרגעטערטן פירער. און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט די קולות, וואָס האָבן געהעצט צום איבערפאַל אויף זיין לעבן: צו סאַן מאַרקאָ! צו סאַן מאַרקאָ!

דורך דער שמאָלער „וויאַ דע סערווי" און פאַרביי דער „פּיאַזאַ דעל אַנונציאַטאַ" פירט עס דיך צו דעם שטילן, אָפּגעזונדערטן דאָמיניקאַנער מאָנאַסטיר.

באַלד ווי מען קומט אריין פון דער דרויסנדיקער פיינער סאַן־מארקאָ־פּיאַזאַ און מען טרעט אריבער די שוועל פון דעם קליינעם קאָרידאָר אין ערשטן גאָרטן-הויף, ווערט מען ווי דורכגענומען מיט דער באַזונדערער לופט, וואָס גיט א ווייַ אַנטקעגן. נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע באַזוכער און נייגעריקע באַטראַכטער, פילט זיך דאָ די איינזאַמקייט און פאַרטיפטקייט. מענטשן שפּאַצירן דאָ מיט פאַרחלומ־טע פּנימער און שטילער געוואָרענע אויגן. קענסט אויפן ערשטן בליק זיך אפילו נישט אָפּשטעלן אויף די געוועלבטע ווענט, באַצירט מיט די פרעסקאָס פון פראַ אַנזשעליקאָ און פאַצעטי. עס ציט דיך אפילו נישט צו דער קליינער מוזייאום פון אַנזשעליקאָס הימלישע מאַדאָנעס און הייליקע. דאָס איז ערשט מעגלעך שפּעטער, ווען דאָס געמיט באַ־פרייט זיך פון די אלע מאָדנע געפילן, און דאָס האַרץ ווערט פריי פון דער צוזאַמענגעפּרעסטקייט, וואָס כאַפּט דיך ארום אריבערטרעטנ־דיק די שטילע, צוריקגעהאַלטענע היים פון סאַוואָנאַראָלאָן.

א פרומע פאַרקלערטקייט שוועבט שטיל איבער אלעם. אן איינ־לאָדנדיקע האַרציקייט פירט דיך איבער דער פאָרעסטעריאַ — דאָס גאַסטפריינטשאַפט־צימער אין דעם דערבייאיקן קלויסטעל־זאַל. מיט איינגעהאַלטענע טריט און שטילן אומעט גייסטו איבער דעם אינער־לעכן גאָרטן־הויף, וועלכער איז איינגעשלאָסן צווישן די מויערן פון דעם מאָנאַסטיר, און וואוהין עס גייען ארויס די קליינע פאַרגראַטעטע פענצטער פון די מאָנאַכישע קעמערלעך. עס שלומערן צווישן די באַ־שאָטנטע ווענט אונטער דעם פריי־קלאָרן הימל די פאַרחלומטע ביימער. אַלץ איז דאָ פול מיט זכרונות פון יענעם פייערדיק־טעמפּעראַמענט־פולן מאָנאַך, וואָס פלעגט דאָ אין דעם מאָנאַסטיר־גאָרטן זוכן א שטי־לונג פאַר זיין האַרצרייסנדיקער בייַנקשאַפט צו גאָט און זיין שיינקייט. דאָ פלעגט ער אין די העלזוניקע טעג, אונטער דעם שאָטן פון א שיצנ־דיקן בוים פירן זיינע באַהאַרצטע געשפּרעכן מיט זיינע מאָנאַסטיר־ברידער. דאָ האָט ער אין די שטיל פאַרחלומטע פאַרנאַכטן, באַגאָסן מיט דעם גייסטערהאַפטן אָפּשטראַל פון דער אונטערגייענדיקער זון,

זיך געטיילט מיט זיי מיט זיינע חלומות, און זעאונגען, מיט זיינע ביינקשאפטן און פארלאנגען. דאָ צווישן די טויבע מאַנאַסטיר־ווענט האָט ער געפונען אַ שוץ און צוריקטריט קעגן דעם ווילדן ווירוואַר פון דער וועלט, וואָס איז געווען ארומגעכאפט מיט דעם משוגענעם פאַר־לאַנג אונטערצוגיין אין דער אייגענער שכרות און איבערטריבענער סענסועלקייט. דאָ, וואו אלץ האָט געשמעקט מיט אזויפיל פשוטקייט און איינפאַכקייט.

ווייל פשטות איז געווען דער הויפט אידעאַל פון זיין לעבן. צו־ריקגעהאלטנקייט איז געווען די טוגענד, וואָס האָט אמשטאַרקסטן צו אים אפּעלירט. ווייזט זיך גאָטס שיינקייט נישט אין איר פולן גלאַנץ אפילו אין דער פשוטסטער זאַך? איז דען דער בלאַט פון אַ בוים נישט איינפאַך און דאָך פול מיט וואונדער? און די זעלבע פשוטקייט האָט ער געפאָדערט פון אלע ארום און אויך פון די קינסטלער, וואָס נעמען זיך איבערשאַפן גאָטס וועלט. פאַר אים האָט אַ קונסטווערק געהאַט אַ ווערט נאָר, ווען עס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גוטן געשמאַק פון איינפאַכקייט. זיין אידעאַל איז געווען די פרימי־טיווע קירכע, וואו די פרעלאַטן זיינען געווען אוים גאָלד און די הייליקע בעכערס אוים האָלץ, אַנשטאָט וואָס אין דער זיין צייטיקער קירכע זיינען די בעכערס געווען אוים גאָלד און די פרעלאַטן אוים האָלץ.

וויפיל מאָל האָט ער זיך געמוזט פאַרטראַכטן אין טיפער שוויי־געניש פאַר די הויך־גייסטיקע און אזוי וואונדערלעך־פשוטע פרעסקאָס פון דעם טיף־רעליגיעזן פרא אַנזשעליקאָ, מיט וועלכע סאַן מאַרקאָ איז געווען פול. זיינען זיי פאַר אים דען נישט געווען קיין עכט קינסט־לערישער אויסדרוק פון זעלישער דערהויבונג? זיינען זיי דען נישט געווען פול מיט דעם זיסן ציטער און שטילער מוזיק פון געטלעכער אַנטפּלעקונג?

טיף אין זיין האַרצן און מיט זיין גאַנצער נשמה איז סאַוואָנאַ־ראָלאָ געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן דראַנג פאַר שיינקייט און קינסטלערישקייט. ער האָט תמיד גרופּירט אַרום זיך די בעסטע גייס־טער און פיינסטע קינסטלער. אין סאַן מאַרקאָ האָט ער געגרינדעט אַ שולע פון צייכענען פאַר די ברידער, וואָס האָבן געהאַט אַ נייגונג דערצו. צווישן די וואָס זיינען אינספּירירט און צוגעצויגן געוואָרן צו

אים האָבן זיך געפונען אזעלכע קינסטלער ווי מיקעל אַנדזשעלאָ, סאַנדראָ באָטיטשעלי, לאָרענצאָ די קרעדי, פרא באַרטאָלאָמעאָ, די דעללאַ ראָביאַס און די פיינסטע פון די הומאַניסטן, מאַרסיליאָ פיטשינאַ און פיקאָ דעללאַ מיראַנדאָלאַ.

דאָס פאַרברענען פון די לוקסוס-זאַכן, וואָס זיינע אָנהייננער האָבן צוזאַמענגענומען פון די רייכע הייזער און מיט רעליגיעזן פּאָמפּ אונטערגעצונדן אויף דער פּיאַזאַ דעגלאַ סעניאָריאַ, דאָס איז געווען א מין שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער אויסגעלאַסנקייט און געזונקנקייט פון די רייכערע קלאַסן, און אויף קיין פאַל נישט קיין אויסדרוק פון פיינטשאַפט צו קינסטלערישע שאַפונגען. אויב צו די פאַרברענטע זאַכן, ווי לוקסוריעזע קליידער, טייערע צירונגען, געפאַרבטע מאַסקעס און פאַלשע האָר, האָבן זיינע אייפעריקע אָנהייננער אויך צוגעוואָרפן עטלעכע זעלטענע ביכער און ווערטפולע קונסטווערק, איז עס נישט געווען זיין פאַרלאַנג און נישט זיין שולד. פאַרקערט, זיין ליבע פאַר אַלעם גייסטיקן האָט זיך דייטלעך ארויסגעוויזן, ווען נאָך דער פאַרטרייבונג פון די מעדיטשיס האָט די באַרימטע גריכישע ביבליאָטעק אין סאַן-מאַרקאָ־מאָנאַסטיר, וואָס האָט געהערט צו די מעדיטשיס געזאָלט פאַרקויפט ווערן. ער האָט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע קלויסטערגעלט און נאָך פאַרמשכנט די קומענדיקע קלויסטער־הכנסות פאַר טויזנט פלאָרינס און אָפּגעקויפט די ביבליאָטעק, כדי זי צו פאַרוואַנדלען אין אַן עפנטלעכער אינסטיטוציע פאַר אַלע, וואָס ווילן שטודירן.

ברייטע טונקל־שטיינערנע טרעפּן פירן ארויף צום אויבערשטן גאָרן מיט די איצט אָפענע איינגע קעמערלעך, וואו עס פלעגן וואוינען און לעבן די הייליקע ברידער פון מאָנאַסטיר. דער לאַנגער קאָרידאָר, וואָס נעמט ארום אַלע פיר עקן פון דער געביידע איז פוןביידע זייטן באַזעצט מיט די שמאָלע עפענונגען צו די מאָנאַכן־צעלן. איינג זיינען די קעמערלעך. קוים גענוג פאַר איין מענטש זיך צו באַוועגן. די קליינע, מיט אייזערנע לאָדן באַפעסטיקטע פענצטער לאָזן אריין ווייניק זון־שטראַלן. און דאָך שיינט דאָ צו הערשן א מאָדנע ליכטיקייט, וואָס קומט פון די שטילע, פרום־רעליגיעזע וואַנט־בילדער פון פרא באַרטאָלאָמעאָס און אַנזשעליקאָס האַנט געמאָלן, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַר־

שאַפן פרייד און טרייסט זייערע מיטברידער מאַנאַכן. און ביים סוף פון קאָרידאָר קומט מען אריין אין די צוויי איינגע קעמערלעך, וואו עס האָט געלעבט ביז זיינע לעצטע טעג פראַ זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ.

זיינען עס די ווייסע, איינגע ווענט, צווישן וועלכן עס האָט אויס־געשטורמט זיין לעבן און אויסגעחלומט זיינע שענסטע פּאָעטישע ווי־זיעס דער גרויסער טרוימער פון פּאַררארא? אין די צוויי שמאָלע חדרימלעך, וואָס האָבן געדינט איינס פאַר אַן אָרט צום שלאָפן און איינס פאַר אַ שרייב צימערל, אָט דאָ האָט ער אין די לאַנגע, איינזאַמע נעכט זיך איבערגעגעבן זיינע טיפע מעדיטאַציעס און ליכטיקע זעאונ־גען. דאָ, אין די שטילע שעהן פון פּיין און פאַרלאָזנקייט, האָבן זיך פון זיין האַרץ ארויסגעריסן די וואונדערלעכע תפילות און פריידפולע געזאַנגען.

אין דרויסן, פון יענער זייט סאַן־מאַרקאָ־ווענט, האָט געשטורמט דאָס מיטרייסנדיקע, קאָלירפולע לעבן פון רענעסאַנסדיקן פלאָרענץ. דאָס ליד פון די מעדיטשיס, וואָס פלעגט אָנפילן די גאַסן איז געווען: „לאָמיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן". און דאָ צווישן די איינזאַמע, נאַקעטע ווענט שאַפט זיינע רעליגיעזע לידער און באַזעלטע דערמונטערונגען דער זאָנדערבארער מאָנאַך. „איך בין אריינגעטרעטן אין קלויסטער כדי צו לערנען ווי צו ליידן. און ווען די ליידן זיינען צו מיר געקומען, האָב איך זיי אויסשטודירט און זיי האָבן מיך געלערנט תמיד ליב צו האָבן און תמיד מוחל זיין".

ער איז געווען גליקלעך אין דער שטילער צוריקגעצויגנקייט פון סאַן מאַרקאָ. דאָס טיף אַסקעטישע אין אים האָט זיך דאָ געקענט אויסלעבן אין זעלישער פרייד און רעליגיעזער התפעלות. און דאָך — אַלץ אין אים האָט רעוואָלטירט קעגן דעם אומרעכט און פאַרכאַפּע־רישקייט פון די דעספּאָטישע פּרינצן און געזונקענע פויפּסטן. ער האָט זיך געריסן אין קאַמף צו באַפרייען פלאָרענץ און איטאַליען פון זייערע מאָראַלע און פּאָליטישע באַדריקער. ער האָט געפילט ווי גאָטס וואָרט ברענט אים דעם מארך. „אויב איך זאָל שווייגן, וועל איך אומקומען". ער ווערט פאַרצערט אין דעם אייגענעם פייער. אין דעם קליינעם סטו־דיאָ-קעמערל שאַפט ער זיינע פייערדיקע, אָנגרייפערישע פּריידיקן, מיט וועלכע ער שטורמט פון זיין פּולפּיט אין דער דאָאומאָ. אָט די באַגייס־

טערטע דרשות, וואָס מאַכן ציטערן די רויבערישע פּרינצן אין זייערע אויסגעצירטע פּאַלאַצן, און וואָס זייער אומרואיקער עכאָ הילכט אָפּ העל און שרעקנדיק ווייט אין די אויסגעשמוקטע זאַלן פון רוימישן וואַטיקאַן.

די עטלעכע באַשיידענע מעבלשטיקער, דאָס פּשוטע שרייבטישל מיט די געעפנטע ביכער, וואָס זיינען באַצירט מיט די דריבנע אויפשריפטן, קאָמענטאַרן געמאַכט מיט סאַוואָנאַראָלאַס האַנט; דאָס גלעזערנע שיינקל, וואו עס ליגן צוזאַמענגעלייגט דאָס מאָנאַכן־קלייד און די קרעלן־שנור, וואָס ער פלעגט טראָגן, אַלץ האָט נאָך אויף זיך דעם הויך פון דעם מיסטיקער־פּאָעטס באַרירונג. גלייך ווי דער אומרואיקער נשמה־ציטער, וואָס איז דאָ אין די לאַנגע יאָרן אויסגעשטראַלט געוואָרן, וואָלט נאָך שטיל געפלאַטערט אין דער פאַרקלערטער לופט פון די שטילע קעמערלעך.

יעדעס ווינקל אין סאַן מאַרקאָ איז נאָך דורכגענומען מיט זיין מיסטישער סודותדיקייט און ווייכער צאַרטקייט. פון דאַנען פלעגט ער זיך אוועקלאָזן אין באַשיידענע, אָבער עקסטאַזפולע פּראָצעסיעס צו דער פּיאַזאַ דע דאָומאָ, אַרומגערינגלט פון זיינע טרייע פּיאַנאָני־תלמידים. באַגלייט מיט די דאַנקבאַרע און פאַרערנדיקע בליקן פון זיינע טויזנטער אָנהייגער, וואָס פלעגן באַלאַגערן די גאַסן, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף אים. פון דאַנען פלעגט ער שטילערהייט אַוועקגיין מיט די קליינע גרופּעס ברידער, כדי אַרומצוגיין אין די שרעקלעכע מגפה־טעג צווישן די אָרעמע קראַנקע, וועמען ער האָט געבראַכט טרייסט און לינדערונג, האָפענונג און דערמונטערונג אין זייערע שווערע מינוטן. ער איז געווען דאַמאָלסט דער פאַרגעטערטער העלד ביי די פלאָרענטיער. דער וואָס האָט געזאָרגט פאַר זייערע נויטן און זיי געשיצט קעגן אַלע אָנגרייפער. און פון דאַנען איז ער אַרויסגעגאַנגען אין יענער שרעקלעכער נאַכט, נאָך דעם איבערפאַל פון די קאַמפּאַניאַטשים אויף סאַן מאַרקאָ, ווען מען האָט אים אַ געבונדענעם געפירט צום פּאַלאַצאָ וועקיאָ, וואו די סעניאָריאַ האָט אים איבערגעגעבן צום משפט אלס כופר און פאַררעטער אויפן פאַרלאַנג פון זיין הייליקייט דעם רוימישן פּויפּסט.

סאַן מאַרקאָ געדיינקט נאָך קלאָר אַט יענע לעצטע אומרואיקע

און טיף דראַמאַטישע טעג, וואָס אירע איינוואוינער צוזאַמען מיט איר באַשיצנדיקן פּריאָר איז אויסגעקומען איבערצולעבן. ס'האָט אויסגע־זען, ווי די גאַנצע אויסערלעכע וועלט האָט ווי געבילדעט א קייט, וועלכע איז וואָס אַמאָל איינגער צוזאַמענגעצויגן געוואָרן, כדי צו דער־שטיקן דעם פלאַם־פייערדיקן און זיך נישט אונטערגעבנדיקן מאָנאַך. דער פראַנציסקאַנער אָרדן פון סאַנטאַ קראָטשע, וואָס האָט זיך תמיד געהאַלטן פיינטלעך צו די דאָמיניקאַנער, האָט ארויסגעגעבן אן אויפ־פאָדערונג צו סאַוואָנאַראָלאַן, ער זאָל דורך דעם פייער־נסיון באַווייזן די אמתדיקייט פון זיין לערע. צוויי האָבן זיי באַדאַרפט דורכגיין דעם פייער־וועג, איין פאָרשטייער פון די דאָמיניקאַנער און איינער פון די פראַנציסקאַנער, כדי דורך די פלאַמען דורכצוטראָגן זייער גלויבן און זייער בטחון. סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך לכתחילה אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שטייגער באַווייזן זיין אמת. זיינע אָנהייגער אָבער האָבן געפאָדערט א נס. צופיל אָנגעשטרייגנט זיינען געוואָרן די באַדינגונגען פון לעבן ארום. צופיל האָבן זיי זיך געהאַט איינגעריסן מיט זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע קעגנער, נאָכגייענדיק נאָך די אויפמונטערנדיקע הבטחות פון זייער פירער וועגן א באַלדיקער אויסלייזונג פון דער קירכע און א באַנייאונג פון איטאַליען. איבערן קאָפּ איז געהאַנגען דער שרעקלע־כער חרם. אָט די אַלגעמיינע שטימונג האָט זיך געהאַט פאַרוואַנדלט אין א פּסיכאָז. צענדליקע האָבן זיך אָנגעבאָטן צו גיין אין פייער אריין און דורכמאַכן דעם נסיון. און סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך געפילט געצוואונגען אָנצונעמען דעם פראַנציסקאַנער ארויסרוף. זיין געטרייער תלמיד דאָמיניקאָ דאַ פּעסציאַ האָט מיט פרייד זיך אונטערגענומען דורכצומאַכן דעם פייער־נסיון קעגן דעם ברודער דזשוליאַנאָ ראָנדי־נעלי, וואָס די פראַנציסקאַנער האָבן ארויסגעשטעלט.

מיטן גאַנצן רעליגיעזן פּאָמפּ איז אויף דער פּיאַזאַ דעגליאַ סעניאָריאַ איינגעאָרדנט געוואָרן די צערעמאָניע פון דעם נסיון. די גאַסן זיינען געווען באַלאַגערט פון מענטשן, וואָס האָבן געוויינט פון פרייד בשעת די פּראָצעסיעס זיינען דורכגעגאַנגען צום נסיון־פּלאַץ. עס זיינען געווען פאַרזאַמלט די פּיאַנאָנים, וואָס האָבן אויף קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אין דעם נצחון פון זייערע פירער. ס'זיינען אויך געווען די קאַמפּאָניאַטשים, אָט די צעווילדעוועטע באַנדע, וואָס

האָט נאָר געזוכט א געלעגנהייט זיך ארויפצעווארפן און אסאסינירן זייער פאַרהאַסטן מאָנאַך. אָבער נאָך דעם ווי די צוגרייטונג־צערעמאָ־מאָניעס האָבן זיך פאַרצויגן כמעט דעם גאַנצן טאָג, און נאָכדעם ווי די פראַנציסקאַנער האָבן געמאַכט אַלע שוועריקייטן כדי זיך ארויס־צודרייען פון דעם נסיון־פייער, האָט דער אומגעדולדיקער און אַנטויש־טער עולם געמוזט זיך צוגיין מיט גאָרנישט. די נסיון־צערעמאָניע איז אָפּגערופן געוואָרן. אָבער סאַוואָנאַראָלאַס זאַך איז געווען פאַרשפּילט.

צווישן עולם זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן די ווילדסטע קלאַנגען, אַז זייער העלד האָט זיי אָפּגענאַרט, אַז ער האָט נישט געוואָלט דורכ־מאַכן דעם נסיון. און דער גאַנצער ים פון גלויבן און צוטרויען האָט זיך מיט אמאָל פאַרוואַנדלט אין האַס און פאַרביטערונג. מיט מי און אָנשטרייננגונג איז עס די פּיאַנאָנים געלונגען אהיים צו ברייננגען זייער פירער אומבאַשעדיקט צוריק אין די שטילע מאָנאַסטיר־ווענט אריין.

די איינוואוינער פון סאַן מאַרקאָ האָבן געוואוסט אויף וואָס זיי קענען זיך ריכטן, און דאָס באַשערטע האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. מיט א מוראַדיקער שנעלקייט און א דונערדיק קראַכן האָט זיך אראָפּגעקייקלט דער באַרג, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין הויך. אין צוויי טעג ארום האָט זיך אָפּגעשפּילט די טומלדיקע סצענע אין דער דאָומאָ, ווען סאַוואָנאַראָלאַס פאַרטיידיקער איז פאַריאָגט גע־וואָרן פון דער בימה און דער גאַנצער צאָרנדיקער עולם האָט זיך אוועקגעלאָזט באַפאַלן דעם מאָנאַסטיר. סאַן מאַרקאָ איז דאַמאָלסט אויסגעקומען איבערצולעבן דעם גאַנצן מוראַדיקן צושטאַנד פון א באַלאַגערטער פעסטונג. שנעל און מוטיק האָט זיך צוזאַמענגענומען די קליינע גרופּע מאָנאַכן בראש מיט לוקאַ דעלאַ ראָביאַ און דעם מיניאַטוריסט בענעדעטאָ כדי צו פאַרטיידיקן זייער פירער. אומזיסט האָבן זיי אָפּגעשלאָגן די ווילדע אטאַקעס פון די ארייננדרינגער, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דעם מאָנאַסטיר. סאַוואָנאַראָלאַס גורל איז גע־ווען פאַרזיגלט.

מיר זעען אים נאָך אין זיין אויסגעהאַלטענער שיינקייט, ווען ער פאַרוועט די מאָנאַסטיר־ברידער זיך צו באַנוצן מיט געווער קעגן די אָנפאַלער. מיר געפינען אים נאָך אַלץ אויף זיין פּאָסטן, געבנדיק די לעצטע ברכה דעם גוססדיקן ברודער, וואָס איז געפאַלן א שטערבלעך

פארוואונדעטער אויף די טרעפּן פון קלויסטער־אלטאר. מיר באוואונ־
דערן נאָך זיין לעצטן מוט, ווען ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם פאַרשלאָג
פון זיינע נאָענטע צו אנטלויפן דורך א באהאלטענעם ארויסגאַנג
אונטערן שאָטן פון דער צוגעפאלענער נאכט. נישטאָ קיין באהעל־
טעניש פון גאָטס האנט. זיין ווילן זאָל געשען. א גלויביקער און
מוטיקער פירט ער אָן די פּראָצעסיע פון דער קליינער גרופּע ברידער,
וואָס מארשירן ארום איבער דעם גאָרטן־הויף, זינגענדיק הייליקע
לידער און גלויביקע תפלות אונטער דעם אקאָמפּאַנימענט פון די ווילדע
צורופן און האספּולע אויסגעשרייען פון די באלאַגערער, און די צע־
וויגטע, מעטאלענע טענער פון דער פּיאַנאַניאַ — דער גרויסער קלויס־
טער גלאָק, וואָס פארטויבט איצט די נאכט. ביז עס רייסט זיך אריין
דער שטאַפּעט פון דער סעניאָריאַ, וואָס קומט אים ארעסטירן אין
נאָמען פון דער רעפּובליק, פאר וועלכער ער האָט אזוי שטארק גע־
קעמפּט זי צו באפעסטיקן. ער געזעגנט זיך דאַמאָלסט מיט די וויינענ־
דיקע ברידער. איז זיך מתודה. נעמט אָפּשייד פון זיין באליבטן מאָ־
נאַסטיר, און לאָזט זיך ארויס אין דער נאכט אריין, איבער דעם דער־
נער־וועג, כדי זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון זיינע ריכטער.

די גאַסן זיינען דאַמאָלסט אויך געווען פול מיט אויפגעשטורמטע
און ווארטנדיקע. אָבער דאָס האָט שוין די גיריקע און בלוטדורשטיקע
מאַסע געווארט אויף זיין קאָפּ. אויך דאָס מאָל האָבן אים טויזנטער
אָנגעצונדענע אויגן און אויפגעפלאַמטע הערצער באגעגנט. אָבער דאָס
מאָל זיינען עס שוין געווען אויגן פול מיט האַס, און הערצער אויפ־
געפלאַמט דורך דער שנאה און פאראכטונג צו דעם געפאלענעם העלד.
זיינע ארעסטירער האָבן אים קוים געקענט באשיצן פון די קלעפּ און
שטיינער, וואָס האָבן זיך אויף אים געשאָטן.

האָט ער געהערט די אלע פיינטלעכע אויסרופן און חוזקדיקע
זידל־ווערטער, מיט וועלכע די מאַסע האָט אים באגלייט? האָט ער
געטראכט וועגן דער אומדאנקבארקייט פון די, ועמען ער האָט אָפּגע־
געבן דאָס שענסטע פון זיינע האָפנונגען און דאָס ליכטיקסטע פון
זיינע חלומות? זיי האָט ער דאָך געוואָלט ברענגען גליק און בא־
פרייאונג.

די חושכדיקע נאַכט הילט אים איין. האָס און פאַרשפּאָטונג רינג־
לען אים ארום. נאָר זיין וואַרם האַרץ און זיין פייערדיקער גלויבן
לייכטן אים צו, ווען ער גייט צווישן דער צעווילדעוועטער מענגע איבער
די אויפגעשטורמטע געסלעך צום פּאַלאַצאָ וועקיאָ.

א קאַלטע און שווערע אימפּאָזאַנטקייט ליגט אין דער אַלטער
פּאַלאַץ־געביידע. כמורנע דריקנדיק נעמען דיך ארום די גרויסע קאָ־
רידאָרן און זאַלן פון דעם פּאַלאַצאָ וועקיאָ. ס'איז אַ רחבות, וואָס
שטיקט. אַן אָפּנקייט, וואָס שליסט איין. שוין אין די זייער ברייטע,
אָבער שטאַרק פלאַכע טרעפּן, וואָס פירן דיך אין די העכערע שטאָקן
אַרויף איז דאָ עפּעס פאַררעטעריש טריילאָזעס. ס'אָטעמט זיך שווער
און אַנגסטלעך אין די הויכע, געוועלבטע זאַלן. די ברייטע טאָפּל־
פענצטער לאָזן אריין ווייניק ליכט, און עפּעס פאַרנאַרנדיקס איז דאָ אין
דעם גאַנצן לאַבירינט פון קאָרידאָרן און דורכגאַנגען, וואָס פירן דיך
אין די זייטיקע, אָפּגעטיילטע באַהעלטענישן און באַזונדער־צימערן.
וואָס העכער דו גייסט, אַלץ איינגער הויבט דיר אָן צו ווערן. אַלץ מער
פילסטו זיך אין קלעם אריינגעכאַפּט.

ס'איז דער אלטער פּאַלאַץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט סאַוואָנאַראָ־
לאָס לעצטע טעג. דאָ האָט מען איבער אים און זיינע צוויי מיטברי־
דער אָפּגעהאַלטן דעם טרויעריקן, באַטריגערישן משפּט. דאָ האָט מען
אים איבערגעגעבן אין די מאַרטער־קאַמערן, כדי אונטער דעם קנאַקן
פון די זיך ברעכנדיקע גלידער, און אין דעם נעפּל פון דעם אנטלויפנ־
דיקן באַוואוסטזיין אַרויסצוקריגן פון אים געפעלשטע ודוי'ס. דאָ האָט
זיך מענטשלעכע אומדאַנקבאַרקייט ארויסגעוויזן אין איר האַרטסטער
און נאַקעטסטער פאָרם. די פלאָרענטינער רעפּובליק האָט איצט גע־
משפּט און פאַרמשפּט דעם, ווער עס האָט איר גליק און דעם וואויל־
שטאַנד פון אירע בירגער געמאַכט פאַר דעם אידעאַל פון זיין לעבן;
פאַר וועמען איר פרייהייט און אומאָפּהייננגיקייט איז געוואָרן דער
עקוויוואַלענט פון רעליגיעזער פאַרגעטערונג; דער וואָס האָט איר אָפּ־
געגעבן דעם פריידיקן עקסטאַז פון זיינע טעג און דעם פיינלעכן אומרו
פון זיינע נעכט.

די סעניאָריא, וועלכע איז איצט באַשטאַנען פון סאַוואָנאַראָלאַס ביטערסטע שונאים, האָבן דורך זיין טויט געוואָלט זיך אויסקויפן פאר זייער נאָכאַנאַנדיקער אומגעטריישאפט צום רוימישן פויפסט און זייער פאַרקריגן זיך מיט די אלע מעכטיקע פרינצן, וואָס האָבן ארומגערינגלט די אָפּגעשוואַכטע פלאָרענטינישע רעפובליק. און זיי האָבן זיך מיט דעם איצט מאַכטלאָזן דאָמיניקאַנער באַגאַנגען מיט אַזאַ אכזריות, וואָס איז געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער אויפגעקלערטער רענעסאַנס-צייט. זיי איז נישט געגאַנגען בלויז אין פאַרמשפּטן דעם געפאַנגענעם מאָנאַך. מען האָט אים באַדאַרפט פאַרשוואַרצן אין די אויגן פון זיינע אמאָליקע, און נאָך טריי־געבליבענע אָנהייגער. מען האָט באַדאַרפט ער זאָל זיך אליין מודה זיין, אז ער איז א פאַרפירער און פאררעטער, אז ער האָט אָפּגענאַרט מיט זיינע רעליגיעזע וויזיעס און געטלעכע הבטחות. און כדי אָט די מכלומרשטע ודוי'ס אַרויסצוקריגן פון אים האָט מען אים לאנגע וואָכן געהאלטן אין די שרעקלעכסטע מאַטערנישן און יסורים. ס'זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט אים אין איין טאָג פערצן מאָל געגומען אויף דער מאַרטער־באַנק.

אָבער אויך אין די געפייניקטע טעג פון שווערער פריפונג האָט זיך ארויסגעוויזן סאַוואָנאַראָלאַס לייכטנדיקער גייסט און נישט בויגזאמער מוט. אונטער די אכזריותדיקסטע מאַטערנישן טרעט ער נישט אָפּ פון דעם, אין וואָס ער האָט געגלויבט זיין גאַנצן לעבן. סער צעצאָנע, א געטרייער אָנהייגער פון די מעדיטשים, ווערט דאַמאָלסט באַשטימט צו פעלשן זיינע ודוי'ס און פאַרקריפּלען זיינע רייד. אָבער אין די מינוטן, ווען זיינע פייניקער לאָזן אים צורו און ער געפינט זיך ווידער אין זיין איינגען תפיסה־קעמערל, פארשרייבט ער ווידער מיט די אויסגעבראָכענע הענט, מיט וועלכע ער קען קוים רירן, זיינע עקסטאַזפולע מעדיטאַציעס, וואָס זיינען דורכגענומען מיט טיפן גלויבן און אלץ פארגעבנדיקער גוטסקייט. אזוי לויכטנדיק שיין זיינען זיינע לעצטע טעג, אז דער פאַרגרעבטער און ווילדער תפיסה־היטער, וואָס האָט אויף אים אכטונג געגעבן אין זיין קאַמער אין דער אלבערגעטינאָ פון פּאַלאַץ־טורם, ווערט דורכגענומען מיט סאַוואָנאַראָלאַס גרויסער רעליגיעזיטעט און דערקלערט זיך אלס זיין געטרייסטער אָנהייגער.

די סעניאָריאַ האָט ארויסגעגעבן איר אורטייל. די צוויי רוימישע אַפּאָסטאָלישע קאָמיסאַרן זשיאָאַטשינאָ טוריאַנאָ און פראַנצעסקאָ ראָמאָלינאָ, וועלכע דער פּויפּסט האָט געשיקט אים באַזונדער משפּטן פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט און פאַרראַט קעגן דער קירכע, האָבן בלויז באַדאַרפט דעם אורטייל באַשטעטיקן. ראָדעריגאָ באָרדזשיא האָט געקענט פייערן זיין פולן נצחון. פראַ זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ און זיינע מיט־אַרעסטירטע חברים דאָמעניקאָ בונוויטשיני און סילוועסטראָ מאַרופי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הייגנען און פאַרברענען.

אויסמיידנדיק די בליקן פון די גלייכגילטיקע וועכטער, וואָס היטן די געצירטע און געגילדעטע חדרים פון דעם פּאַלאַצאָ בלאָנדזשע איך ארום, זאָל איין זאָל אויס. גיי איך אין די פוסטריט פון דעם פאַנאַטישן טרוימער, וואָס דערנענטערט זיך איצט צום סוף פון זיין שטורמדיק לעבן? הייגנען נאָך אויף די ווענט צווישן די שווערע, רייכע געוואַנטן און די אויפגעוויקלטע פענער די פרוידיק־ליטזעליקע בליקן פון דעם העלזעערישן מאָנאַך, וואָס גייט אַצינד אַנטקעגן זיין מאַרטירער־טויט, צו וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געביינקט?

דער נישט זייער גערוימער יוסטיץ־זאַל מיט די געשניצטע בייגק און שטענדערס, וואו עס זיינען געזעסן די פאַרשטייער פון דער פלאָרענטינער רעפּובליק און די פאַרטרעטער פון זיין הייליקייט אַלעקסאַנדער דער זעקסטער בשעת זייער משפּט איבער דעם מאָנאַך פון סאַן־מאַרקאָ. די „קאַפּעלאַ דע פריאָרי די סאַנט בערנאַרדאָ”, דאָס קליינע זייטיקע קלויסטער־צימער, וואו סאַוואָנאַראָלאַ האָט מתפּלל געווען צום לעצטן מאָל. און צום סוף די אומגעהייערע „סאַלאַ דעל קאָנסיליאָ”, דער גרויסער פאַרזאַמלונגס־זאַל, וואָס סאַוואָנאַראָלאַ האָט געהאָלפן בויען לכבוד דער איינשטעלונג פון דער ניי געשאַפענער רעפּובליק נאָך דער שטירצונג פון די מעדיטשי־טיראַנען, און וואָס האָט געזאָלט באַצירט ווערן מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשים און מיקעל אַנדזשעלאָס באַרימטע פרעסקאָס. אין דעם זאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט די שטיל דראַמאַטישע

סצענע, ווען סאוואָנאַראָלאַ איז געברייינגט געוואָרן די לעצטע נאַכט פאַר זיין הינריכטונג, כדי זיך צו געזעגענען מיט זיינע צוויי תלמידים, וועלכע האָבן באַלד באַדאַרפט טיילן זיין טרויעריקן גורל. די גרויסע, ברייטע ווענט האָבן זיך געמוזט צוזאַמענציען אין דער נאַכטיקער האַלבפינצטערניש, וואָס האָט זיך אין שרעק איינגעקוקט אין דער קליי־נער גרופּע בעטנדיקע מאָנאַכן. רואיק און מיט ווירדע האָט זיך סאַוואָ־נאַראָלאַ מתודה געווען פאַר זיינע צוויי חברים און זיי פאַר אים. מיט ליבע און געלאַסנקייט האָבן געקלונגען זיינע לעצטע טרייסט-ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיי צוגעגרייט צו זייער מאָרגנדיקן לעצטן נסיון.

ווידער אַמאָל אויף דער פּיאַזאַ דעל סיניאָריאַ. און כאָטש עס שיינט איצט און בלענדט די וואַרעמע נאָכמיטאָג־זון, קען איך דייטלעך פילן דעם קיל־פרישן מאַי־פרימאָרגן, ווען מען האָט דעם פאַררעדער טרוימער צוזאַמען מיט זיינע חברים, געבונדענע און באָרפיסע ארויס־געפירט צו דעם שייטער־הויפן, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מיטן פּלאַץ נישט ווייט פון פּאַלאַץ, אנטקעגן דער לאָזשיאַ דע־ליאַנצי, וואו עס זיינען געזעסן די מאָנסיניאָרי, דער גאָנפאַלאָניער און די שטאָט־אָפּיצירן. כ׳זע קלאָר זיין נישט פעסטע פיגור מיט דעם הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ און גליקלעך שיינענדיקע אויגן, ווען מען האָט אים צוגעפירט צו די קירכע־פאָרשטייער, כדי אים אויסצוטאָן זיין קירכן־מאַנטל. כ׳הער שאַרף זיינע ווייַמוטיקע ווערטער: „דו מיין מאָנאַכן־קלייד. ווי שטאַרק האָב איך געשטרעבט דיך צו טראָגן. כ׳האָב דיך ביז איצט געהאַלטן אומבאַפלעקט. איך טו דיך נישט אויס מיט מיין פרייען ווילן, מען נעמט דיך אוועק פון מיר". כ׳פאַרנעם מיט אַלע מיינע אברים די ווילדע, זידלדיקע קולות פון די משוגע געוואָרענע קאַמפּאַניאַטשים און די פאַרשטיקטע זיפצן און צוריקגעהאַלטענע גע־וויינען פון די דערשלאָגענע פּיאַנאָנים, זעענדיק ווי דער שטריק פאַר־ציט זיך ארום דעם האַלז פון זייער הייליקן, וועלכער ווערט ביסלעכווייז פאַרצערט פון די פלאַמען, צווישן די האַלב-פאַרקוילטע פיגורן פון זיינע צוויי מיטברידער. — — —

א פלאָרענטינער נאַכט אויף דער „פּאָנטע וועקיאָ". ביידע ברעגן פון ארנאָ־טייך זיינען באַזעצט מיט אומגעהייערע מענטשן מאַסן. די פענצטער און אריינגאַנגען פון די הייזער ארום זיינען אילומינירט מיט די פאַרשידנסטע קאָלירן פאַרביקע לעמפּעלעך און ליכטער, וואָס וואַרפן א פאַנטאַסטישן אָפּשיין איבער דעם וואַסער. בליצנדיקע ראַקעטן רייסן יעדעס מאָל אויף, אָט אין איין זייט און אָט אין א צווייטער. זיי הילן אויף א ווייל איין אַלץ ארום אין א משונהדיקער ליכטיקייט, כדי באַלד ווידער אראָפּזינקנדיק זיך אויסצולעשן. דער בייטאָג גרינלעך־געלער, שטראָמיקער אַרנאָ איז איצט איינגעשטילט, און פירט פריידיק נעלאַסן די פאַרשידענע, מיט לעמפּלעך און פענער אויסגעצירטע שיפ־לעך, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעזעצט די פאַרביק־קאָסטיומירטע מיידלעך און בחורים. אַלץ איז בלענדנדיק, אָבער שטיל נאַכטיק. א פאַרדומפּטע, נאַכטיקע התפּעלות הילט אַלץ ארום. ס'איז דער הייליקער־יאָהאַנעס־פייער. איבער די איינגעשטילטע ארנאָ־וואַסערן גליטשן זיך שטיל די קליינע בלומען־קרענצלעך מיט די אריינגעשטעקטע פלי־מערנדיקע ליכטלעך. פאַרזיכטיק בלאָנדזשען זיי, די הייליקע נשמה־פייערלעך, און צאַנקען מאַט איבער דעם איצט פאַנטאַסטישן טייך. ווי די וואַסערן וואָלטן זיך געהיטן חלילה די פייערלעך נישט צו פאַר־שלינגען. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך רירן זיך די קליינע פלעמלעך. שטיל, שטיל זעגלען זיי אין דער מאָדנער נאַכט.

צוזאַמען מיט אנדערע טוריסטער צוקוקער שטיי איך אויך אין שטילן שווייגן, און מיט א פאַרהאַלטענעם אָטעם קוק איך נאָך די שווימענדיקע יאָהאַנעס־פייערלעך. זיינען עס די גורלות פון מענטשן, וואָס פלימערן איבער דעם טייך? וואוהין ציען זיי, און וואָס ברייג־גען זיי? — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„ביי דעם אַרנאָ־טייך, וואו ער איז אריינגעוואָרפן געוואָרן
ביי דעם מאַרטירערישן פאַררעטערישן פראָפּעט ..
בעט איך דיך מיר צו שיינקען דיין פאַרגעבונג" . . .

פלאָרענץ, יוני 1929.

עיזשען דעלאַקרואַ

(צום הונדערט יאָריקן יובל פון פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם)

די קונסט ליבהאָבער פון אייראָפּע איז באַשערט געווען היינטיקן זומער איבערצולעבן שיינע טעג. דער פּאַריזער „לואוור" האָט זיי אונטערגעטראָגן אַן אויסערגעוויינלעכע מתנה — די גרויסע אויס־שטעלונג פון די בילדער און צייכנונגען פון עיזשען דעלאַקרואַ, וועל־כער ווערט פּאַררעכנט פאַר דעם פּאָטער פון דער ראָמאַנטישער מאַלע־ריי, און דעם פּאָרלויפער פון דעם אימפּרעסיאָניזם אין פראַנקרייך.

אַראַנזשירט געוואָרן איז די אויסשטעלונג צוליב דער געלעגנהייט פון דעם הונדערט יאָריקן יובל פון דעם פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם. ס'איז געוואָרן הונדערט יאָר זייט מען האָט צום ערשטן מאָל — דעם 25טן פעברואַר 1830 — אויפגעפירט וויקטאָר הוגאָ'ס ראָמאַנטישע פּיעסע „הערנאַני", וואָס ווערט באַטראַכט אַלס דער ערשטער גרויסער זיג פון דער נייער באַוועגונג, וועלכע האָט דאַמאָלסט אַזוי אויפגע־שטורמט דאָס גאַנצע פראַנצויזישע סאָציאַלע און קינסטלערישע לעבן. פּונקט ווי דער יום טוב איז געפייערט געוואָרן אין דער ליטעראַטור מיט אַ גאַנצער רייע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איבער די ווערק פון די באַשאַפער און טרעגער פון דעם ראָמאַנטיזם; פּונקט ווי דאָס אָפיציעלע פראַנצויזישע טעאַטער די „קאָמעדי פראַנסעז" האָט די געלעגנהייט געפייערט דורך דעם „ראָמאַנטישן ציקל", וואָס באַשטייט פון די פּיעסן פון וויקטאָר הוגאָ, דעם פירער פון ראָמאַנטיזם און זיינע מיטקעמפער אַלפרעד דע מיוסע און אַלפרעד דע וויני, אַזוי האָט אויך די מאַלערישע וועלט געפייערט דעם יום טוב דורך דער אָפיציעלער אויסשטעלונג פון דעלאַקרואַ'ס וויכטיקסטע ווערק.

דער יובל פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג איז אין פראַנקרייך פאַררעכנט אַלס אַלגעמיינער יום טוב. ווייל אויב די הויפּט־שלאַכטן

פאַר דער נייער באַוועגונג האָבן זיך ביי דער אַנטשטייאונג פון ראָמאַנ־טיזם געפירט הויפּטזעכלעך אַרום דער בינע און אירע אָנהייגער*), האָט זיך אָבער דער קאַמף נישט באַגרעניצט בלויז מיטן טעאַטער אַליין. ס'איז נישט געווען קיין קונסט־געביט, וואָס האָט אָט דעם באַפרייאונגס־קאַמף נישט אויפגעכאַפּט, און נישט געהאָלפן מיטשטור־מען און מיטשטירצן די אַלטע אָרדנונג, וואָס האָט זיך — אין דער קונסט — אַזוי אייפעריק אָנגעהאַלטן אָן די אָפּגעלעבטע אַנאַכראָניס־טישע פאָרמען פון פּסעוודאָ קלאַסיציזם.

נישט נאָר איז דאָס דאַמאָלדיקע פראַנצויזישע טעאַטער און די פראַנצויזישע ליטעראַטור געלעגן א געלזוכטיקע און בלוטאָרעמע אונ־טער דער לאַסט פון די קאַנאָניזירטע, אָפּגעלעבטע פאָרמען, וואָס די אַקאַדעמיע האָט פאַר זיי געהאַט געשאַפן לויטן מוסטער פון קאָרנעל און ראַסין, און וואָס האָבן אונטערדריקט יעדן שפּור פון אינדיווי־דועלן טאַלאַנט. אויך די פראַנצויזישע מאָלעריי האָט א פאַרשטאַרטע און לעבנסלאָזע זיך געשטיקט אין די איינגע ראַמען פון די פאָרמען און געזעצן, וואָס די פּסעוודאָ־קלאַסישע שולע מיט דאַווידן בראָש האָבן אויף איר געהאַט ארויפגעצוואונגען. זיין אָן אָנגענומענער און אָנערקענטער מאָלער האָט דעמאָלסט געהייסן נישט וואָגן זיך אויס־צודריקן אויף א זעלבסטשטענדיקן, אייגנאַרטיקן אופן. נישט האָבן דעם מוט צו מאָלן און פאָרשטעלן די מענטשלעכע נאַטור מיט אירע ליידנשאַפטן און עמאָציעס, דעם גאַנצן טיפן אָפּגרונט פון דער מענטש־לעכער נשמה מיט אירע שאָטנדיקע ווידערשפּרוכן און טראַגישער צו־ריסנקייט. עס האָט געהייסן זיך האַלטן אָן דער גאַנצער באָמבאַסטי־שער אויפגעבלאָזנקייט און שאַבלאָנער אָנגעצוויגנקייט, וואָס איז דיק־טירט געוואָרן דורך דער הערשנדיקער אַקאַדעמיע, ביי וועמען די אָפּגע־היטקייט פון דער פאָרם און די ריינקייט פון דער ליניע איז געשטאַנען העכער ווי יעדער אינערלעכער לעבעדיקער פאָרגאַנג און נשמה-רעגנ־דיקן פאַרבן־געמיש.

---

*) איבער דעם ראָמאַנטישן פראַנצויזישן טעאַטער זע: אברהם טייטלבוים — „טעאַטראַליאַ". פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי, וואַרשע 1929.

נישט נאָר די מאָלער אַליין, נאָר אפילו דאָס קונסט ליבנדיקע פּובליקום פון אָנהויב 19טן י. ה. האָט געקוקט קרום און זיך פאַר־האַלטן פיינטלעך צו צופיל־טענער־רייכקייט און פאַרביקייט אין אַ קונסטווערק. אָנגעהויבן האָט זיך דער ווידערווילן נאָך פריער אלס פּראָטעסט און אנטקעגנשטעלונג קעגן דער פּאָמפּעזקייט און זינלעכקייט פון לואיס דעם 15טן און לואיס דעם 16טנס קעניגלעכע הויפן. אָבער דעם העכסטן פּונקט האָט אָט דער פּראָטעסט דערגרייכט אונטער דאוויד און אינגער, די אויפלעבער פון דער רוימיש־גריכישער שולע, און זייערע נאָכפאָלגער גוערין און גראָס. אלס אידעאל אין מאָלעריי איז דעמאָלסט באטראכט געוואָרן דער שטרייננגער פאָרמאַליזם און די קאַלטע סטאַטואַרישקייט פון די בילדער־פיגורן, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן לויט די מוסטערן פון דער קלאַסישער סקולפּטור. די בילדער האָבן געמוזט זיין אינערלעך קאַלט און אָן סימנים פון אקטיוון לעבן. פאַרב איז באַנוצט געוואָרן נאָר אויף אַזויפיל, כדי אויסצופילן די ליידיקע שטחים צווישן די פיין אויסגעארבעטע און קלאָר געצייכנטע ליניעס. ס'איז געווען אַ מין קאָלירטע קאַמעאָ־ארבעט.

ס'איז זיך, אלזאָ, נישט שווער פאָרצושטעלן די איבערקערעניש און דעם אויפרודער, וואָס עס האָט ארויסגערופן דער יונגער דעלאַק־רוא, ווען ער האָט געוואגט צו צעטרעטן אַלע אָנגענומענע דאָגמען פון דער אַזוי זיכער הערשנדיקער פּסעוודאָ־קלאַסישער שולע, און האָט זיך גענומען פאַרגיסן די פראנצויזישע מאָלעריי מיט זיין גאַנצער שפע פון פאַרבן-און קאָלירן־רייכקייט. ער האָט אריינגעטראָגן אין אומדערהערטע ליידנשאפטלעכקייט, און כמעט א ווילדע באוועגלעכקייט אין זיין אר־בעט. ער האָט איר געגעבן אימפּעט און דראַמאַטיזם, שוואונג און פּאַטאָס. ער האָט זי אָנגעפילט מיט שאפערישן עקסטאַז און קינסט־לערישער התלהבות. ער האָט זיך געוואגט צוצורירן צו אַזעלכע אויס־דרוקן פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס זיינען ביז אים כמעט נישט געווען דערלאָזבאר אין דער מאָלעריי. ער האָט אריינגעברייננגט נייע אַספּעקטן און אַ נייע אויפפאַסונג פון קינסטלערישע פאָרמען, וואָס זיינען פון די דעמאָלטדיקע געשוואוירענע קריטיקער באַטראַכט געוואָרן אַלס חוצפּהדיק און סקאַנדאַליעז. זיין „דאַנטע און ווירגיל", דאָס ערשטע בילד, מיט וועלכן ער האָט דעביוטירט אויף דער אַקאַדעמיע־

אויסשטעלונג, און וואָס ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער גרונט־שטיין פון דער קאָלירפולער־פראַנצויזישער ראָמאַנטישער מאָלעריי, האָט ארויסגערופן פונקט אַזאַ אויפרודער און פּראָטעסטן־מבול, ווי עס איז געווען דער פאַל שפּעטער מיט „הערנאַני", דעם ערשטן דעביוט אויף דער פראַנצויזישער בינע דורך וויקטאָר הוגאָ. אויב די קעגנער־שאַפט צו דעם נייעם מאָלער האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין אַזעלכע אָפענע גאַסן־שלאַכטן און בלוטיקע דועלן, ווי עס איז געווען דער פאַל צווישן די פאַרביסענע אָנהייגגער פון ראָמאַנטיזם און קלאַסיציזם אין טעאַטער, האָט זיך אָבער דער שריפטלעכער קאַמף ארום דער נייער באַוועגונג אין דער מאָלעריי געפירט מיט נישט ווייניקער פאַרביטער־רונג און היציקייט צווישן אירע פאַרטיידיקער טעאָפיל גאָטיע, אַלפרעד דעמיוסע פון איין זייט און גוערין און אינגער פון דער צווייטער. ביז אין זיין טויט האָט דער מבול פון גיפטיקע פיילן און ביטערע באַליי־דיקונגען נישט אויפגעהערט זיך צו שיטן אויפן קאָפּ פון דעלאַקרואַ, וועלכן מען האָט מיט רעכט גערופן דער וויקטאָר הוגאָ פון דער ראָ־מאַנטישער מאַלעריי, און אויף וועמען סילוועסטער האָט שפּעטער גע־שריבן, אַז „ער האָט געטראָגן די זון אין קאָפּ און געוויטער אין הארצן".

דעלאַקרואַ האָט מיט זיינע ווערק דערקלערט אַ ביטערע מלחמה די אָנהייגגער פון דער דאַוויד'שער שולע, אַ מלחמה, וואָס האָט אָנגע־האַלטן ביז אין זיין טיפן עלטער, און וואָס איז דורך זיינע פאַרביסענע קעגנער באַנייט געוואָרן מיט מער היציקייט יעדעס מאָל, ווען ער איז ארויסגעקומען פאַר דער וועלט מיט אַ ניי ווערק. אַ מלחמה, פון וועל־כער ער איז אָבער שפּעטער, נאָך זיין טויט, ארויסגעקומען דער פול־שטענדיקער זיגער. ווייל נישט נאָר איז ער באַלד דערנאָך אָנערקענט געוואָרן אַלס גרויסער מייסטער, דער וויכטיקסטער מאַלער, וואָס דאָס פאַרגאַנגענע יאָרהונדערט האָט ארויסגעבראַכט, נאָר אויך די מאָדער־ניסטן פון אונזער צייט האָבן ברייט פאַר אים געעפנט זייערע הער־צער און אים אָפן אנערקענט פאַר דעם קינסטלער, וואָס האָט דער מאָלעריי צוריקגעבראַכט דעם שוואונג און די פאַרביקייט פון אַ רובענס און וועראָנעז, און האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַר דעם

אזוי קאָלרינרייכן אימפּרעסיאָניזם. פאַר דעם פאַרלויפער און באַ־
ווירקער פון גאַנגען און מאַנע.

פערדינאַנד, וויקטאָר, עיזשען דעלאַקרואַ איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן אפּריל, 1799 אין שאַראַנטאָן, א פאָרשטאָט פון פּאַריז. זיין פאָטער שאַרל דעלאַקרואַ איז געווען אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן קאָנ-ווענט, שפּעטער מיניסטער פון אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן, און נאָכ־דעם פּרעפעקט פון מאַרסייל און באָרדאָ. צו 9 יאָר ווערט עיזשען אריינגעגעבן אין זעלבן ליצעאום, וואו זשעריקאָל, זיין שפּעטערדיקער חבר און פריינט האָט געלערנט. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וועט אויסקלייבן פאַר זיין באַרוף מוזיק, ווייל ער האָט געהאַט צו איר א שטאַרקע נייגונג און איז געווען זייער מוזי-קאַליש. אין א געוויסער צייט האָט ער גאָר געוואָלט אויפנעמען א מיליטערישע קאַריערע. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן באַזוכן דאָס נאַפּאָלעאָנישע מוזעאום און זיך פאַרטיפן אין די ווערק פון ראַפאַעל, טיציאַן, טינטאָרעטאָ, ווערעאָנעז און רובענס, איז זיין באַרוף געווען באַשטימט. צו 18 יאָר טרעט ער אריין אין דער דעמאָלסט באַרימטער גוערין־אַטעליע, וואו עס איז געווען די פעסטונג פון דער דאַוויד׳שער קלאַסישער שולע. אָבער נישט לאַנג איז ער דאָרט געבליבן און נישט קיין סאַך האָט ער דאָרט פון גוערין געלערנט. צו אימפּולסיוו איז געווען זיין כאַראַקטער, צו ראָמאַנטיש און ליידנשאַפטלעך איז געווען זיין נשמה, אַז ער זאָל קענען אַרונטערפאַלן און זיך לאָזן באַאיינפלוסן פון דעם לערער, פון וועמען עס האָט געבלאָזן מיט דער גאַנצער קאַלט־קייט און שטרייננגקייט פון פּסעוודאָ־קלאַסיציזם. אנשטאָט צו באַזוכן די סטודיאָ ליגט ער בעסער איבער גאַנצע טעג אין מוזעאום, וואו ער איבט זיך אין די מייסטערהאַפטע צייכנונגען פון ראַפאַעל און מיקעל אנדזשעלאָ, און פאָרשט דעם סוד פון טינטאָרעטאָ׳ס און ווערעאָנעז׳ס באַוועגטע קאָמפּאָזיציעס און ליכטיקע פאַרבן־מישעריי. מער פון אלעם אָבער ווערט ער באַגייסטערט פון רובענס שוואונגפולער אימפּאָזאַנט־קייט, פון זיין שאַרפער דראַמאַטישקייט. אים פאַרכאַפּט די פרייקייט און געוואַגטקייט פון רובענס גרופּן־געשטאַלטונג, פון דער ברוויזנ־

דיקער אַקציע און כמעט ווילדן קאַמף פאַרן לעבן, מיט וועלכע עס זיינען אָנגעפילט דעם פלעמישן מייסטערס לייוועגטן. אזוי גרויס איז געווען זיין באגייסטערונג און אָנציאונג פאַר רובענס׳ן, אַז אין איינער פון זיינע פאַרצייכנונגען שרייבט ער: „באַטראַכטנדיק רובענס ווערק פיל איך די אינערלעכע באוועגונג און דעם אויפציטער, וואָס קראַפט־פולע מוזיק גיט". און דער איינפלוס און די באַגייסטערונג האָבן אים נישט פאַרלאָזט זיין גאַנץ שפּעטערדיקן לעבן.

אזוי ארום איז דעלאַקרוא וואָס אמאָל אלץ מער דערווייטערט און פאַרפרעמדט געוואָרן פון דער גוערין־סטודיאָ און פון אירע מעטאָדן. די איינציקע גוטע זאַך, וואָס ער האָט פון דער סטודיאָ מיטגענומען איז אפשר געווען זיין באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט מיט דעם אביסל עלטערן פון אים דזשעריקאָול, אין וועמען ער האָט געפונען אַ סימ־פּאַטיזירער און מיט־קעמפער פאַר זיינע אידייען. אין יענער צייט האָט שוין דזשעריקאָול אין הארצן אויך געהאַט איבערגעריסן מיט דער אַלטער דאַווידשער טראַדיציע. אים האָט אויך געצויגן צו דעם שוואונגפולן און דראַמאַטישן אין דעם קינסטלערישן שאַפן. ער האָט אָבער נישט געהאַט גענוג מוט און אינערלעכע געוואַגטקייט אָפן ארויס־צוקומען מיט זיינע נייע אידייען. ער האָט געמוזט אויסנוצן די טראַגישע פּאַסירונג פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף „מעדוזאַ" וואָס האָט צו יענער צייט געטראָפן — אַ פּאַסירונג, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־אומגליק — כדי ארויסצוקומען מיט זיין בארימט בילד „דער פּאַראָם פון דער מעדוזאַ". דאָס בילד שטעלט פאָר די ליידן פון אַ גרופּע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער דער־טרונקענער שיף, און ווערן אויף צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער געטראָגן פון די ווילדע ים־כוואַליעס, דערוואַרטנדיק יעדע מינוט דעם טויט. ווי ווייניק געוואַגט, ווי נישט קיין סאַך אַנדערש דזשעריקאָולס בילד איז געווען פון דעם דעמאָלסט הערשנדיקן אָנגענומענעם מאַניער, איז אָבער זיין ווירקונג געווען אזוי גרויס, אַז דעלאַקרוא האָט שפּעטער דערציילט, אַז ווען ער האָט דאָס בילד געזען צום ערשטן מאָל, איז ער אַ גאַנצן טאָג נאָכדעם ארומגעלאָפן אין גאַס ווי אַ משוגענער.

ערשט דעלאַקרואַן אָבער איז באַשערט געווען צו מאַכן דעם

אָפּגעגעם רים און אַנטשיידענדיקן ארויסטריט קעגן דער אַקאַדעמיע, ווען ער האָט אויסגעשטעלט זיין שוין דערמאָנט ערשטע בילד „דאַנטע און ווירגיל" אין 1822. דער דאָטום איז אינטערעסאַנט, ווייל ער באַווייזט, אַז דעלאַקרואַ איז געווען אַ ראָמאַנטיקער נאָך איידער דער טערמין האָט געקראָגן זיין אייגנטימלעכע באַדייטונג, און איז אָנגענו־מען געוואָרן שפּעטער אַלס דעפיניציע פאַר דער באַשטימטער שולע. שוין זיין ערשטע אַרבעט האָט געהאַט אין זיך די אַלע אייגנשאַפטן, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די אַלע קאָנטראַסטן, וואָס האָבן שפּעטער אַזוי באַרימט און אָנציענדיק געמאַכט דעם ראָמאַנטיזם. די מאַלער־קלאַסיציסטן ביז אים האָבן, פּונקט ווי זייערע קאָלעגן אין טעאַטער, אָדער אין דער ליטעראַטור, געפונען זייערע סוזשעטן און געשעפּט זייער אינספּיראַציע פון דער גריכישער אָדער רוימישער גע־שיכטע און מיטאָלאָגיע. דעלאַקרואַ, להיפך, ווי די ראָמאַנטיקער נאָך אים, איז צוגעצויגן געוואָרן פון דער מיסטעריעזער שאָטנדיקייט און דער דראַמאַטישער קאָנפליקטן־רייכקייט פון מיטלאַלטער. אויך אין דער באַהאַנדלונג פון דעם סוזשעט און אין דעם ארויסברייגנען דאָס פאָרגעשטעלטע האָט זיך געזען די גרויסע וואַגעניש, וואָס איז שפּעטער אַזוי כאַראַקטעריסטיש געוואָרן פאַר דער גאַנצער ראָמאַנטישער שולע. די פיגורן אין דעם בילד, סיי פון כאַראָן, וואָס פירט דאָס שיפל איבער דעם צעכוואַלעטן טייך, סיי פון דאַנטע און ווירגיל, און סיי פון די זינדיקע, וועלכע ראַנגלען זיך אין זייערע ווייטיקן אין וואַסער אַרום דעם שיפל, זיינען פאָרגעשטעלט אין העכסט דראַמאַטישע און אָנגע־שטריינגטע, באַוועגלעכע פּאָזען. זיי דערציילן פון טיפע איבערלע־בענישן און שוידערלעכע ליידן. דאָס גאַנצע בילד איז פול מיט אומרו און מורא. אַזוי אויך זיינען די קאָלירן פון דעם בילד שוין אַ דייט־לעכער אָנזאָג פון דעלאַקרואַ'ס שאַרפער פאַרבן־רייכקייט און טענער־קאָנטראַסטן, פון זיינע געוואַגטע ליכט און שאָטן, און פון זיין באַ־רימטן רויט. און נאָך אַ זאַך. אויב די קלאַסישע מאַלעריי ביז אים האָט זיך תמיד באַמיט צו פאַרווישן די שפּורן פון דעם פּענזל, צו פאַר־אַרבעטן די קאָלירן אַזוי, אַז ס'זאָלן זיך ניט אָנזען קיין סימנים פון דער האַנט, וואָס האָט זיי געמאָלן, האָט זיך שוין אין דעלאַקרואַ'ס ערשטער ראָמאַנטישער אַרבעט געפילט דער מערקטיקער שלאָג פון זיין

טעמפעראמענטפולער פארבן־בארשט און די בולטע קאָנטראסטן פון די באַזונדערע פארבן־פלעקן.

דעלאַקרוא'ס נאָמען איז מיט איינמאָל געוואָרן אין דער מאלעריי דער סינאָנים פון געוואגטקייט און איבערקערעניש, פון אויפשטאנד און מרידה, פונקט ווי שפּעטער הוגאָ'ס נאָמען אין דער ליטעראַטור און טעאטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן ארום אים א שטורם פון פּראָ־טעסטן און זידלערייען. אָבער ווען ער איז אין 1824 ארויסגעקומען מיט זיין בילד „די שחיטה פון כיאָס", וואָס שטעלט פאָר די טערקישע אכזריות אויף דעם גריכישן אינזל, האָט זיך דער קאמף און אנטרים־טונג קעגן אים פארוואנדלט אין אן אמת'ן מבול.

דער גריכישער פרייהייטס־קאמף, וועלכער האָט דעמאָלסט צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט און סימפּאטיע פון אלע פרייהייט־ליבנדיקע גייסטער אין אייראָפּע; לאָרד בייראָנס טויט, נאָכדעם ווען ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון די גריכישע קעמפער, און די טערקישע אכזריות ביים אונטערדריקן די אויפגעשטאנענע, דאָס זיינען געווען פאסירונגען, וואָס האָבן שטארק געווירקט אויף דער פאַנטאזיע פון דעם געפילפולן און איינבילדונגסרייכן דעלאַקרוא. און ער האָט זיך גענומען שילדערן א בילד פון אָט די טערקישע אכזריות'ן. אָבער די סצענעס זיינען געווען געמאָלן אזוי לײדנשאפטלעך טריי, די גרופּן אראנזשירט אזוי דראמאטיש פריי, די אויסדרוקן אויף די פּנימ־ער פון די שטארבנדיקע אזוי אמתדיק מיאוס, און די קאָלירן פון דעם גאַנצן אזוי העל שרייענדיק. דאָס אלץ איז געווען אזוי שטארק אין קאָנטראסט מיט אלע אָנגענומענע פאָרמען פון דעם דאמאָלסדיקן „גראַנד סטיל", אז איינער פון זיינע ביז איצטיקע סימפּאטיזירער, דער מאָלער באַראָן גראָס האָט אויסגעשריען: דאָס איז נישט קיין שחיטה פון כיאָס, עס איז א שחיטה פון דער מאלעריי...

פונקט ווי שפּעטער, נאָכדעם ווען ער האָט אויסגעשטעלט זיין גרויס בילד „סארדאנאפּאלס טויט" האָט מען אים פארשריען, אז ער מאָלט מיט „א שכורן פּענזעל", אז ער איז „א באטרונקענער סאוואזש" און מען האָט אים געהייסן צוריקגיין קיין שאראַנטאָן, אהין וואו ער איז געבוירן געוואָרן. (שאראנטאָן איז באַרימט פאַר דעם גרויסן משוגעים־הויז וואָס געפינט זיך דאָרט).

פון דער צווייטער זייט אָבער איז זיין יעדעס בילד געוואָרן אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און אַ סימבאָל פון דעם קאַמף פאַר פריי-הייט ביי זיינע מוטיקע אָנהייגגער.

אַ וויכטיקע פּאַסירונג פון גרויסער באַדייטונג פאַר זיין שאַפן איז געווען דעלאַקרואַס רייזע קיין לאָנדאָן אין 1825. ער האָט דאָרט געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן פון דער ערשטער האַנט די דע-מאָלטדיקע ענגלישע מייסטער באָנינגטאָן, קאָנסטאַבל, לאָורענס און טערנער. אָבער דעם הויפּט-דאַנק איז ער שולדיק געבליבן טאַלעס פיעלדינג, ביי וועמען ער האָט נישט נאָר געלערנט די קונסט פון וואַסער-פאַרב מאַלעריי, נאָר וועלכער האָט אים אויך באַקענט מיט דער ענגלישער ליטעראַטור און טעאַטער. איבערהויפּט פאַרליבט ער זיך און ווערט אַנטציקט פון סקאָט, בייראָן און שעקספּיר. זיינע סימפּאַטיעס פאַר די ראָמאַנטישע פאָרמען און סוזשעטן נעמען דאָן אָן אַ בולטערן און קלאָרערן כאַראַקטער אונטער דעם איינפלוס פון די באַגייסטערער פון דער ראָמאַנטישער דיכטונג. און פון יענער צייט שטאַמט דאָס זיין נאָענטע ליבע צום טעאַטער. ער האָט אַ מעגלעכקייט צו זען שפּילן דעם באַרימטן טראַגיקער קיען, און דעם אָפּערע-שוישפּילער טערי אין אַן אויפפירונג פון געטהעס „פאַוסט". זיין באַגייסטערונג איז אַזוי גרויס, אַז ער נעמט זיך פיבערהאַפט שאַפן אַ גאַנצע רייע צייכנונגען און אילוסטראַציעס פאַר „האַמלעט" און „פאַוסט". די באַגייסטערונג זיינע האָט ביי אים אָנגעהאַלטן פאַר לאַנגע יאָרן, ווען ער פלעגט זיך צו אָט די טעאַטער-סוזשעטן אומ-קערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

אויך זיין טיפער געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר ליכט- און פאַרב-ווירקונג האָט אויף זיין לאָנדאָנער רייזע אָנגענומען אַ נייעס אויסדרוק. אין אַ בריוו פון לאָנדאָן שרייבט ער: „גרוי איז דער שונא פון דער גאַנצער מאַלעריי. לאָמיר פאַרטרייבן פון אונזער פּאַליטרע אַלע ערד-קאָלירן". אָבער וואָס רייכער און ליכטיקער עס איז געוואָרן זיין פּאַליטרע; וואָס פרייער און וואַגנדיקער עס איז געוואָרן זיין דערפינדערישקייט אין קאָמפּאָזיציע און גרופּן-אַראַנ-זשירונג, אַלץ פאַרביטערטער זיינען געוואָרן די אַרויסטריטן קעגן אים פון די געשוואוירענע קעגנער, פאַר וועמען זיין יעדע שאַפונג

איז געווען דער היפך און א באַליידיקונג פון דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן הייליק און טייער אין דער קונסט. ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער שטורם, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך זיין פאַרבן־רייכן און העכסט טראַגישן „סאַרדאַנאַפּאַלס טויט". ערשט אין 1830, ווען ער האָט אויסגעשטעלט זיין „די פרייהייט פירט דאָס פאָלק", וואָס שטעלט פאָר א גרופּע בירגער, וועלכע קעמפן אויף די באַריקאַדן, אינספּירירט דורך דער כמעט סימבאָלישער פיגור פון דער פרייהייט מיט דער רעוואָלוציאָנערער פאָן אין דער האַנט, ערשט דעמאָלט האָט זיך סיי דעם פּובליקומס און סיי זיינע קעגנערס צאָרן אביסל איינגעשטילט. פאַר דעם בילד איז ער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג באַלוינט געוואָרן מיט דעם „ערן־לעגיאָן" מעדאַל. אָבער מען מוז מודה זיין, אז זיין צייטווייליקער דערפאָלג איז נישט געווען אזוי גרויס דערפאַר, ווייל דאָס בילד האָט געווירקט מיט זיינע טעמפּעראַמענטפולע קאָלירן אָדער מיט דעם פאַרכאַפּנדיקן ריטם. עס האָט מער געווירקט מיט דעם דערציילערישן אינהאַלט פון דער אזוי אַקטועלער און באַקאַנטער סצענע, מיט דעם פּאָליטישן ווערט פון דעם בילד. ס'איז געווען גלייך נאָך דער יולי־רעוואָלוציע פון 1830. און ווי ווייט דעלאַקרואַ איז נישט געווען פון נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאָליטיק, איז ער אָבער פאָרט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מיטרייסנדיקע געשעענישן און געמאָלן זיינע „באַריקאַדן".

וויכטיקער ווי זיין צייטווייליקע אָנערקענונג און „ערן־לעגיאָן" באַלוינונג איז פאַר דעלאַקרואַן געווען דער פאַקט, וואָס גלייך נאָכדעם האָט אים די רעגירונג פאַרגעלייגט צו באַגלייטן די דעלעגאַציע, וועלכע לואי פיליפּ האָט אין 1832 געשיקט צום קייזער פון מאַראָקאָ מולייַ אַבדעראַהמאַן, אונטער דער אָנפירונג פון גראַף פון מאָרניי. די רייזע ווערט באַטראַכט אַלס די אַנטשיידנדיקסטע פּאַסירונג אין דעלאַקרואַס מאַלערישער קאַריערע, וואָס האָט אויך געהאַט א גרויסע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער פראַנצויזישער מאַלעריי.

פּונקט ווי אַלע ראָמאַנטיקער האָט אויך דעלאַקרואַ נאָך פריער געהאַט געבענקט נאָך דעם צויבער און די סודותדיקייטן פון אָריענט. עס האָט אים געלאָקט די גאַנצע קאָלירן־רייכקייט און בונטקייט פון

דעם עקזאָטישן מזרח־לעבן. ער האָט געשפּירט אַ געוואַלדיקע צוציאונג צו דעםווילדן, אימפּעטיקן און ביזאַרן, מיט וועלכע די גאַסן און מערק פון אַלזשיר און מאַראָקאָ זיינען פול געווען. אָבער מער פון אַלעם האָט אים גערייצט די שפע פון ליכט און שאָטן אין דעם גליענדיקן, הייס־אָטעמדיקן מזרח.

דעקאַמפּ׳ס אויסגעשטעלטע בילדער, וואָס יענער האָט מיט זיך געהאַט מיטגעבראַכט פון אָריענט, און וועלכע דעלאַקרואַ האָט איי־פעריק שטודירט, האָבן אים געוויזן, אַז די מזרח־זון פאַרמאָגט נאָך אין זיך אַזאַ רייכן פאַרבן-שפּיל און אַזעלכע פאַרבן־ווירקונגען, וועל־כע ער קען נאָך נישט, און וועלכע זיינען נאָך דורך זיין פּאַליטרע נישט באַהערשט געוואָרן. מיט פרייד האָט ער זיך, אַלזאָ, אָנגעכאַפּט אָן דעם פּאָרשלאַג מיטצופאָרן מיט דער דעליגאַציע קיין מאַראָקאָ.

די זעקס חדשים פון זיין פאַרברענגען אויפן מזרח זיינען גע-ווען די רייכסטע און אינטערעסאַנטסטע אין דעלאַקרואַס אַזוי פיל־זייטיקן און צאָלרייכן שאַפן. ער האָט די גאַנצע צייט דאָרט געלעבט ווי אין דעליריום. ער האָט צום ערשטן מאָל די געלעגנהייט צו זען בחוש, אין לעבעדיקע פאָרמען, אָט די באַוועגלעכקייט, רירעוודיקייט און אימפּעט, מיט וועלכע זיין נשמה איז אַלע יאָרן געווען פול. ער ווערט אַנטציקט פון דעם ווילדן ווירבל־געיעג, מיט וועלכן עס טראָגן זיך די זון־פאַרברענטע בעדואינער אויף זייערע פלינקע פערד. ער ווערט באַרוישט פון דעם גאַנצן פאַרבן־שלל און פּיטאָרעסקייט, מיט וועלכע עס זיינען פול די אַראַבישע קאָמעדיאַנטן־סצענעס, מאַ־ראָקאַנישע פרויען־גרופּן און די אַלזשירער אידישע חתונות. זיין האַרץ שרייט אויף פאַר שרעק און באַגייסטערונג ביים אָנבליק פון דעם קאַמף צווישן צוויי פערד, וואָס שלאָגן זיך ווי מענטשן, אויפגע־שטעלט אויף די הינטערשטע פיס, מיט אַזאַ גרויזאַמקייט און שטורם, קעגן וועלכן די קאַמף־ און יאַגד־סצענעס פון זיין באַליבטן רובענס זעען אויס בלאַס און נישטיק. ער לאָזט נישט דורך די מינדסטע גע־לעגנהייט צו באַאָבאַכטן און שטודירן. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן צווישן פיבער פון אומדערמידלעכער אַרבעט, פון סקיצירן און איינ־זאַפּן אין זיך די טויזנטער סצענעס און בילדער, וואָס ער האָט ביי־געוואוינט, און דער מורא טאָמער וועט אים נישט געלונגען אויפ־

צוכאַפּן און אויפבאַהאַלטן די גאַנצע שיינקייט פון דעם לעבן, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום.

אָבער אָט טאַקע יענע חדשים זיינען די בעסטע עדות פון דעלאַקרואַס וואונדערלעכן, שיינענדיקן געניע און זיין גוואַלדיקער אַרבעטס־פיאַיקייט. ער האָט פון דער רייזע מיטגעבראַכט הונדערטער סקיצן און טויזנטער פאַרצייכנונגען אין זיינע באַרימטע אַלבומען. נאָר וואונדערלעכער ווי דאָס איז געווען זיין גלענצנדער זכרון, אין וועלכן ער האָט באַוויזן אויפצוהאַלטן די גאַנצע עשירות און גלוטיקייט פון דער מזרח־זון; די גאַנצע רחבות פון טענער און שאַטירונגען, וואָס איר ליכטיקייט איז אומשטאַנד אַרויסצוברענגען. די קאָלירן פון זיין פּאַליטרע ווערן דאַן קלערער און העל־זינגענדיקער. זיינע פאַרבן באַקומען אַ נייעם גלאַנץ און שימער. אויב שוין אין זיינע ערשטע לייווענטן האָט די פאַרב ביי אים געקראָגן אַ תיקון, און פון דער נידעריקער מדרגה, צו וועלכער די קלאַסיציסטן האָבן זי געהאַט אַראָפּגעזעצט, איז זי ביי אים דערהויבן געוואָרן צום עיקר אין בילד; אויב שוין פריער האָט ער דער פאַרב צוריקגעגעבן איר אמתן באַטייט אין דער מאַלעריי, וואו די קאָמבינירונג פון אירע קאָלירן האָט עס באַדאַרפט וועקן די עמאָציאָנעלע רעגונגען פון דעם באַטראַכטער. האָבן איצט — נאָך זיין רייזע אין אָריענט און אין שפּאַניען, וועלכע ער האָט באַזוכט אויפן וועג צוריק אַהיים — זיינע קאָלירן אָנגעהויבן לעבן אַן אייגן, יום־טובדיק־פייערלעך לעבן. ער אַנטוויקלט און פאַרפולקאָמט דעם געדאַנק, וואָס ער האָט פריער בלויז געאַנט, אַז אַ זאַך קען ריכטיקער און אינטערעסאַנטער געמאָלט ווערן אין דער ליכט פון דער זון, און אין דער פרייער לופט.

ער שאַפט דעמאָלט זיין באַרימט בילד „דאָס איינגעמען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך די טערקען". „אידישע מוזיקאַנטן אין מאַגאַדאָר" און די צענדליקע פּרעכטיקע פאַרב- און קראַפט־פולע בילדער, וועלכע ווייזן קלאָר דעם מעכטיקן אַראַבישן איינדרוק, וואָס האָט אים געהאַלטן געפאַנגען ביז צום סוף פון זיין לאַנגער טעטיקייט. צו יענער צייט באַקומט ער אויך די גרויסע געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיין וואונדערלעכן טאַלאַנט אַלס סאַלאָן־דעקאָראַטאָר און וואַנטמאַלער, אַ טייל פון זיין קונסט, אין וועלכן ער האָט אין משך פון

איבער 25 יאָר פארנומען דאָס אַנגעזעענסטע אָרט זינט די גרויסע רענעסאַנס־קינסטלער, ביז דעם מאָדערנעם פּואווים דע שאַוואַן. ער ווערט איינגעלאַדן צו דעקאָרירן דעם קעניגלעכן סאַלאָן אין „פּאַליי בורבאָן", אַן ארבעט, וואָס רופט נאָך ביז היינט ארויס פאַרוואונדער־רונג און דורך איר מיט איר גרויסן פאַרנעם און פּאָעטישן שוואונג.

אויך רעליגיעזע בילדער זיינען נישט פאַרביי דעלאַקרואַס אויפ־מערקזאַמקייט און האָבן געררייצט זיין טאַלאַנט. פּונקט ווי זיין חוש פאַרן טראַגישן און מעלאַנכאָלישן האָבן געפונען א רייץ אין די פיגורן פון האַמלעט און פאוסט, אזוי האָט אויך די טראַגעדיע פון געקרייציקטן שטענדיק און ווידער אמאָל אים געפאַנגען און געצויגן צו זיך. פּונקט ווי אַלע אנדערע ראָמאַנטיקער זוכט ער גאַנץ אָפט טרייסט און דערלייכטערונג פון זיינע פּייניקנדיקע שטימונגען אין דער שאָטנהאַפטיקייט און מיסטישקייט פון די רעליגיעזע סוזשעטן. זיינע יעזוס און מאַריע פיגורן זיינען פול מיט דעם דראַמאַטישן אומרו, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זיינע שאַפונגען. און מיט דעם אומרו זיינען אויך אָנגעהויכט אפילו זיינע שטיל־לעבנס און בלומען־בילדער, וועלכע ער האָט געמאָלן ווען ער האָט געוואָלט אָפּרוען צווישן איין גרויסער ארבעט און א צווייטער.

אין 1838 מאַכט דעלאַקרואַ ווידער א רייזע. דאָס מאָל קיין בעלגיען און האָלאַנד, כדי צו שטודירן פון דער ערשטער האַנט דעם אַמסטערדאַמער פאַרבן־מייסטער רעמבראַנדט, און זיך אָנזעטיקן מיט דעם, וואָס האָט אים געפאַנגען דאָס גאַנצע לעבן, דעם אַנטווערפּענער פּעטער רובענס.

נישט געקוקט אָבער אויף אַלע זיינע גרויסע אָנשטרענגונגען און שטאַרקע דערגרייכונגען בלייבט די אָפיציעלע אַקאַדעמיע אַלץ קעגנעריש און פיינטלעך צו אים. אַלע זיינע באַמיאונגען אויפגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער אַקאַדעמיע ווערן מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט צוריקגעוויזן. פינף מאָל שטעלט ער ארויס זיין קאַנ־דידאַטור, און פינף מאָל ווערט ער נידערגעשטימט. ערשט נאָך דער אוניווערסאַלער אויסשטעלונג אין 1855, ווען דאָס פּובליקום ווערט פריינטלעכער צו אים און ער באַקומט א סך אָנערקענונג, קענען זיך שוין די הערן פון דער אַקאַדעמיע נישט העלפן, און אין 1857

ווערט ער אויפגענומען אַלס מיטגליד אויף דעם אָרט, וואָס איז פריי געוואָרן נאָך דעלאַראָשס טויט. דאָס האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט געמיינט קיין שלום פאַרביידע צדדים. פאַרקערט, אין 1859 ווען ער האָט ווידער אויסגעשטעלט זיינע בילדער „אָוויד אין גלות ביי די סקיטן" און „דער טעמפל־דינער רויבט אוועק רבקהן", באַנייט זיך די אַטאַקע פון די אַקאַדעמיקער אויף אים מיט אַזאַ שאַרפקייט, אַז ער באַשליסט זיך אינגאַנצן צוריקציען און מער אין דעם אַקאַדע־מיע־סאַלאָן נישט אויסצושטעלן.

דערווייל רוקט זיך אויף אים אָן דער זיבעטער צענדליק יאָרן פון זיין לעבן און דעלאַקרואַס געזונט הויבט אָן אונטערגעגראָבן צו ווערן. ער איז קיינמאָל נישט איבעריק שטאַרק געווען. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהאַט ענערגיע פון אַ ריז און אַרבעט־פייאיקייט פון אַ טיטאַן איז זיין קערפּער תמיד געווען שוואַך און אונטערוואָרפן פאַרשיידענע קראַנקהייטן. לעצטנס אָבער הויבט ער אָן צו ליידן אויף די אויגן צוליב דעם גיפט פון דעם צינק־בליי אין דער ווייסער פאַרב, וועלכע ער נוצט אַזוי פיל אין זיינע וואַנט־דעקאָרירונגען. ער מוז זיך געזעגענען מיט צוביסלעך צוריקציען פון דער אַרבעט. אָבער נישט אויף לאַנג. ער קען אָן אַרבעט נישט לעבן. ער מוז אָנקומען צו דער מיטהילף פון זיינע תלמידים, וועלכע העלפן אים צו אין די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, ווען ער ווערט איינגעלאַדן צו דעקאָרירן די ביבליאָטעקן אין לוקסעמבורגער פּאַלאַץ און אין סע־נאַט, אין דעם „פרידנס סאַלאָן" אין האָטעל דע וויל. ער אַרבעט מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פיבער, גלייך ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס גרויסע פייער אין אים, וואָס האָט תמיד געפייניקט זיין נשמה, האַלט ביים פאַרלאָשן ווערן. ער שאַפט נאָך די באַרימטע דעקאָ־רירונגען אין די „סט. אַגנעס" און „סט. סולפּיס" קירכען און אַנדערע צענדליקע מייסטערווערק, אין וועלכע ער זוכט נאָך אַלץ צו זעטיקן זיין אומגעהייערן קאָלירן־דורשט, און דעם גרויסן אומרו פון זיין קרענקליכער, שטענדיק קאָמפּלוסטיקער נשמה.

ער באַזעצט זיך אין שאַמפּראָסיי, נישט ווייט פון פּאַריז, כדי צו קענען דערהאַלטן זיין געזונט, וואָס זינקט איצט וואָס אַמאָל טיפער. דעם 26טן מאַי, 1863, קריגט ער אַ לונגן־אָנפאַל און מען

מוז אים צוריקפירן קיין פאריז, וואו ער בלייבט שוין אין בעט ביז זיין טויט. ווען א מיטגליד פון דער אקאדעמיע איז געקומען צו אים אהיים, און געפֿאָדערט מען זאָל אים אריינלאָזן זען דעם קראַנקן, האָט דעלאַקרואַ אויסגערופן: „גאָט מיינער, האָבן אָט די לייט מיך נאָך נישט גענוג געקריינקט, באַליידיקט און צרות פאַרשאַפט?"

דעם 13טן אויגוסט אין זעלבן יאָר איז ער געשטאָרבן. באַלד נאָך זיין טויט איז פאָרגעקומען זיין לעצטע אויסשטעלונג פון די בילדער און צייכנונגען, וועלכע האָבן, לויט זיין צוואה, באַדאַרפט פאַרקויפט ווערן אויף עפנטלעכער ליציטאַציע. און אפילו זיינע נאָענטע פריינט זיינען דערשטוינט געוואָרן פון דער גרויסער צאָל אַרבעטן, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזן, און נאָך מער פון דעם גרויסן ענטוזיאַזם און אַלגעמיינע אָנערקענונג פאַר דעם שטענדיק פאַרפאָלגטן קינסטלער, וואָס האָט זיך ביי דער אויסשטעלונג געשאַפן. די זאַלן פון דער אויסשטעלונג זיינען געווען באַלאַגערט פון די טויזנטער באַזוכער, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו רימען זיין געניאַליטעט. זיינע בילדער, פאַר וועלכע דעלאַקרואַ האָט קיינמאָל ביי זיין לעבן קיין באַדייטנדיקע סומען נישט געקראָגן, זיינען איצט פאַרקויפט געוואָרן צו אומדערהערטע פרייזן, אזוי אז די אויסשטעלונג האָט דעמאָלט אריינגעבראַכט איבער 360 טויזנט פראַנק.

דעלאַקרואַס כאַראַקטער איז שטענדיק געווען און געבליבן א רעטעניש פאַר אַלע זיינע פריינט און שטודירער. ער איז געווען פול מיט דעם זעלבן מאָדנעם געמיש און די שאַרפע קאָנטראַסטן, וואָס זיינען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ווערק. די זעלבע העלקאָלירנדיקייט און מיסטישע שאָטנדיקייט. די זעלבע שאַרפע גערייצטקייט, די זעלבע צאַפּלענדיקע דינאַמישקייט. די אומאויפהערלעכע קאַמפּסלוסטיקייט און פיינע נאָבלקייט. די גרייטקייט אָנצופאַלן און קריינקלעכע מעלאַנכאָליזירנדיקייט, זיינען געווען א טייל פון זיין פערזענלעכן כאַראַקטער. זיין גאַנצע נשמה איז פול געווען מיט א מאָדנער סתירה און רעטענישדיקער אומפאַרשטענדלעכקייט. ער איז געווען די צענטער-פיגור און דער פירער פון דער ראָמאַנטישער

מאַלעריי, און דאָך איז ער געווען קעגנעריש געשטימט צו דעם ראָ־מאַנטיזם און כמעט פיינטלעך צו די ראָמאַנטיקער. צו באָדלערן האָט ער זיך פאַרהאַלטן קאַלט, און הוגאָן האָט ער פשוט פיינט געהאַט. אין דער מוזיק האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן וואַגנערן אָדער בעטהאָווען. זיינע ליבלינגס־מוזיקער זיינען געווען שאָפּען און מאָ־צאַרט. אין זיינע אויסגעצייכנטע עסייען, וואָס ער האָט געשריבן פאַר דער Revue de deux Mondes איז ער געווען באַגייסטערט פאַר ראַסין און דעם קלאַסיציזם. ער האָט אין תוך נישט פיינט געהאַט די קלאַסיקער, ער האָט נאָר מיט זיין גאַנצער נשמה געקעמפט קעגן דעם הוילן קאָפּירן די טרוקענע, לעבנסלאָזע פאָרמען פון דער אַנטיקער קונסט. ער האָט געפאָדערט זיי צו באַ־לעבן מיט גייסט און עמאָציע—און ער האָט זיי באַשיינקט מיט דער גאַנצער ליידנשאַפטלעכקייט פון זיין אייגענער נאַטור.

גלוטיק־היים און אויפברויזנד־שטורמיש אין זיינע בילדער, איז ער דאָך דאָס גאַנצע לעבן געבליבן קאַלט און דיסטינגגירט אין זיין פּריוואַט־לעבן און אין זיינע פרידלעכע ענטפערס צו די, וואָס זיי־נען תמיד אויף אים אָנגעפאַלן און אים באַקעמפט. מען האָט אים גערופן דער וויקטאָר הוגאָ פון דער מאַלעריי, אָבער דעלאַקרואַ האָט בלויז אין זיין שאַפן און נישט אין זיין פּערזענלעכקייט געהאַט די קריגערישקייט און קאַמפּסלוסטיקייט פון הוגאָן. ער איז געווען קריינק־ליך און דערשלאָגן. די ליבעס־אַוואַנטורעס און פּערזענלעכע שטור־מישע איבערלעבונגען, וואָס זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנדערע פירנדיקע העלדן פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג, ווי אַלפרעד דע מוסע, געאָרג זאַנד, ס'ט בעוו און וויקטאָר הוגאָ, האָבן קיין אָרט נישט געהאַט אין דעם לעבן פון אפשר דעם ראָמאַנטישסטן פון זיי אַלע. דעלאַקרואַ איז פאַרבליבן אומפאַרהיי־ראַט, און ס'זיינען נישט באַקאַנט קיין פאַלן, ווען ער זאָל האָבן זיך געווען פאַרפּלאָנטערט אין וועלכע עס איז ליבעס־אינטריגעס. די איינציקע זאַך, וואָס האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון זיין לעבן איז געווען די אַרבעט. און אָט דעם פיבערהאַפטן דראַנג צו „אַרבעטן ווי אַ הונט", ווי ער דריקט זיך אויס, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די איבער ניין טויזנט ווערק — 853 בילדער, איבער

1500 פּאַסטעלן און אַקוואַרעלן, קרוב צו זיבן טויזנט צייכנונגען און ליטאָגראַפן, און איבער 60 אַלבומען, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזן בירושה. אָבער אפילו די גרויסע פרייד פון אַרבעטן איז ביי אים געקומען פון דעם טיפן אומעט און שטאַרקן אומרו אין זיין נשמה.

„די אַרבעט איז נאָר אַ באַטויבונג, אַ צעשטרייאונג. דעם מענטשנס דערפינדערנע מיטל זיך צו באַהאַלטן פון דעם אָפּגרונט פון זיינע ליידן, און די מורא פאַר זיין עלנטקייט", שרייבט ער אין איינעם פון זיינע באַרימטע טאָג־ביכער. אָט די ביכער זיינען פול מיט די טרויע־ריקסטע געדאַנקען, אין וועלכע עס זעט זיך די נשמה־צעריסנקייט פון דעם ליידנדיקן, האַמלעטיזירנדיקן מעלאַנכאָליקער.

גאַנץ מעגלעך, אַז דעם שליסל צו אָט דער סתירהדיקייט אין זיין כאַראַקטער דאַרף מען זוכן אין די פאַקטן, וואָס זיינען לעצטנס וועגן דעלאַקרואַן אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון זיין פאַרערער און שטודירער מ. זשאַמאָ. לויט זשאַמאָס דערציילן איז דעלאַקרואַס לעבן געווען דורכגעוועבט מיט אַ טיפער טראַגעדיע, וועלכע האָט שטאַרק באַווירקט זיין געמיט, און וועלכע ער האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו באַהאַלטן. עיזשען דעלאַקרואַ איז נישט געווען דער זון פון שאַרל דעלאַקרואַ, דער דעפּוטאַט פון נאַציאָנאַלן קאָנווענט און שפּעטערדיקן אויסלאַנדס־מיניסטער, ווי יעדער איינער האָט גע־גלויבט. אין זיינע אָדערן האָט געפלאָסן דאָס בלוט און געגליט דאָס פייער פון שאַרל מאָוריץ דע טאַלייראַנד, עקס־בישאָף פון אוטון, פּרינץ פון בענעווענט, דער גרעסטער דיפּלאָמאַט פון זיין צייט. אָט דער גרויסער סוד פון זיין לעבן האָט עס געבראַכט, וואָס אין זיין גאַנצער אַגרעסיווקייט האָבן זיינע פריינט תמיד געפונען אַ מין מאַיעס־טעטישע צוריקגעהאַלטנקייט, וועלכע האָט אַ סך דערמאָנט אָן דער איינגעהאַלטענער באַהערשטער קראַפט פון די צענדליקער לייבן און טיגערן אין זיינע בילדער. און די בירושה'דיקע בלוט־אַריסטאָקראַטיש־קייט און ליידנשאַפטלעכע טאַטן־דורשטיקייט האָט זיך עס געזען אין דעם סתירהדיקן געמיש פון קאַלטער, פּרינצלעכער צוריקגעהאַלטנ־קייט אין זיין כאַראַקטער מיט דעם ווילדן פייער פון זיין איינבילדונגס־קראַפט.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס דעלאַקרואַ אַליין דערציילט פון זיין קינדהייט. גייענדיק אַמאָל שפּאַצירן אין דער שאַראַנטאָן־געגנט צוזאַמען מיט זיין גואווערנאַנטין, האָט זיי אָנגעטראָפן אַ משוגענער און דורכאויס פאַרלאַנגט פאַראויסצוזאָגן דעם אינגעלס צוקונפט. ער האָט אים דאַן פאַראויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן באַרימט, און זיין כאַראַקטער און זיין אַרבעט וועלן זיין פול מיט די גרעסטע ווידערשפּרוכן, און אַז וועגן אים וועלן געפירט ווערן גרויסע קאַמפן...

פון דער צווייטער זייט ווידער איז די געלאַסנקייט און אינטעלעקטועלקייט פון זיין כאַראַקטער זיכער געווען אַ ברכה פאַר זיין שאַפן. זי האָט נישט איינגעצוימט און געפּענטעט זיין טעמפּעראַמענט, נאָר בלויז געגעבן אים אַ באַשטימטן וועג און אַ קלאָרע, זיכערע ליניע. ווי דער זעלבער זשאַמאַ זאָגט וועגן אים: „דעלאַקרואַ האָט געהאַט אַ פיבערישע אימאַזשינאַציע, וועלכע איז אומאויפהערלעך קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן שכל און קאַלטן ווילן". אָדער לויט באָדלערס רייד: „ער האָט מיט אַ קאַלטבלוטיקער אַנטשלאָסנקייט געזוכט מיטלען ווי אויסצודריקן ליידנשאַפט. ער איז געווען אינגאַנצן ענערגיע, אָבער ענערגיע געשעפּט פון די נערוון און ווילן".

אויב עס איז נאָך נויטיק אַן איבעריקער באַווייז, ווי שטאַרק גרויסער טאַלאַנט און פייערדיקע אימאַזשינאַציע זיינען דעם קינסטלער מחייב צום שטענדיקן אַרבעטן איבער זיך און אייביקן לערנען, קען דעלאַקרואַ דינען אַלס בעסטערביישפּיל. ס'איז זעלטן צו געפינען נאָך אַ קינסטלער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ פייאיקייט שטענדיק זיך צו קאָנטראָלירן און גרייט זיין צו לערנען פון יעדן, ביי וועמען מען קען נאָר לערנען. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעהויבן זיין טאָג אַרבעט, ער זאָל פריער נישט געווען זיך איבן אין צייכענען לויט די אַרבעטן פון די קלאַסיקער. די ערשטע האַלבע שעה פון יעדן טאָג האָט ער געצייכנט לויט זיין באַליבטן רובענס. מיר האָבן געזען ווי שטאַרק זשעריקאָולס „דער פּראָם פון דער מעדוזאַ" האָט געווירקט אויף אים, און דערנענטערט זיין ערשטן רעוואָלוציאָנערן אַרויסטריט קעגן דער אָפּגעלעבטער אַקאַדעמישער טראַדיציע. ס'איז באַקאַנט דער פאַל מיט זיין „שחיטה פון כיאָס", וועלכע ער האָט כמעט

אינגאַנצן איבערגעמאָלן בלויז אַ פּאָר טעג איידער דאָס בילד איז עפנטלעך אויסגעשטעלט געוואָרן. דאָס בילד איז שוין געווען פאַר־ענדיקט און אַוועקגעשיקט צו דער אויסשטעלונג, אָבער דאָ איז דע־לאַקרואַ אויסגעקומען צו זען עטלעכע לאַנדשאַפטן פון קאָנסטאַבל. דער ענגלישער קינסטלער האָט מיט זיינע ליכט־ און הימל־עפעקטן אַזוי געווירקט אויף דעלאַקרואַן, אַז ער האָט מיט דער גרעסטער אָנשטריינגונג געפּועלט מען זאָל אים לאָזן זיין בילד צוריק אַהיים נעמען, און ווי אַ שכורער האָט ער זיך גענומען אויסבעסערן זיין ווערק לויט דעם נייעם אופן, וואָס איז אים איצט קלאָר געוואָרן. זיין קאָלאָריט־דורשט האָט ער תמיד געזוכט צו שטילן ביי די גרויסע ווענעציאַנער פאַרב־מייסטער וועראָנעז און טינטאָרעטאָ, וועמענס ווערק ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו שטודירן.

און אָט די גרויסע ליבע צו זוכן און אַרבעטן איבער זיך קען מען קלאָר זען אין די צענדליקער פאָראַרבעטן און סקיצן, וואָס זיינען דורך אים געמאַכט געוואָרן צו זיין יעדן ווערק. בלויז פאַר „סאַר־דאַנאַפּאַל'ס טויט" זיינען געמאַכט געוואָרן איבער 50 פאָרבילדער, וואו יעדע פיגור, יעדע גרופּירונג איז פריער באַאַרבעט געוואָרן אין מינדסטן דעטאַל, און אויספּרובירט געוואָרן אין יעדער מעגלעכער שטעלונג. ווייל כאָטש זיינע ווערק זיינען פול מיט שוואונגפולער באַ־וועגלעכקייט און מאַכן דעם איינדרוק פון טעמפּעראַמענטפולער ספּאָנ־טאַנקייט, זיינען זיי דאָך פריי פון יעדער צופעליקייט. זיי זיינען תמיד געווען אַ פּראָדוקט פון געוואַלדיקער מי, און אומגעהויער אָנ־געשטריינגטער פאַרברייטונגס־אַרבעט.

ס'קלינגט ווי אַ איראָניע די לעבערלעכע באַשולדיקונג, וואָס איז ביי זיין לעבן אַזוי אָפט קעגן אים געמאַכט געוואָרן, אַז דעלאַקרואַ האָט נישט געקענט צייכענען; אַז זיינע פיגורן זיינען נישט פּראָ־פּאָרציאָנעל אויסגעהאַלטן. די אָנהייגער און פּאַרטיידיקער פון קלאַ־סיציזם, וואָס כדי חלילה נישט צו צעשטערן די פּינקטלעכקייט פון דער געצייכנטער קלאַסישער ליניע, האָבן זיי פאַריאָגט יעדן סימן פון לעבן און אינערלעכע באַוועגטקייט פון זייערע בילדער, האָבן נישט געקענט באַגרייפן און סובל זיין דעם מאַלער פון דער פליסבאַרער קאָמפּאָזיציע, פון דער קאָמפּאָזיציע אין באַוועגונג. זיי איז געווען

פרעמד דעלאַקרואַס מעטאָדע, אַז נאָר דורך איבערטריבענער פאָרם קען באַוועגונג אַרויסגעבראַכט ווערן. זיי האָבן נישט געקענט פאַר־שטיין דעם קינסטלער, וועלכער האָט קאָמפּאָנירט נישט בלויז אין ליניען און גרופּן, נאָר אין טענער און שאַטירונגען. ביי וועמען דאָס צייכענען איז נישט געווען קיין ציל פאַר זיך אַליין, נאָר בלויז אַ מיטל צו אַ פּיל העכערן, מאָלערישן ציל. און מיר קענען כמעט זען דעם קלוגן שמייכל אויף דעלאַקרואַס כאַראַקטערפולע ליפּן, ווען ער האָט אין איינעם פון זיינע עסייען אָפּגעענטפערט: „צי קען אַ נישט פּינקטלעכקייט אומברייננגען אַ געניאַל ווערק, אָדער די קאָרעקטקייט גרויסמאַכן אַ מיטלמעסיק ווערק?"

דאָס בילד פון דעלאַקרואַן וואָלט נישט געווען גאַנץ ווען מען זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף זיין גרויסער ליבע צום שרייבן. אין זיינע זייער אינטערעסאַנטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען און עסייען איבער קונסט, פּונקט ווי אין די פיינע אויפזאַצן און באַטראַכטונג־גען, וועלכע ער האָט אַזוי פלייסיק פאַרצייכנט אין זיינע טאָג־ביכער, געפינען מיר נאָך אַ זעלטענע דערגאַנצונג און אַ פיין אויסגעצירטן שליף אין דעם פילקאָלירנדיקן בריליאַנט, וואָס רופט זיך עזשען דע־לאַקרואַ. אויך אין זיין שרייבן זעט זיך דער טיפער קינסטלערישער געמיש פון ליידנשאַפטלעכער קאָמפּלוסטיקייט מיט דער דיסטינ־גירטער, באַטראַכטער צוריקגעהאַלטנקייט. און פּונקט ווי אין זיינע מאָלערייען הערט זיך אויך אין זיינע עסייען גאַנץ דייטלעך די פאָר־אויס־זאָגונג פון אַ סך טעאָרעטישע פאָרמולעס, וואָס האָבן שפּעטער געדינט אַלס גרונט־געדאַנק און קינסטלערישן צוגאַנג פאַר די שפּע־טערדיקע אימפּרעסיאָניסטן און קאָלאָריסטן. נאָך ביים אָנהויב פון זיין קאַריערע שרייבט ער: „ס'איז גוט נישט צו לאָזן יעדן פּענזעל־שמיר צעשמעלצן זיך אין צווייטן. זיי וועלן סיי ווי סיי אויסקוקן אַלץ איינס פון אַ געוויסער ווייטקייט דורך דעם סימפּאַטעטישן געזעץ, וואָס באַגלייט זיי. די קאָליר, וואָס מען באַקומט אַזוי אַרום באַזיצט מער ענערגיע און פרישקייט. וואָס מער אָפּאָזיציע אין דער קאָליר, אַלץ גרעסער איז די גלענצנדיקייט". אַן אַנדערש מאָל שרייבט ער: „די קונסט פון קאָלאָריסט שיינט אין געוויסע אופנים צו האָבן עפּעס קרובהשאפט מיט מאַטעמאַטיק און מוזיק".

און אָט שפּאַציר איך אַרום איבער די עטלעכע גרויסע זאַלן אַרומער אין „לואוור”, וועלכע זיינען אָפּגעלייידיקט געוואָרן צו מאַכן אָרט פאַר דער גרויסער אויסשטעלונג פון דעם פירנדיקן פראַנצויזישן ראָמאַנטיקער. ס׳איז צו באַוואונדערן דעם פלייס און אַרבעט, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן דאָס צוזאַמענברענגען די הונדערטער בילדער, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער די צענדליקער מוזייאומס און פּריוואַטע קאָלעקציעס פון אייראָפּע און אַמעריקע. העגרי ווערנע, דער דירעקטאָר פון די פּאַריזער נאַציאָנאַלע מוזייאומס האָט זיך שטאַרק באַמיט, אַז די דעלאַקרוא אויסשטעלונג זאָל זיין וואָס רייכער און אימפּאָזאַנטער, און וויזן דעם קינסטלער אין אַלע זיינע שטופעָן און טעטיקייטן.

וואָס איז דאָ נישט צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן? מיט וועלכן טייל פון זיין שאַפן באַגעגענען מיר זיך נישט ווידער? אָט זיינען די אָנגעשטריינגטע און געוויסנהאַפטע סימנים פון זיין לערנען און שטודירן די קונסט פון די עלטערע גרויסע מייסטער. אָט איז די „מאַדאָנע און קינד” קאָפּירט פון ראַפאַעלס באַרימטע בילד. „דאָס הענגענדיקע פלייש־זייטל” אַ קאָפּיע פון רעמבראַנטן. און אָט איז „דער נס פון ס׳ט בענוא” לויט רובענס גרויסער אַרבעט. אין אַלע די בילדער זעט זיך דער דראַנג פאַר קאָליר, פאַר ליכט און שאָטן און פאַר דראַמאַטישקייט.

און באַלד הויבט זיך אָן די וואַקכאַנאַליע פון פאַרביקייט. אין די צענדליקער הענגען זיי דאָ די גרויסע לייוונטן. „דאַנטע און ווירגיל”, „מעדעא”, „די גערעכטיקייט פון טראַיאַן”, „סאַרדאַנאַפּאַלס טויט”, „דאָס איינגעמען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך די טערקען”, „די באַריקאַדן”, „די שחיטה פון כיאָס”, „דאָס אַנטלויפן פון דאָן זשואַן” און די אומציילקע יאַגד־ און געיעג־סצענעס. אַלץ איז פול מיט אימפּעט, מיט צוזאַמענשטויס, מיט אָנפאַל, אָנגריף און באַוועגונג. מען ווערט אָנגעשטעקט מיט דער אומרואיקייט פון דעם מייסטער, וועלכער האָט אָן קאַמף נישט געקענט לעבן. יעדעס פון די בילדער דערציילט עפּעס און רופט אַרויס די פאַרשיידנסטע עמאָציעס. אָבער נישט בלויז מיט דעם אויסערלעכן אינהאַלט, נאָר מיט דעם שלל פון קאָלירן, און דעם הייסן אָטעם, וואָס שלאָגט פון אונטער די

פארבן אפער. אין אלע פילט זיך דער גרויסער זשעסט, גליענדיקער טעמפעראמענט און אויפרייסנדיקע דינאמישקייט. אלע זיינען זיי כמעט בלוטיק אין זייער גרויזאמקייט און רייך־פארכאפנדיק אין זייער פארביקייט. און פון אלע דערקענט זיך דער קינסטלער, וואס האט דער ערשטער געוואגט צו דערקלערן, אז שיין און מיאוס אין דער קונסט זיינען בלויז רעלאטיווע באגריפן.

איך גיי ארום פון איין שאפקעלע צום צווייטן, וואו עס ליגן אויסגעלייגט דעלאקרואס אלבומען און טאג־ביכער. אין די צענדליקער געפינען זיי זיך דא, און אלע זיינען עדות פון געוויסנהאפטער מי און אנגעשטריינגטער ארבעט. וואס איז אין די אלבומען נישט אריינגעבראכט געווארן. אן א צאל סקיצן און פרואוון פאר איין און דער זעלבער סצענע. אנאטאמישע צעגלידערונגען פון מענטשלעכע און חיהשע קערפערס, מיט דערקלערונגען און אויפשריפטן פון די באזונדערע טיילן. מענטשן און חיות אין פארשיידענע באוועגטע פארמען. אן א שיעור קאסטיום־סקיצן פאר דער באקליידונג פון זיינע אריענטאלישע פערסאנאזשען. אויך די טאג־ביכער זיינען פול מיט אילוסטרירנדיקע צייכנונגען, פון וועלכע עס זעט זיך קלאר זיין פעסטע האנט און זיכערע מייסטערשאפט.

אין די צענדליקער זיינען אויך אויסגעהאנגען דעלאקרואס ליטא־גראפישע צייכנונגען צו די פארשיידענע טעאטער־סצענעס, איבער־הויפט צו פאוסט און האמלעט, וועלכע האבן אים תמיד אזוי שטארק געלאקט מיט זייער ראמאנטיש־ליידנשאפטלעכן און קראנקהאפט־מע־לאנכאלישן. די צייכנונגען איבער וועלכע געטהע פלעגט זיך אפרופן מיט אזוי פיל באגייסטערונג.

וואס אמאל ווייטער וואקסט אלץ גרעסער אויס פאר דיר די פיגור פון דעם מאלער, וועלכער „האט 40 יאר אויפגעשלאגן דעם גאנצן טאן־לייטער פון מענטשלעכער ליידנשאפט, און וועמענס גראנדיע־זער פארבען־בארשט איז איבערגעגאנגען פון הייליקע צו קריגער, פון קריגער צו ליבנדיקע, פון ליבנדיקע צו טיגערן און פון טיגערן צו בלומען״. זיין יעדעס בילד מאכט דיר קלאר די גאנצע ליבע און באוואונדערונג, וואס עס ווייזט אים ארויס די מאדערנע קינסטלער־וועלט, און די גרויסע פאראינטערעסירונג, וואס זיין איצטיקע אויס־

שטעלונג האָט אַרויסגערופן. עס ווערט דיר פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער ווערט פאַררעכנט אַלס דער פאַראייניקנדיקער רינג צווישן דער מאַלעריי פון 18טן יאָרהונדערט און דעם אימפּרעסיאָניזם, פּונקט ווי סעזאַן איז עס געווען צווישן דעם אימפּרעסיאָניזם און די לעצטע מאַניפעסטירונגען פון די עקספּרעסיאָניסטן.

ס'איז דער מייסטער פון דער אויפגעשטורמטער, צערייצטער לײדנשאַפט, און דעם אויפגעברויזטן דראַנג צום לעבן. ס'איז דער מאַלער פון דער פילפאַרביקער, טיף־באַוועגטער עמאָציאָנעלקייט און פייניקנדיקער, מענטשלעכער טראַגיק.

עס איז עיזשען דעלאַקרוא, דער באַשאַפער פון דער ראָמאַנ־טישער מאַלעריי און די גרעסטע פיגור אין דער פראַנצויזישער פאַרבן־וועלט פון 19טן יאָרהונדערט.

פּאַריז, אויגוסט, 1930

יודזשין אָ׳ניעל

„ליבע איז אַ בלום
וואָס אייביק בליט
שיינקייט איז אַ קוואַל
וואָס אייביק שטראָמט
אַרויף צום מקור פון זונענשיין
אַרויף צום בלאָען הימל
איינס מיט גאָט אָבער
אייביק צוריקקומענדיק
צו קושן די ערד
כדי די בלום זאָל לעבן קענען".
(יודזשין אָ׳ניעל: „דער קוואַל", דראַמאַטישע פּאָעמע)

אין די ווערטער פון דעם יונגן, אָבער היינט צו טאָג וויכטיקסטן אַמעריקאַנער דראַמאַטורג יודזשין גלאַדסטאָן אָ׳ניעל קען מען אפשר געפינען דעם שליסל צו זיין גאַנצן דראַמאַטישן שאַפן. דעם אונטערטאָן פון אַלע זיינע דראַמאַטישע העלדן און פּערזאָנען. זייער צאַפּלען זיך אין די נעגל פון דער אַלץ בענטשנדיקער ליבע. זייער שטרעבן זיך צו פאַראייניקן מיט גאָט און דער נאַטור אַרום. זייער אייביקע דורשט זיך אַרויסצורייסן אַהין „אויף יענער זייט האָריזאָנט".

אין דער גרופּע יונגע קינסטלער, וואָס זוכן מיט זייער שאַפונג צו באַפרייען די אַמעריקאַנער בינע און דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער, שטייט די פיגור פון יודזשין אָ׳ניעל גאַנץ איינציק און אַליין. אין דעם גאַנצן כאָר פון מאָדערנע אַמעריקאַנער דראַמאַטיקער, ווי דזשאָן דעם פּאַסאָס, דזשיימס לאַוסאָן, עלמער רייס, פּאָול גרין, אוען דייוויס, מאַקסוועל אַנדערסאָן און אַנדערע, הערט זיך זיין שטימע באַזונדערס קלינגענדיק. ער באַווירקט אַמשטאַרקסטן די אַלע כוחות, וואָס הויבן אָן בולט צו ווערן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קינסטלערישן לעבן אין אַמעריקע. צו זיינע רייד הערט מען זיך אַממערסטן צו, און אויף זיינע ווערק ווארט מען מיט דעם שטאַרקסטן אומגעדולד.

און אויב יודזשין אָ'ניעל איז איצט דער פּאָפּולערסטער און געשעצטסטער אמעריקאַנער דראַמאַטיקער, איז עס ניט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען די קונץ פון אַראָפּלאָזן זיך צום עולם און געבן אים, וואָס יענער האָט געוואָלט. נאָר גראָד פאַרקערט. ווייל אין יעדן פון זיינע ווערק האָט ער שטענדיק געזוכט, סיי לויט דער פאָרם, סיי לויט דעם אינהאַלט, זיך אויפצוהייבן הימל־הויך איבער דעם געשמאַק פון געוויינלעכן טעאַטער־גייער. ער האָט תמיד געזוכט צו געבן עפּעס, וואָס די געשוואוירענע „טעאַטער־קענער" זיינען געווען זיכער, אַז דער עולם וועט נישט אָננעמען.

אין דעם פּרט איז אָ'ניעל עכט אַמעריקאַניש. מיט דער דרייסט־קייט און געוואַגטקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייער אַמעריקע, האָט ער זיך גענומען צעשטערן אַלע אָנגענומענע טעאַטער־קאָנווענציעס, אַלע איינגעלעבטע און קאַנאָניזירטע שאַבלאָנען. קיין איין שטיק זיינס איז נישט ענלעך צום צווייטן. יעדער נייער אינהאַלט אין זיינע ווערק ברענגט אַ נייע פאָרם. ער איז פול מיט דעם ברויזנ־דיקן אימפּעט און מיט דעם אָנשטעקנדיקן זוכעניש, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס די ספּעציפיש אַמעריקאַנישע אינטעליגענץ. זיין פאָרם־זוכעניש איז אַ בולטע פאַרקערפּערונג פון דעם אינערלעכן גע־ראַנגל, פון דעם טיפן דראַנג נאָך קינסטלערישן אויסדרוק, וואָס גייט אָן אין דעם אינטעלעקטועלן אַמעריקאַנער.

עכט אַמעריקאַניש איז אָ'ניעל אויך מיט זיין גרויסן אָפּטימיזם, און דער גרויסער פרייד, וואָס ליגט אין גרונט אפילו פון זיינע טראַ־געדיעס. אין דעם גרויסן גלויבן אין לעבן און אין דער שיינקייט פון לעבן. „לעבן ענדיקט זיך נישט. יעדע פּאַסירונג איז נאָר די געווינערין פון אַ נייער וועיטערדיקער פּאַסירונג". מערסטע פון זיינע העלדן ווערן ארומגעכאַפּט דורכן שטורעם פון לעבן. זיי ווערן צע־שמעטערט דורך זייערע אייגענע לײדנשאַפטן און די פינצטערע כוחות, וואָס ראַנגלען זיך אין זיי. אָבער אויף אַלע זייערע מדרגות הערן זיי נישט אויף צו בענקען צו גאָט און צו שיינקייט. און סוף־כל־סוף טריאומפירן זיי. זיי ווערן אויסגעלייטערט און דערהויבן דורך זייערע טראַגישע זינד.

„די זון גייט אויף. איז זי נישט שיין?..."

מיט דער פּראָזע פאַרענדיקן זייערע שווערע איבערלעבונגען די צוויי פאַרליבטע, ווען זיי גייען זיך איבערגעבן צום משפּט פאַר זייער זינדיקער ליבע אין „די תּאווה אונטער די אולם־בוימער".

דורך דער קורצער צייט, וואָס אָ'ניעל שאַפט פאַר דער אַמע־ריקאַנער בינע, האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין אַזוי פיל פאַרשיידענע פאָרמען; ער האָט זיך געוויזן פון אַזוי פיל פאַרשיידענע זייטן, אַז ס'איז שווער צו באַשטימען, וואו אייגנטלעך, אין וועלכער קינסט־לערישער שולע איז זיין אָרט. אַסך האַלטן אים פאַר אַן עקספּרעסיאָ־ניסט, אַנדערע פאַר אַן איבערנאַטוראַליסט. דער אמת איז — ער איז ביידע. אָבער וואָס פאַר אַ פאָרם אָ'ניעל זאָל זיך נישט אויסקלייבן פאַר דער פאַרקערפּערונג פון זיינע אידייען, איז ער תּמיד דער פּאָעט, וואָס טרוימט אייביק וועגן אָנסופיקער שיינקייט, וועגן תּהום־טיפער ליבע. דער פּאָעט, וועמענס נשמה איז אָנגעפּילט מיט דעם אומגע־שטילטן דורשט נאָך קיינמאָל נישט דערגרייכבאַרע אילוזיעס.

אָבער כאָטש אָ'ניעל שרייבט אין איינעם פון זיינע פּריוואַטע בריוו צו אַ פריינט, אַז אים אינטערעסירט בלויז דאָס לעבן אַלס זאַך פאַר זיך אַליין, און אַז ער פּרובירט נאָך דערוויילע נישט צו באַרירן די פראַגע פון „פאַרוואָס און צוליב וואָס", — איז עס נישט אינגאַנצן ריכטיק. ווי יעדער גרויסער פּאָעט דערטראַכט ער זיך מערסטנטייל צו די אומגערעכטיקייטן פון אונזער לעבן. אין יעדן פון זיינע ווערק איז דאָ עפּעס אויפרייסנדיקס, אויפברויזנדיקס און אומצופרידנס, — אָדער מיט די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אָדער מיט די אָנגענומענע לעבנס־פאָרמען, ווי אין זיין „האָריקער מאַלפּע" אָדער „אַלע גאָטס קינדער האָבן פליגל". נישט אומזיסט ווערט אָ'ניעל באַטראַכט אַלס בונטאַר פון דער אַמעריקאַנישער בינע.

וואָס ס'איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש אין אָ'ניעלס שאַפן, איז זיין טיפע סימפּאַטיע און וואַרימע ליבע, וואָס ער פילט צו זיינע העלדן, וועלכע זיינען דורך דער געזעלשאַפט אויסגעשפּיגן געוואָרן. צו דעם דאַמפּער־הייצער יאַנק, צו דער פּראָסטיטוטקע אַננאַ קריסטי, צו דעם נעגער עמפּעראָר דזשאָנס, צו די אַלע פון וועג אַראָפּגעשלאָ־גענע, פאַרלוירענע נשמות, וואָס „באַלאַנגען נישט" (צו דער געזעל־

שאפט), ווי זיין יאנק אין „די האריקע מאלפע" האט זיך ליב אויסצו־דריקן.

אין דעם פּרט דערמאַנט אָ'ניעל שטאַרק אָן דעם סקאַנדינאַוויער האמסון און דעם רוס גאָרקי. פּונקט ווי זיי איז ער פול מיט דער פאַרהערלעכונג פון מענטש און ליבע, פּונקט ווי זיי אָטעמט ער מיט דער עפּישער סבלנות צו זיינע העלדנס האנדלונגען. ווייל פּונקט ווי די דערמאָנטע קינסטלער, האָט ער אליין זיך געלייטערט אין די אונטער־שטראָמען פון לעבן, און פּונקט ווי יענע האָט ער אליין ארייגעקוקט אין דעם אָפּגרונט פון לעבן.

ווייל ווי קנוט האמסון און מאקסים גאָרקי האָט יודזשין אָ'ניעל אין זיין יונגן לעבן שוין באוויזן דורכצומאכן די אוואַנטוריסטישסטע דערפאַרונגען און מערקווירדיקסטע פּאַסירונגען.

געבוירן געוואָרן איז אָ'ניעל אין ניו־יאָרק דעם 16טן אָקטאָבער 1888. זיין פאָטער דזשיימס אָ'ניעל איז אין זיין צייט געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע און בארימטסטע שוישפּילער. קינדווייז איז יוּ־דזשין ארומגעפאָרן מיטן פאָטער כמעט איבער גאַנץ אמעריקע. גע־לערנט האָט ער אין סטעמפּאָרדער „באַטטס אקאדעמיע" און שפּעטער אין פּראָווינסטאָונער אוניווערזיטעט, וואו ער איז געווען אַ קורצע צייט. דערנאָך האָט ער געארבעט אלס אָנגעשטעלטער אין אַ קאַנטאָר. אין 1909 לאָזט ער זיך אוועק אין די „שפּאַנישע האנדוראַס" אין צענטראַל־אמעריקע צו זוכן גאָלד. ער ווערט קראַנק אויף מאלאריע־פיבער און ווערט אָפּגעשיקט אהיים. אַ שטיקל צייט איז ער געהילף־דירעקטאָר פון אַן ארומפאָרנדיקער טעאַטער־טרופּע. זיין ערשטע ים־רייזע איז אויף אַ נאָרוועגישער באַרקע, וואָס שלעפּט זיך 65 טעג קיין בוענאָס־איירעס. אין ארגענטינע פאַרנעמט ער זיך מיט די פאַר־שיידנאַרטיקסטע מלאכות. ס'קומט דערנאָך אַ צווייטע ים־רייזע קיין דרום־אפריקע, און — צוריק קיין בוענאָס־איירעס, וואו ער איז אָנ־געשטעלט צו רייניקן מוילאייזלען אויפן שיף. דאַן פאַרברענגט ער אַ צייט אין פולשטענדיקן הפקרדיקן טרעמפּעווען אויפן ברעג פון ים, וואו ער באַגעגנט זיך מיט די פאַרשיידנסטע פאַרשוינען פון דער אונ־טערוועלט. ער פאַרדינגט זיך ווידער אויף אַ שלעפּ־שיף, וואָס פאָרט צוריק קיין ניו יאָרק. קומענדיק קיין ניו יאָרק האַלט ער זיך אויף

ביי „דזשימי דעם גלח" אין אַ מאַטראַזן־שענק, וואו מען קען שלאָפן אָנגעשפּאַרט אָן אַ בענקל. ער האַלט די גאַנצע צייט אין איין שיכורן. שפּעטער שפּילט ער אַ שטיקל צייט אַלס אַקטיאָר אין זיין פּאַטערס טרופּע, אַרבעט אַלס רעפּאָרטער אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג.

אַלס רעזולטאַט פון זיין אומנאָרמאַלן לעבן ווערט זיין אָרגאַניזם רואינירט און ער מוז פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע. אין סאַנאַטאָריע פאַרברענגט ער צום ערשטן מאָל אין רואיקייט, און דאָ קומט פאַר דער איבערברוך אין זיין לעבן. ער האָט נאָך פריער אַסך געלערנט און געלייענט. אָבער ערשט דאָ דערפילט ער אַ מאָדנעם דראַנג צו שרייבן פאַרן טעאַטער. ער שרייבט אָן די ערשטע איינאַקטערס פון זיינע ים־דערפאַרונגען, וועלכע ווערן אויפגעפירט דורך דער אַמאַטאָרן־גרופּע אין דעם קליינעם שטעטל פּראָווינסטאַון. ער טרעט שפּעטער אַריין אין פּראָפעסאָר בייקערס קלאַס פאַר דראַמע אין האַרוואַרדער אוניווערזיטעט. ער הויבט ביס־לעכווייז אָן צו פאַרוואַרפן די איינאַקטער־פאָרם און נעמט זיך שרייבן גאַנצע פּיעסן, וואָס געווינען אָנערקענונג און מאַכן אים באַרימט. ער באַקומט צוויי מאָל דעם באַוואוסטן „פּוליצער"־פּרייז פאַר די בעסטע אַמעריקאַנער דראַמען, און אויך דעם מעדאַל פאַר קינסטלע־רישער דערגרייכונג פון דער „אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פון קונסט און וויסנשאַפט". ביים היינטיקן טאָג ווערט אָ'ניעל פאַררעכנט פאַר איי־נעם פון די מאָדערנסטע דראַמען־שרייבער נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, סקאַנדינאַוויע, יאַפּאַן און רוס־לאַנד, וואו זיין „האַריקע מאַלפּע" איז געווען אַ גרויסער קינסטלערישער דערפאָלג אין טאַאיראָווס „קאַמער־טעאַטער".

דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פונם אַוואַנטוריסטישן לעבן פון איינעם פון די פיינסטע קינסטלער אין אונזער צייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אָ'ניעל איז אויסגעוואַקסן אין די גרויע אַמעריקאַנער שטעט מיט זייער אייזן־געבראַזג און מאַשינען־געטומל, וועמענס ריטם עס פילט זיך אַזוי שטאַרק אין אַסך פון זיינע ווערק, — איז עס אָבער נישט קיין צופאַל, וואָס אָ'ניעל האָט זיך פון אַלעם אַרויסגעריסן, און זיך אָוועקגעלאָזט אויף זיינע ווייטע וואַנ־דערונגען איבער דעם „אַלטן טיוול ים", ווי עס דריקט זיך אויס

איינער פון זיינע העלדן. דאָרט, אין דער שטילער איינזאַמקייט פון די ברייטע, ווייטע וואַסער־וויסטעניש, זיינען אין זיין פאַנטאַזיע אַנט־שטאַנען און אויסגעצייטיקט געוואָרן יענע אַלע בילדער און געשטאַלטן, וועלכע האָבן שפּעטער אָנגענומען בלוט און פלייש, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער אַרויפגעצוואונגענער רואיקייט פון דער סאַנאַטאָריע. אָט די אַלע אויסטערלישע דערפאַרונגען, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמלט אין די יאָרן פון אַרומשלעפּן זיך; זיינע חידושימדיקע באַגעגענישן מיט די מערקווירדיקע מענטשן אויף די פאַרשיידענע רייזעס, זיינען נאָכדעם אויף אַ קינסטלערישן אופן דורכפילטרירט געוואָרן דורך זיין רייכער פאַנטאַזיע, און האָבן געשאַפן די וואונדערלעכע גאַלעריע פון געשטאַלטן און פיגורן, מיט וועלכע עס זיינען פול זיינע ווערק.

די שיינקייט פון אַ זעער האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעמישט מיט דער אומרואיקייט פון אַ פּאָעט. ער האָט תמיד געזוכט אַ באַשייד אויף דעם, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון אונזער טאָג־טעגלעכקייט. אָ׳ניעלס העלדן זיינען נישט אין שטאַנד צו לעבן אָן אילוזיעס. זיי פאַרגייען תמיד אין זייער אייגענער בענקשאַפט נאָך שיינקייט, נאָך ליבע, אָדער רויער, ווילדער תאוה.

ס׳איז דאָ אַ מאָדנע זוכעניש פאַר דעם אמת פון לעבן, אַ מין טיפע, ערנסטע נשמה־גריבלעניש אין די ווערק פון יודזשין אָ׳ניעל. עפּעס וואָס די פריערדיקע אַמעריקאַנער דראַמאַטיקער האָבן נישט געוואַגט אַריינצוברענגען אין זייערע ווערק.

זיינע כאַראַקטערן זיינען כמעט אַלע ווי פון גראַניט אויסגעשמידט. סיי ווען זיי אַנטוויקלען זיך פאַר אונזערע אויגן, סיי ווען ער ברענגט זיי אַרויף שוין פאַרטיקע אויף דער בינע. אָבער זיי זיינען אַלע פון גרויסן פאַרנעם. זיי צאַפּלען זיך אַלע אין דער נעץ פון זייערע איי־גענע לײַדנשאַפטן. זיי ראַנגלען זיך תמיד אין דעם אייביקן קאַמף פון מענטש און געזעלשאַפט, מענטש און אומשטענדן, מענטש און זיין אייגענעם גורל. אָבער נישט געקוקט אויף זייער גאַנצער נאַטירלעכ־קייט, אויף זייער גאַנצער נאָענטקייט צום לעבן, ווייעט תמיד אַרום זיינע העלדן עפּעס אַ הויך פון ווייטקייט. ס׳איז תמיד דאָ עפּעס אַ מיסטישער אונטערטאָן אין אַלע זייערע רייד. עפּעס אַ מאָדנער נאָכ־קלאַנג אין אַלע זייערע טואונגען. און אָט דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס

ליגט אויף דעם נשמה־אָפּגרונט פון זײנע העלדן, פּרובירט ער בולט צו מאַכן דורך פאַרשיידענע עקספּערימענטאַלע טעאַטער־מיטלען. אַמאָל טוט ער עס — ווי אין „דער גרויסער גאָט בראַון״ — דורך דעם, וואָס זײנע פּערסאָנאַזשן טראָגן מאַסקעס די גאַנצע צייט פון שפּילן. אויסער אין די מאָמענטן, ווען זיי אַנטפּלעקן זיך צו אונז אין זייער נאַקעטקייט, ווען זיי בלייבן אַליין מיט זיך און וואַגן זיך צו ווייזן אין זייער אמת געשטאַלט. אין „די זאָנדערבאַרע אינטערלודיע״, פּרובירט ער עס טאָן דורך דעם, וואָס ער האָט ווידער אויפגעלעבט די אַלטע בינע־פאָרם פון רעדן „אַפּאַרט״, — דאָס הייסט, לאָזן די שוי־שפּילער הויך אַרויסרעדן זייערע געדאַנקען, אַזוי אַז עס באַקומט זיך אַ טאָפּלטע שפּיל: די שוישפּילער רעדן סיי דאָס, וואָס זיי ווילן די אַנדערע זאָלן הערן, און סיי דאָס, וואָס זיי וואַגן בלויז צו טראַכטן פאַר זיך אַליין.

אָט די און אַסך אַנדערע עקספּערימענטן, וועלכע אָ׳ניעל ברענגט כסדר אָן מורא ארויף אויף דער סצענע, — סיי זיי זיינען דורך אים אַליין געשאַפן, סיי זיי זיינען אַלטע אויפגעלעבטע בינע־פאָרמען, — נעבן צו זיינע ווערק תמיד אַ נייעם אינטערעס. אַלץ וואָס ער שאַפט האָט אַ גרויסן טעאַטראַלן ווערט, האָט אַ פעסטן סצענישן הינטער־גרונט. ווייל ער קען די בינע נישט נאָר פון בוך, פון זיין טיפן שטו־דירן די אַלטע קלאַסיקער, ווי די מאָדערנסטע טעאַטער־דיכטער, נאָר פון זיין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אירע ברעטער.

פּונקט ווי ס׳איז שווער צו באַשטימען אָ׳ניעלס אָרט בנוגע דער קינסטלערישער שול, צו וועלכער ער געהערט, פּונקט אַזוי שווער איז צו באַשטימען, וועלכעס ווינקל פון לעבן איז אים אַמליבסטן צו שיל־דערן. בלויז די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט שילדערן כמעט אויסשליסלעך ים־מאַטראָזן און זייערע אוואַנטו־ריסטישע איבערלעבונגען. ער איז דעמאָלט זייער שטאַרק באַאייני־פלוסט געווען פון יאָזעף קאָנראַד און דזשעק לאָנדאָן. אין אַלע יענע איינאַקטיקע דראַמעס האָט זיך געשפּירט דער מעכטיקער אָטעם, דער לעבעדיקער כוח פון דעם „אַלטן טייוול ים״, וועלכער האָט געשאַפן אַ וואונדערלעכן הינטערגרונט פאַר די איבערלעבונגען פון זיינע העלדן. די איינאַקטערס זיינען באַהויכט מיט אַ מערקווירדיקער שיינקייט, און

ווערן פאררעכנט צו די שענסטע אַ'ניעלס שאַפונגען. שפּעטער אָבער, אין זיינע גרעסערע דראַמען, האָט ער שוין אָנגעהויבן אריינצוקוקן אויך אין אַנדערע ווינקלען פון לעבן. זיין טיפן־גאַלעריע ווערט רייכער און פאַרשיידנאַרטיקער. מיר באַגעגענען זיך שוין מיט די טיף־ערדישע און צו גאָט־בענקענדיקע פּאַרמערס פון ניי־ענגלאַנד („תאוה אונטער די אולם־בוימער"), מיט דעם פּרימיטיוון, פון אור־פּחד איבערוועל־טיקטן נעגער (עמפּעראָר דזשאָנס), מיט די אומצופרידענע טרוימערס, וואָס צאַנקען תמיד אין זייערע אייגענע, נישט דערפולטע אילוזיעס („אויף יענער זייט האָריזאָנט" און „גרויסער גאָט בראַון"), און מיט דער פון גליק פאַרגעסענער „אַננאַ קריסטי", די פּראָסטיטוטקע, וואָס ווערט דערהויבן און געהייליקט דורך דער ליבע.

צו איינע פון זיינע וויכטיקסטע ווערק, ווערט אויך צוגערעכנט די גרויסע היסטאָרישע דראַמע, וועלכע קיין טעאַטער האָט, צוליב איר גוואַלטיקן פאַרנעם, דערוויַיל נישט געוואַגט אויפצופירן, און זי איז פאַראַן בלויז אין בוך־פאָרם — „לאַזאַרוס האָט געלאַכט". לאַ־זאַרוס, וועגן וועלכן די לעגענדע דערציילט, אַז יעזוס האָט אים לעבעדיק געמאַכט נאָכדעם ווי ער איז שוין פיר טעג געלעגן אין קבר.

דאָס שטיק איז בלויז איינמאָל געגעבן געוואָרן אַלס עקספּערי־מענטאַלע „מאַסקן־שפּיל"־פאָרשטעלונג דורך דעם „פּאַסעדאָנער קאָ־מיוניטי פּלעי־האַוז".

צו אָ'ניעלס גרעסערע שאַפונגען, מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן געשפּאַנט די אויפמערקזאַמקייט פון אַמעריקאַנער פּובליקום, געהערן זיכער „די זאָנדערבאַרע אינטערלודיע" און „דער טרויער קליידט עלעקטראַן".ביידע ווערק זיינען געגעבן געוואָרן דורך דער ניו יאָר־קער „טעאַטער־גילד", וואָס איז אפשר די איינציקע טעאַטער־אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע האָט זיך געקענט פאַרמעסטן אויפצופירן אַזעלכע דרייסטע פאָרשטעלונגען. ווייל ווי געוואַגט די ביידע ווערק זיינען מיט זייער אינהאַלט, זיינען זיי נאָך מער געוואַגט מיט זייער טעכ־נישער טעאַטער־פאָרם.

„די זאָנדערבאַרע אינטערלודיע", למשל, אין וועלכער ער פירט דורך דאָס לעבן פון אַ פרוי אין אַלע אירע שטעלונגען צו דער וועלט, אין אַלע אירע פאַרשיידענע ליבע־באַציאונגען צום פאָטער,

מאַן, פריינט, געליבטן און זון, באַשטייט פון ניין אַקטן, און דויערט זעקס שעה צום שפּילן. „דער טרויער קליידט עלעקטראַן״, וועלכע איז אַ העכסט קינסטלערישע איבערדיכטונג פון דער גריכישער עלעקטראַ־טראַגעדיע, באַשטייט אין אָ׳ניעלס מאָדערנער ווערסיע פון אַ טרי־לאָגיע, אין וועלכער יעדע דראַמע באַזונדער פאַרמאָגט דריי און פיר אַקטן, און דויערט אויך ביי זעקס שפּיל־שעהן.

כדי מעגלעך צו מאַכן צו ווייזן יעדע פאָרשטעלונג אין משך פון איין אָוונט, האָט די „טעאַטער־גילד״ געמוזט אָנקומען צו אַ גרויסן נסיון. יעדע פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פינף אַזייגער פאַרנאַכט, און האָט געדויערט ביז אַכט, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן אַ הפסקה אויף אַ שעה, כדי דאָס פּובליקום זאָל צייט האָבן צו עסן נאַכטמאָל. דאַן האָט זיך די פאָרשטעלונג ווידער אָנגעהויבן און געדויערט ביז ווייט נאָך עלף ביינאַכט.

אָ׳ניעלס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער אויפצוהויבן אויף דער בינע די פאָן פון רעוואָלט קעגן די איינגעשטעלטע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן אין אַמעריקע. אים איז אויך צו פאַרדאַנקען דאָס אַריינברענגען די עקספּרעסיאָניס־טישע פאָרם אין דער אַמעריקאַנער דראַמע. נאָך אים זיינען שוין גע־קומען די פיינע בייסנדיקע סאַטירעס: „די רעכן־מאַשין״ פון עלמער רייס, „די לבנה איז אַ גאַנג״ פון דזשאָן דעספּאַסאָס, און „פּראָצע־סיאָנעל״ פון לאַוסאָן. אָבער דאָס הויפּט־פאַרדינסט אָ׳ניעלס ליגט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער געוואַגט מיט אַ קינסטלער־אויג אַריינצוקוקן אין דער נשמה־טיפעניש פון אַמעריקאַנער נעגער, און דאָרט אַנטפּלעקן דעם גאַנצן רייכן אוצר פון ריינער מענטשלעכקייט, פון געלייטערטן פיין. זיין לאָזן די ווייסע פּרוי קושן די האַנט פון איר שוואַרצן טרוימערישן געליבטן אין „אַלע גאָטס קינדער האָבן פליגל״ האָט ווי מיט אַ בייטש אויפגעטרייסלט און געצוואונגען זיך צו פאַר־טראַכטן אַ גרויסן טייל פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. נאָך אָ׳ניעלס קינסטלערישע אַרויסטריטן איז שוין געווען אַ גאַנץ נאַטיר־לעכע זאַך צו זען דעם נעגער אַלס הויפּט־העלד אין אַן ערנסטן בינע־ווערק. ער האָט געעפנט אַ וועג פאַר פּאָול גרינס פיינער דראַמע פון נעגער־לעבן „אין אַברהמס בוזים״, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיט

דעם פוליצער־פרייז, און אויך פאר „פארגי", די פיעסע פון נעגער־לעבן, וואס האט געמאכט אזא קינסטלערישן אויפזען אויף די ברע־טער פון דעם דערמאנטן „טעאטער גילד".

אזוי־ארום באצווינגט א'ניעל דאס אמעריקאנער טעאטער און אמעריקאנער פובליקום מיט זיינע פארשיידענע געוואגטע עקספערי־מענטן. און ער האט נאך נישט געזאגט זיין לעצטווארט. ער איז נאך פול מיט אומרו, פול מיט מעגלעכקייטן און האפענונגען.

ווארשע.

ביי ריכאַרד בער־האָפמאַן

מיין וועג איבער די פאַרשידענע שטעט פון איטאַליען, דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט מיך געפירט קיין ווין און צו ריכאַרד בער־האָפמאַן, דעם דיכטער פון „יעקבס חלום".

ס'איז שפּעט זומער. ווין צירט זיך אין דעם ליכטיקן גרין פון אירע גערטנער און בולוואַרן; שטאָלצירט מיט אירע פריי צעעפנטע פּרעכטיקע מוזעאומס; הנדלט זיך מיט די צווייטקלאַסיקע און דאָך עלעגאַנטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען — איבערבלייבענישן פון אַמאָליקע בעסערע צייטן. אין איינעם אַזאַ ליכטיקן נאָכמיטאָג געפין איך זיך אויף דער האַזענאַוער שטראַסע, נעבן טויער פון דער פאָרנעמער, אין בוימער געהילטער ווילע, וואו עס וואוינט דער דיכטער.

איך ווער אריינגעפירט אין די ווייסע ליכטיקע וואַרט־צימערן, וואָס זיינען אַ געמיש פון אַ פיינעם פּריוואַטן מוזעאום, און אַ געמיטלעך איינגעאָרדנטער רעזידענץ. אויף די ווענט, אויף די אַרומיקע געזימסטן, אין די גלעזערנע שאַפעס, אויף די טומבעס זיינען צעהאַנגען און אויסגעשטעלט פאַרשידענע קונסט בילדער, סטאַטוען און אַנטיקן מיט אַזאַ שטילן צוריקגעהאַלטענעם חן און רייץ, וואָס דערציילט פון אַ סך איינגעבוירענער עלעגאַנץ און קולטור.

עס פאַרגייען אַ פּאָר מינוטן, אין וועלכע איך האָב צייט איינצוזאַפּן אין זיך די גאַנצע צאַרטע פאַרבענגטקייט און אַרטיסטישע פיינקייט פון דעם הויז, און באַלד זעט זיך דורך דער גלעזערנער וואַנט די פּעסטע און דאָך איידעלע פיגור פונם ווירט, אַראָפּקומענדיק פון די אויבערשטע טרעפּ. ער איז געקליידט אין ווייסן עלעגאַנטן זומער־קאָסטיום, מיט אַפּיין אויסגעבונדענעם ווייסן קראַוואַט. ער באַגריסט מיך העפלעך אָבער ערנסט, און בעט מיך אריין אין זיין

פריוואַטן אַרבעט־קאַבינעט. איך פאָלג אים נאָך אין דעם גרויסן, גע־רוימען, אין טיפן רויט געהאַלטענעם צימער. עס גיט אַ ווייע מיט שטרענגער ערנסטקייט און לוקסוריעזער עלעגאַנץ. אַ געמיש פון קינסטלערישער רחבות און ראַפינירטער צוריקגעהאַלטנקייט. דאָס זעט זיך אין אַלץ — אין דעם שטרייגנגען, מאַסיוון שרייב־טיש און די פינקלענדיקע קאַנדילאַברעס; אין די הויכע פאַרשלאָסענע ביכער שרענק, און די ווייכע, באַקוועמע פאָטעלן און סאָפעס; אין די ברייטע פענצטער, וואָס פראַלן אין דעם פיינעם גאָרטן אַרויס, און די צנועות־דיק־ציכטיקע פוירהענגלעך, וואָס פאַרהענגען זיי.

אונזער געשפּרעך הויבט זיך אָן אַביסל שווערלעך. טראָגט אַ האַלב אָפיציעלן כאַראַקטער. בער־האָפמאַן זיצט קעגן מיר פעסט אין זיין שטול, אין אַ באַקוועמער, זיכערער פּאָזע. די הענט פאַרבראָכן, דאָס מויל פיין פאַרשנירלט. די אויגן זיינען אויספּרובירנדיק אָנגע־שטרענגט: ווער איז מיין מיטריידער. אינגאַנצן מאַכט ער דעם איינ־דרוק, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט כדי צו בלייבן פאַרשלאָסן און נישט אַרויס פון זיך. דאָס האַלט אָבער אָן בלויז עטלעכע מינוטן. פון אונטער דער אָנגעשטרענגטער צוריקגעהאַלטנקייט שלאָגט מיט אַזוי פיל וואַרימער בענקשאַפט. דורך דער אָנגעצווינגענער רעזערווירטקייט רייסט זיך דורך אַזאַ הייסער פאַרלאַנג פון מענטשלעכער נאָנטקייט. דו פילסט בחוש, אַז ער לעבט אַליין אויף דערפון, וואָס זיין האַלב טרויען פאַרשווינדט, און זיין נידעריק ברוסטיקער טאָן ווערט וואָס אַמאָל העלער און וואַרימער. עס פאַרגייט קוים אַ האַלבע שעה, און פון דער פריערדיקער אָפיציעלקייט איז אפילו קיין שאָטן נישט פאַר־בליבן. האָסט דאָס געפיל, אַז דו געפינסט זיך נעבן אַ צאַרטן, עלטערן פריינט, נאָך וועמען דו האָסט געבענקט אַ לאַנגע צייט, און מיט וועמען דו שמועסט איצט אַזוי געמיטלעך פריי און אינטים.

און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער שמועסער איז דער שאַפער פון „יעקב׳ס חלום" און „דער גראַף פון שאַראָלעי". מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט און פיינקייט גייט ער איבער פון ענין צו ענין. זיין גע־שפּרעך שפּרודלט פון גייסטיקייט און הומאָר; אידישע חריפות צוזאַ־מען מיט קינדערשער גוטהאַרציקייט; אידישער שאַרפזין געמישט מיט פּאָעטישער תמימות. קיין סימן מער פון דיין אייגענער אָנגעשטריינגט־

קייט. פילסט זיך אין דער סביבה פון ראפינירטן אריסטאָקראַטיזם, און ליבלעכער היימישקייט. איך באַטראַכט דאָס פיין־מאַטע פנים זיינס. פון די איידעלע פאַלדן און לייכטע קנייטשן לאַכן ארויס א פּאָר יונגע שטיפערישע אויגן. פון צווישן דעם פיין־געשניצטן גרויליכן בערדל און וואָנסן, שמייכלען א פּאָר שאַרף־קלוגע און קינדיש־קאַפּריזנע, גוטמוטיקע ליפּן.

און וואָס ווייטער אנטפּלעקט זיך אלץ מער דער קינסטלער. ער ווערט פאַרכאַפּט מיט׳ן שמועס ווי א קינד. ער רעדט אליין כמעט די גאַנצע צייט. כאַפּט אויף דיינס א וואָרט, און פאַרשכורט זיך מיטן ענטפער. דאָס פנים זיינס ווערט פרישער און באַלעבטער. עס ענדערט זיך פלינק און שפּיגלט אָפּ דייטלעך און קלאָר די אלע געפילס־איבער־גאַנגען, די אלע עמאָציאָנעלע שטייגערונגען, וואָס דאָס געשפּרעך רופט ארויס. און פונקט ווי זיין פנים ענדערן זיך אויך די מאָדולי־רונגען פון זיין שטימע, וואָס האָט אין זיך א מאָדנע רייכקייט און זאַפטיקייט.

ער דערציילט מיט פרייד וועגן דעם, אז נאָך א צען יאָריקן איבעררייס האָט ער זיך ענדלעך גענומען ווייטער ארבעטן אויף זיין אָנגעהויבענער דראַמע „דער יונגער דוד״ — די צווייטע אין דער טרילאָגיע, פון וועלכער „יעקב׳ס חלום״ איז דער אָנהויב. דאָס איז די סיבה פון זיין אָפּזונדערן און איינשליסן זיך, און ניט וועלן זען קיינעם די לעצטע צייט.

מיט א גליקלעכער מינע ווייזט מיר בער־האָפמאַן אָן, אז די פּאַפּירענע הילע, אין וועלכער עס ליגן די ערשטע פראַגמענטן פון דעם „יונגן דוד״, טראָגט אויף זיך די אויבערשריפט 1917, און ענדלעך דעם דאַטום פון צווייטן צוטריט צו דער ארבעט — 1927. ער איז פול מיט באַגייסטערונג וועגן זיין נייעם אָנהויב, און וועגן דעם אופן ווי אזוי דאָס ווערק ווערט געשאַפן. ער ווייזט מיר די גרויסע פּאַפּיר בויגנס באַשריבן מיט בלויען בליישטיפט. (בער־האָפמאַן שרייבט קיינ־מאָל נישט מיט קיין טינט. א שטענדיקע געוואוינהייט, ווי ער דריקט זיך אוים שמייכלענדיק) ער לעזט מיר פּאָר איינצלנע דיאַלאָגן און סצענעס. זיין לייענען איז פול מיט שווישפּילערישער אויסדריקלעכ־קייט און טיפן איבערלעבן. יעדע ראָלע ווערט דורך אים אין לייענען

דייטלעך כאראקטעריזירט. בעסער געזאָגט, ער שפּילט אַליין אָפּ יעדע ראָלע מיט פּאַרנעם און טאַקט. דאָס איז דער וועג, ווי ער שאַפט בכלל די העלדן אין זיינע דראַמען.

— פריער מוז איך אַליין איבערלעבן און אָפּשפּילן פאַר זיך אַליין די העלדן, זייערע צוזאַמענשטויסן און זייערע קאָנפליקטן, זייער אימ־פּעט און זייער שוואונג, ערשט דעמאָלט ווערן אין מיר געבוירן זייערע ווערטער. דאָס איז די אורזאַך, וואָס מיין שרייבן מאַכט מיך אַזוי מיד, און וואָס די אַרבעט גייט ביי מיר אַזוי לאַנגזאַם.

ער ווייזט מיר אויך ווי שוין אין מאַנוסקריפּט ווערן ביי אים אויסגעאַרבעט אַלע דעטאַלן פון דער בינע־אויסשטאַטונג, קאָסטיום און רעזשי. דערפאַר איז עס, וואָס דער רעזשיסער פון זיינע שטיקער האָט שפּעטער ביים אויפפירן שוין נישט קיין שווערע אַרבעט. אַלץ איז שוין פון פריער אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך בער־האָפמאַן, וועל־כער איז אַליין אַ זייער פיינער טעאַטער־רעזשיסער.

ער דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונגען ביים אויפפירן פון זיינע פּיעסן אויף די פאַרשידענע דייטשע בינעס, און דערמאָנט דערביי דעם וויץ, וואָס ער האָט געזאָגט אַ געוויסן שוישפּילער, וועלכער האָט באַדאַרפט שפּילן דעם יונגן ליבהאָבער אין זיין „גראַף פון שאַראָלע". יענער האָט געהאַט אַ זייער פיינע, שלאַנקע בינע־פיגור, עס איז אים אָבער אָנגעקומען שווער זיך אָן עצה צו געבן מיט דעם איינשטודירן פון די „פערזן פיס" אין דער ראָלע. האָפמאַן האָט ביי איינער פון די לעצטע פּראָבן אַ פאַרצווייפלטער דאָך גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן — נו, זאָל שוין זיין. איך פאַרלאָז מיך אויף מיינע פערזן און אויף אייערע פיס...

ער גייט דאַן איבער צו זיינע טרויעריקע דערפאַרונגען מיט אי־דישע טעאַטער־דירעקטאָרן און אידישע רעדאַקטאָרן. נישט נאָר גע־פינט מען נישט מער פאַר נויטיק אים צו צאָלן טאַנטיעמען פאַר זיין „יעקב'ס חלום", נאָר מען האָט נישט די פּשוטע העפלעכקייט אים צו לאָזן וויסן, אַז מען שפּילט דאָס שטיק, און ווען מען שפּילט עס. אַזוי האָט אויך דער אידישער איבערזעצער פון דעם שטיק נישט געפונען פאַר נויטיק זיך צו ווענדן פאַר אַ דערלויבעניש עס איבערצוזעצן. וועגן האָנאָראַר צאָלן איז שוין אָפּגערעדט.

זיין פּנים נעמט אָן א מינע פון א באַליידיקט קינד. אָבער מער פון אַלעם ווערט ער אויפגערעגט, ווען ער דערציילט פון בריוו, מיט וועלכע געוויסע אידישע טרופּעס אין פּוילן האָבן, נאָכדעם ווי די „הבימה" האָט דאָרט געשפּילט זיין „יעקב'ס חלום", זיך געווענדט צו אים, ער זאָל זיי לאָזן וויסן, צי האָט ער געשריבן עפּעס דראַמען פאַרן טעאַטער.

— עס מאַכט דעם איינדרוק — בייזערט ער זיך כמעט — ווי זיי וואָלטן געלעבט ערגעץ אויף א פאַרוואָרפן אינזל, נישט צווישן ציוויליזירטע מענטשן.

דאָס געשפּרעך גייט איבער צו דער אידישער ליטעראַטור. ער באַדויערט זייער, וואָס ער קען נישט לייענען קיין אידיש אין אָריגי־נאַל. ער קען די דראַמען פון דימאָוו, פּינסקי און אש פון די דייטשע איבערזעצונגען. ער קען אויך פּרץ'ען, שלום עליכם'ען פון דעם, וואָס זיינע אידיש־רעדנדיקע פריינט לייענען אים פאָר. ער איז באַגייס־טערט פאַר זייערע שאַפונגען. ער פּרובירט אויך ארויסזאָגן זיין מיי־נונג איבער אידיש. ער מיינט, אַז אויף אידיש קען מען האַרציקע, נשמהדיקע זאַכן איבערגעבן פיינער און אינטימער אפשר ווי אויף אַן אנדער שפּראַך. עס פעלט אבער דער הויכער פּאַטאָס, דער גרויסער סטיל. ער פּרובירט עס דערקלערן דערמיט, וואָס אידן האָבן תמיד געלעבט ענגער און איינגעשלאָסענער, און ס'איז נישט געווען קיין נויטיקייט אין א מער שוואונגפולן אויסדרוק.

איך דערצייל אים וועגן יהואש'ס וואונדערלעכער תנ"ך־איבער־זעצונג, און אויך וועגן דער זייער וויכטיקער אַרבעט, וואָס דער „אידי־שער וויסענשאַפטלעכער אינסטיטוט" האָט אויפגעטאָן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. זיינע אויגן בליצן אויף. ער איז פול מיט נייגיר און באַגייסטערונג. ער רעדט כמעט מיט פּיעטעט וועגן זיין באַציאונג צו אַלע קינסטלערישע אויפטואונגען, וואָס ווערן לעצטנס געשאַפן אין אידישן טעאַטער און אין דער אידישער מאַלעריי.

אָבער — כאַפּט ער זיך — מען דאַרף זיך היטן איבערצושאַצן א זאַך נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אידיש. בלויז אין ערשטן מאָמענט פאַראינטערעסירט מיך א זאַך צוליב איר אידישקייט. דאַן אָבער הייב איך שוין אָן צו פאָדערן, אַז זי זאָל זיין אויך קינסטלעריש, זי זאָל

האָבן אַ דויערנדיקן ווערט. מען דאַרף אויסמיידן די געפאַר פון פאַר־לירן די קינסטלערישע מאָס, וואָס מיר באַנוצן צו די שאַפונגען פון דער גרויסער וועלט.

ער קען אויך נישט באַהאַלטן זיין פאַרדרוס, וואָס ער איז כמעט ווי פאַרשוויגן געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור; וואָס ער איז אַזוי וויניק איבערזעצט, און וואָס גראָד די אידישע פּרעסע באַציט זיך צו אים מיט אַזאַ קאַלטקייט. האָט עס נישט צו טאָן מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַזאַ טבע מבטל צו זיין אונזערע אייגענע? ער צעשמייכלט זיך און דערמאָנט זיינעם אַ וויץ, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט דר. חיים ווייצמאַן. די אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן גע־בראַכט די נייעס, אַז פּרעזידענט קולידזש האָט געליטן שטאַרקע ווייטיקן אין דער האַנט אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס ער האָט אין איין טאָג געמוזט אויפנעמען אין „ווייסן הויז" עטלעכע הונדערט אַמערי־קאַנער, וואָס זיינען געקומען „דריקן די האַנט" פון זייער פּרעזידענט.

— מיין ליבער דר. ווייצמאַן, האָט אים בער־האָפמאַן געזאָגט, ווען איר וואָלט געוואָרן דער פּרעזידענט פון אידישן לאַנד, וואָלט איר געליטן נישט פון קיין ווייטיק אין דער האַנט, נאָר פון ווייטיק אין דער פּלייצע...

מען ברענגט אריין די פּאָסט. צווישן אַנדערע אויך אַן אַנזיכט קאַרטע צוגעשיקט פון אַלעקסאַנדער מאָאיסי — האָפמאַנ׳ס אינטימער פריינט — וועלכער וווינט איצט אין זאַלצבורג. זיינע קלוגע אויגן צעלאַכן זיך: מאָאיסי שרייבט „אַזוי ווי איר האָט מיין לעצטן בריוו נישט דערהאַלטן" — ווי אַזוי זשע ווייסט ער, אַז איך האָב זיין לעצטן בריוו נישט דערהאַלטן?...

דאָס געשפּרעך גייט פלינק איבער צוריק צום דייטשן טעאַטער און דייטשע שוישפּילער, וועגן וועלכע האָפמאַן רעדט מיט אַ באַזונ־דערער ליבע. איבערהויפּט איז גרויס זיין פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר מאַקס ריינהאַרטן, מיט וועמען ער האָט אַ סך מאָל מיטגעאַרבעט, און ביי וועמען אין טעאַטער ער האָט רעזשיסירט אייניקע פּיעסן. מיט גראַציעזער לייכטקייט און פיינעם טאָן פליסן זיינע פאַרשידענע באַ־מערקונגען און מיינונגען איבער די לעצטע קינסטלערישע פּאַסירונגען אין דער דייטשער טעאַטער־וועלט.

וועגן זיין באציאונג צו דער ארבעט פון פארשידענע נייע טעא-טער־רעזשיסאָרן און זייערע מעטאָדן, דריקט ער זיך אוים מיט דעם ביישפּיל:

— ס'זיינען פאראַן צוויי פאַרשיידענע רעזשיסאָרן, ווי צוויי פאַרשיידענע דאַמען־שניידערס. איינער נייט אַ קלייד אַזוי, אַז ווען אַ פרוי טראָגט עס אויף אַ באַל, דריקט יעדער אוים זיין באוואונדערונג: אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נישט געזען קיין שענער קלייד. דער אַנדערער נייט דאָס קלייד אַזוי, אַז ווען די פרוי טראָגט עס, זאָל זי ארויסרופן יעדנס באוואונדערונג: אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נאָך נישט געזען קיין שענערע פרוי.

ער האָט אויך אַ סך וואַרימע, באַגייסטערטע ווערטער פאַר דער ארבעט פון דער „הבימה", פון „אידישן קונסט טעאַטער", מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט בשעת זייערע וויזיטן אין ווין, און אויך פאַר דעם קליינעם „אידישן פאָלקס־טעאַטער", וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט אַ שטיק צייט אונטער דער אָנפירונג פון יעקב מעסטל. מיר דערמאָ־נען אַ סך פון די אידישע קאָלעגן־שוישפּילער. ער צעשטיפּט זיך ווי אַ יונגער קונדס, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל, און הייבט אָן צו אימיטירן אייניקע פון זיי. בער־האָפמאַן ווייזט דערביי ארוים אַ זעל־טענעם שוישפּילערישן טאַלאַנט.

מיט אַמאָל בייט זיך זיין שטימונג. אַ מעלאַנכאָלישע צאַרטקייט צעלייגט זיך איבער זיין פּנים, און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע לייענט ער פאַר זיין לירישן געדיכט „שלאָף ליד צו מרים", וואָס ווערט פאַר־רעכנט אלס איינס פון די צאַרטסטע און באַליבטסטע לירישע געדיכטן אין דייטשלאַנד.

אַזוי פאַרגייט די צייט אין פיינעם געמיטלעכן געשמועס. באַ־מערקסט קוים דעם לייכטן איבערגאַנג פון ערנסט צו שפּאַס; פון הוי־כער גייסטיקייט צו פּשוטער אינטימיטעט. זיינען נישט מער ווי בלויז עטלעכע שעהן אַוועק, זייט איך בין צום ערשטן מאָל אריינגעקומען אין דעם הויז? נאָר דער אָוונט פאַלט צו און פאַר מיר איז שוין צייט צו גיין. איך מוז אָבער קומען נאָך אַמאָל פאַר מיין אָפּפאָרן, אומבאַ־דינגט.

איך פאַרלאָז דאָס הויז מיט דעם וואַרם־גליקלעכן געפיל פון אויפ־

נעהייטערטקייט און אויפגעפרישטקייט. לאנג נאָך שפּיר איך ארום זיך דעם אראָמאַט פון דעם צאַרטן אָפּטימיזם, און טיף־עטישע באַציאונג צו דער וועלט און מענטשן, וואָס דער דיכטער האָט אויף מיר אָנגע־הויכט. און דער איינדרוק פון מענטשלעכער ליבע און גייסטיקער דערהויבונג, וואָס ער האָט אין מיר ארויסגערופן איז נאָך מער גע־שטאַרקט געוואָרן אויך ביי מיין צווייטן וויזיט, ביי אונזער שפּאַציר אין די הינטערשטאָטישע גערטנער אין דער באַגלייטונג פון דער שלאַנ־קער, מילד־פּנימדיקער פרוי פון דעם דיכטער.

און כ'האָב אליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס עס האָט אזוי באַנג געטאָן, ווען נאָכ'ן פאַרברייינגען דעם וואַרימען אָוונט אין דעם אילו־מינירטן „טירקען־שאַנץ" פּאַרק, האָב איך באַדאַרפט זאָגן א זייט געזונט דעם צאַרטן, גאַסטפריינטלעכן דיכטער און דעם עלעגאַנטן, כשופדיקן ווין.

ווין, אויגוסט, 1927.

ביי ערווין פיסקאַטאָר

אין דער גאַנצער פּלעיאַדע מאָדערנע דראַמאַטורגען און רע־זשיסאָרן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דייטשלאַנד נאָך דער וועלט־מלחמה און זיך גענומען רעוואָלוציאָניזירן און איבערגעשטאַלטן דאָס דייטשע טעאַטער; אין אַט דער גאַנצער גרופּע שטורמער און דראַנגער, צו וועלכע עס האָבן זיך געציילט ערנסט טאָלער, וואָלטער האַזנקלעווער, פריץ פאָן אונרו, פעליקס יערגען און לעאָפּאָלד יע־סענער, פאַרנעמט ערווין פּיסקאַטאָר זיכער איינס פון די חשובסטע און וויכטיקסטע ערטער. דער איינגסטער אפשר פון זיי אַלעמען, איז פּיסקאַטאָר זיכער דער מוטיקסטער און דרייסטסטער, מיטן ברייטסטן פאַרנעם און ווייטסטן בליק. דער, וועלכער האָט אַמקלאָרסטן דער־פילט דעם זיך פאַרבייטראַגנדיקן שטורם, וואָס האָט אויף אַ ראַדיקאַלן און שניידנדיקן אופן איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים פון אונזער געזעל־שאַפט. און דער, וואָס האָט אויפן אומדערשראָקנסטן און שאַרפסטן וועג געוואָגט איבערצורייסן מיטן אַלטן, פאַר מלחמהדיקן טעאַטער, און מיט דעם אַרט, ווי עס האָט געזוכט צו געבן אַ לייזונג צו די אַנטשטאַנענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

פון אַן אומבאַקאַנטן, צווייטקלאַסיקן שוישפּילער אויף דער בערלינער „פאָלקסבינע" רוקט ער זיך אַרויס מיט אַ כמעט מעטעאָ־רישער פלוצימדיקייט, כדי איבערנאַכט צו פאַרנעמען דאָס חשובסטע און וויכטיקסטע אָרט אין מאָדערנעם טעאַטער אין דייטשלאַנד. אַ זון פון אַ גלחישער פאַמיליע אין מאַרבורג, אַ קליין שטעטל ערגעץ אין דייטשלאַנד, באַווייזט ער זיך פלוצים אויפן ערשטן פּאָסטן פון דער רעוואָלוציאָנערער בערלינער בינע, און טרייסלט אויף ביזן גרונט די זיילן פון דעם אַזוי איינגעפונדעוועטן און סטאַבילן דייטשן טעאַ־

טער. מיט זיין שארפן ברען, פאנאטישער התלהבות און געניאַלער מייסטערשאַפט באַווייזט ער אין כמעט אַן אומבאַדייטנד קורצער צייט איבערצוציינן און געווינען אויף זיין זייט די פאַרביסנסטע סקעפּטיקער און שאַרפסטע קעגנער פון זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען. ער ברענגט עס אַזוי ווייט, אַז סיי די יונגסטע אָנפאַנגער אַקטיאָרן און סיי די עלטסטע, אָנערקענטסטע און פאַרדינטפולסטע שוישפּילער פון דער דייטשער בינע, האַלטן עס פאַר אַ גליק זיך צו שטעלן אין דינסט פון דעם דרייסטן און פייערדיקן בונטאַר־רעזשיסאָר, און אים מיטהעלפן אַרויסצוברענגען זיינע אויפפירונגען, וועלכע האָבן תמיד ווי טאָרנאַדאָס זיך דורכגעטראָגן און אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין דער דייטשער קינסטלערישער וועלט. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די אָנגעזעענסטע און פירנדיקע דייטשע טעאַטער־קריטיקער, צו וועלכן פליגל זיי זאָלן נישט האָבן באַלאַנגט, געמוזט מודה זיין, אַז ערווין פּיסקאַטאָר — דאָס איז אַ נייע שאַפערישע דערשיינונג, אַ נייער קראַפטפולער פאַקטאָר, וואָס איז געקומען זאָגן זיין קינסטלעריש וואָרט אין דייטשן טעאַטער.

און פּיסקאַטאָרס טריאומפן זיינען געשאַפן געוואָרן מיט אַזאַ זיכערקייט און מיט אַזאַ געוואַגטקייט, וואָס האָבן איבערראַשט סיי זיינע גלויביקע אָנהייננער און סיי זיינע נאָך דערווייל פאַרביסענע קעגנער. צום ערשט שילערס „רויבער", וועלכע ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער דראַמע. דאַן עהם וועלקס „געוויטער איבער גאָטלאַנד", וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער ביז דעמאָלט אַזוי פעסטער „פאָלקסבינע", טאָ־לערס „האָפּליאַ מיר לעבן", אַלעקסאַנדר טאָלסטאָיס „ראַספּוטין" און צום סוף האַשעקס „בראַווער סאָלדאַט שווייק". ער האָט איבער־ראַשט מיט זיין שאַרפער, בייסנדיקער סאַטירע, מיט זיין אָפּלאַכן און אויסלאַכן אַלע פאַרהייליקטע, אָנגענומענע געזעלשאַפטלעכע דאָגמען; מיט דעם צוגעבן אַלע זיינע אויפפירונגען אַ ברייטן סאָ־ציאַלן הינטערגרונט, און מיט דעם פאַרוואַנדלען יעדן כלומרשט אינדיווידועלן עפּיזאָד אין אַ ברייטער קאָלעקטיווער געשעעניש פון אַלגעמיינעם באַטייט. און אַזוי ביז צום היינטיקן טאָג, ווען יעדע פון זיינע נייע אינסצענירונגען ווערט דערוואַרט מיט דער גרעסטער

אומגעדולד, און רופט תמיד אַרויס דעם לעבהאַפסטן און לדיינשאַפט־לעכסטן אויפרור.

כ'בין געווען מער ווי צופרידן, ווען זייענדיק איצט אין בערלין האָט זיך מיר געשאַפן די געלעגנהייט צו באַזוכן פּיסקאַטאָרן אין זיין קינסטלעריש־איינגעאָרדנטער היים אין האַלענזע.

צוזאַמען מיט אַ גרופּע שוישפּילער פון זיין טעאַטער, וועמען ער האָט געהייסן מען זאָל מיך מיטברענגען נאָך דער פאָרשטעלונג, פאָר איך מיט דערוואַרטונג און אַביסל מורא. מיר קלינגען אָן אין איינעם פון די נישט שטאַרק באַלויכטענע הייזער. ס'פאַרגייט אַ קורצע ווײַלע און דער עלעוויטאָר אין קליינעם קאָרידאָר לאָזט זיך אַראָפּ פון די אויבערשטע שטאָקן. עס מאַכן זיך אויף די צוויי האַלבע טירלעך און עס קומט אַרויס אַ יונגער, אפשר אַכצן־יאָריקער בלאָנ־דער בחור, שמייכלענדיק און באַגריסנדיק אונז גוטמוטיק. קאָלעגע ראָדענבאַך, איינער פון די שוישפּילער שטעלט מיר פאָר: ערווין פּיסקאַטאָר...

איך ווער צעטומלט. כ'האָב געוואוסט, אַז פּיסקאַטאָר איז נישט קיין אַלטער. כ'האָב אָבער אויף קיין פאַל נישט געקענט זיך פאָר־שטעלן, אַז דער קליין־געוויקסיקער יונגער בחור מיט דעם פּריש־ראָזעווען פּנים זאָל עס זיין דער באַרימטער שטורמישער פּיסקאַטאָר, וועמעס נאָמען ס'איז שוין געוואָרן דער סינאָנים פון קראַפט, גבורה און אומרו. איך זאָג אויפן קול אַרויס מיין פאַרוואונדערונג, און פּיסקאַטאָרס אַזוי אויך שמייכלענדיק פּנים צעשמייכלט זיך נאָך ברײ־טער און ער באַרואיקט מיך צופרידן: כ'בין גאָרנישט אַזוי יונג ווי איך זע אויס.

ערשט ווען דער עלעוויטאָר הויבט זיך ווידער אויף, כדי אונז אַרויפצופירן אין דער הויך, באַמערק איך ווי זיין גרויסער שטערן איז דורכגעאַקערט אין טיפע פאַלדן און קנייטשן.

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסן חדר, אַ ביבליאָטעק־זאַל. און ווידער בלייב איך ווי צעטומלט. ביי אַ גרויסן, לאַנגן טיש, וועלכער איז פאַרוואָרפן מיט אַקטן, פּלענער און מאַנוסקריפּטן, זיצן פּאַרטאָן

א גרופּע מענטשן מיט ערנסטע פּנימער און באַגייסטערטע, געהיימ־
ניספולע אויגן. עס מאַכט דעם איינדרוק, גלייך ווי איך וואָלט אַריינ־
געפאַלן אין מיטן דער נאַכט ערגעץ אין א קאָנספּיראַטיווער דירה,
וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט געהיימע, טיף־ווירקזאַמע פּלענער. פּיס־
קאַטאָר שטעלט מיך פאָר. די אַרבעט ווערט אויף א מינוט איבער־
געריסן, און איך דערוויס זיך, אַז דאָס זיינען דער מחבר, דעקאָראַ־
טאָר און זייערע מיטאַרבעטער, וועלכע אַרבעטן איצט איבער דער
אינסצעניזירונג פון „דעם קייזערס קולי", דאָס ערשטע שטיק, מיט
וועלכן פּיסקאַטאָר דאַרף עפענען זיין נייעם ווינטער־סעזאָן אין „לע־
סינג־טעאַטער". דער איבעררייס דויערט נישט לאַנג. פּיסקאַטאָר טיילט
באַלד ווידער איין די אַרבעט. עס פאָרמירן זיך קליינע גרופּעס. קאָ־
לעגע ראָדענבאַך צוזאַמען מיט די איבעריק־געקומענע שוישפּילער
ווערן אַריינגעפירט אין שלאָפצימער, וואו זיי האָבן אָרט אָנצוגיין
מיט דער אַרבעט, וואָס זיי דאַרפן טאָן, און מיך פירט פּיסקאַטאָר
אַריין אין זיין קאַבינעט. איבער דער גאַנצער וואוינונג צעלייגט זיך
א שטימונג פון ערנסטער, שוואונגפולער אַרבעטזאַמקייט. פון אַלע
געשמאַקפול און אין מאָדערנעם סטיל איינגעאָרדנטע ווינקעלעך
טראָגט זיך מיט אינטענסיווער, אָנגעשטרענגטער מיזאַמקייט. אָבער
ביי דערביי בלייבט פּיסקאַטאָר אַלץ אַזוי לייכט און גוטמוטיק־שמייכ־
לענדיק, און זיין גאַנצע האַלטונג דריקט אויס פּשוטע און אומגע־
צוואונגענע העפלעכקייט.

ס'דויערט בלויז א קורצע ווײַלע און איך פיל אַליין נישט, ווי
איך ווער אַריינגעפירט אין אַזא לייכטן, גראַציעזן שמועס, וועלכער
איבעררעשט מיך נאָך מער, ווען איך כאַפּ זיך, אַז דאָס רעדט דער
ערנסטער און טיפער פּיסקאַטאָר. ער, וואָס האָט אַזוי פיינט צו שפּילן
זיך מיט הוילע פראַזן, און ביי וועמען די שטאַרקסטע שלאָגווערטער
דריקן זיך אויס אין שאַרפע, צעשמעטערנדיקע מעשים.

ער הויבט אָן צו אַנטוויקלען זיין געדאַנק, וואָס האָט אים גע־
פירט זיך צו שטעלן אָן דער שפּיץ פון רעוואָלוציאָנערן טעאַטער:

— יעדער סענסיטיווער מענטש — און דער קינסטלער מוז
דאָך זיין סענסיטיוו — מוז הערן דעם רוף פון זיין צייט. ער מוז
זיין פאַרוואָרצלט אין זיין צייט. פּונקט ווי די קונסט בכלל טאָר נישט

זיין אָפּגעטיילט, און מוז האָבן אירע וואָרצלען טיף אין דער פילאָ-זאָפיע און סאָציאָלאָגיע פון איר צייט. די קונסט אין גריכנלאַנד איז געווען גרויס דערמיט, וואָס זי איז געווען אַן אויסדרוק פון איר עפּאָ-כע. זי איז ניט געווען מוזעאַל. די גרויסע שאַפונגען פון פידיאַס און פּראַקסיטעלעס האָבן באַצירט די אָפענע פּובליק-פּלעצער און זיינען געווען דער קנין פון די גרויסע, ברייטע מאַסן. דאָס מיסטע-ריען-טעאַטער איז געווען גרויס דערפאַר, ווייל עס האָט אויסגעדרוקט דעם גייסט פון זיין צייט און פון די קירכלעכע שטימונגען, מיט וועלכע דאָס פאָלק איז דעמאָלט געווען באַהערשט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם גאָטישן סטיל, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אַלס אויס-דרוק פון דעם גערדאַנקען-גאַנג און שטימונגען פון יענער צייט. קונסט — דאָס איז דער אויסדרוק פון גרויסן עטאָס. און יעדער קינסטלער מוז טראָגן אין זיך די עטישע אחריות פאַר זיין צייט. דערפאַר איז עס, וואָס אין מיין טעאַטער-ארבעט פאַרנעמט דער סאָציאַלער מאָמענט, דער עטישער באַגריף אַזאַ גרויסן אָרט. עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס עטישע גייט כמעט תמיד מיטן עסטעטישן. אָבער ווען עס שטעלט זיך פאַר מיר די פראַגע, וואָס אויסצוקלייבן — דאָס עטישע אָדער דאָס עסטעטישע, וועל איך אָן שום איבערקלער, אָדער צעגערונג אויסקלייבן דאָס עטישע און פּריידיקנדיקע.

איך האָב צייט אים צו באַטראַכטן. אין פּשוטן ארבעט-סוועטער, מיטן ברייט-איבערגעלייגטן אָפענעם, ווייסן קאָלנער פון העמד זיצט ער פאַר מיר. דער קאָפּ פיין געפאָרמט. טיף-בלאָע, אויפריכטיקע אויגן. אַ קליין, שמאָל, ענערגיש מויל. פרישע פאַררויטלטע באַקן. בלאָנדע, אריבערגעוואָרפענע האָר, וועלכע אַנטפּלעקן אַ ברייטן, דענ-קערישן שטערן. די הענט ברייט צעשפּרייט איבערן נידעריקן טישל. און איינגאַנצן מאַכט ער דעם געמישטן איינדרוק פון אַן ענערגישן, עקשנותדיקן און צוגלייך שטיפערישן אינגל, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אויף אַן אומדערקלערלעכן אופן אין אַ טיף-ערנסטן, באַגייס-טערט-פּריידיקנדיקן גלח ביי זיין פּולפּיט.

איך מאַך אים אויפמערקזאַם: דענקט ער נישט, אַז אַט דאָס טיף-עטישע געפיל האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ דאַנק דער גלחישער

שטימונג, וואָס האָט ביי זיי געהערשט, און דער פּוריטאַנישער דערציאונג, וואָס ער האָט אין זיין היים געקראָגן?

זיין פּנים דריקט אויס אַ לייכטע פאַרוואונדערונג, אָבער באַלד ניט ער צו: יאָ, גאַנץ מעגלעך. עס איז אַזוי.

אָבער ווי אַזוי קומט ער פּלוצים צום טעאַטער? וויל איך וויסן.

— מעגלעך, אַז אויך דאָס איז דער רעזולטאַט פון מיין פּוריטאַנישער דערציאונג. עס איז געווען די איינציקע און שאַרפסטע רעאַקציע פאַר די אַלע איינגעצוימטע געפילן און לײדנשאַפטן, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט אין מיר. שוין אַלס אינגל אין שולע פלעגן זיך ביי מיר וויַיזן אויסברוכן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט. און שפּעטער האָט זיך מיר דאָס טעאַטער פאָרגעשטעלט אַלס דאָס פּאַסיקסטע אָרט, וואו איך וואָלט געקענט אויסשטורמען מיין געמיט. שטענדיק, ווען איך פלעג קומען אין טעאַטער אריין און באַטראַכטן די בינע, האָט זיך אין מיר פאַרשטאַרקט דער איינדרוק, אַז איך וואָלט אָט דאָס איינגע בינע־קעסטל געוואָלט אויפרייסן און צעשטורמען. און שפּעטער, אין 1915, ווען איך האָב זיך געפונען אין די מיליטערישע באַראַקן, וואו איך האָב באַדאַרפט איינאָרדענען פאָרשטעלונגען פאַר די סאָלדאַטן, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו פּרובירן אויסצונוצן מיינע סצענישע כחות. די אומשטענדן זיינען געווען טרויעריקע. קיין מאַטעריאַל מיט וואָס צו אָפּערירן איז נישט געווען. נישט געווען קיין פּיעסן צו שפּילן און נישט קיין מיטלען ווי אַזוי זיי אויפצופירן. עס איז אויסגעקומען אַליין צו באַאַרבעטן, אַליין צו אינסצענירן געוויסע עפּיזאָדן און אַליין צוצוטראַכטן די [illegible], ווי אַזוי זיי אַרויפצוברענגען אויף דער בינע מיט דער הילף פון די רויע, נישט געשולטע דילעטאַנטן־סאָלדאַטן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גאַנץ נוצלעכע שולע. און די פּאַסירונגען און אַרומיקע געשעענישן, מיט וועלכע יענע טעג זיינען פול געווען, האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער און גורל פון מיין וויַיטערדיקער, שפּעטערער אַרבעט.

—עס האָט מיך געצוואונגען זיך צו פאַרטראַכטן און זוכן די סיבות פון יעדער זאַך. און עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז קיין פּאַסירונג איז נישט אָפּגעטיילט אַליין פאַר זיך. זי האָט ערגעץ טיף

אירע באהאלטענע ווארצלען. און דאס האב איך תמיד געזוכט ארויס־צוברענגען אין מיין שפעטערדיקער ארבעט. איך האב תמיד געזוכט אין מיינע אויפפירונגען דעם גאנצן ברייטן פארנעם און הינטער־גרונט פון יעדער געשעעניש און דערשיינונג. איך האב געזוכט צוריק־צופירן געוויסע געשעענישן צו זייער מקור; צו ציען ווייטער די ליניעס צו זייער געשיכטלעכן אורשפרונג. אזוי ארום האבן זיך בא־קומען געוואלדיק פארכאפנדיקע און העכסט־אינטערעסאנטע רעזול־טאטן. אזוי ארום איז אויסגעוואקסן מיין אויפפירונג פון „ראספוטין און די צאריצע" אויף דער גלאבוס־בינע, וועלכע נעמט ארום פאר־שיידענע וועלט־טיילן און פארשיידענע געשיכטלעכע צייטן. ווייל —

— עס איז דאך קלאר, אז די ראספוטין־פיגור האט געקענט אויסוואקסן נאר אויף דעם פאן פון דער הערשאפט פון די ראמא־נאווס. און די ראמאנאוו־עפאכע איז דאך אויך נישט קיין אפגעשלא־סענע פאר זיך אליין. זי האט דאך איר אנהויב אין דער געשיכטע פון אלע צארן און הערשער פון אלע צייטן. עס מוזן קלאר געמאכט ווערן די אלע סבות, און עס מוזן אריינגעבראכט ווערן די אלע כחות, וואס שפילן דערביי מיט. עס מוזן, אלזא, אריינגעצויגן ווערן נייע פערסאנאזשן און געשעענישן, וואס זיינען אריגינעל ביים אויטאר נישטא. און עס שאפט זיך א ברייטע, ווייט לויפנדיקע ראם, וועלכע רינגלט ארום די קאליידאסקאפישע געשעענישן פון דעם שטיק. דאס איז די סבה, וואס אין מיינע אויפפירונגען שפילט אזא גרויסע ראלע דער קינא־עקראן. ווייל דער עקראן דערגענצט די בינע. דער קינא איז דאס איינציקע מיטל, ווי אזוי מען קען אויף א שנעלן און וויר־קענדיקן אופן איבערוועקסלען און בייטן די צייט און דאס ארט, און אפטמאל אויך ווייזן פארשידענע באזונדערע עפאכאלע געשעענישן, וואס פירן צו איין און דעם זעלבן רעזולטאט. די געשיכטע איבער־חזרט זיך דאך. עס דארף נעמען גאנץ פארשידענע כחות אין פאר־שידענע גאנץ באזונדערע עפאכן כדי צוצופירן און ארויסברייננגען געוויסע דערשיינונגען און פאסירונגען. דאס איז אויך געווען די סבה, וואס איך האב די הויפט העלדן פון דעם „געוויטער איבער גאטלאנד" מיט דער הילף פון קינא־עקראן דורכגעפירט דורך פאר־שידענע צייטן, און זיי געוויזן האנדלענדיק אויפן זעלבן אופן אונטער

ענליכע באדינגונגען. דער עקראַן האָט מיר געהאָלפן אויף א בולט'ן אופן דעם פּובליקום צו ווייזן, ווי אזוי זיי פאַרוואַנדלען זיך אין די פאַרשידנסטע קאָסטיומען, דערנענטערנדיק זיך וואָס אמאָל צום צו־שויער. און דאָס איז אויך געווען די סבה, וואָס מיין אויפפירונג האָט ארויסגערופן אזוי פיל באַגייסטערונג און פּראָטעסטן, אז עס האָט אַזש געפירט צו דער צושפּאַלטונג פון דער „פאָלקס־בינע"...

זיין גאַנץ פּנים צעשמייכלט זיך דערביי מיט דער פרייד פון א אינגל א שטיפער, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס א שאַרפזיניק, טרעפנדיק שפּיצל.

— און אָרט אייך גאָרנישט די קינסטלערישע סתירה, וואָס עס רופט ארויס די קאָמבינירונג פון דעם דריי־דימענסיאָנעלן, לעבעדיקן אַקטיאָר מיט דעם צוויי־דימענסיאָנעלן לייוונט־שאָטן?

— מען קען נישט און טאָר נישט קוקן אויף די הוילע עסטע־טישע טעמים, ווען עס שטייט פאַר די גרויסע עטישע אויפגאַבע צו ווייזן די אמת'ע סבות פון פּאַסירונגען, און אזוי ארום העלפן דעם צושויער זיך פאַנאַנדערפלאָנטערן אין פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַן ערשט־ראַנגיקן ווערט אין זיין סאָציאַלן וואוילבאַשטאַנד.

— אָט דער סאָציאַלער שטאַנדפּונקט האָט אויך באַשטימט מיין צוגאַנג צו דער שאַפונג פון די דעקאָראַציעס אין מיינע אויפפירונגען. קיין דעקאָראַציע טאָר נישט זיין קיין בלויזער הינטערגרונט פאַר דער פּיעסע. זי דאַרף גיכער זיין א סאָציאַל־פּאָליטישער, געאָגראַפישער אויפּרים, וואָס מאַכט קלאָר וואו די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ. זי מוז זיך אריינמישן אין די געשעענישן און מיטשפּילן. זי מוז זיין א מין דראַמאַטורגישער עלעמענט, נישט בלויז קיין עסטעטיש־קינסטלערי־שער. דערפאַר באַנוץ איך אזוי פיל אויפגעשריבענע מעלדונגען, קאַרי־קאַטוריסטישע צייכנונגען, בריקן־טרעפּן און לויפנדיקע קינאָ־לענטעס אַלס אָרט־אָנווייזונג פאַר דער סביבה און געשעענישן.

איך וויל וויסן צו געפינט ער נישט קיין שטערונג אין געפינען פּאַסיקן מאַטעריאַל, פּאַסיקע פּיעסן פאַר זיין טעאַטער.

— זיכער נישט. ביי א באַוואוסטזיניקן ארבעטס־מעטאָד קען מען געפינען פּאַסיקן שטאָף אומעטום, וואו מען רירט זיך נאָר צו. די גאַנצע וועלט־געשיכטע לאָזט זיך דראַמאַטיזירן. עס איז נאָר נויטיק

צו האָבן דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט און פּאַסיקן צוגאַנג צו דעם מאַ־טעריאַל, מיט וועלכן מען וויל זיך באַנוצן. דעמאָלסט וואַקסן די מעג־ליכקייטן אויס אומגעהויער. עס איז נאָר נויטיק צו שטודירן די סאָציאַלע אומשטענדן און די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן פון דער געגעבענער עפּאָכע. און די גאַנצע חברה פון מיינע ליבע מיטאַרבע־טער; אַט די וואוילע יונגען, וואָס העלפן מיר מיט אין מיין אויס־פאָרשונגס־אַרבעט ברענגען מיר גאַנצע מאַסן מאַטעריאַל, וועלכן איך באַאַרבעט און פלעכט אריין אין מיינע אויפפירונגען. איך פאַרשכור זיך דעמאָלסט מיט דעם שטאָף, וועלכער צעוואַקסט זיך אונטער מיינע הענט. אזוי ארום, מיין איך, טוען מיר אויך פּשוט א סך וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט. קיין פּיעסע טאָר נישט זיין קיין פאַרשטאַרט געוואָרענע און מיט שפּינוועבס פאַרוואַקסענע זאַך. דער רעזשיסאָר, וועלכער האָט א וועלט־אָנשויאונג מוז זי תמיד קענען פאַרוואַנדלען אין אַן אויס־דרוק פון דער צייט. אפילו די קלאַסיקער טאָרן נישט זיין פאַרשטאַרט. אזוי ארום האָב איך אויך שילערס „רויבער" אויפגעפירט אלס מאָ־דערנע דראַמע מיט קאַרל מאָר'ן אלס היינטצייטיקן העלד און פריי־הייט-קעמפער.

ער רעכנט אויס דעם פאַרשידנאַרטיקן רעפּערטואַר, וועלכן ער גרייט זיך צום אויפפירן קומענדיקן ווינטער אין דעם ניי־איבערגענו־מענעם „לעסינג־טעאַטער".

צום ערשטן וועט ניין פּליוויערס שוין דערמאָנטע „דעם קייזערס קולי", וועלכע שילדערט די דייטשע מאַטראָזן - רעוואָלוציע פון 1917-18. די צווייטע אויפפירונג וועט זיין פון טעאָדאָר דרייזערס „אַמעריקאַנער טראַגעדיע", וועלכע פּיסקאַטאָר האָט דראַמאַטיזירט אלס טראַגישן קאָנפליקט צווישן קלאַסן. דאַן קומען „די עהע" פון אלפרעד דעבלין, וואָס באַהאַנדלט די חתונה־פּראָבלעם אין אונזער היינטיקער געזעלשאַפט. ברעכט און וויילס „דער ברויט לאַדען", וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער אַרבעטלאָזיקייט פּראָבלעם. קרעדע'ס „יוסטיץ קריזע" און צוויי רוסישע שטיקער: קאַטאַיעוו'ס קאָמעדיע פון סאָ־וועטישן לעבן „די קוואַדראַטור פון קרייז" און „אינגאַ" פון סאָוועט־טישן דראַמאַטיקער גלעבאָוו.

— אָבער — זאָגט ער מיט אביסל א פאַרשולדיקטן שמייכל —

איך קען נישט זאָגן, אַז מיט דער זעלבער גרינגקייט קען איז אויך צוגיין צום איבעריקן און מער וויכטיקערן מאַטעריאַל אין טעאַטער — צום אַקטיאָר. דער אַקטיאָר דאָס איז די שווערסטע פּראָבלעם אין מיין ארבעט, און דער מאַטעריאַל, וועלכער רויבט מיר אוועק אַממערסטן צייט.

ער דערציילט מיר וועגן זיינע טרויעריקע דערפאַרונגען מיט די באַרימטע שוישפּילער, וואָס ער פלעגט צוציען צו זיינע אויפפירונגען. וועגן דעם באַנקראָט פון דעם סטאַר־סיסטעם, וואָס האָט אים איצט געצוואונגען צו שאַפן זיין איצטיקן שוישפּילער-קאָלעקטיוו פון נישט באַרימטע, אָבער באַגייסטערטע אַקטיאָרן, וועלכע וועלן פון דעם נייעם סעזאָן אָן ארבעטן אויף חבר׳ישע יסודות. ער זוכט איצט אויסצומיידן די פינאַנציעלע באַנקראָטן פון די פריערדיקע סעזאָנען, ווען ער פלעגט אין זיינע אויפפירונגען אריינבראָקן געוואַלדיקע גרויסע סומעס.

— איך פאַרשטייט דאָך — שמייכלט ער — אַז די בורזשואזיע וועט דאָך נישט לאַנג אונטערשטיצן דעם, וואָס רייסט זי אַזוי ביטער ארונטער. און דער פּראָלעטאַרישער באַזוכער קען נאָך לאַנג נישט אויסהאַלטן קיין גרויסן טעאַטער מיט גרויסאַרטיקע אַנסאַמבלען און אויפפירונגען.

איך אַנטשולדיק זיך פאַר מיין אפשר צו אינטימער פראַגע:

ער אַליין באַטראַכט דאָך די ביז איצטיקע ארבעט זיינע פאַר אַן אָפּשלוס פון אַ געוויסער עפּאָכע אין זיין טעטיקייט. צי האָט ער וועלכע אַנונג, אין וואָסערע וועגן זיין ווייטערדיקע ארבעט וועט זיך אוועקלאָזן?

דאָס איז אים שווער צו זאָגן. זיין בליק אויפן לעבן און אויף די אויפגאַבן פון טעאַטער זיינען היינט פּונקט די זעלבע ווי מיט 10 יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך גענומען שאַפן דאָס פּראָלעטאַרישע טעאַטער. אויב עס טרעטן אריין געוויסע איבערברוכן אָדער אָפּהאַלטן אין זיין טעטיקייט, איז עס זיכער נישט קיין סימן פון אַנטווישונג. עס איז גיכער אַ קליינע, מאָמענטאַנע מידקייט נאָך אַזוי פיל אָנשטריינ־גונגען. אָבער דאָס טאָר דאָך נישט זיין. צופיל ארבעט און קאַמף שטייט נאָך פאָר. צופיל נייע דעראָבערונגען רייצן אים נאָך, אַז ער זאָל זיך פאַרגינען אָפּצורוען. ער לאָזט זיך אפילו נישט אַנטמוטיקן

דערפון, וואָס ביי זיינע פאַרהעלטנישמעסיק ערשטע טריט האָט ער פינאַנציעל געמוזט גיין „פּליטה", ווי די דייטשן דריקן זיך אויס וועגן באַנקראָטירן.

און פּונקט ווי פריער וועגן דער „פאָלקס־בינע", לאַכט ער איצט אויך יונגלעריש שטיפערדיק וועגן זיין „גיין פּליטה".

די טיר פון פּיסקאַטאָרס קאַבינעט עפנט זיך. מען קומט אים רופן. מען מוז האָבן זיין מיטהילף אין דער אַרבעט ביי דעם גרויסן, לאַנגן טיש מיט די געהיימע פּלענער און צייכנונגען. מיר מוזן פאַר־ענדיקן אונזער שמועס און זיך געזעגענען. איך כאַפּ זיך ערשט מיט באַדויערונג, ווי שנעל די צייט איז אַנטלאָפן אין דער שפּעט־נאַכטיקער שעה, אין דעם אַרטיסטיש איינגעאָרדנטן הויז, וואָס שמעקט מיט אַזוי פיל קינסטלערישער מיזאַמקייט און אָנגעשטריינגטער אַרבעט.

פּיסקאַטאָר באַגלייט מיך און פירט מיך ווידער אַליין אַראָפּ מיט דעם עלעווייטאָר אין דעם טונקעלן קאָרידאָר. מיר בלייבן נאָך שטיין, און ער ווינשט מיר אַ גליקלעכע צוריקרייזע קיין אַמעריקע. אַמעריקע, דאָס לאַנד פון אַזוי פיל אויפרייסנדיקער דינאַמישקייט און אומרואיקן לעבן ; וואו עס געפינט זיך, ווי ער שטעלט זיך פאָר, אַזוי פיל ענלע־כעס צו זיין כאַראַקטער און פאַסיקעס פאַר זיין גאַנצער אַרבעט; אַמע־ריקע, וואו ער האָפט אַזוי שטאַרק צו זיין און שאַפן.

איך קום אַרויס פון הויז אַ פריידיקער און אָפּגעפרישטער. די שאַרפע נאַכט־לופט הילט מיך איין. אַרום שלאָפן די גאַסן פון האַ־לענזע.

בערלין, אויגוסט, 1930.

אַ וויזיט ביי אַ. טאַיראָוו

כ׳בין נישט געווען זייער מזלדיק, ווען כ׳בין דאָס איצטיקע מאָל געקומען קיין פּאַריז. כ׳האָב אָנגעטראָפן בלויז צו די לעצטע פאָר־שטעלונגען פון א. טאַיראָוו׳ס מאָסקווער רוסישן „קאַמער־טעאַטער״, וואָס האָט זינט די לעצטע צוויי וואָכן גאַסטראָלירט אין דעם נייעם, אַזוי פיל באַשריבענעם „פּינאַל־טעאַטער״. דאָס איז דאָס טעאַטער, וואָס באַראָן ראָטשילד האָט געלאָזט אויסבויען און אויסשטאַטן מיט די לעצטע טעכנישע איינריכטונגען, כדי עס זאָל קענען באַדינען די סאַמע מאָדערנסטע קינסטלערישע בינע־אויפפירונגען.

צו מיין באַדויערן, איז שוין דער קאַמער־טעאַטער-רעפּערטואַר, וואָס איז דאָס מאָל באַשטאַנען פון לעקאָקס „זשיראָפלי־זשיראָפליא״, אָסטראָווסקיס „שטורם״ און אָ׳ניעלס „תאוה אונטער די אולם־ביי־מער״, געווען אָפּגעשפּילט. כ׳האָב בלויז געקענט זען, אָ׳ניעלס „אַלע גאָטס קינדער האָבן פליגל״, — איינע פון די לעצטע פּיעסעס, וואָס א. טאַיראָוו האָט אויפגעפירט אין זיין טעאַטער.

כ׳האָב זיך געאיילט אין טעאַטער אריין. מיר איז געווען אינטע־רעסאַנט צו זען, וואָס פאַר אַן אויסטייטשונג האָט דאָס „קאַמער־טעאַטער״ געגעבן איינעם פון די מאָדערנסטע אַמעריקאַנער דראַמאַ־טיקער. אָבער מער ווי דאָס, האָב איך געוואָלט אויסנוצן די געלעגנ־הייט זיך צו באַגעגענען מיט דעם אָנפירער פון טעאַטער, אַלעקסאַנדער טאַיראָוו. איז דאָך טאַיראָוו איצט א פירנדיקע פיגור אין מאָדערנעם נאָך־רעוואָלוציאָנערן רוסישן טעאַטער. זיינע טעאַרעטישע ארבעטן, און נאָך מער זיינע פּראַקטישע אויפטואונגען אויף דער נייער רוסישער בינע זיינען שוין געוואָרן א וועלט־געשעעניש. זיין בוך „פאַרצייכע־

נונגען פון א רעזשיסער", וואו ער באגרינדעט און מאכט קלאָר די פרינציפּיעלע טעמים, וואָס האָבן אים געפירט איבערצוריידן מיט'ן אלטן, און צו שאַפן דאָס נייע טעאַטער, איז שוין געוואָרן דאָס קלאַסישע האַנט־בוך פון יעדן מאָדערנעם רעזשיסער. זיינע געדאַנקען איבער טעאַטער זיינען תמיד אָריגינעל און פילזאַגנדיק, און איך האָב געוואָלט הערן זיין מיינונג איבער געוויסע טעאַטער־פראַגן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס טאַיראָוו איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די פאָרבאַרייטונגען פאַר דער רייזע קיין בעלגיען, וואוהין דאָס „קאַמער־טעאַטער" האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן גלייך נאָך זייער ענדיקן אין פּאַריז, האָט ער דאָך מיך איינגעלאַדן צו קומען אים זען, כדי זיך מיט מיר דורכצושמועסן. כ'האָב געוואוסט, אז מיין וויזיט ביי אים טאָר נישט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אן אינטערוויו, ווייל ער איז שוין מיד געווען פון געבן אינטערוויוען פאַר די פראַנצויזישע צייטונגען און זשורנאַלן. ס'האָט גיכער געמוזט זיין א מין פּראָפּעסיאָנעלער שמועס, מיט וועלכן איך זאָל זיך שפּעטער טיילן מיט מיינע חברים־שוישפּילער און דעם בעסערן אידישן טעאַטער־באַזוכער, וועמען די אַלגעמיינע קינסטלערישע בינע־פראַגן זיינען נאָענט צום הארצן.

כ'בין דערוויל געבליבן זען די פאָרשטעלונג, און כ'מוז מודה זיין, אז איך בין געווען אָנגענעם איבעררראַשט. ס'איז געווען א פרייד צו זען, מיט וואָס פאַר א וואונדערלעכן פאַרנעם און טעאַטראַלן חוש א. טאַיראָוו איז צוגעגאַנגען צו דעם שטיק, וואָס איז לויט זיין כאַראַקטער אזוי פרעמד דער רוסישער בינע.

„אלע גאָטס קינדער האָבן פליגל" איז איינע פון יודזשין אָ'ניעלס צאַרטסטע און געוואַגטסטע פּיעסעס. זי באַהאַנדלט די פּייניקנדיקע פראַגע פון געמישטן צוזאַמענלעבן צווישן דער ווייסער און שוואַרצער ראַסן.

דאָס „ווייסע" מיידעלע און דאָס „שוואַרצע" בחורל, וואָס שפּילן זיך אַלס קינדער און וואַקסן אויף צוזאַמען אויף דער ברוטאַלער, נאַקעטער אַמעריקאַנער גאַס, קריגן זיך ליב. ער חלומט אייביק וועגן איר ווייסער צאַרטקייט, און זי — וועגן זיין שוואַרצער פּרימיטיווקייט. זיי באַגעגענען זיך אין שפּעטערדיקן לעבן, האָבן חתונה. די „גאַס"

אָבער דערלאָזט נישט צו קיין נענטער גליקלעך צוזאַמענלעבן. צופיל איז איינגעוואָרצלט די פּרעמדקייט און דער האַס צווישן די ביידע ראַסן. צו פינסטער זיינען די פאַרשידענע כחות, וואָס אַנטאַגאָניזירן און דערלאָזן נישט צו קיין דערנענטערונג צווישן ווייס און שוואַרץ. „ער״ שטריינגט אָן אַלע זיינע גייסטיקע כחות, כדי אויסצושטודירן אַדוואָקאַט און אַזוי אַרום אַריבערטרעטן די גרענעץ, וואָס האַלט אים אייביק צוגעבונדן צו דער וועלט פון די שוואַרצע. „זי״ שטריינגט אָן אַלע אירע פיזישע כחות נישט צו האָבן קיין קינד פון אים, כדי זיך נישט צו פאַראורטיילן אויף דעם אייביקן שפּאָט פון די ווייסע. ביידע פאַלן אונטער דער שווערער לאַסט. ביידע ווערן גייסטיק און פיזיש רואינירט.

ווען יודזשין אָ׳ניעל האָט, צוזאַמען מיט ראָבערט עדמונד דזשאָנס, דעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער דעקאָראַטאָר און רעזשיסער, אויפגעפירט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דאָס שטיק מיט דער ניו־יאָרקער „פּראָווינסטאָן פּלעי־האַוז גרופּע״, האָט עס אַרויסגערופן אַ גרויסן רושם. עס איז געווען דער געשפּרעך פון טעאַטער־סעזאָן. כ׳האָב די אויפפירונג געזען. זי איז געווען פּשוט, ערלעך, און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק טאַקע צוליב די פּרימיטיווע טעאַטער-מיטלען, מיט וועלכע זי איז געשטעלט געוואָרן אויף דער קליינער בינע פון יענעם טעאַטערל. די כמעט־אָפּוועזנקייט פון דעקאָראַציעס, און דאָס פּשוטע שפּילן פון די אַקטיאָרן האָבן שטאַרק געלאָזט ריידן אָ׳ניעל דעם דראַמאַטיקער. יעדער געוואַגטער געדאַנק זיינער האָט אַרויסגערופן אין מוח פון צוהערער אומרואיקע, פיינלעכע מיטגעדאַנקען. יעדע שאַרפע פראַזע האָט זיך אַריינגעריסן אין האַרץ פון צושויער און עס געמאַכט האַסטיקער קלאַפּן.

אויף אַ לחלוטין אַנדערן אופן און מיט לחלוטין אַנדערע מיטלען איז צו אָ׳ניעלס שטיק צוגעגאַנגען דער רעזשיסער פון קאַמער־טעאַ-טער, טאַיראָוו.

ס׳איז נישט גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט דאָס שטיק פאַרטעאַטראַליזירט. ער האָט עס פאַרמענטשלעכט, פאַראַלגעמיינט. ער האָט דאָס שטיק — נישט געקוקט, וואָס די מיליע איז אויף אַ ריין-קינסטלערישן אופן שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, — דאָך אַרויסגעהויבן פון

דער איינגער סביבה, און דורך א צאפלדיקער, שניידנדיק־נערוועזער טעאַטער־פאַרשטעלונג אונז געוויזן דעם צער און פּיין פון דעם טיף־פינצטערן אָפּגרונט, וואָס שאַפט זיך צווישן מענטש און מענטש, ראַסע און ראַסע.

אין עטלעכע ערטער דערהויבט זיך די פאַרשטעלונג, א דאַנק דער וואונדערלעכער דערפינדערישקייט פון רעזשיסער, צו אַזאַ מדרגה, וואָס איז ביי אָ'ניעלן אין טעקסט נישט צו מערקן. אזוי, למשל, די סצענע פאַר'ן קלויסטער, ווען עס הייבן זיך אָן צו ווייזן די איינצלנע ווייסע און שווארצע פיגורן, וועלכע שיידן זיך שאַרף אָפּ איינע פון צווייטן און וואַקסן אויס אין א ווייסער און שווארצער וואַנט. אָדער שפּעטער, ווען עס הייבן זיך אָן עפענען די כמעט־אומענדלעכע רייען פון קלויסטער־טירן. טיר נאָך טיר. ביז עס באַווייזן זיך אָרעם אין אָרעם „ער" און „זי", דורכגייענדיק פון די קירכע־טרעפּ צווישן די צוויי ווענט פון האַס און אומצוטרוי. און צום סוף די וואונדערלעכע סצענע, ווען „זי" ברעכט צזאַמען און „ער", א דערדריקטער צווישן ביידע ווענט, כאַפּט זי אויף די הענט, און א פאַרלאָרענער פּלאָנטערט ער זיך מיט איר, שרייענדיק הילפלאָז: טעקסי, טעקסי!... ווי אַן אומרואיקער עכאָ ענטפערט אים בלויז אָפּ דאָס ווייטע, שוואַכע בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל־האָרן — — —

קינסטלעריש איבערראַשנדיק איז דער איינפאַל פון דעם „עלע־ווייטער", די הויכבאַן, איבער די גאַסן־הייזער, און דאָס שאַרפע דורכשניידן הין און צוריק דורך די גאַסן־פּילאַרן מיט דעם בלענדנדיקן פּראָזשעקטאָר — אַן אָנדייט אויף די פאַרביילויפנדיקע מחבלים־אויטאָמאָבילן. די ביידע זאַכן זיינען דאַכט זיך, אזוי פּשוט פאַר־טראַכט, זיי גיבן אָבער אויף א טיף־קינסטלערישן אופן איבער דאָס עיקר'דיקע און עכט־כאַראַקטעריסטישע פון דער אַמעריקאַנער גרויס־שטאָט־גאַס.

בכלל האָט זיך אין דער פאַרשטעלונג געזען, אין א קאָנדענסיר־טער, געליטערטער פאָרם, טאַירָאָוו'ס וועג אין טעאַטער. די דעקאָראַ־ציע — א שאַרפער, נאַקעטער שפּיץ פון א דריי־עק איבער א בינע־דיל, וואָס ווערט אַלץ העכער, וואָס ווייטער צום הינטערגרונט, בלויז מיט היילן־אריינגאַנגען, היימען פאַר די אָרעמע „איסט־סיידער" איינ־

וואוינער. די זייטן — פלאַכע וועגטלעך, וואָס בילדן דורכגאַנגען אין ערגעץ ווייטלויפנדיקע געסלעך, און וואָס לאָזן זיך אין צווייטן אַקט, ליכט אויסנוצן פאַר די וועגטלעך פון צימער. אַ זייער אינטערעסאַנטע דעקאָראַציע, וואָס שאַפט אַן אידעאַלן שפּיל־פּלאַץ, גיט די אַקטיאָרן פולע פרייהייט צום באַוועגן זיך, און נעמט דאָך אויף אַ דירעקטן אופן אָנטייל אין דער פאָרשטעלונג. זי ווערט דורך דער ליכט באַוועגט און באַלעבט. יעדעס מאָל טויכט־אויף און ווערט וויכטיק אַן אַנדער ווינקל אירער, וואָס אַקצענטירט די האַנדלונג. און צום סוף, אין דער סצענע, ווען „זי", אַ פון שרעק־געפּייניקטע, דרייט זיך אַרום אין צימער; ווען עס ווייזט זיך איר אויס, אַז די ווענט דערשטיקן זי, הייבן די פלאַכע וועגטלעך טאַקע אָן ווי לעבעדיק צו ווערן, און בעוועגן זיך צו איר, און מאַכן וואָס אַמאָל שמעלער דעם שטח אַרום איר.

די מוזיק, אין פאָרם פון פאַרשיידענע גאַסן־לידלעך, וואָס קאַטאַרינקעס און גאַסן־אָרקעסטערס שפּילן הינטער די קוליסן, העלפט אויך יעדעס מאָל אונטערצושטרייכן די האַנדלונג, און איז גוט אַריינגעפּאַסט צום קאָליר פון יעדער געגעבענער שטימונג.

בנוגע דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן האָט מען דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם פיינעם רעזולטאַט, וואָס טאירא̇וו האָט דערגרייכט דורך זיין נעאָ־רעאַליסטישן מעטאָד. אַמבולטסטן זעט מען דאָס אין דעם שפּילן פון דער הויפּט־שוישפּילערין פון קאַמער־טעאַטער, אַליס קאָנען. זי שפּילט דאַכט זיך „רעאַליסטיש", און דאָך אַזוי בולט קלאָר. יעדער זשעסט פיין פאַרטראַכט און שאַרף דורכגעפּילט. יעדע האַנט־באַוועגונג — אַן אילוסטרירונג פון איידעלן נשמה־ציטער. יעדער טאָן־ענדערונג אַן אָפּקלאַנג פון עמאָציאָנעלן האַרץ־קלאַפּ. אָבער דעמאָלט, ווען די האַנדלונג שטייגערט, ווען די איבערלעבונגען ווערן טיפער — ווערן אויך געלייטערט די באַוועגונגען. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי זיך שוין באַנוצט אויסשליסלעך מיט'ן סטיליזירטן זשעסט. דעמאָלט זיינען אירע הענט־באַוועגונגען איבערגעגאַנגען אין אַ מאָדנעם ציטערדיקן געפלאַטער, וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם איבערגאַנג פון פּראָזע צו געזאַנג אין מאָמענטן פון הויכער עקזאַלטאַציע.

בכלל איז אַליס קאָנען אַ נישט־געוויינלעך סימפּאַטישע בינעדערשיינונג סיי אין איר אויסזען, סיי אין איר האַלטונג און סיי אין

איר פאָלקסירנדיק־דראַמאַטישער שפּיל, וואָס שטייט תמיד אויף אַ גאַנץ־הויכער מדרגה.

כ'האָב מיט דער גרעסטער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג. ס'איז געווען וואונדערלעך צו זען די רוסישע בינע־קינסטלער שפּילנדיק אַן אַמעריקאַנער דיכטער פאַר אַ פראַנצויזיש פובליקום. ס'זיינען אָפּגעווישט און פארשוואונדן געוואָרן די גרענעצן פון אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך און מיליע, ווייל ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קינסטלערישער קאָנטאַקט; ווייל שפּילער און צושויער זיינען ארומגעכאַפּט געוואָרן פון אָט יענעם סודות'דיקן צוזאַמענבונד, וואָס ווערט דאָ אויסגעוועבט צווישן שאַפער און געניסער.

נאָך אינטערעסאַנטער ווי די פאָרשטעלונג איז פאַר מיר געווען די באַגעגעניש מיט טאַיראָוון אַליין.

אַ ליבלעכער און דאָך עטוואָס שטרייגער האָט ער מיך אויפגענומען הינטער די קוליסן פון טעאַטער. אָבער כדי נישט געשטערט צו ווערן פון די פאַרשיידענע בינע־מענטשן, וואָס האָבן זיך כסדר געווענדט צו אים נאָך אָנווייזונגען און באַפעלן, האָט ער מיך פאַרבעטן ארויס אין דעם קליינעם גאָרטן־הויפל, הינטער דער בינע, וואו ס'איז געווען קיל און שאָטנדיק.

אָנגעטאָן אין שווארצן סמאָקינג און מיט דער פיינער, עלעגאַנט־פאַרקעמטער פריזור מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ ראַפינירטן, לעבנס־קלוגן אייראָפּעער. עס פאַרקניפּט זיך באַלד צווישן אונז אַ פריינטלעכער שמועס. אים איז אינטערעסאַנט צו הערן, אַז אין דער אידישער טעאַטער־וועלט און טעאַטער־ליטעראַטור אינטערעסירט מען זיך גאַנץ שטאַרק מיט ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער בינע.

אונזער געשפּרעך קומט אַרויף אויף דעם, וואָס אין דער אייראָפּעאישער טעאַטער־ליטעראַטור הערט מען לעצטנס אזוי אָפט, אַז די צייט פון עקספּערימענטן אין טעאַטער זיינען שוין כמעט ווי פאַראיבער; אַז מען קערט זיך שוין אום צוריק דורך פאַרשיידענע וועגן צום אַלטן רעאַליזם; אַז פאַרשיידענע רעזשיסערן, וועלכע האָבן בשעת

אָדער נאָך דעם רעוואָלוציע-פּעריאָד זיך באַנוצט אין זייערע אויפפי־
רונגען מיט די געוואַגטסטע עקספּערימענטאַלע נייקייטן, באַפרייען זיך
איצט פון זיי, און ווענדן זיך צוריק צום אַמאָליקן, ליבן טעאַטער-וועג.
כ'וויל וויסן, וויפיל האָט דאָס אַלץ א שייכות מיט זיין ארבעט.

טאיראָוו ווערט ערנסט און אָנגעשטרענגט:

— פאַר מיר, ווי פאַר יעדן אמת'ן קינסטלער, איז די צייט פון
עקספּערימענטן נאָך וויט נישט אריבער. מיר לעבן אין א צו־וויכטי־
קער עפּאָכע. די פּאַסירונגען און איבערקערעניש'ן פון דעם לעצטן
פערטל־יאָרהונדערט זיינען צו-געוואַלטיק, צו־שניידיק, אז וועלכער
נישט איז קינסטלער זאָל זיך קענען באַרימען, אַז ער האָט שוין גע־
פונען די געהעריקע און פּאַסיקע פאָרם אָט די פּאַסירונגען און איבער־
ברוכן צו פאַרקערפּערן אין וועלכן נישט איז, איין־פאַר־אַלעמאָל באַ־
שטימטן סטיל. אַלץ ארום אונז איז נאָך אין פּראָצעס פון איבערגע־
שטאַלטן זיך, און פאַר די טעאַטער-קינסטלער איבערהויפּט שטייען נאָך
פאַר גרויסע און וויכטיקע פּראָבלעמען צו לייזן.

ער איז אבער צופרידן, וואָס די הויפּט־זוכעניש'ן אין מאָדערנעם
טעאַטער פירן אַלץ ווייטער איבער דעם וועג פון נעאָ־רעאַליזם, וואָס
איז דורך טאיראָוון געפריידיקט געוואָרן פון דעם ערשטן מאָמענט,
זינט ער האָט איבערגעריסן מיט דעם אַלטן טעאַטער. ווייל וואָס איז
דען די אזוי-אייפעריק אָנגענומענע „נייע זאַכלעכקייט", וואָס ווערט
איצט אָנגעווענדט פון די וויכטיקסטע דייטשע בינע-רעזשיסערן, אויב
נישט דער זעלבער נעאָ־רעאַליזם, וואָס איז אין דער אויפפירונג פון
„אַלע גאָטס קינדער" דורך טאיראָוון דערפירט געוואָרן ביז צו דער
העכסטער מדרגה?

ס'איז א פיין־סטיליזירטער, טיף־געלייטערטער בינע-רעאַליזם,
וואָס דערגייט אויף אַן עכט־קינסטלעריש'ן, אוממיטלבאַרן אופן צום
פּובליקום. ס'איז די רעפלעקטאָלאָגישע שפּיל־מעטאָדע, דאָס עפענען
די באַהאַלטנסטע און צאַרטסטע ווינקעלעך פון דער אַקטיאָרישער
נשמה. ס'איז דאָס אויפכאַפּן פון איינצלנע שטייגער־שטריכן און זיי
דערהויבן און פאַרברייטערן ביז אַלגעמיין־מענטשלעכעם.

איך וואונדער זיך:

ווי קומט עס, וואָס אין זיין נישט זייער גרויסן רעפּערטואַר איז

יודזשין אָ׳ניעל פּאַרטרעטן מיט גאַנצע דריי פּיעסעס („תאוה אונטער די אולם־ביימער״, „האַריקע מאַלפּע״ און „אַלע גאָטס קינדער האָבן פליגל״). כ׳וויל האָפן, אַז דאָס איז נישט צוליב דער שטאַרקער מאָדע צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט אַמעריקע, וועלכע הערשט איצט אין אַזאַ גרויסער מאָס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

טאַיראָוס גוטמוטיקע אויגן צעשמייכלען זיך פאַרוואונדערט.

— ס׳וואָלט געווען קינדיש צו באַשולדיקן אונזער טעאַטער אין אָנשטעקן זיך מיט אַמעריקאַנישקייט צוליב מאָדע. איך אינטערעסיר זיך מיט׳ן אַמעריקאַנער טעאַטער־רעפּערטואַר, ווייל איך מיין, אַז אין אַמעריקע קומט איצט פאָר אַן אומגעהייער וויכטיקער קינסטלערישער פּראָצעס פון אָנהויבן דערקענען זיך אַליין, די אייגענע נשמה און די וועלט ארום. דאָס שנעל זיך אַנטוויקלענדיקע אַמעריקאַנער לעבן איז פול מיט שאַרפע קאָנפליקטן און שניידיקע פּראָבלעמען, וועלכע דער איינגערער קינסטלער־דור מאַטערט זיך אַרויסצושיילן און בולט צו מאַכן. און מיר איז ליבער יודזשין אָ׳ניעל, ווייל איך מיין, אַז ביים היינטיקן טאָג איז ער זיכער איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער קינסטלער, ביי וועמען אָט די אַלע נייע פּראָבלעמען און דערשיינונגען קומען צום אויסדרוק. דאָס איז אַ קינסטלער, וואָס וואָגט אָנצוכאַפּן גרויסע, טיף־מענטשלעכע טעמעס, און זוכט תמיד צו געבן זיי אַן אינטערעסאַנטע, נישט געוויינלעכע פאָרם. דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע טעאַטער־קינסטלער, וואָס פאַרמעסט זיך אויפצוכאַפּן און בולט צו מאַכן דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון דעם אויסוואַקסנדיקן און זיך אַליין איבערשטייגנדיקן אַמעריקאַנער לעבן.

דערביי האָט מיר א. טאַיראָוו אויך איבערגעגעבן, אַז ווען יודזשין אָ׳ניעל, וועלכער געפינט זיך איצט אין פּאַריז, האָט מיט אַ פּאָר נעכט צוריק ביייגעוואוינט די פאָרשטעלונג פון זיין „אַלע גאָטס קינדער האָבן פליגל״, האָט ער מיט אַ שמייכל באַמערקט: „אין דער איצטיקער אויפפירונג זע איך ערשט, אַז איך האָב אָנגעשריבן נישט קיין שלעכטע פּיעסע!״...

טאַיראָוו רעדט נאָך אויך וועגן זיינע פלענער פאַר׳ן קומענדיקן טעאַטער-סעזאָן. עס ווערט דערווייל שפּעט. מיין וויזיט האָט זיך שוין אַזוי אויך פאַרצויגן. ווי אַלטע, שוין לאַנג-באַקאַנטע געזעגענען מיר

זיך פריינטלעך, און טאיראָוו פאַרגעסט דערביי נישט צו בעטן: ער וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען איך זאָל אים צושיקן די עטלעכע פאַראַנענע טעאַטער־ביכער און טעאַטער-זשורנאַלן אין אידיש פאַר דער ביבליאָטעק פון זיין מאָסקווער קאַמער־טעאַטער.

פּאַריז, יוני, 1930.

ערווין פּיסקאַטאָר — מאַקס ריינהאַרט

„פאַיע", אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן פון פריץ פון אונרו, געשפּילט אין „דייטשן טעאַטער", רעזשי — מאַקס ריינהאַרט. „פּאַראַגראַף 218", דראַמע אין דריי אַקטן פון קאַרל קרעדע, געשפּילט אין „וואָלנער טעאַטער", אינסצענירונג און רעזשי — ערווין פּיסקאַטאָר.

מיר דאַכט זיך, אַז אפשר נאָר אין אַזאַ רייכער טעאַטער־שטאָט ווי בערלין, איז עס מעגלעך אַזוי שפּעט אין סעזאָן, ווען דאָס גאַנצע טעאַטער-לעבן פון די גרויסע שטעט אין אייראָפּע איז כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן, צו זען אַזעלכע צוויי אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אויפפירונגען. און וויכטיק זיינען זיי מיט דעם, וואָס אַ חוץ זייער גרויסן ווערט פאַר זיך אַליין אַלס טעאַטער-אויפפירונגען פון דער ערשטער מדרגה; די אַרבעט פון די צוויי, ביים היינטיקן טאָג, וויכטיקסטע דייטשע רעזשיסאָרן, געבן זיי נאָך אויך די מעגלעכקייט פאַר פאַרגלייכונגען און קאָנטראַסטירונגען. זיי געבן די געלעגנהייט נאָכצוטראַכטן איבער דעם שאַפן פון די צוויי געניאַלע טעאַטער־אַלכעמיקער, און זען דעם אופן פון זייער אַרבעט, זייער גאַנצע טעאַטער־פילאָזאָפיע און לעבנס־באַנעם; די מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבן ליב צו אָפּערירן, און די גרויסע צילן, וועלכע זיי זוכן אין טעאַטער צו פאַרווירקלעכן.

און זעלטן ווען צוויי אויפפירונגען זיינען מער רעפּרעזענטאַטיוו, און געבן בולטער איבער די געשטאַלטן פון זייערע שאַפערס, ווי די, וועלכע מיר איז אויסגעקומען בייצואוויינען אין אָוונט נאָכן צווייטן ביי מיין איצטיקן זיין אין בערלין. מען קען זאָגן, אַז אין אַ געווויסן

זין זיינען זיי אַ מין סך הכּל, און די אונטערשטע שורה, דורך וועלכע מען קען דערקענען די צוויי אַזוי, לויטן פאַרנעם ענלעכע, און דאָך לויט זייער גאַנצן מהות, זייער פּסיכיק און וועלט־אַנשויאונג, אַזוי פאַרשיידענע מייסטער. פייערט דאָך איצט ריינהאַרט דעם 25 יאָריקן יובילעי זינט ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דייטשן טעאַטער־לעבן, און די גאַנצע קינסטלערישע וועלט ווערט נישט מיד אויף די פאַרשיידנסטע אופנים אים אַרויסצואווייזן איר אָנערקענונג און פאַרערונג. ביי די היינט־זומערדיקע פעסט־שפּילן אין זאַלצבורג איז ער שוין אפילו באַערט געוואָרן מיטן העכסטן מעדאַל פון דער עסט־רייכישער רעפּובליק. און אויך ביי פּיסקאַטאָרן, וואָלט איך געזאָגט, איז דער היינטיקער סעזאָן געווען אַ מין יובילעי־סעזאָן. עס האָבן זיך געענדיקט 10 יאָר זינט ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט צום דינסט דער קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט און געגרינדעט דאָס „פּאָליטישע טעאַטער". און אויב פּיסקאַטאָר האָט ניט קיין צייט און קיין געלעגנהייט פאַר פייערונגען, — דאָס לעבן איז צו שטורמיש, און די סאָציאַל־קינסטלערישע אַרבעט, וואָס מען דאַרף טאָן טאָג נאָך טאָג, איז צו מיטרייסנדיק, אַז מען זאָל זיך קענען פאַרטראַכטן און אונטערפירן חשבונות, — טראָגט אָבער זיין אַרבעט אויף זיך דעם חותם פון אַ געוויסן אָפּשניט, פון אַ געוויסער פאַרענדיקטקייט, וועלכע לאָזט זיך אַזוי בולט און קלאָר דעפינירן. פּונקט ווי עס לאָזט זיך דעפינירן, און באַשטימען דאָס טעאַטער־פּנים פון זיין גרויסן קעג־נער מאַקס ריינהאַרט.

און ווי פאַרשיידן זיינען אָט די צוויי טעאַטער־גאונים. וואָס פאַר אַ צוויי באַזונדערע שליחותן פירן זיי אויס אין דעם קולטור־לעבן פון דייטשלאַנד און ממילא שוין אויך פון איראָפּע. ביידע האָבן זיי אויסגעקליבן אַלס מעדיום דאָס טעאַטער און די בינע־קונסט, וועלכע זיי באַהערשן, ווי נאָך קיינער אין דייטשלאַנד פאַר זיי. אָבער וואָס זיי פאַרדיקן איז אַזוי היפּוכדיק און אַזוי וועלטן־וויים, ווי מען קען זיך דאָס נאָר פאַרשטעלן. ביידע שווימען זיי דרייסט און אומדער־שראָקן איבער דעם גרויסן, אין מעגלעכקייט רייכן ים, וואָס רופט זיך טעאַטער, אָבער זיי זעגלען אונטער צוויי גאַנץ פאַרשיידענע פע־נער. אויף ריינהאַרטס פאָן איז מיט גאָלד און תּכלית־בלוי אויסגע־

שטרייפט די לאָזונג עסטעטיק. און אין פלאַם־פייערדיקן רויט פלאַטערט אויף פיסקאַטאָרס פאָן דער שטורמיש מאָנענדיקער רוף עטיק! פאַר ריינהאַרטן איז די בינע דאָס כשוף־קעסטל, וואו ער שאַפט און רופט אַרויס טעאַטער-פרייד, לעבנס־לוסט און שכרות־שפּיל. פאַר פיסקאַ־טאָרן איז זי די אַרענע, וואו ער שאַפט טעאַטער־שטורם, סאָציאַלן הוראַגאַן און געזעלשאַפטלעכן בונט. ריינהאַרט שאַפט טעאַטער צוליב דער גרויסער תאוהדיק-פאַרשכורנדיקער הנאה, וואָס איז דאָ אין טעאַטער צוליב זיך אַליין; טעאַטער וואָס דאַרף פאַרשלינגען אַלע אונזערע חושים, און אָוועקפירן אונז פון דער גרויער אַלטעגלעכקייט; אָפּווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט פון דער קלאָגנדיקער ווירקלעכ־קייט, און שאַפן פאַר אונז אילוזיעס פון אַנדערע, נישטדאָאיקע, אויסגעחלומטע וועלטן. פאַר פיסקאַטאָרן איז קלאָר — מען טאָר נישט שפּילן זיך אין טעאַטער גלאַט אַזוי, ווען אונזער לעבן איז פול מיט אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע איבלען און סאָציאַלע אומגערעכטי־קייטן. ס'איז אַ פאַרברעכן אָוועקצורויבן ביים טעאַטער זיין גרויסע עטישע מיסיע, און אָפּטיילן עס פון דער טאָג-טעגלעכקייט. דאָס טעאַטער אַלס קונסט־אינסטיטוציע מוז האָבן זיין עקזיסטענץ־באַ־רעכטיקונג און באַשטימטן צוועק: דינען דעם לעבעדיקן לעבן און דער טאָג־טעגלעכער געזעלשאַפטלעכקייט. עס מוז מיט זיינע גרויסע מעגלעכקייטן דינען כדי אויפצואוועקן און צו צושמידן אונזער אויפ־מערקזאַמקייט צו די פראַגן, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו אונזער ווירקלעכקייט. עס דאַרף אַראָפּרייסן די פאַלשע שלייערן פון די אַלע, וואָס מאַכן אונזער לעבן מיאוס און קלאָגנדיק. עס דאַרף דעלוזיאָנירן און געבן אונז אַ ניכטערע געלעגנהייט צו זען דעם אמת פון אונזער לאַגע און אונזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

ביידע, סיי ריינהאַרט און פיסקאַטאָר, האָבן געמאַכט פאַר זייער לעבנס־מאָטאָ: איך דין. אָבער זייער דינסט האָבן זיי געשטעלט צו צוויי גאַנץ פאַרשיידענע קלאַסן, און פירן זי אויס אויף צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אופנים. מאַקס ריינהאַרט שטעלט זיך פאָר דאָס לעבן ווי אַן אייביקן, אומאויפהערלעכן יום־טוב, און ער באַטראַכט זיך אַלס דעם געניאַלן צערעמאָניען־מייסטער, וועלכער פאַרשטייט מיט דער הילף פון פאַרב, קלאַנג און ריטם אָט דעם יום-טוב נאָך

הערלעכער און שענער צו מאכן. פאר ערווין פיסקאטאר איז דאס לעבן א שטענדיקער, אנסופיקער קאמף צווישן קלאס און קלאס, און ער איז דער גרויסער פאלקס־טריבון, וואס וועקט מיט דער הילף פון טעאטער צום פייערדיקן קאמף, צום פלאמענדיקן בונט.

און דער חלוק צווישן זיי דערקענט זיך בולט — לויט מען זעט עס אין די איצטיקע צוויי אויפפירונגען — אין אלעם. סיי אין דעם שטאף, די פיעסן און די שוישפילער, וועלכע זיי האבן זיך אויסגעקליבן, און סיי אין די מיטלען, מיט וועלכע זיי אפערירן. ריינהארט גיט זיין אויפפירונג אין זיין אייגענעם, רייך־אויסגעשטאטן „דייטשן טעאטער", וואס איז באזארגט מיט א דריי-בינע און די מאדערנסטע טעכנישע איינריכטונגען. זיין פערזאנאל באשטייט פון אזעלכע באריםטקייטן ווי קורט בוא, האראלד פאולסען, היינריך געארגע, לארע מאסהיים און מישא טשעכאוו, איינער פון די באדייטנדיקסטע „מאסקווער־קונסט־טעאטער"־שוישפילער, וועלכער איז לעצטנס דורך ריינהארטן צוגעצויגן געווארן צו דער דייטשער בינע. פריץ פון אונרו׳ס קאמעדיע שפילט זיך אפ אין א סטודיא פון א מאדערנעם קינאמאטאגראפן־קאנצערן, וואו עס ווערט צונעגרייט די אויפנאמע פון א קלאנג־פילם. דער הויפט־אינהאלט איז, ווי דער מחבר פון פילם, וועלכער שפילט אליין די הויפט־ראלע, קעמפט קעגן די אלע באנאליטעטן, וועלכע דער רעזשיסאר צוזאמען מיטן דירעקטאר ווילן ארייננפלעכטן אין דער אויפפירונג כדי דעם פילם צו מאכן פאר א שלאגער, און זיין אומגליקלעכע ליבע צו דעם פשוטן סטאטיסטן־מיידל, וועלכע ווערט דורך זיין באגייסטערונג א באריםטער סטאר.

אבער וואס קומט דארט אלץ נישט פאר. וואס שפילט זיך דארט אלץ נישט אפ אין די שנעל זיך בייטנדיקע סצענעס אויף דער בינע, וואס דרייט זיך פארן פובליקומס אויגן. איר האט דארט א לוקסוריעז־אויסגעשטאטן נאכט-קאבארע מיט זינגערינס און טענצערינס. איר האט דעקלאסירטע גראפן און באראנען, וועלכע דינען איצט אלס סטאטיסטן אין דעם פילם. איר האט אפילו א געוויסן פירשט, אויף וועלכן ס׳איז דא א שטארקער חשד, אז ער האט אנטייל גענומען אין דערמארדן דעם טרויעריק־באריםטן גלח ראספוטין. איר האט ליבע־סצענעס, וואס שפילן זיך אפ אין דער שטייג פון א לע־

בעדיקן טיגער, אָדער אויפן ראַנד פון אַ נאַטירלעכן וואַסער־קאַנאַל. מיט איין וואָרט, דעם גאַנצן קלאַפּער-געצייג, פון וועלכן עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ היינטצייטיקער מיליאָנען־פילם. אָבער אַלץ איז איינגעאָרדנט מיט אַזוי פיל געשמאַק, מיט אַזאַ לייכטער עלעגאַנץ, אויף וועלכער עס איז נאָר פּייאיק דער פיינפילנדיקער טעאַטער־עסטעט מאַקס ריינהאַרט. אין משך פון דריי שעה גייען פאַרביי פאַר אייך אַזוי פיל אינטערעסאַנטע שווישפּילערישע סצענעס און טעאַט־ראַלע גרופּעס צוזאַמענגעפלאָכטן מיט מוזיק און טענץ, אַז דאָס אויג קען זיך קוים אָנזעטיקן. אַ ווינטערדיקער וואַלד־לאַנדשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מיסטעריעז־איינגעאָרדנטן קאַבינעט פון אַ פילם־מאַגנאַט. אַ רייך אויסגעפּוצטער פריזור־אַנשטאַלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גוט-געבויטער גאַסן־דעקאָראַציע. און צווישן דעם אַלעם, און אַרום דעם אַלעם דרייען זיך עלעקטראָטעכניקער בינע־באַלויכטער מיט צענדליקער פּראָזשעקטאָרן און פאָטאָגראַפישע אויפנאַמס־אַפּאַ־ראַטן. און אויף דעם פּאָן ווערן אָפּגעשפּילט די שפּאַנענדיקסטע איי־פערזוכט־סצענעס און קאָמישסטע ליבעס־באַגעגענישן, אויף וועלכע ריינהאַרט איז אַזאַ מייסטער. ווי אינטערעסאַנט איז די סצענע, וואָס ווערט אָפּגעשפּילט אויף די געדרייטע טרעפּ, וואָס הויבן זיך אויף, וואַקסן אויס און פאַרזינקען צוריק. וויפיל שפּאַס איז דאָ אין דער סצענע, ווען די קאָמישע פּערזאָנען יאָגן זיך דורך דער רייע דעמבבענע טירן, וואָס עפענען זיך איינס נאָכן אַנדערן, בשעת די דעקאָראַציע דרייט זיך און גיט דעם איינדרוק פון אומאויפהערלעכן לויפן. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר איז נאָר אַן אויסרייד כדי בלויז צו קענען ווייזן ריינהאַרטס רעזשיסערישע גאונות און זיינע מייס־טערהאַפטע סצענישע איינפאַלן. אַלץ איז אויסגערעכנט צו פאַרשאַפן פרייד און פאַרווילן דעם אויסגעפּוצטן עולם, וואָס פילט אָן דעם מיט פלוש און גאָלד באַצירטן טעאַטער־זאַל.

און וואָס פאַר אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דעם אַלעם איז ערווין פּיסקאַטאָרס אויפפירונג אין דעם אָרעמען „וואָלנער טעאַטער” אין האַרץ פון בערלינס אַרבעטער־קוואַרטאַל ביי דער יאַנאָוויץ־בריק. דער טעאַטער־זאַל פאַרמאָגט נישט קיין שום באַפּיצונגען. די בענקלעך רוי און האַרט. די בינע איז כמעט נאַקעט. בלויז עטלעכע טונקל־

באמאַלטע ווענטלער־דעקאָראַציעס, וואָס דאַרפן פאָרשטעלן צוויי אָפּ־געלאָזטע, פינצטערע אַרבעטער־וואוינונגען איבערגעטיילט מיט אַ שמוציקן קאָרידאָר, וואו עס געפינט זיך דער בשותפותדיקער וואַסער־קראַן. דאָס מעבל אָרעם און אָפּגעריסן. די איינציקע העלע פלעקן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן, זיינען די זיך פלאַנטערנדיקע, פאַר־וואָרלאָזטע קינדערלעך און די צעהאַנגענע שמוציקע וועש. דער שפּילנ־דיקער פּערזאָנאַל באַשטייט פון אומבאַקאַנטע שוישפּילער און טייל אַמאַטאָרן, וועמענס נעמען מען האָט קיינמאָל פריער נישט געהערט. און פונקט אַזוי חושכדיק טרויעריק ווי די גאַנצע אויסשטאַטונג איז אויך די האַנדלונג פון דעם שטיק, וואָס ווערט געשפּילט. זי ווייזט דאָס געפייניקטע לעבן פון די נאַלטקעס, די אַרבעטער פאַמיליע, וועמענס קלענערע קינדער גייען אויס פון הונגער, און די גרעסערע ווערן דורך דער נויט אַרויסגעטריבן פון דער פאַרחושכטער היים כדי צו ווערן גאַסן־פרויען, וועלכע דאַרפן שטילן די צעלאָזענע תאווה פון די רייכע און זאַטע. אָבער די הויפּט־דראַמע באַשטעט אין דעם, וואָס פרוי נאַלטקע איז געצוואונגען זיך צו לאָזן מאַכן אַן אַבאָרט, און שטאַרבט פון דער נישט־סאַניטאַרער און נישט־געשיקטער אָפּעראַציע.

קאַרל קרעדעס „פּאַראַגראַף 218" באַהאַנדלט דעם העכסט אומ־מענטשלעכן פּאַראַגראַף פון דייטשן שטראָף־קאָדעקס, וועלכער זאָגט, אַז יעדע שוואַנגערע פרוי, וואָס טוט אָפּ אַ לעבעדיק קינד אין איר מוטער־לייב, דאַרף פאַרמשפּט ווערן צו פינף יאָר שווערער תפיסה. די זעלבע שטאָף דאַרף אויך באַקומען דער, ווער עס פאַרשאַפט איר די מיטלען, אָדער העלפט איר צו דעם טאַט באַגיין.

דאָס שטיק איז אַ גרויזאַמע אָנקלאַגע פון דעם קאָרומפּירטן געזעץ, וואָס מאַכט זיך נישט זעענדיק, ווען צענדליקער טויזנטער פרויען פון די רייכע קלאַסן באַפרייען זיך פון זייער שוואַנגערשאַפט כדי צו קענען נישט געשטערט און פריי פירן זייער הולטאַיאיש לעבן. אָבער עס איז זיך ביטער נוקם אָן יעדער אָרעמער אַרבעטער־פרוי, וועלכע זוכט דאָס זעלבע צו טאָן, ווייל זי קען שוין נישט אַריבער־טראָגן די נויט פון דער אַזוי אויך גרויסער, צעוואַקסענער פאַמיליע. דאָס שטיק איז אויך אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן די דאָקטוירים,

וואָס זיינען מער ווי וויליק מיטצוהעלפן אין דעם פּראָצעס די רייכע דאַמען, אָבער זאָגן אָפּ יעדע מיטהילף פאַר די אָרעמע פרויען, אַזוי אַז די אומגליקלעכע מוזן זיך ווענדן צו אומגעניטע, אומקוואַ־ליפיצירטע „באָבעס" און מאַכערינס, וועלכע ברענגען זיי אין ניינציק פאַלן פון הונדערט אַ זיכערן טויט.

אַט די אָנגעוויטיקטע פראַגע איז זייער אַקטועל אין דייטשן אַרבעטער־לעבן. צוזאַמען מיט אַנדערע עקאָנאָמישע נויטן, שטייט זי אויף דער דירעקטער ליניע פון דעם אַרבעטערס טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. און פּיסקאַטאָר, אַט דער ברויזנדיקער יושר־מאָנער, האָט זיך מיט זיין גאַנצער פייערדיקער שאַרפקייט, שטורמישן ברען און טעאַטראַלן פאַרנעם אַרויסגעוואָרפן אַט די פּראָ־בלעם פאַרצושטעלן אין איר גאַנצער בימערער נאַקעטקייט, זי פאַר־צוברייננגען פאַרן משפט פון דער עפנטלעכקייט, און פאָדערן איר גע־רעכטע פאַרענטפערונג. און ס'איז וואונדערלעך צו זען, וואָס מען קען שאַפן פון אַזאַ אָרעמען מאַטעריאַל און מיט אַזעלכע אָרעמע מיטלען, ווען מען איז נאָר אַזאַ גרויסער מייסטער, ווי עס איז ערווין פּיסקאַטאָר. ס'איז וואונדערלעך צו זען צו וואָס פאַר אַ הויכ־קייט מען קען דערהויבן אַ מאָראַלע פאָדערונג, אויב מען גלויבט נאָר אַזוי לײַדנשאַפטלעך אין איר יושרדיקייט, און מען קען מיט דעם גלויבן אַרומכאַפּן די גרופּע שוישפּילער, מיט וועלכע מען פייערט אויס צוזאַמען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

מען מוז זאָגן, אַז פּיסקאַטאָר איז גרויזאַם שניידנדיק און אָן רחמנות אין דעם אופן, ווי אַזוי ער זאָגט אַרויס זיין אמת און פאָ־דערט זיין גערעכטיקייט. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין מיטלען כדי צו דערגרייכן זיין יושרדיקן, עטישן ציל. ער לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין שטערונגען, אַלץ כדי בולטער און שאַרפער אַרויס־צוברייננגען דעם געדאַנק, וועלכען ער וויל קלאָר מאַכן פאַר זיין אוי־דיטאָריע. ער באַגנינגנט זיך נישט מיט דער בלויזער בינע־פּלאַט־פאָרמע, ער פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן טעאַטער־זאַל אין אַ שטורמ־דיקער טריבונע. ער טראָגט איבער די האַנדלונג פון דער בינע אין צושויער־זאַל אַריין, און צוריק פאַרקערט. ער מישט דעם גרעבסטן נאַטוראַליזם מיט דער טעאַטראַלישסטער קאָנוועציאָנעלקייט. ער

שלאָגט כּפּרות מיט יעדער עסטעטיק, אויב זי שטייט אים אין וועג און שטערט אים צו דערגרייכן זיין אמת. כּדי אונטערצושטרייכן דעם גאַנצן יאָמער פון ארבעטער־לעבן דערלויבט ער דער מוטער פון דער אין ענגשאַפט זיך שטיקנדיקער פאַמיליע אראָפּצולאָזן די הויזלעך ביי דעם אָפּגעריסענעם קינד, און פאַר דעם פּובליקומס אויגן עס אוועקזעצן אין מיטן שטוב אויף דעם נאַכט־טעפּל. כּדי צו פאַר־שטאַרקערן דעם שרעקלעכן איינדרוק פון דער אוממענטשלעכער אָפּע־ראַציע, וואָס מען פירט איבער איר אויס, לאָזט ער די פרוי נאַלטקע אויף א העכסט נאַטוראַליסטישן אופן זיך וואַלגערן אויף דער פּאָד־לאָגע, ווי א חיה אין אירע ווייטיקן, און מיט א שמאַטע פאַרווישן די פלעקן פון בלוט וואָס זי פאַרלירט. און כּדי שאַרפער אונטער־צושטרייכן די וויכטיקייט פון דעם אינהאַלט פון א בריוו, וואָס אַן אומגליקלעכע ארבעטער־פרוי שרייבט צום דאָקטאָר אין דעם שטיק, באַגנוגט ער זיך נישט, אַז דער דאָקטאָר זאָל דעם בריוו פאַרלייענען אויף א קול. ער לאָזט דעם אינהאַלט פון בריוו דערשיינען אויף דעם באַלויכטענעם עקראַן, וואָס הענגט איבער דער בינע, און די שוישפּילער, וואָס זיצן אין טעאַטער לייענען אַלע צוזאַמען אין דער הויך דעם בריוו, און דאָס פּובליקום לייענט אים מיט זיי מיט.

אַזוי וואַרפט זיך פּיסקאַטאָר פון איין מיטל צום צווייטן. ער פייערט און העצט, און איר קענט זיך פון אים נישט אויסדרייען. איר ווערט באַצוואונגען פון זיין גרויסער מייסטערשאַפט און פון דעם אופן, ווי אַזוי ער שטאַרט אייך דעם אמת אַזוי דרייסט און אָנרחמנותדיק אין די אויגן אריין.

ביידע, סיי ריינהאַרט, סיי פּיסקאַטאָר, לאָזן דעם אויטאָר נישט רעדן פאַר זיך אַליין. ריינהאַרט פאַרטרינקט דעם מחבר מיט זיין פּערזענלעכן עסטעטיזם און טעאַטראַלישער דערפינדערישקייט. מאָל נאָך מאָל האָב איך זיך אין „דייטשן טעאַטער" געכאַפּט, אַז איך וויים נישט, וואָס פריץ פון אונרו וויל זאָגן, ווייל כ'בין געווען אינ־גאַנצן פאַרנומען מיט ריינהאַרטס ווירטואָזישקייט, מיט זיין קענען אויסנוצן יעדע קלייניקייט אויף דער בינע צוליב דער גאַנצקייט פון דער פאָרשטעלונג. אָבער ווי א ווירבל־ווינט רייסט זיך פּיסקאַטאָר אריין אינמיטן דער האַנדלונג פון קרעדעס פּיעסע און גיט זיין פאַר־

זענלעבע דערקלערונג, זיין קאָמענטאַר צו די פּאַסירונגען דורך דער הילף פון די אויסשרייענדיקע אַקטיאָרן, וואָס זיינען אויסגעזעצט אין טעאַטער. קיין איין מינוט באַהאַלט ער זיך נישט הינטערן שרייבער. ער שטייט תמיד פון פאָרנט דער בינע און טייטלט אָן, שרייענדיק: אָט דאָס וויל איך זאָגן. אָט דאָס מיין איך אַרויסצוברענגען. און אויב מען דאַרף קומט ער אפילו דערצו, אַז ער רייסט איבער און שטעלט אָפּ די האַנדלונג, און אַן אמתער מעדיציין־דאָקטאָר, אַ זאַך־קענער, שטעלט זיך אויף אין טעאַטער און האַלט אַ פייערדיקע רעדע קעגן דעם גרויזאַמען פּאַראַגראַף, אונטערשטרייכנדיק: איך בין נישט קיין שוישפּילער, אָבער מיט מיין גאַנצער נשמה און מיט מיינע אַלע קענטעניש וויל איך העלפן באַקעמפן די גרויסע פּלאָג פון אַרבעטער־לעבן.

און אויך דאָס פּובליקום לאָזט פּיסקאַטאָר נישט צורו. ער האַלט כמעט תמיד אין איין פרעגן: נו, וואָס איז אייער מיינונג? בלייבט נישט גלייכגילטיק. מישט זיך אריין. רעאַגירט. להיפּוך צו ריינהאַרטן, וועלכער בעט אויך די מיטהילף פון פּובליקום, אָבער אויף אַ פּאַסיוון אופן: זיצט, קוקט און האָט הנאה...

אָבער פאַרוואָס איז דאָס? ביי ריינהאַרטן בין איך געווען אַנט־ציקט פון דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן. עס איז מיר ביז גאָר געפעלן דאָס גאַלאַנטע סאַלאָן־מעסיקע שפּילן פון דעם וואונדערבאַרן קורט בוא, די פּשוטקייט און אוממיטלבאַרקייט פון לאַרע מאַסהיים, און דאָס טיפע נעוראַסטעניש שפּילן פון מישאַ טשעכאָוו. אָבער פאַר־וואָס בין איך געווען מיטגעריסן און באַצוואונגען פון דעם באַגייס־טערטן און ענטוזיאַזם־פולן שפּיל פון די אומבאַקאַנטע אַרבעטער־אַקטיאָרן? פאַרוואָס האָט מען געפילט אַזאַ באַהאַרצטקייט און גלויבן אין זייערע אויסגעשרייען?

ביי ריינהאַרטן איז דאָס אויסזעצן זיינע אַקטיאָרן צווישן פּוב־ליקום אויך איינס פון זיינע געליבטע מיטלען. ער טוט דאָס איצט אויך אין דער אויפפירונג פון „פּאַיע". ער לאָזט דעם דירעקטאָר פון דער פילם־געזעלשאַפט און זיינע מיטהעלפער זיצן אין די ערשטע רייען פון טעאַטער־זאַל, פון וואַנען זיי פירן אָן מיט דער אויפנאַמע פון געוויסע סצענעס אויף דער בינע. ער טוט עס כדי צו פאַרברייטערן

די אילוזיע. זיינע שוישפּילער צווישן פּובליקום זיינען אַ טייל פון דער שפּיל אויף דער בינע. פּיסקאַטאָר פּאַרקערט, צעריסט יעדע אילוזיע. זיינע שוישפּילער אין טעאַטער־זאַל זיינען די ריכטער, וואָס געבן אַרוים דורך זייער קאָמישע און אַפּלאַכנדיקע אויסרופן אַן אורטייל איבער די פּאַסירונגען אויף דער בינע. אין געוויסע מאָמענטן פאַר־ענטפערן זיך טאַקע די שוישפּילער פון דער בינע פאַר די אויסרופער אין זאַל, וואָס קריטיקירן זייערע האַנדלונגען.

ס׳מאַכט תמיד דעם איינדרוק, אַז דאָס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער בינע איז בלויז אַ טרוקענער עפּיזאָד, אַ בלאַסע כראָניק, און די אמתע באַלעבונג פון דעם עפּיזאָד קומט פאָר אין טעאַטער־זאַל. די דערקלערונג און אויסטייטשונג פון דער כראָניק שפּילט זיך אָפּ צווישן פּובליקום. ס׳איז ווי פּיסקאַטאָר וואָלט אינסצעניר׳ט אַ לעבעדיקן לייט־אַרטיקל און כסדר געגעבן צו פאַרשטיין: נאַט, זעט וואָס ס׳קומט פאָר. פּרובירט זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָס מיינט פאַר אייך. דורך זיינע טרעפלעכע ווייט־גרייכנדיקע רעפליקן און אריינגעשטעלטע פראַזן זוכט ער קלאָר צו מאַכן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע, וואָס רינגלט אַרום, און דעם אמתן סאָציאַלן הינטערגרונט, וואָס שפּרייט זיך אויס הינטער די פּאַסירונגען. ער זוכט אַרויסצוברענגען און פריי אַנצואווייזן די אמתע שולדיקע, וואָס פירן דערצו און מאַכן מעגלעך, אַז אַזעלכע איבלען זאָלן קענען פאָרקומען.

פּיסקאַטאָר מאַכט נישט קיין סוד, אַז ער איז אויסן צו פּראָ־פּאַגאַנדירן און באַלערנען. שוין באַלד אין אָנהויב, נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג אויף דער בינע, ווען עס הויבט זיך אָן די דיסקוסיע צווישן די מכלומרשטע געסט אין טעאַטער־זאַל, ווערט אייך קלאָר, וואָס פּיסקאַטאָר איז אויסן. ער לאָזט אייך תמיד הערן: דאָס טעאַ־טער מוז זיין פּעדאַגאָגיש. עס טאָר נישט ווירקן בלויז עמאָציאָנעל, דורך געפיל און באַגייסטערונג. עס מוז ווירקן דורך דעם שכל, דורך וויסן און אויפקלערן. דאָס טעאַטער מוז זיין אַ געוועער אין דער האַנט פון דעם אַרבעטער, דורך וועלכן ער זאָל זיך קענען אויסקעמפן אַ בעסער לעבן. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז ער טוט עס מיט אַזוי פיל פייער און אַזאַ טיפער איבערצייגונג, וואָס פאַרכאַפּט אייך און

באצווינגט. אזוי אז, ווען צום סוף פון דער פאָרשטעלונג שטעלט זיך דאָס פערזאָנאַל אויס אין דער ברייט פון דער בינע, און פאָדערט אויף דאָס פובליקום אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאַרדאַמט דעם פאַראַגראַף 218, פילט מען זיך אזוי מיטגעריסן, אז מיטן גאַנצן הארצן שליסט מען זיך אָן אין דעם פּראָטעסט, און די האַנט הויבט זיך ווי פון זיך אליין אויף צו שטימען פאַר דער פאַרדאַמונגס־רעזאָלוציע.

מאַקס ריינהאַרט און ערווין פּיסקאַטאָר. ווי אַנדערש זיינען זייערע אויפגאַבן און ווי פאַרשיידן זייערע ווירקונגען. איינער שאַפט פאַר דיר אַ סימפאָניע פון קאָלירן, ער פאַרטרינקט דיך מיט אַ שלל פאַרבן און קלאַנגען. ער רעדט צו דיין נשמה און שטילט איין דיין געמיט. גייסט אַוועק פון אים גליקלעך דערהויבן, און אין שלום מיט דער וועלט. דער צווייטער האַמערט אויף דיין מוח, וועקט דיין האַרץ און סטימולירט דיין געדאַנק. ער לאָזט דיך נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט פּנים אל פּנים מיט דער האַרטער, גרויזאַמער אומגערעכטיקייט. ער צעטומלט און רעגט דיך אויף, און דו פילסט מיט אַלע חושים, אַז דער אמת און דער יושר איז אויף זיין זייט. אָבער נאָךביידנס פאָרשטעלונגען מוזטו טראַכטן און זיך וואונדערן: וואָס פאַר אַ צויבערלעכע מעגלעכקייטן ליגן באַהאַלטן אין טעאַטער. ווי שטאַרק באַריידעוודיק און פיל זאָגעוודיק עס קען זיין די טויטע בינע, ווען מען פאַרשטייט זי נאָר אזוי צו באַלעבן און דינאַמיזירן, ווי עס פאַרשטייען עס צו טאָן אָט די מייסטער פון דער היינטיקער דייטשער בינע.

בערלין, אויגוסט, 1930.

די פאַסיאָנס־שפּיל אין אויבער־אַממערגאַו

א יונג־לויטערער פרימאָרגן אין אַממער־טאָל. ס׳שמעקט מיט פרומקייט און פרי־אויפשטיין. דאָס קלאָר־ווייסע אויסגעפוצטע דערפל ליגט מיט צעליכטיקטע, פריש־איבערגעוועקטע הייזלעך, און גרייט זיך פריידיק־פייערלעך צו עפּעס א גרויסן, געגאַרטן יום־טוב. טיר און פענצטער זיינען רהבותדיק צעעפנט. די גרין־אויסגעמאָלענע לאָדנדלעך שמייכלען פרום. די ראָז־זילבערנע רויכלעך ציען זיך פון די קוימענס, שלענגלען איבער די אויסגעפאַרבטע דעכלעך, און פאַרלירן זיך אין דער בלאָ־דורכזיכטיקער לופט.

דער גאַנצער טאָל ווערט אָנגעפילט מיט דעם לייכטן געקלאַנג פון די פריילעכע גלעקלעך אויף די העלזער פון די ברוין־ און ווייסגעפלעקטע קי און קעלבער, וואָס ציען זיך איבער די קליינע סטעזשקעס אַרויס צו דער גרין־שמעקנדיקער מאָרגן־פאַשע. פון דאָ און דאָרט דערטראָגט זיך נאָך דאָס פאַרשפּעטיקטע הענער־קרייען, וואָס וויל, דאַכט זיך, עפּעס דערמאָנען און אין דער לעצטער מינוט אָנזאָגן. עס גלאַנצן און באָדן זיך אין דער צעגילדעטער פרימאָרגן־זון די קעפ פון די שלאַנקע אַממער־בערג, וואָס רינגלען אַרום און הילן איין דאָס קליינע דאָרף. און דאָרט הויך, איבער דעם זיך שטרעקנדיקן קאָפעל־באַרג, שימערירט און גליט קעגן דער זון דער אויפגעשטעלטער ווייסער קרייץ, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אַריבערגעבויגן און געוואַכט איבער דעם טאָל אַרום.

איינציקווייז און אין גרופּן באַווייזן זיך פון די צעוואָרפענע הייזלעך די דאָרף־איינוואוינער אין זייערע פיטאָרעסקע, גרינע באַרגקאָסטיומען, און אויך די זומערדיק־העלפאַרביק־געקליידטע געקומע־

נע געסט. די פּנימער ביי אַלעמען זיינען פּרימאַרגנדיק־שיינענדיקע און ערנסט דערוואַרטנדיקע. אויף אַ מינוט בלייבט מען שטיין פאַר די הייזלעך. מען נעמט זיך דורך מיט דער ליבטיק־שמעקנדיקער מאָרגן-לופט, און פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, לאָזט מען זיך גיין פאַרביי די הילצערנע ביידלעך מיט די געקרייציקטע יעזוס־פיגורן איבער די אויסגעזאַמדיקטע שטעגן, וואָס פירן צו די דאָרף־געסלעך און קירכע־פּלאַץ.

ס'איז אויבעראַממערגאו, — דאָס אַלטע, טויזנט־יאָריקע בייערישע דאָרף, וואָס ליגט צופיסנס דעם אַממער־בערג־קייט, נישט ווייט פון די טיראָלער אַלפּן. און צוזאַמענגעקומען איז מען זיך אַהער בייצואוווינען די פאָרשטעלונג פון דער וועלט־באַרימטער טראַדיציאָנעלער פּאַסיאָנס-שפּיל, וואָס ווערט דאָ היינט דורך די דאָרף־איינוואוינער געגעבן אויף דעם פּאַסיאָנס־שפּיל־פּלאַץ.

אויבעראַממערגאו. מען קען קוים אָנווייזן אויף נאָך אַ ווינקל אין אונזער היינטיקער אייראָפּע, וואָס האָט באַוויזן אין אַזאַ מאָס צוצושמידן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קינסטלערישער וועלט, און אַרויסרופן צו זיך אַזוי פיל ליבע, פאַרערונג און פיעטעט, ווי עס האָט עס פאַר די לעצטע דריי הונדערט יאָר געטאָן אָט דאָס קליינע, אָפּגעזונדערטע און אין זיך פאַרטיפטע בייערישע דערפל. זעלטן ווען אַזאַ קליינער קיבוץ איז אימשטאַנד געווען אַרויסצואווייזן אַזוי פיל אָנגעשטרענגטע און מסירת-נפשדיקע **ליבע**, כדי מיט אַזאַ ווירדע אויפצוהאַלטן און גלאָריפיצירן די קינסטלערישע טראַדיציע, וואָס זיי האָבן געירשנט פון פאַרגאַנגענע דורות. די פּאַסיאָנס־שפּילן, אין וועלכע עס ווערן דורך די אָרטיקע, פּשוטע דאָרף־איינוואוינער אַלע צען יאָר פאַרגעשטעלט דאָס לעבן, ליידן און קרייציקונג פון יעזוס קריסטוס, זיינען געוואָרן וועלט־באַרימט, און ציען יעדע שפּיל־צייט צו זיך די טוריסטן און קינסטלער פון אַלע וועלט־טיילן.

די אויבעראַממערגאוער האָבן קאָנצענטרירט אַלע זייערע טרוימען און פאַנטאַזיעס בלויז אַרום דעם אויפפירן פון דער „פּאַסיאָן”.

דאָס איז געוואָרן די אויפגאַבע פון זייער עקזיסטענץ און די באַרעכטיקונג פון זייער לעבן. דאָס איז זייער גרויסע מיסיע און הייליקע שליחות אין אונזער ניכטער־גלייכגילטיקער און אַזוי אומגלויביקער וועלט. דאָס גאַנצע געמיינדע־ און פּריוואַטע לעבן זייערס צענטראַליזירט זיך בלויז אַרום דעם יעזוס־שפּיל, אין וועלכן ס'נעמען אָנטייל, סיי אַלס הויפּט-אַקטיאָרן און סיי אַלס סטאַטיסטן, מוזיקאַנטן אָדער אַרויסהעלפער, אַלע איינוואוינער פון גרויס ביז קליין. צו האָבן די זכיה זיך אויסצוצייכענען אין דעם פּאַסיאָנס־שפּיל איז געוואָרן די באַהאַלטענע און אָפענע אַמביציע ביי יעדן איינעם פון די צוויי טויזנט זעקס הונדערט איינוואוינער, וואָס דאָס דערפל פאַרמאָגט. די אויבעראַממערגאַוער פּאַסיאָנס־אויפפירונגען, — דאָס איז איינע פון די זעלטנסטע מאַניפעסטירונגען פון רעליגיעזן און קינסטלערישן אויסדרוק ביי אַ גאַנץ דאָרף, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג באַקאַנט.

אינטערעסאַנט איז די אַנטשטייאונגס־געשיכטע פון דער איצטיקער אויבעראַממערגאַוער פּאַסיאָנס־שפּיל. דאָס פאָרשטעלן אויף אַ טעאַטראַלן אופן קריסטוסעס לעבן און ליידן געהערט נאָך צו די צייטן פון מיטלאַלטער, ווען די קירכע האָט זיך גענומען מאַכן די „פּאַסיאָן" צוטריטלעכער פאַר די מאַסן. כדי דער פּשוטער עולם, וואָס באַנעמט אַ זאַך בעסער, ווען ער זעט זי מיט די אויגן, איידער ווי ווען מען לעזט זי אים פאָר, זאָל שטאַרקער גערירט ווערן דורך יעזוסעס ליידן, פלעגן די גלחים אין דער קירכע, און שפּעטער שוישפּילער־דילעטאַנטן אויף די מאַרק־פּלעצער אָפּשפּילן די קריסטוס־געשיכטע. אָבער אַרום דעם 16טן יאָרהונדערט זיינען די פּאַסיאָנס־שפּילן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן צוליב די חרבנות און פאַרוויסטונגען, וואָס די דעמאָלטדיקע אומאויפהערלעכע מלחמות האָבן אָנגעמאַכט אין אייראָפּע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1633. איינע פון די טרויעריקע פאָלגן, וואָס דער דרייסיקיאָריקער קריג האָט מיט זיך געבראַכט, איז געווען די שרעקלעכע פּעסט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע געגנטן פון דייטשלאַנד. אַלע דערפער אַרום אויבעראַממערגאַו זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער שרעקלעכער מגפה. אין איין דאָרף זיינען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג לעבן געבליבן בלויז צוויי פאַרפעלקער. אַרום

איז געווען דער טויט. בלויז אויבעראַממערגאַו האָט זיך איינגעגעבן אויסצוהיטן פון אונטערגאַנג דורך דעם, וואָס די איינוואוינער האָבן אָנגענומען אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטיקייט־מיטלען. זיי האָבן זיך אַרומגערינגלט ווי מיט אַן אייזערנעם מויער און האָבן פון זיך קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט און צו זיך קיינעם פון די אַרומיקע דערפער נישט אַריינגעלאָזט. אַ לאַנגע צייט איז זיי געלונגען אָנצוהאַלטן זייער אָפּגעזונדערטקייט. אָבער אַ געוויסער קאַספּאַר שיעסלער, אַן אויבעראַממערגאַוער איינוואוינער, וואָס איז געבליבן אַרבעטן אין דערבייאיקן דאָרף עשענלאָע, האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך זיין ווייב און קינדער, וואָס האָבן געוואוינט אין אויבעראַממערגאַו. ער האָט, נישט געקוקט אויף דעם טויט־שטראָף־פאַרבאָט, איינגעשטעלט זיין לעבן, דורכגעריסן דעם קוואַראַנטין, און איז אין אַ געוויסער נאַכט געקומען צוריק אין זיין היים. אין צוויי טעג שפּעטער איז ער געשטאָרבן פון דער פּעסט, וואָס ער האָט מיט זיך פאַרשלעפּט, און וועלכע האָט זיך צעבושעוועט אין אויבעראַממערגאַו מיט אַ ווילדער קראַפט. נישט געווען קיין הויז, וואָס איז געבליבן אומבארירט פון דער מגפה. די דאָרפסלייט זיינען אין שרעק זיך צוזאַמענגעלאָפן און אין פאַרצווייפלונג אָנגעהויבן צו בעטן גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זייערע לעבנס און מוחל זיין זייערע שווערע זינד. דערביי האָבן זיי אַ שבועה געטאָן, אַז אויב די מגפה וועט זיך איינשטילן, און דער טויט וועט צורו לאָזן זייער דאָרף, וועלן זיי ווידער פאַר גאָטס כבוד וועגן באַנייען די פּאַסיאָנס־שפּילן, און יעדע צען יאָר אויפפירן די ליידנס־דראַמע פון גאָטס זון. און — ווי עס דערציילט דער כראָניקער:

אַ נס איז געשען. די מגפה האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. קיינער איז מער נישט קראַנק געוואָרן. און פון די ביז איצט קראַנקגעוועזענע איז קיינער מער נישט געשטאָרבן. און אַלס דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניצול געוואָרן פון טויט, האָבן די אויבעראַממערגאַוער מיט פרייד זיך גענומען אויסצופירן זייער שבועה, און אָנגעהויבן געבן רעגלמעסיק אַלע צען יאָר זייערע פּאַסיאָנס־שפּילן.

נישט ליכט איז אָנגעקומען די איינוואוינער פון אממערגאו אָפּ־צוהיטן זייער שבועה און אויפצוהאַלטן זייערע טראַדיציאָנעלע פּאַ־סיאָנס־שפּילן דורך די דריי הונדערט יאָר ביז צום היינטיקן טאָג. א סך שווערע צייטן האָט זייער דאָרף דורכגעמאַכט. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו געבן די פאָרשטעלונגען אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פון דחקות און נויט. אָבער א דאַנק זייער רעליגיעזער עקשנות און דעם שטאַרקן היסטאָרישן טריב, וואָס האָט זיך אין זיי איינגעוואָרצלט דורך דעם לויף פון דורות, איז זיי געלונגען זיך אָפּצעזונדערן פון דער גאַנצער וועלט, און מקיים זיין דעם צוזאָג דורך אַלע שטערונגען און נויטן. די פּאַסיאָנס־שפּילן זיינען פּינקטלעך פאָר־געקומען אַלע צען יאָר, בלויז מיט דעם אויסנאַם פון 1770, ווען די פאָרשטעלונגען זיינען דורך דער קירלעכער מאַכט אויף א קורצער צייט פארבאָטן געוואָרן, און אין די מלחמה יאָרן פון 1870 און 1920, ווען די מערסטע אָנטיילנעמער זיינען געווען געצוואונגען אוועקצוגיין אין שלאַכטפעלד.

און אָט די מסירת נפש פון די מערקווירדיקע דאָרף־איינוואוי־נער, האָט עס געבראַכט צו דעם, אז די אויבעראַממערגאוער פּאַסיאָנס־שפּילן זיינען שוין איצט געוואָרן דער קנין פון דער גאַנצער קינסט־לערישער וועלט, און שטייען אויף אַן אויסערגעוויינלעך־הויכער מדרגה.

ווי שוין דערמאָנט, ווערן די פּאַסיאָנס־שפּילן, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל ביז איבער טויזנט פּערזאָן, אויסגעפירט בלויז דורך די דאָרף־איינוואוינער אַליין. קיין פרעמדער, נישט קיין אַרטיסער, קען אין די פאָרשטעלונגען נישט מיטשפּילן. נאָך אַלס קינד ווערט דער אויבעראַממערגאוער צוגעצויגן אָנטייל צו נעמען אין די פּאַ־סיאָנס־אויפפירונגען, און שוין פון דער פריער קינדהייט אָן ווערן אַלע זיינע חלומות דורכגעוועבט מיט דער גרויסער האָפענונג צו האָבן די זכיה צו שפּילן איינע פון די הויפּט־ראָלן. די ראָלן גייען אָפּט איבער צו די מיטגלידער פון דער משפּחה אין פארלויף פון דורות, און יעדער איינער פון די שפּילער מוז הייליקן און ווידמען זיין

גאנץ לעבן, כדי ראוי צו זיין אויסצופירן זיין ראָלע. אזוי, למשל, מוז דער יעזוס־שפּילער תמיד זיין אָפּגעהיטן אין זיין פּריוואַט־לעבן. עס טאָר נישט פאַלן קיין פלעק אָדער חשד אויף זיין גוטן נאָמען, אָדער אויף זיין התנהגות אין פּריוואַט־לעבן. די שווישפּילערין, וועל־כע קרעאירט די ראָלע פון מאַריאַ, גאָטס מוטער, מוז פירן א העכסט־צניעותדיק לעבן און טאָר נישט זיין פאַרהייראַט. ס'איז א מין ערן־ראַנג צו קריגן געוויסע ראָלן, און ער פאָדערט די מאָראַלע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פון דעם שפּילער אויפן גאַנצן לעבן.

און מיט ליבע טראָגן די אויבעראַממערגאַוער די שווערע לאַסט פון זייער באַרוף. יעדער איינער לעבט זיך אזוי אריין אין דער ראָלע, וואָס ווערט אים באַשטימט צו שפּילן, אַז זי ווערט דער אויסדרוק פון זיינע פאַנטאַזיעס, די פאַרקערפּערונג פון זיין גייסטיקער ענער־גיע. קיין קרבן איז פאַר דעם אויבעראַממערגאַוער נישט צו שווער צוליב זיין ראָלע. עס האָט שוין געטראָפן, אַז דאָס מיידל, וואָס האָט געשפּילט מאַריאַ, האָט אָפּגעלייגט איר חתונה אויף צען יאָר שפּע־טער, כדי זי זאָל נאָך אַמאָל קענען זיך באַטייליקן אין די קומענ־דיקע פאָרשטעלונגען און ווידער שפּילן איר ראָלע.

אויך זייער אויסערלעכער אויסזען ווערט שטאַרק געפּלעגט ביי די דאָרפסלייט־שווישפּילער. אזוי ווי די פאָרשטעלונגען ווערן געגעבן ביים העלן טאָג־ליכט אונטערן פרייען הימל, ווערן קיין שום טעאַטער־שמינקע אָדער פּאַרוקן נישט באַנוצט. די שווישפּילער מוזן לאָזן וואַקסן די האָר פון זייערע קעפּ און בערד, כדי אויף א נאַטירלעכן אופן אויסצוזען ווי די העלדן, וועלכע זיי שפּילן. און עס איז קוים מעגלעך זיך פאָרצושטעלן אפילו די אידעאַלסטע גרופּע אַקטיאָרן, וואָס זאָלן מיט דער הילף פון שמינקע און פּאַרוקן אימשטאַנד זיין צו שאַפן אַזעלכע וואונדערלעכע טעאַטער־מאַסקעס און טיפּן, ווי מען זעט עס ביי די פאָרשטעלונגען אין אויבעראַממערגאַו.

אין די יאָרן צווישן די פּאַסיאָנס־אויפפירונגען פאַרנעמען זיך די אויבעראַממערגאַוער מיט פעלד־אַרבעט און פאַרשיידענע דאָרפישע מלאכות, ווי שמידעריי, שלאָסעריי א. א. וו. אָבער הויפּטזעכלעך

איז דאָרט פאַרשפּרייט די קינסטלערישע מלאכה פון האָלץ־שניצעריי.
זייערע רעליגיעזע האָלץ־אויסאַרבעטונגען זיינען באַרימט אין דער
וועלט, און העלפן אַ סך מיט צו פאַרשפּרייטן דעם גוטן נאָמען פון
די דאָרפסלייט־קינסטלער. די אויספירער פון די הויפּט-ראָלן פאַרנעמען
זיך אין פּריוואַטן לעבן כמעט אַלע מיט קינסטלערישע באַשעפטי־
קונגען: אַזוי איז אַנטאָן לאַנג, דער וואָס פלעגט שפּילן די יעזוס־
ראָלע אין די לעצטע דריי צענדליק יאָרן, אַ קינסטלער־טעפּער. אַלואַז
לאַנג, דער, וואָס שפּילט יעזוסן אין דער היינטיקער אויפפירונג, איז
אַ האָלץ־שניצער. דאָס זעלבע זיינען אויך גווידאָ מאַיער, דער, וואָס
שפּילט יהודה-איש־קריות, און פּעטער רענדעל, דער וואָס שפּילט
די ראָלע פון דעם אַפּאָסטאָל פּעטער. געאָרג לאַנג, דער רעזשיסאָר
און אויפפירער פון דער פּאַסיאָנס־שפּיל זינט 1921 (אָנשטאָט 1920
איז די שפּיל פאָרגעקומען אין 1921) איז אַ באַקאַנטער סקולפּטאָר
און מאָלער. צווישן די איבעריקע אָנטיילנעמער געפינען מיר קאָ־
וואַלעס, בעקערס און שלאָסערס. אָבער אַלע מוזן זיי פירן אַ מוסטער־
האַפטן, פּאָרוואָורפלאָז לעבן, אַנדערש ווערט מען באַזייטיקט און מער
נישט צוגעלאָזט אָנטייל־צו־נעמען אין די קומענדיקע אויפפירונגען.

כדי אויפצוהאַלטן די שפּיל־פייאיקייטן פון די אַקטיאָרן אויף
אַ געהעריקער הויך; כדי זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו פּראַקטי־
צירן זייער טעאַטער־שפּילן, און אויך כדי צו געבן דער אונטער־
וואַקסנדיקער יוגנט די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען און אַרויס־
ווייזן זייערע פייאיקייטן, ווערן אין דער צווישן־צייט, פון איין
פּאַסיאָנס־שפּיל צום צווייטן, גאַנץ אָפט געשטעלט וועלטלעכע טעאַ־
טער־פאָרשטעלונגען, אין וועלכע די פּאַסיאָנס-שפּילער נעמען אָנטייל.

אָבער דאָס אַלץ ווערט פאַרבלאַסט און אָפּגעווישט אַזוי גיך,
ווי עס דערנענטערט זיך די צייט פון די אָנקומענדיקע פּאַסיאָנס־
יאָרן. דאָס גאַנצע לעבן ווערט אַרומגעכאַפּט מיט אַ נערוועזן ציטער
פון דערוואַרטונג בנוגע דער קומענדיקער פאַרטיילונג פון די ראָלן.
וועלן די באַהאַלטענע חלומות דערפילט ווערן? וועט מען אויסגע־
קליבן ווערן צו שפּילן די ראָלע, וועגן וועלכער מען חלומט? אָדער,

אויב מען האָט זי שוין געשפּילט, צי וועט מען ווידער אויסגעקליבן ווערן דאָס איצטיקע מאָל אויך צו שפּילן די ראָלע, אָדער וועט מען זי מוזן — צוליב עלטער, אָדער אַנדערע סיבות — אָפּטרעטן אַ צווייטן? מיט שרעק און מיט האָפענונג גרייט מען זיך צו די נייע וואַלן פון די ראָלן־אויספירער. ווייל די ראָלן ווערן נישט איינגע־טיילט, ווי אין אַ געוויינלעכן טעאַטער, דורך דעם דירעקטאָר אָדער רעזשיסאָר, נאָר דורך וואַלן, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל אַלע איינ־וואוינער פון דאָרף.

און ס׳איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט דער אופן, ווי אַזוי עס אַרבעט די אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף יעדעס מאָל צוגרייטן די נייע כוחות און דעם פּערסאָנאַל פאַר דעם קומענדיקן שפּיל.

בערך אַ דריי יאָר פריער ווערן אַלע איינוואוינער פון דאָרף גערופן צו אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער דער בירגער־מייסטער דערמאָנט זיי זייער הייליקן חוב צו האַלטן די געגעבענע שבועה. ס׳ווערט באַשלאָסן צו געבן די פּאַסיאָנס־שפּיל. מען קלייבט צוליב דעם אויס אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון 25 פּערזאָן, וועלכער דאַרף צווישן זיך פאַרטיילן די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר די פאָר־שטעלונגען. און אַרבעט איז דאָ אַ סך. מען דאַרף פאַרריכטן און אויפפרישן די וועגן אין און צום דערפל. מען דאַרף איבערמאָלן די הייזער און צוגעבן דעם דאָרף אַ יום־טובדיקן אויסזען. מען דאַרף באַזאָרגן די באַקוועמלעכקייט פון די טויזנטער געסט, וואָס וועלן זיך צוזאַמענפאָרן. מען דאַרף אויסקלייבן אַ סאַניטאַרן־פּערסאָנאַל און אָרגאַניזירן די פייערלעשער פאַר דער צייט פון די פאָרשטעלונגען. אָבער הויפּטזעכלעך דאַרף דער קאָמיטעט געפינען דעם פּאַסיקן רע־זשיסאָר, אויסבויען אַ נייע בינע, צוגרייטן און אויפפרישן די הונ־דערטער קאָסטיומען, און פאַרטיילן די 124 ראָלן פון די רעדנדיקע אַרטיסטן און אויסקלייבן די איבער 800 סטאַטיסטן, זינגער, מוזי־קאַנטן און קינדער־ראָליסטן.

פון נאָך דער פאַרזאַמלונג אָן הערן די דאָרפסלייט אויף זיך צו שערן אָדער ראַזירן, און אַלע הויבן אָן צו לעבן מיט דער דער־וואַרטונג און צוגרייטונג צו דעם אויסקלייבן פון די שפּילערס.

אין אַ באַשטימטן טאָג פאַרזאַמלט זיך דער קאָמיטעט צוזאַמען מיט אַלע איינוואוינער אין דער דאָרפישער קירכע, וואו עס ווערט אָפּגעריכט אַ ספּעציעלע תּפילה, אַז גאָט זאָל זיי העלפן און געבן פאַרשטאַנד אויסצוקלייבן די ריכטיקע און פּאַסיקע שפּילערס, אָן שום זייטיקע כּוונות אָדער פּניות פאַר יענעמס שטאַנד און פּאָזיציע. ווייל ביים קלייבן ווערט בלויז גענומען אין אַכט דער גוטער, ערלעכער נאָמען און די פייאיקייטן פון די קומענדיקע שפּילערס, וועלכע מוזן קודם־כּל באַזיצן אויסגעצייכנטע בינע־פיגורן און שטאַרקע שטימען.

עס הויבן זיך אָן די וואַלן, וועלכע דויערן עטלעכע טעג, און חזרן זיך איבער דריי מאָל. די קאַנדידאַטן, וואָס באַקומען די מערסטע שטימען ביי די ערשטע וואַלן, ווערן אַריינגעטראָגן אין צעטל פאַר די צווייטע וואַלן. די, וואָס באַקומען דעם מערצאָל שטימען ביי דער צווייטער ווײַלונג, ווערן אַריינגעטראָגן אין צעטל פון די דריטע וואַלן, וועלכע זיינען שוין געהיימע.

נישט איינער פון די אויבעראַממערגאַוער פאַרברענגט דעמאָלט שלאָפלאָזע, אומרואיקע נעכט. מיט דער גרעסטער שפּאַנונג פאַר־זאַמלט מען זיך אַרום דעם קליינעם ראָטהויז, וואו עס ווערט ענדלעך אַרויסגעהאָנגען דער צעטל מיט די נעמען פון די גליקלעכע, אויף וועמען ס׳איז אויסגעפאַלן דער גורל אויסגעקליבן צו ווערן. צום ערשט ווערן באַקאַנט געמאַכט די נעמען פון די שפּילערס פאַר די ראָלן פון קריסטוס, דער פראַלאַג, פּעטער, יהודה, מאַריאַ און מאַג־דאַלענאַ. שפּעטער ערשט — די נעמען פון קאַיאַפוס, פּילאַטוס, אַננאַס, הורדוס א. אַ. וו. אויך די נעמען פון דעם רעזשיסאָר, דיריגענט און זייערע געהילפן.

דאָס זיינען טעג פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט אין אויבער־אַממערגאַו. טעג פון דערפילטע באַהאַלטענע האָפענונגען, און ביי־טערע, נשמה־צערייסנדיקע אַנטוישונגען; טעג, אין וועלכע דער, וואָס האָט אין דער לעצטער פּאַסיאָנס־שפּיל אָנטייל גענומען בלויז אַלס איינער פון פאָלק, איז איצט אויסגעקליבן געוואָרן צו שפּילן די פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע פון קאַיאַפוס. דער, וואָס האָט דאָס לעצטע מאָל געשפּילט די ראָלע פון יאָהאַנעס, איז ענדלעך דער־הויבן געוואָרן צו דעם גליק פאָרצושטעלן די ראָלע פון יעזוס קריס־

טוס. אָדער פאַרקערט — דער, וואָס האָט דאָס לעצטע מאָל געגלאַנצט אין דער ראָלע פון יעזוס, איז איצט באַשטימט געוואָרן צו שפּילן די קלענערע ראָלע פון פּראַלאַג. אָדער דעם, וואָס האָט זיך פריער אַזוי אויסגעצייכנט אַלס יהודה איסקאַריאָט, איז איצט באַשטימט געוואָרן די קלענערע ראָלע פון הורדוס...

מען קען נישט זאָגן, אַז די אָממערגאַוער נעמען אויף זייערע אַנטוישונגען מיט אַ גרינג האַרץ. גאַנץ אָפט באַשטייט דאָס אוועק־נעמען די האָפענונג צו שפּילן די געחלומטע און באַליבטע ראָלע די צעטרייסלונג פון גאַנצן לעבן, און דאָס צונעמען דעם אינטערעס פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ. אַזוי זיינען באַקאַנט די פאַקטן —ווען יאָזעף מייער, דער, וואָס האָט געשפּילט קריסטוסן אין די יאָרן 1870 ביז 1890, האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז נישט אויס־געקליבן געוואָרן ווייטער צו שפּילן די ראָלע, איז ער צוזאַמענגעבראָכן, און איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט יאָהאַן לעכנער, וועלכער האָט געשפּילט די יודאַס ראָלע אין 40—1830. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט די ראָלע פאַרלוירן, איז ער געפאַלן אויף די קני, און מיט טרערן געבעטן דעם קאָמיטעט, מען זאָל אים נאָך איין מאָל דערלויבן צו שפּילן זיין יודאַס. ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט, איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן פון אַ צעבראָכן האַרץ.

אָבער די עטלעכע חדשים, וואָס גייען אוועק פון די וואַלן ביז מען טרעט צו אָנצוהויבן די פּראָבן, קילן דערוויל אָפּ די געמיטער, לעשן אָפּ די אייפערזוכט ביי די אַנטוישט־געבליבענע, און מיט אַ ריין האַרץ, און מיט דער שטענדיקער מסירת־נפש וואַרפט מען זיך אַריין אין דער שווערער אַרבעט אַרום דער צוגרייטונג פון דער פּאַ־סיאָן, און צום אַריינלעבן זיך אין די ראָלן, וואָס מען וועט דאַרפן שפּילן.

געוויינלעך וואָלטן עס אפשר די אויבעראַממערגאַוער אָפּן אַליין נישט צוגעגעבן, אָבער ס׳איז שוין אַזוי נאַטירלעך, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס דער רעליגיעזער מאָטיוו פון די פאָרשטעלונגען שפּילט ביי זיי אַזאַ שטאַרקע ראָלע, איז אָבער נאָך שטאַרקער און בולטער אין זיי דער קינסטלערישער דראַנג און דער ווילן זיך שוישפּילע־

ריש אויסצולעבן. צופיל קינסטלערישעס האָבן זיי אין זייער בלוט, צופיל אַרטיסטישע אַמביציע האָבן אין משך פון דורות אין זיך איינגעזאַפּט די נשמות פון אָט די טעפּערס, האָלץ־שניצערס, שמידן און בלעכערס. אפילו ביי זייער טאָג־טעגלעכער, טריוויאַלער אַרבעט הערן זיי דאָך נישט אויף צו חלומען און פאַנטאַזירן וועגן דעם מאָדנעם לאַקנדיקן לעבן אויף דער בינע, און דער באַוואונדערונג פון די טויזנטער און טויזנטער צושויער. איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס מען זאָגט אויף זיי, אַז די אַממערגאַוער טיילן איין און ציילן זייער לעבן אויף די 5 יאָר נאָך די פאַרגאַנגענע פּאַסיאָנס־שפּילן, די צייט ווען מען דענקט נאָך וועגן די איבערגעלעבטע טרי־אומפן, און די 5 יאָר, ווען מען גרייט זיך צו די קומענדיקע פּאַ־סיאָנס־שפּילן, און מען האָפט און חלומט וועגן פאַרשטייענדיקן דערפאָלג.

די זון שיינט הויך און ליכטיק.

דער שטאָט־זייגער אויפן ראָטהויז שלאָגט אויס 7.

דער גלאָק אויפן קירכן־טורעם צעקלינגט זיך פרום און פייער־לעך. אַ טויבער הארמאַט־שאָס צעקאָלערט זיך איבער דעם איצט אינגאַנצן אויפגעלעבטן אַממער־טאָל, און פאַרלירט זיך וווייט איבער די בערג. — דאָס איז אַ צייכן פאַר די מוזיקאַנטן און שוישפּילער, זיי זאָלן זיך אָנהויבן צוזאַמענצוקומען אין טעאַטער אריין, און אויך אַן אָנווייזונג פאַרן פּובליקום, אַז די פאָרברייטונגען צו דער פאָר־שטעלונג הויבן זיך אָן.

איינגענטלעך האָבן זיך די פאָרברייטונגען שוין אָנגעהויבן נאָך נעכטן פאַרנאַכט, ווען איך בין צוזאַמען מיט די טויזנטער אָנגע־פאָרענע געסט אָנגעקומען קיין אויבעראַממערגאַו. מיר זיינען געקומען מיט אַ טאָג פריער, כדי זיך אויסצורוען די נאַכט און אויפשטיין מיטן טאָג גלייך צו דער פאָרשטעלונג, וואָס הויבט זיך אָן אַכט אַזיי־גער אין דער פרי, און דויערט דעם גאַנצן טאָג ביזן אָוונט. מיין פאַר־וואונדערונג און איבערראַשונג האָט זיך אָנגעהויבן באַלד ביי דער קליינער באַן־סטאַנציע, וואו עס האָבן אונז אָפּגעוואַרט און געהאָלפן

אויסשטייגן די באַן-טרעגער אין די קורצע, גרינע טיראָלער הויזן און רויטע היטלען פון באַן־באַדינער מיט פּנימער פון אַפּאָסטאָלן און הייליקע. שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן דער מאָדנער געמיש. דאָס זיינען די אויבעראַממערגאַוער, וואָס נעמען אָנטייל אין פּאַסיאָנס־שפּיל אַלס סטאַטיסטן און קלענערע ראָליסטן, און דערביי האָבן זיי אויך די עובדא צו באַדינען די אָנגעקומענע געסט ביים באַן. פּונקט ווי די מער פּאַרמעגלעכע שפּילערס האָבן, אַחוץ דער אויספירונג פון זייערע ראָלן, אויך די אויפגאַבע איינצוקוואַרטירן די געסט ביי זיך אין די הייזער און זאָרגן פאַר זייער באַקוועמלעכקייט. נאָכדעם ווי מען האָט אונז פאַנאַנדערגעפירט אויף אונזערע נאַכטלעגערס און מיר האָבן אָפּגעגעסן דעם ערשטן אויבעראַממערגאַוער פרייערשן מאָל־צייט, האָט אונז אויך אַזאַ ענלעכער הארמאַט־שאָס גערופן אין מאַרק אַרוים, וואו דער פּאַסיאָנס־אָרקעסטער פון איבער 50 מאַן, אָן דער שפּיץ פון אַ פּראָצעסיע פּאַסיאָנס-אָנטיילנעמער, האָבן מאַרשירט אַי־בער די קליינע געסלעך אַרום דעם גאַנצן דאָרף. ס'איז געווען אַ מערקווירדיקע פּראָצעסיע, וואָס האָט אין דער פּאַרנאַכטיקער שקיעה געוועקט אַזוי פיל ערנסטע דערוואַרטונג. און די גאַנצע נאַכט נאָכ־דעם איז אַריבער אין עפּעס אַ מאָדנער פרומער צוגרייטונג צום מאָרגנדיקן טאָג, ווען עס שטייט פאַר איבערצולעבן עפּעס גרויסעס און אויסערגעוויינלעכס.

איצט אָבער איז שוין אַ שעה פאַר דער פאָרשטעלונג. דאָס אויסגעפּוצטע דערפל און די מיט פרעסקן־באַצירטע הייזלעך שיינען יום־טובדיק. די געסלעך הויבן אָן צו ווערן באַלעבטער. די מענטשן באַוועגטער. מיט ערנסטע, פרומע פּנימער גייען די לאַנג־האָריקע, ברוין־פּנימדיקע שוישפּילער איבערן וועג, וואָס פירט צום טעאַטער־פּלאַץ. גרופּנווייז, משפּחהווייז גייען זיי, אָט די מערקווערדיקע אויבער־אַממערגאַוער, — מענער, פרויען און קינדער. נישטאָ קיין איין פאַ־מיליע אין דאָרף, וועמענס צוויי, דריי אָדער פיר מיטגלידער זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין דעם פּאַסיאָנס־שפּיל. אַ מאָדנער באַהאַל־טענער שטאָלץ און ערנסטע זעלבסט-זיכערקייט איז אויסגעגאָסן איבער זייערע פּנימער און אויגן. און פּונקט אַזוי ערנסט און פרום איז דאָס אויסזען פון די טויזנטער טוריסטן־געסט, וואָס שטראָמען איצט אין

טעאטער אריין בייצוואוואינען די פֿאָרשטעלונג, וואָס מען קען זען נאָר אפשר איין מאָל אין לעבן.

די רחבותדיק־גרויסע, האָלע־אַרטיקע טעאַטער־געביידע געפינט זיך אויפֿן סאַמע עק דאָרף ביים פוס פון לאַבער־באַרג, און דאָמינירט מיט איר הויכקייט און אימפּאָזאַנטקייט איבער דעם גאַנצן דאָרף. דריי זייטן אירע זיינען פאַרמאַכט און געשיצט פאַרן רעגן. די פערטע זייט איז אָפן — אַקעגן איר איז אויסגעבויט די אויסערגעוויינלעך גרויסע בינע, וואָס געפינט זיך אונטערן פרייען הימל, אַרומגעהילט מיט די גרין־גלאַנציקע בערג אַלס הינטערגרונט.

אין די גאָר אַלטע צייטן פלעגן, ווי אומעטום אין אייראָפּע, די אויבעראַממערגאַוער פּאַסיאָנס־שפּילן געגעבן ווערן אין דער אַלטער קירכע, וואָס געפינט זיך אויף דעם צווייטן עק דאָרף. שפּעטער פלעגט די שפּיל פאָרקומען אין הויף פון דער קירכע, און דער אָפענער פּלאַץ אַרום האָט געדינט צום שטיין פאַרן פאַרזאַמלטן פּובליקום. ווען די פאָרשטעלונגען זיינען געוואָרן פּאָפּולערער און האָבן אָנגעהויבן צוציען אַ סך באַזוכער פון די אַרומיקע דערפער, איז שוין נויטיק געווען אָפּצוזוכן די פּלעצער אַרום און איינאָרדענען הילצערנע בענק צום זיצן. וויל מען האָט שוין נישט געקענט אריינגעמען דאָס פאַרזאַמלטע פּובליקום אין איין מאָל, איז נויטיק געוואָרן די שפּילן איבערצוחזרן עטלעכע מאָל, אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד. ערשט אין 1830, ווען די אַממערגאַוער פּאַסיאָנס־שפּילן זיינען שוין געוואָרן וועלט־באַרימט, און צענדליקער טויזנטער באַזוכער פון אַלע עקן וועלט האָבן אָנגעהויבן אריינצושטראָמען אין דעם קליינעם דערפל, האָט מען די פאָרשטעלונגען איבערגעטראָגן אויף דעם איצטיקן פּאַסיאָנס־שפּיל־פּלאַץ אין אָפענעם פעלד, וואו ס׳איז פאַר דעם צוועק אויסגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעלער טעאַטער. די איצטיקע געביידע איז אויסגע־בויט געוואָרן נישט לאַנג צוריק, און איז באַזאָרגט מיט אַלע מעג־לעכע באַוואָרענישן קעגן פייער און רעגן. זי נעמט אריין 5208 מענטשן. אָבער וויל די צאָל באַזוכער איז אומגעהייער גרויס, קומען די פאָרשטעלונגען פאָר די גאַנצע דריי זומער־חדשים, יעדן צווייטן טאָג. די פּראָפיטן פון די פאָרשטעלונגען גייען מערסטנטיילס פאַר די געברויכן פון דעם דאָרף: פאַר אויסבעסערן די וועגן, פאַר דער

איינצוימונג פון דעם בארג־טייך, די „לאינע", וואָס מאכט גאנץ אָפט חורבנות אין דערפל, פאר דעם אויפהאלטן די האָליץ־שניצעריי־שול, וואָס איז דער וויכטיקסטער צענטער פון אויבעראמערגאוער וועלטלעכן, טאָג־טעגלעכן לעבן. בלויז א פארהעלטניסמעסיק קליינער טייל גייט אלס האָנאָראר פאר די שוישפילער, וועמען עס קומט אויס צו פארנאכלעסיקן זייער ארבעט חדשים־לאנג בשעתן איינשטודירן די פאָרשטעלונגען, און בשעת די לאנגע וואָכן פון שפילן, ווען יעדע פריוואטע ארבעט הערט אויף. גאנץ אָפט פאסירט, אז דער שוי־שפילער מוז זיין גאנצן פארדינטן האָנאָראר אויסגעבן אויף דאָקטוירים און מעדיצינען זיך צו היילן, ווען ער ווערט קראנק און פארקילט זיך ביים שפילן אין שלאקס־רעגן אונטערן פרייען הימל.

דער פיין־אויסגעצירטער פאסיאָנס־שפיל־פלאץ איז געפאקט. און וואָס פאר אַן אויסערגעוויינלעך אימפאָזאנט בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פארזאמלטע פובליקום. מענטשן פון אלע לענדער און ראסן. אָט די צוויי געל־הויטיקע כינעזישע מיידלעך. מעגלעך, אז יאָרנלאנג האָבן זיי פון מאָגערע פארדינסטן געשפאָרט און געזאמלט כדי צו קענען פאָרן און בייוואוינען א פאָרשטעלונג פון דער פאסיאָנס־שפיל. און דער נעגערישער גלח. אזש פון וויטן, זוניקן אפריקע איז ער אהער געקומען, כדי צו לאָזן ציטערן זיין הארץ ביי דער פאסיאָנס־שפיל. און דער בלאס־פנימדיקער פאריזער מאָלער, און די עלעגאנט־פארפוצטע ניו־יאָרקער סטודענטקע. אלע זיינען זיי אהער געקומען באוואוינגן פון איין דראנג און באלעבט פון איין אימפולס.

און ווידער אמאָל צעטראָגט זיך דער טויבער הארמאט־שאָס איבערן טאָל און דאָרף. דער צווייטער צייכן, אז די פאָרשטעלונג פאנגט זיך באלד אָן. דער עולם הויבט אָן אריינשטראָמען אין טעא־טער אריין דורך די פארשיידענע זייטיקע טירן, און פארנעמען די ערטער.

פאר די אויגן גיט א בליאסק די העל־גאָלדענע ליכטיקייט, אין וועלכער עס באָדט זיך די אויס קאָנקריט געבויטע בינע אנטקעגן דעם אָפענעם בויגען פון טעאטער־זאל. ס'איז די וואונדערלעכסטע איינ־ריכטונג פאר א טעאטער־שפיל, וואָס מיר איז נאָך ווען אויסגעקומען צו זען. דער מיט קאָנקריט באפלאסטערטער פראָסצעניום, וואָס ציט

זיך ביזן טעאַטער־זאַל אַריין, איז אומגעהייער גרויס. עס דאַרפן זיך דאָך אויף אים באַוועגן און שפּילן ביז טויזנט מענטשן. די פּערמאַנענט אויסגעבויטע דעקאָראַציע באַשטייט פון דריי טיילן. דער מיטלסטער טייל, אין וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ די אינעווייניקסטע סצענעס און די לעבעדיקע בילדער. ער איז איצט פאַרמאַכט מיט אַ בראָנז־קאָלירטן אייזערנעם פאָרהאַנג. פון ביידע זייטן בילדן צוויי אָפּענע אַרקעס די גאַסן, וואָס פירן אַוועק אין דער ווייטקייט פון ירושלים. לעבן זיי ציען זיך די צוויי זייטיקע בינע־טיילן, וואָס שטעלן פאָר צוויי פאַסאַדן צו פּאַלאַצן מיט בראָנזענע טויערן, קאָלאָנעס און רונדיקע טרעפּן, אויף וועלכע עס שפּילן זיך אָפּ די סצענעס ביים אַריינגאַנג צו אַננאַסעס הויז, און די סצענעס פאַר דעם פּאַלאַץ פון דעם רוימישן שטאָט־האַלטער פּילאַטוס. קיין עלעקטרישע באַלייכטונגס־איינריכטונגען זיינען אויף דער בינע נישטאָ, ווייל מען באַדינט זיך ביים שפּילן בלויז מיטן נאַטירלעכן טאָג־ליכט. די דעקאָראַציע בלייבט אַזוי אומפאַרענדערט דורך דער גאַנצער שפּיל־צייט. בלויז אין דער מיטל־בינע ווערן געביטן די אינערלעכע הינטערגרונטן פאַר די פאַרשיידענע צענדליקער סצענעס און לעבעדיקע בילדער, אין וועלכע די שפּיל איז איינגעטיילט. און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן, כמעט כישופדיקן הינטערגרונט שאַפן די פאַרשיידנפאַרביקע, אין גרינקייט זיך מיניענדיקע בערג, און דער טיף־בלאָער, כמעט דורכזיכטיקער הימל פון אויבן. פייגל פליען אַרום איבער דער אָפענער בינע און פילן אָן דעם גאַנצן זאַל מיט זייער צוויטשעריי. די בוימער־שפּיצן, וואָס דערהויבן זיך פון הינטער די דעקאָראַציע־ווענט, וויגן
זיך אין לייכטן ווינט.

און פאַרוואָס שטערט מיר נישט אָט דער אויסטערלישער געמיש פון די נאַטירלעכע בוימער און בערג, מיט דער קינסטלעך־אויפגעבויטער דעקאָראַציע, וואָס דאַרף פאָרשטעלן די שטאָט ירושלים?

איך דערמאָן זיך אָן דעם אויסזען פון דער בינע פאַר די פריערדיקע פּאַסיאָנס־שפּילן, וואָס איז מיר באַקאַנט פון די בילדער. יענע האָט גיכער דערמאָנט אָן דער רענעסאַנס־בינע פון „טעאַטראָ אָלימפּיקאָ" אין וויצענץ, מיט אירע באַפּוצונגען און געזימסן. די היינטיקע בינע איז אַ סך פּשוטער און איינפאַכער, אָן שום באַפּוצונגען, און

דערפאַר אויך קינסטלערישער. זי איז אויסגעבויט געוואָרן ספּעציעל פאַר דער 1930־אויפפירונג לויט די צייכנונגען פון געאָרג לאַנג, דעם רעזשיסאָר און אויפפירער פון פּאַסיאָנס־שפּיל. לויט ווי געאָרג לאַנג האָט מיר דערקלערט, אין מיין געשפּרעך מיט אים, האָט ער די סימפּליפיצירונג געפאָדערט, ווייל זי פּאַסט מער פאַר דעם גאַנצן היינטצייטיקערן סטיל, וואָס ער האָט דער אויפפירונג געגעבן.

און מיט אַמאָל —

די מוזיק שאַלט אויף. אַ ציטער לויפט דורך דעם געפּאַקטן זאַל. אַלע קעפּ ציען זיך אַהין צו דעם פרייען, אין זון־פאַרפלייצטן, בינע־רוים. מען פילט ווי יעדער האַלט איין דעם אָטעם, ווי די הערצער שטאַרבן אָפּ. די טויערן פון דער מיטל־בינע עפענען זיך. פון ביידע זייטן פּראָסצעניום־גענג הויבן זיך אָן צו ווייזן די הויכע, שלאַנקע פיגורן פון דעם כאָר אין ווייס־בלאָע מאַנטלען. לאַנגזאַם, ריטמיש באַוועגן זיך די צוויי כאָריסטן־שורות צו דער מיט בינע און שטעלן זיך אויס איבערן פּראָסצעניום אין אַ גלייכער ריי. אין צענטער, צווישן זיי, איז אַנטאָן לאַנג, אַט דער בכבודיקער, פאַרדינסטפולער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט זייט דריי צענדליק יאָרן מיט זיין עכט קינסטלערישן שפּילן פון דער קריסטוס־ראָלע. היינטיקס מאָל האָט ער די ראָלע געמוזט אָפּטרעטן דעם יונגערן אַלואַז לאַנג, און ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו שפּילן דעם פּראָלאָג. די מוזיק־טענער, וואָס קומען איצט אַרויף פון אונטער דער בינע, וואו דער אָרקעסטער געפינט זיך, רופן, וואָרנען און וועקן. —

אָט דאָ וועט זיך באַלד אָפּשפּילן אפשר די מענטשלעכסטע, די אייביקע טראַגעדיע. די טראַגעדיע, וואָס ציט זיך דורך דורות און צייטן.

דער כאָר הויבט אָן:

איך וויל נישט — זאָגט גאָט —
דעם טויט פון דעם רשע.
איך וועל פאַרגעבן. ער וועט לעבן.

דער פּראָלאָג באַגריסט די צושויער און בעט זיי צו זיין אויפמערקזאַם, און אויפנעמען די שפּיל מיטן גאַנצן האַרצן.

ווי האַרציק־ווייך און העל־קלינגענדיק איז נאָך לאַנגס שטימע. וויפיל ווירדע און זעלבסטבאַוואוסטזיין איז דאָ אין זיין פּאָרטראָג. די מוזיק און דאָס כאָר־געזאַנג קלינגען טראַגיש פאַרקלערט, און אומרואיקע דערוואַרטונג הילט איין אַלץ אַרום, ווען דער כאָר פאַר־לאָזט די בינע, אַוועקגייענדיק ריטמיש צוריק דורך די זייטן־גענג.

אָבער דאָס דויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע. עס בייט זיך די שטימונג. פרייליך און האָפערדיק שפּילט־אויף די מוזיק. פרייזנדיק און לויבנדיק. עס הויבט זיך אָן דער אַריינמאַרש קיין ירושלים. פון אַלע זייטן דערשיינען זיי, די הונדערטער שוישפּילער. פון דער גאַר־ווייטער ווייטקייט, דורך די זייטן־גאַסן, דורך דער איצט־אָפענער מיטל־בינע שטראָמען זיי און פאַרפלייצן דעם פּראָסצעניום, יובלענדיק און שאַלנדיק, אין די וואונדערלעכסטע פאַרקליידונגען, מיט די לולבים אין די הענט. פריש ציען אַריין די טאַנצנדיקע, פּיטאָרעסקע קינדער־גרופּעס, וואָס פילן־אָן אַלע ווינקעלעך און זייטן־טרעפּן. דאַן קומען די דערוואַקסענע מיט די גליקלעך־שטראַלנדיקע פּנימער, און העל־קלינגענדיקע באַגריסונגען. און צווישן זיי, אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים, שטייגט דער נאַזאַרעער מיט דעם רחמנות־פולן פּנים, איבער די טרעפּן פון היכל, פאַריאָגט פון דאָרט די הענדלער, און רייניקט אָפּ גאָטס הויז.

עס הויבט זיך אָן אַ טעאַטער־שפּיל, וואָס איך האָב נאָך קיינ־מאָל אַזעלכעס נישט געזען. איך גלויב קוים מיינע אויגן. זיינען דאָס געוויינלעכע פּויערן, אָדער העכסט געשולטע קינסטלער־שוישפּילער? כ'האָב זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, ס'זאָל מעגלעך זיין צונויפצונעמען אַזאַ אומגעהייערע מאַסע פון אַזעלכע געקליבענע שלאַנקע פיגורן, מיט אַזעלכע העל־קלינגענדיקע שטימען. און ווי זיי באַוועגן זיך. און וויפל האַרץ און נשמה ווערט אַריינגעלייגט אין יעדער סצענע אָדער ראָלע. ס'הויבט מיר אָן קלאָר ווערן, אַז דאָס קען מען נישט אויסלערנען. אַזאַ פאָרשטעלונג קען מען בלויז אָרגאַניזירן, אָבער נאָר דעמאָלסט, ווען מען האָט פאַר זיך אַזאַ אויס־דערוויילטן מענטשן־מאַטעריאַל, ביי וועמען דער היסטאָריאָנישער טריב איז איינגעבוירן זינט דור דורות, און וועלכער ווערט אַרומ־געכאַפּט פון איין גרויסן רעליגיעז־קינסטלערישן דראַנג. עס ווערט

רירנדיק צו זען אַט די פּשוטע, ערלעכע דאָרף־איינוואוינער שפּילן. וויפל טיפע איבערצייגונג און אויפריכטיקער פּאַטאָס איז דאָ אין זייערע אויסגעשרייען. דאָס איז ריינע, נישט־געקינצלטע טעאַטער־שפּיל, וואָס קוועלט פון טיפער אינערלעכקייט. נאָר קינסטלער אין לעבן, ווי זיי זיינען עס, קענען האָבן אַזוי פול חוש פאַר בילדלעכ־קייט און פּאָזע. יעדע גרופּע איז אַ פּרעכטיק טעאַטער־בילד, וואָס דערמאָנט לויט דעם קאָליר און שטעלונג די בילדער פון פייערבאַך, אָדער גאַבריעל מאַרק. זייערע שטימען — שטימען פון פעלד און באַרג־מענטשן — קלינגען אַזוי העל און שטאַרק איבער דעם ריזיקן אווידיטאָריום.

איך פאַרגעס אָן דעם אינהאַלט פון דעם, וואָס ווערט גע־שפּילט, און ווער אינגאַנצן פאַרשיכורט פון דעם ריזיקן, מעכטיקן טעאַטער־שטראָם, וואָס רייסט זיך פון דער בינע אַראָפּ. וויפל שויי־שפּילערישע דיסטינגירטקייט איז דאָ אין דעם יונגן אַלואַז לאַנג, וועלכער שפּילט איצט צום ערשטן מאָל די קריסטוס־ראָלע. וויפל פיינע, אויסגעהאַלטענע פּאָזע און רואיקע זעלבטבאַהערשונג איז דאָ אין זיין גאַנצער שלאַנקער פיגור. וויפל טרויער אין דעם צאַרטן פּנים אַרומגערונגלט מיט דער טונקעלער באָרד און געוועלבטע האָר. ער איז נישט אַזוי צאַרט בלאָנד, ווי עס פּלעגט זיין דער קריסטוס פון אַנטאָן לאַנג. מיט זיין טונקלקייט דערמאָנט ער מער די שפּאַנישע קריסטוס־טיפּן. עס איז אָבער דאָ אַזוי פיל מילדע צאַרטקייט אין זיין שטימע, און אַזוי פיל קלאָרקייט אין זיין שפּילן.

און אַט איז יהודה איש־קריות, געשפּילט שוין צום צווייטן מאָל דורך גווידאָ מייער. וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעך שוישפּי־לערישער טאַלאַנט דאָס איז. וואָס פאַר אַ רייכע מימיק און זעל־טענע רירעוודיקייט באַזיצט זיין פּנים. וואָס פאַר אַ טראַגישע נאָטן אין זיין גאַנצן שפּילן. די גאַנצע צייט האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון געפיל, אַז סיי לויט זיין פיגור און אויסזען, און סיי לויט דעם גאַנצן אופן פון איבערלעבן זיין ראָלע, פאַרמאָגט ער עפּעס ענלעכעס צו אונזער ערשט פאַרשטאָרבענעם טראַגישן שוישפּילער רודאָלף שילדקרויט.

און אזוי כסדר — פּעטער, יאָהאַן, קאַיאַפוס. וואונדערלעכע בינע־פיגורן, און זעלטענע שוישפּילערישע שאַפונגען.

און עס ציט זיך אַלץ אָט די זעלטענע, אויסערגעוויינלעכע טעאַטער־שפּיל, אויף דער פרייער נאַטור, אונטער דער וואונדערלעכסטער באַלויכטונג, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן אין אַ טעאַטער. די זון שאַפט אַזעלכע וואונדערלעכע ליכט־קאָמבינאַציעס, וואָס וואָלטן קוים דורך אַן ערשט־קלאַסיקן בינע־באַלייכטער געקענט אויסגעקלערט ווערן. אָט צעלייגט זיך דער אַלכסונדיקער זון־פּראָזשעקטאָר איבער דער האַלבער בינע, דאָרט וואו יעזוס פירט זיין סצענע מיט די אַנטציקטע תּלמידים, און יהודה בלייבט אין שאָטן, וואָס הילט איין די צווייטע האַלבע בינע. אָט העלט אויף דער זוניקער ליכט־פלעק פּונקט אין צענטער פּראָסצעניום, דאָרט וואו יעזוס שפּילט די סצענע פון צעשיידן זיך מיט דער מוטער. און אָט גאָר ווערט די זון אַביסל פאַרשאָטנט, ווען אין דעם אינערן פון דער מיטל־בינע שפּילט זיך אָפּ דאָס שטיל־פאַרטראַכטע בילד פון „לעצטן מאָלצייט". דער הימל איבער דער סצענע איז בלוי־לויטער, באַצירט מיט אַזעלכע צאַרטע, ירושלימדיקע וואָלקנדלעך. דער לייכטער ווינט באַוועגט די קליידער און די האָר פון די שוישפּילער, און העלפט מיט צו שאַפן אָט דעם וואונדערבאַרן געמיש פון נאַטירלעכקייט און טעאַטער־שפּיל.

און שעה נאָך שעה פאַרגייט אומבאַמערקט. סצענע נאָך סצענע אַנטוויקלט זיך.

בילד נאָך בילד שפּילט זיך אָפּ. פון פּראָסצעניום טראָגט זיך די האַנדלונג אַריבער אין מיטלסטן בינע־בילד. פון דאָרט באַלד אויף די זייטן־טרעפּ, און ווידער צוריק אין אַ דורכגאַנג צו אַ גאַס. די פּאַסיאָנס־שפּיל פאַרמאָגט זעכצן אַקטן, וועלכע זיינען דורכגעפלאָכטן מיט 24 לעבעדיקע בילדער, שטיל־שטייענדיקע טאַבלאָס. די טאַבלאָס זיינען סצענעס פון אַלטן טעסטאַמענט, און דינען ווי אַן אַלעגאָרישע אילוסטרירונג פאַר דער האַנדלונג, וואָס אַנטוויקלט זיך. אַזוי, למשל, פאַר דער סצענע, ווען די פּאָלקס־מאַסן, אויפגעהעצט דורך די הענדלער און פּרושים, וואָס ווערן דורך יעזוסן פאַרטריבן פון בית־המקדש, הויבן זיך אָן אָפּצוקערן פון יעזוסן, ווייזט זיך דאָס לעבעדיקע בילד „די ברידער באַשליסן פּטור צו ווערן פון יוספן". פאַר דער סצענע

פון „לעצטן מאַלצייט״ ווערט געוויזן דאָס לעבעדיקע בילד „מן אין דער מדבר״. דער אָנהויב פון יעזוסעס לײַדן ווערט געשפּילט נאָך דעם לעבעדיקן בילד „אדם עסט זײַן ערשט מאַלצייט אין שווייס פון זײַן פּנים״ א. אַ. וו.

דער טעקסט פון דער אויבעראַממערגאַוער אויפפירונג איז שוין נישט דער זעלביקער, ווי אין די אַמאָליקע מיטל־אַלטערלעכע פּאַסיאָנס־שפּילן. ער איז שוין עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן. צום ערשטן מאָל האָט דער גייסטלעכער אָטטמאַר ווייס, אַליין אַ זון פון די בייערישע בערג, פּרובירט מאָדערניזירן די פּאַסיאָנס־שפּיל אין 1810. ער איז נישט קיין סך אָוועקגעגאַנגען פון דער נאַאיוויטעט און פּרימיטיוקייט פון דעם אַלטן טעקסט. אָבער פאַרמאַגנדיק אַליין אַ פּאָעטישע נאַטור, און באַזיצנדיק אַ שטאַרקן חוש פאַר דראַמאַ־טישן, האָט ער נישט געוויזן קריסטוסן אַלס לײַדנדיקן פון אָנהויב אָן. פאַרקערט, ער ווייזט אים פריער אין זײַן גלאַנץ, ווען דאָס פאָלק יובלט אַרום אים, און טיילט אים צו דעם כבוד פון אַ קעניג, כדי נאָך שטאַרקער צו מאַכן די דראַמע אַרום אים, ווען דאָס זעלבע פאָלק זאָגט זיך פון אים אָפּ און פאַרשטויסט אים.

אין 1845 האָט דער אויבעראַממערגאַוער פּאַסטאָר יאָזעף דייַ־זיבערגער באַאַרבעט דעם טעקסט פון ווייס. ער האָט געקירצט געוויסע מאָנאָלאָגן, געענדערט געוויסע פאַרעלטערטע אויסדרוקן, און באַ־פרייט אים אינגאַנצן פון די מיטל־אַלטערלעכע דערבעעלעמענטן. אַזוי, אַז אין היינטיקן טעקסט איז שוין די קאָמישע פיגור פון טייוול נישט פאַראַן. אויך די ראָלע פון „יודאַס״ (יהודה איש־קריות) איז שוין נישט קיין קאָמישע. ער רופט שוין נישט, ווי אַמאָל, אַרויס צו זיך קיין שפּאָט און געלעכטער. פאַרקערט, ער איז אַ טיף־טראַגישע און ציימנווייז העכסט־סימפּאַטישע פיגור.

די אָריגינעלע מוזיק צום שפּיל איז געשאַפן אין 1811 פון ראָכוס דעדלער — אַן אויבעראַממערגאַוער, אויסערגעוויינלעך־באַ־גאַבטער מוזיקער. זי איז אָבער מאָדערניזירט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער איצטיקער פּאַסיאָנס־פאָרם דורך פּראָפעסאָר זענאָ דיעמער, וועלכער איז געוועזן שטאַרק אונטער מאָצאַרטס איינפלוס.

און ווי שיין־צונעפּאַסט קלינגט די מוזיק יעדעס מאָל, ווען זי דאַרף אילוסטרירן אַן עפּיזאָד, צי ווען זי שאַלט־אויף פּאַר אַן אַקט־איבערבייט, אָדער סצענע־ענדערונג, צוזאַמען מיטן כאָר, וואָס דערשיינט תמיד, ווי אין דער גריכישער טראַגעדיע, אַנצוזאָגן וועגן דעם נייעם אָנקומענדיקן אומגליק.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די האַנדלונג דויערט לאַנג, פּאָלגט מען נאָך אין טעאַטער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַט די באַ־קאַנטע טראַגישע סצענעס, וואָס ווערן דורך די אויבעראַמערגאַוער פאַרגעטראָגן מיט אַזוי פיל אויסדרוק און אימפּאָזאַנטקייט. מיט דעם אַוועקפירן קריסטוסן נאָך זיין אַרעסטירונג אין דעם גאָרטן פון געטסעמאַנע, ענדיקט זיך די ערשטע האַלבע שפּיל־צייט. ס'איז האַלבער טאָג, און די שפּיל ווערט איבערגעריסן, כדי זיך אָפּצורוען פון דער אָנגעשטרענגטקייט און נאָכצוטראַכטן איבער דעם געזעענעם.

די צווייטע טייל פון דער פאָרשטעלונג, וואָס הויבט זיך ווי־דער אָן צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, רופט אַרויס נאָך אַ גרעסערע פאַראינטערעסירונג און שפּאַנונג. זי פאַרשלינגט פּשוט מיט איר גראַנדיעזקייט. זי פאַרטויבט אַלע אַנדערע חושים, און לאָזט בלויז פריי דעם חוש פאַרן דראַמאַטישן, פאַרן טראַגישן. אויב די ערשטע, פרימאָרגנדיקע, טייל האָט נאָך געהאַט אין זיך לירישע־צאַרטע, פּאָ־עטיש־לויטערע מאָמענטן, איז דער גאַנצער צווייטער טייל פאַרכאַפּנ־דיק בלויז דורך די דערשיטערנדיקע פּאַסירונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט מיט אַ פּאַטאַלער דינאַמישקייט. דאָס שפּילן פון די דאָרפס־לייט־פויערן ווערט אָנגעשטרענגטער און טעאַטראַליש־דראַמאַטישער. די בינע ווערט פול מיט די ווייטוטיקע קלאַנגען פון יודאַשס חרטה און מיט די שטורעמישע אויסגעשרייען פון דער אויפגעבראַוזטער מאַסע, וואָס פאָדערט אַצינד זייער לערערס טויט. און אויך יעזוסעס שפּילן ווערט טיפער און אינערלעך־אָנגעשטרענגטער. ער רעדט שוין איצט כמעט נישט. שווייגנדיק, מיט צוזאַמענגעלייגטע, געבונדענע הענט, לאָזט ער זיך פירן פון דער פאַרזאַמלונג פון די סנהדרין צו פּילאַטוסן און הורדוסן. בלויז זיין שלאַנקע פיגור און גלאַנציק־

שיינענדיקע אויגן דריקן אויס אזוי פיל פעסטקייט און אינערלעכע זיכערקייט.

אָבער וואָס איז דאָס? —

וואו איז פאַרשוואונדן די זון? פאַרוואָס ליגט איבער דער גאַנצער בינע אַזאַ דריקנדיקע טונקלקייט? וואו איז אַהינגעקומען די הימל־קלאָרקייט? פאַרוואָס זאַמלען זיך אַזעלכע שווערע, כמורנע וואָלקנס?

זאָל עס מעגלעך זיין?

כ׳האָב אָפּט געלייענט, אַז אפילו די נאַטור העלפט מיט די אויבעראַממערגאַוער אין זייער פּאַסיאָנס־שפּיל. זאָל עס זיין מער ווי בלויז די פאַנטאַזיע פון אַ באַגייסטערטן באַשרייבער?

אַ העלער בליץ שניידט דורך דעם הימל, און אַ וואָרענדיקער דונער הילכט אָפּ אַלס ענטפער. יאָ, ס׳איז נישט קיין פאַנטאַזיע. ס׳איז אַ טעאַטער־וואונדער, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר מיינע אויגן. דער פרייער הימל און די אַרומיקע נאַטור ענטפערן אָפּ אויף די טראַגישע געשעענישן, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט אויף דער אָפענער בינע. עס צעשפּילט זיך אַ שווערער, שוואַרצער שטורעם, וואָס שאַפט, צוזאַמען מיט די איצט־טונקעלע און דראָענדיקע בערג, דעם וואונדערלעכסטן הינטערגרונט און אַקציע־באַגלייטונג, וואָס מען קען ווען עס־איז זען ביי אַ פאָרשטעלונג. דאָס אַרויסגעבן פון די סנהדרין דעם טויט־אורטייל איבער קריסטוסן קומט פאָר אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דונערן און בליצן. יהודהס חרטה און די סצענע, ווען ער הענגט זיך, שפּילט זיך אָפּ אין האַלב־פינצטערניש, אונטער דעם גערויש פון דעם ערשטן רעגן־געקלאַפּעריי. אָבער דער קלימאַקס ווערט דערגרייכט אין דער סצענע פאַר פּילאַטוס הויז, ווען דאָס פאָלק קומט אָפּשלאָגן אַלע טענות קעגן דעם, מען זאָל יעזוסן נישט איבערגעבן צום טויט. עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלאַקס־רעגן, וועלכער הילט איין די שפּילנדיקע אַקטיאָרן און די אויפגעהעצטע מאַסע. עס גיסט אַ מבול. דאָס פּובליקום אין טעאַטער קאָרטשעט זיך צונויף, די הערצער ווערן צוזאַמענגעדריקט. אָבער אויף דער בינע טרעט קיינער נישט אָפּ. קיינער פון די אָנטיילנעמער פאַרלאָזט נישט זיין פּלאַץ. פאַרקערט, וואָס שטאַרקער עס ווערט דער רעגן, אַלץ אויפ־

געברויזטער ווערט די שפּילנדיקע מאַסע. וואָס פינצטערער עס ווערט די לופט אַרום, אַלץ העלער הילכן זייערע אויסגעשרייען. יעדער דונער פון די אַרומיקע בערג ווערט אָפּגעענטפערט מיט אַ נייעם אויפשטורעם פון די זיך באַוועגנדיקע שפּילערס. יעדער דורכשניידנדיקער פייעריקער בליץ ווערט אָפּגעענטפערט מיט אַ שאַרפערן אויפלויכט פון זייער כעס און אויסברוך. און עס באַקומט זיך די אימפּאָזאַנטסטע מאַסן־סצענע, וואָס איך האָב ווען־עס־איז געזען. טויזנט העלזער שטורעמען און שרייען איבער דעם מבול־רעגן. צוויי טויזנט הענט פּאָכען און דראָען, און ווילן איבערשפּילן די נאַטור. ס'איז שטורעם קעגן שטורעם. שטורעם מיט שטורעם. אַלץ מישט זיך צוזאַמען. די צעשפּילטע אַקטיאָרישע געמיטער; דער שרעק און פּחד אין די הערצער פון די צושויער; די צעוויגטע, צעשמיסענע בוימער אַרום דער בינע; די חושכדיקע, לויערנדיקע באַרג־שפּיצן איבער די קעפּ אַנטקעגן. און איך הער אויף צו וויסן: וואָס איז דאָ? וואָס קומט דאָ פאָר? איז עס בלויז אַ טעאַטער־שפּיל? איז עס ווירקלעכקייט? — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביסלעכווייז גייט דער שטורעם אַריבער. עס הויבט זיך אָן אויסצולייטערן. די דראַמע אויף דער בינע ווערט ווידער דערהויבענער און לייכטער. דאָס בילד פון פירן צו דער גאָלגאָטאַ איז וויידער מאָלעריש־פאַרביק און מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, ווען די פּראָצעסיע מיטן קרייץ־טרעגער גייט פון פּראָסצעניום אַריין אין דער מיטל־בינע, וואו עס זיינען אויפגעשטעלט די צוויי זייטיקע קרייצן.

די סצענע פון תחית־המתים־אויפשטיין און די גלאָריפיצירונג שפּילן זיך אָפּ אונטער דעם ווידער אויסגעלייטערטן הימל, ביים געדעמפטן ליכט פון פאַרנאַכטיקן זון־פאַרגאַנג.

אונטער די העלע טענער פון דער צום גלויבן־רופנדיקער מוזיק און די שאַלנדיקע הימנען פון דעם פרייזנדיקן כאָר, ענדיקט זיך די פאָרשטעלונג, און מיט דערלויכטענע געמיטער צעגייט מען זיך פון טעאַטער.

ווידער אָוונט אין קליינעם דערפל. איך שפּאַציר אַרום איבער

די קליינע, קרומע געסלעך, צווישן דעם מונטערן, שבת־צו־נאכטיקן פובליקום, וואָס מישט זיך איצט פרייליך אוים מיט די שפּאַצירנדיקע אַנטיילנעמער פון דער בייטאָגיקער פאָרשטעלונג. איך בין נאָך אַלץ אונטער דעם כישופדיקן איינדרוק פון דעם, וואָס איך האָב היינטיקן טאָג איבערגעלעבט. ס'איז די וואונדערלעכסטע קאָלעקטיווע שאַפונג, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן אין אַ טעאַטער. איך טראַכט נאָך וועגן פ. קערזשענצעווס בוך „שאַפערישער טעאַטער", וואו ער פּריידיקט אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, וואָס זאָל צוגעגרייט ווערן, און אין וועלכער עס זאָל אַנטיילנעמען די גאַנצע געמיינדע, און זאָל זיין דער קנין פון אַלעמען. אַלע איינוואוינער זאָלן זיין באַקאַנט מיטן גאַנג פון דער ארבעט ביים צוגרייטן די פאָרשטעלונג, און זאָלן אויף אַן אַקטיוון אופן העלפן שאַפן דעם ספּעקטאַקל.

ווי בלאָס איז דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, וואָס ווערט געשאַפן אין דעם וואונדערלעכן ווינקל, וואָס רופט זיך אויבעראַממערגאַו, דורך די וואונדערלעכע בעל־מלאכה־אַקטיאָרן. איז נישט די פאָרשטעלונג זייערע דער קנין פון ערשטן ביזן לעצטן אויבעראַממערגאַוער איינוואוינער? אָט גיי איך ארום איבער דער פּאַסיאָנס־שפּיל־בינע, וואו געאָרג לאַנג, דער רעזשיסאָר און דער קאָפּ פון דער גאַנצער אויפפירונג, ווייזט און דערקלערט מיר די אַלע סצענישע איינריכטונגען און נייקייטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך פּראָפעסאָר אַדאָלף לינבאַך. ער רעדט וועגן דער פּאַסיאָנס־שפּיל מיט אַזוי פיל ליבע און נאָענטקייט, ווי זי וואָלט געווען דער איינציקער חלום פון זיין לעבן. אָט איז אַנטאָן לאַנג, דער ביז־איצטיקער יעזוס־שפּילער, מיט וועלכן איך טרעף זיך. אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי מען פילט, ווען מען דאַרף פאָרשטעלן דעם ליידנדיקן יעזוס, ענטפערט ער מיר: — „נו, עס לעבן מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט. אָבער בלויז איינעם איז באַשערט דאָס גליק צו פאַרקערפּערן אָט דעם גרויסן כאַראַקטער. און איך בין גליקלעך, וואָס דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף מיר!"

זיינע בלאָע, טיפע אויגן שמייכלען אַזוי לייטזעליק.

און אָט באַגעגן איך און צערעד זיך מיט צוויי קליינע אַנטיילנעמער פון דער פּאַסיאָנס־שפּיל. אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל.

— וואָס ביסטו דען היינט געווען? — פרעג איך ביים עלטערן אינגל.

— איך בין געווען דאָס אינגל, וואָס דערלאַנגט קריסטוסן דעם בעקן מיט וואַסער ביי דער סצענע פון „וואַשן די פיס“, — ענט־פערט ער.

— און דו? — פרעג איך ביים קלענערן מיידעלע.

— איך בין געווען „פאָלק“, — ענטפערט זי.

— נו, און אייער פאָטער נעמט אויך אָנטייל אין שפּיל?

— דער פאָטער איז שוין געשטאָרבן.

— אָבער ווען ער האָט געלעבט, האָט ער אויך מיטגעשפּילט?

— נו געוויס.

— וואָס איז ער געווען?

— דער סאָלדאַט, וואָס מאַכט קריסטוסן די וואונד ביים האַרץ. זייערע פּנימלעך שיינען מיט אַזוי פיל שטאָלץ...

מיט אַ געפיל פון אמתער פאַרערונג און טיפער דאַנקבאַרקייט, נאָך אַ נאַכט פון אומרואיקן נאָכטראַכטן איבער דער אימפּאָזאַנט־סטער טעאַטער־געשעעניש, וואָס מיר איז אין מיין לעבן אויסגעקו־מען איבערצולעבן, האָב איך זיך אויף צומאָרגנס צעשיידט מיט דעם קליינעם, ליבן דערפל. און אַזוי פאַרשטענדלעך איז מיר גע־ווען די אויפשריפט אויף דער קינסטלערישער קרייצונגס־גרופּע, וואָס לואיס דער צווייטער האָט געשענקט דעם דאָרף נאָך זיין בייוואוינען די פּאַסיאָנס־שפּיל אין 1871:

„די איינוואוינער פון אויבעראַממערגאַו, וואָס הייליקן זיך דער קונסט, און גייען אין די וועגן פון זייערע פאָטערס“ — — — — —

אויבעראַממערגאַו, יולי 1930.

דאָס ארץ ישראל׳דיקע טעאַטער

טעאַטער אין ארץ ישראל — צווישן אַלע קולטורעלע, דערציִע־רישע און קעמפערישע אינסטיטוציעס, וועלכע שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אינם לעבן פון דעם נייעם, יונגן ישוב, פאַרנעמט עס איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער.

ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט אונטערצופירן סך הכּלען און אויספאָרשן די גרויסע השפּעה, וואָס דאָס טעאַטער אין ארץ ישראל האָט געהאַט אויף דער בויאונג פונם לאַנד ; וויפיל עס האָט דערמו־טיקט דעם חלוץ אין זיין שווערער אַרבעט ביים אויסטריקענען די זומפּן און אויסרייניקן דעם שטייניקן באָדן ; וויפיל עס האָט גע־שטאַרקט די הענט ביי די אַלע, וואָס האָבן מיט דער גרעסטער מסירת נפש אין די זאַמדיקע ווילדערנישן אויפגעבויט די אוסגעחלומטע גאָרטן־שטעט און בליענדיקע דערפער. אָבער אפילו שוין איצט לאָזן זיך די שפּורן בולט זען אויף שריט און טריט פון פּאַלעסטינישן אי־דישן לעבן, אָנהויבנדיק פון תל אביב און ירושלים, און פאַרענדיקנ־דיק ערגעץ אין באר טוביה אָדער מטולה.

ארץ ישראל איז טעאַטער־באַוואוסטזיניק ווי אפשר קיין אַנדער לאַנד אין דער וועלט. עס האָט איינגעשלאָסן דאָס טעאַטער אין איר טאָג־טעגלעכן בויאונגס און אַנטוויקלונגס־פּראָגראַם. דאָס טעאַטער אין ארץ ישראל איז ניט קיין זאַך, וואָס איז אָפּגעטיילט פון טעג־לעכן לעבן. עס איז ניט קיין „קולטורעלע" אינסטיטוציע פאַר גע־ציילטע, פּריווילעגירטע יחידים. עס איז דער קנין פון גאַנצן ישוב. דאָס טעאַטער אין ארץ ישראל האָט די גרויסע פּריווילעגיע, וואָס עס בויט און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אַרומיקן לעבן. צוזאַמען מאַכט עס דורך אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען, און

צוזאמען האָט עס די גרויסע פרייד פון קענען פון צייט צו צייט אָנ־ווייזן אויף שיינע, שווער אויסגעקעמפטע דערגרייכונגען.

און ווי אַלץ אַרום טראָגט עס אין זיך דעם כאַראַקטעריסטיש פּאַלעסטינישן געמיש פון האַרטער פּיאָנערישקייט און אויסגעאיידל־טער ראַפינירטקייט; דעם גאַנצן ענטוזיאַזם און פרישקייט, דעם גאַנצן מוטיקן גלויבן, וואָס באַווייזט אַזעלכע אומדערהערטע וואונדער.

פּונקט ווי דאָס גאַנצע אַרומיקע אידישע לעבן, וואַנקט נאָך דאָס פּאַלעסטינישע טעאַטער. עס מאַטערט זיך נאָך צו געפינען זיין אויס־געשפּראָכענע פאָרם און אייגנאַרטיקן סטיל. עס האָט שוין אַן אָנונג פון די גרויסע פּראָבלעמען און שווערער קינסטלערישער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וואָס די נייע, אייגנאַרטיקע סביבה לייגט אויף דעם אַרויף. אָבער עס שטאַמלט נאָך, ווענדיק אָט די פּראָבלעמען געבן אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך און געהעריקן אויסדרוק. פון דער צווייטער זייט אָבער איז דער פאַקט, וואָס אַרום טעאַטער גרופּירט זיך מיט אַזאַ אייפעריקער ליבע דאָס גאַנצע פּובליקום, פון וועלכע שיכטן עס זאָל ניט זיין; אויך דאָס באַוואוסטזיין, אַז עס וואַקסט אונטער אַ נייער, יונגער דור, וואָס ווערט ניט אָוועקגעריסן אין דער פרעמד ווייט אַוועק פון זיין טעאַטער, דאָס שאַפט זיכערקייט און מוט ביי דעם ארץ ישראלדיקן טעאַטער־קינסטלער. עס נעמט אַוועק ביי אים דעם ביטערן יאוש־געפיל פון שטיין ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. עס מאַטערט אים ניט די פראַגע: וואָס וועט זיין מאָרגן? ווער וועט זיין מיין צוהערער? ווי עס איז דער פאַל מיט זיינע אידישע פאַך־קאָ־לעגן אין אַנדערע לענדער. דאָס גיט צו זיין שאַפן יענע התפעלות און אָפּטימיזם, וואָס איז אַזוי נויטיק אין קינסטלערישן שאַפן, און וואָס וועט אים זיכער העלפן צו געפינען זיין עכט קינסטלערישן וועג.

דאָס טעאַטער אין ארץ ישראל, זייענדיק אַ געזעלשאַפטלעך נאַ־ציאָנאַלע אינסטיטוציע, איז פּונקט ווי דער גאַנצער פּיאָנערישער אַרום, דורכגעדרונגען מיט דעם באַזעלטן אידעאַליזם, אָן וועלכן קיין טעאַטער קאָן ניט עקזיסטירן. און דאָס אונטערשיידט אים אַזוי שטאַרק פון אידישן טעאַטער אין דער איבעריקער וועלט, וועלכעס פּלאָנטערט זיך און מאַטערט זיך אָן אַ גאָט אין האַרצן, אָן אַ ציל, און אָן אַ קלאָרן באַוואוסטזיין פון זיינע אויפגאַבן. דאָס לעבן צוליב

אַן אידעאַל, דאָס איז דער פונדאַמענט פון ארץ ישראלדיקן טעאַטער. דאָס איז זיין עקזיסטענץ בארעכטיקונג און דאָס איז זיין פולע גאַראַנ־טיע פאַר זיינע אומגעהייערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

דאָס פּאַלעסטינישע טעאַטער איז צענטראַליזירט קודם כל אין דער הויפּט־שטאָט, אין תל אביב. דאָרטן האַלטן זיך באַשטענדיק אויף דריי טרופּעס, וואָס פונקציאָנירן ביים איצטיקן מאָמענט און שטעלן צונויף דאָס ארץ ישראלדיקע טעאַטער. דאָרט ווערן די פּיעסן שטודירט און אויפגעפירט, און פון דאָרטן ווערן זיי פריער אָדער שפּע־טער געוויזן אין ירושלים, חיפה, און איבער די אַרומיקע קאָלאָניעס און קבוצות. און מען דאַרף זען, וואָס פאַר אַ פאַרביק בילד עס שאַפט מיט זיך דאָס יונגע, פרישע תל אביבער טעאַטער־לעבן. ניט נאָר שטייגט תל אביב ווייט אַריבער יעדע אַנדערע שטאָט פון איר גרויס אין דער גאַנצער וועלט. מיט איר לעבעדיקן אינטערעס צו די אַלע שאַפונגען פון איר טעאַטער, שטייט זי זיכער ניט אָפּ פון קיין אַנדער הויפּט־שטאָט, אין וועלכן לאַנד ס'זאָל ניט זיין.

דער גרויסער „בית העם", דאָס פאָלקס־הויז, וואָס האָט אָרט פאַר עטלעכע טויזנט צושויער, און אויך דער קלענערער זאַל פון „מוגראבי" — די געביידע, וואָס איז אויסגעבויט פאַר דער אָפּערע, און וואו עס ווערן אויך געגעבן אינטימערע אויפפירונגען — שטעלן מיט זיך פאָר די אימפּאָזאַנטסטע טעאַטער־אוידיטאָריומס אין די נעכט, ווען די פאָרשטעלונגען ווערן דאָרט געגעבן. די ניט גרויסע צאָל קיאָסקן אין די תל אביבער גאַסן, אויף וועלכע די טעאַטער־אַפישן ווערן צעקלעפּט, זיינען אפשר די העלסטע פונקטן פון דעם מיט אַזוי פיל ליכט באַגאָסענעם הויפּ־שטאָט־לעבן. צו זיי קוקט מען זיך צו מיט אַזאַ שאַרפן אינטערעס. זיי זיינען די אָנזאָגער פון אַזוי שטאַרק געגאַרטע געשעענישן און ליבע פאַסירונגען. די ידיעות וועגן די נייע טעאַטער־אויפפירונגען, און אויך די קריטיק איבער די געגעבע־נע פאָרשטעלונגען זיינען צווישן די אַמערסטן געלייענטע אין די פּאַלעס־טינישע טאָג און וואָכן־בלעטער אָדער קינסטלערישע זשורנאַלן.

אָבער גאָר אַ באַדייטנדיקע ראָלע שפּילט אויך דאָס „הינטער־לאַנד", די פאַרשיידענע קאָלאָניעס און קאָמונעס, וואוהין די תל אביבער טעאַטער־טרופּעס פאָרן אַרוים מיט זייערע נייסטע אויפפירונגען, און

וואו זיי ווערן דערוואַרט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד. אַ סך קאָלאָניעס האָבן גאַנץ פיין אויסגעבויטע זאַלן מיט ניט שלעכטע בינעס פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין אַ טייל קבוצות זיינען בלויז די בינעס אויסגעבויט אונטער אַ געדעקטן דאַך, און דער עולם זיצט אונטערן פרייען הימל. ס'רוב ווערן די דאָרפישע בינעס באַלויכטן דורך עלעקטריציטעט, אָבער גאַנץ אָפט קומט אויס זיך צו באַנוגענען מיט די העל־ברענענדיקע „לוקס"־לאָמפּן. אין „גבעת השלשה", אין דער קליינער קאָמונע לעבן „פּתח תקוה", האָט מען מיר דערקלערט, אַז דער עלעקטרישער מאָטאָר, וועלכער אַרבעט געוויינלעך, צוליב עקאָנאָמיע, בלויז דריי שעה אין טאָג פאַר דער וואַסער־לייטונג, ווערט געטריבן ביינאַכט נאָך דעמאָלט, ווען דער טעאַטער קומט געבן אַ פאָרשטעלונג.

געוויינלעך פאָרט דאָס טעאַטער אין די גרעסערע קאָלאָניעס. און פאַרנאַכט צו לאָזן זיך פון די אַרומיקע קלענערע קבוצות אַרוים גאַנצע גרופּעס אויף פערד און וואָגן, אויף אייזלעך, אויף רייטוועגעלעך אָדער אַלטע אויטאָמאָבילן, כדי צו זען די טעאַטער־פאָרשטעלונג אין דער קאָלאָניע. דעם גרעסטן טייל עולם קומט אויס צו זיצן אונטערן פרייען הימל, מיט בינטלעך היי און שטרוי אַלס די באַקוועמסטע זיץ־פּלעצער. אויך דער אופן ווי אַזוי דער „טעאַטער" פאָרט אַרום איבער די קבוצות און קאָלאָניעס העלפט צו צום שאַפן די גאַנצע ראָמאַנטישע פּיטאָרעסקייט פון פּיאָנעריש־טעאַטער. פאַר דער צייט פון דער רייזע ווערט געדונגען אַן אויטאָבאָס, אין וועלכן עס אָרדענען זיך איין אַלע טרופּע־מיטגלידער. די דעקאָראַציעס אויפן דאַך פון אויטאָבאָס. און אַזוי פאָרט מען פון שטעטל צו דערפל און פון קאָלאָניע צו קאָמונע, צו דער גרויסער פרייד פון די איינוואוינער, וועלכע נעמען אויף די געקומענע שפּילער מיט פאַרערנדיקער ליבע און חבר־ישער וואַרעמקייט.

ניט געקוקט אויף דער יונגקייט פון דעם נייעם ישוב, האָט שוין דאָס טעאַטער אין ארץ ישראל הינטער זיך אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס איז פול מיט מיזאַמער אָנגעשטריינגטקייט און העראָאישן קאַמף. עס האָט הינטער זיך אַ גאַנצע מאַרטיראָלאָגיע פון פאַרשיידענע געלונגענע און ניט געלונגענע פאַרזוכן — דער מסירת

נפשדיקער אָנהויב אַלס אַמאַטאָרן־טעאַטער אונטער דער פירערשאַפט פון גנעסין. דער שפּעטערדיקער איבערגאַנג צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַ־טער אונטער דער לייטונג פון דעם דעמאָלט אַמביציעזן דאַווידאָף — ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרנעמען זיין פּאָזיציע צווישן אַלע איבעריקע קולטורעלע כוחות אין לאַנד.ביים היינטיקן טאָג האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט און זיינען טעטיק דריי באַזונ־דערע טעאַטער־טרופּעס, וואָס שטעלן יעדע מיט זיך פאָר אַ גאַנץ איינגנאַרטיקן טייל פון דעם פּאַלעסטינער טעאַטער. זיי זיינען: דער אונז גוט באַקאַנטער „הבימה"־טעאַטער, וועלכער האָט זיך נאָך אַלע גלגולים און וואַנדערונגען איבער אייראָפּע און אַמעריקע באַזעצט אין ארץ ישראל. דאַן די ארבעטער טעאַטער־סטודיאָ „האוהל", וועלכע איז שוין איצט אַ פול באַרעכטיקטער פּראָפעסאָנעלער טעאַטער. און צום סוף דער קליין־קונסט־טעאַטער „מטאטא", וואָס פאַרנעמט זיך כמעט אויסשליסלעך מיט פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער סאַטירע און קריטיק.

אָבער איידער איך טרעט צו צו דערציילן וועגן דער טעטיקייט פון יעדער טרופּע באַזונדער, פיל איך, אַז קודם כל איז נויטיק צו געבן אַ קלאָרער בילד פון דעם הויפּט־פאַקטאָר אין פּאַלעסטינישן טעאַטער, פון דעם פּובליקום. ווייל אויב דאָס פּובליקום איז איינער פון די הויפּט־מחותנים אין יעדער טעאַטער־שאַפונג אין דער וועלט, דער וואָס ליגט אַרויף זיין חותם אויף דעם גאַנצן טעאַטער־וועזן און גיט אים צו אַ גאַנץ באַשטימטען אויסזען און קאָלאָריט, איז עס נאָך אַזוי פיל מאָל מער אמת וועגן פּובליקום אין ארץ ישראל.

אַ מער רעאַגירנדיקן און פאָדערנדיקן עולם ווי אין פּאַלעסטינע איז זיך שווער פאָרצושטעלן. ער קומט ניט אין טעאַטער אַריין נאָר זיך צו אַמוזירן. ביי אים איז דאָס גיין אין טעאַטער אַריין בלויז אַן אַנדער מאַניפעסטירונג פון טאָג־טעגלעכן אויסלעבן זיך. זיין העכע־רער, גייסטיקער טייל. די אָנגעשטרענגטקייט פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר נייע פּאָזיציעס—אַ קאַמף, אין וועלכן יעדער איינער פון דער באַ־פעלקערונג שטעקט ביזן קאָפּ — עלימינירט די מעגלעכקייט פון שפּילן טעאַטער גלאַט אין דער וועלט אַריין. ווי זעלטן וועלכער עס איז אַנדערער טעאַטער־עולם, פאָדערט דער פּאַלעסטינער צושויער, צוזאַ־

מען מיט דעם „ווי אַזוי״ אויך צו וויסן און צו זעען בולט דעם „וואָס״ — וואָס איז מען מיט דער אויפפירונג אויסן. וואָס איז דער מוסר השכל, וואָס דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן.

עפּעס ענלעכעס קען מען זען בלויז ביי דעם טעאַטער־פּובליקום פונם איצטיקן רוסלאַנד. אין אַ געוויסן זין דערמאָנט עס אָן די ערשטע יאָרן פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווען דעם פּוב־ליקומס פּאַראינטערעסירטקייט איז געווען אַזאַ בולטע און צאַפּלדיקע. מיט דעם גרויסן חילוק, וואָס דער פּאַלעסטינער עולם שטייט אויף אַן אומפאַרגלייכלעך העכערן גייסטיקן ניוואָ.

די גאַנצע דיסציפּלינירטע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט און דער ווילן אָנצופילן דאָס לעבן מיט אַן אידעאַלן אינהאַלט, וואָס זעען זיך אַזוי בולט אַרויס ביי יעדן פּאַלעסטינער איינוואוינער, זעען זיך נאָך בולטער אין טעאַטער, ווען זיי ווערן אויסגעפאָרמט דורך דעם קאָלעקטיוו, וועלכער שטעלט צונויף מיט זיך דעם יעדן אָוונטיקן טעאַטער־עולם. פון זיין פּריוואַטן לעבן ברענגט יעדער מיט זיך אין טעאַטער אַריין דעם ברויזנדיקן אימפּעט, און די אידייע פון אַרבעט, אויפטו און דער־גרייכונג, וואָס זייער קינסטלערישע אויסטייטשונג וואָלט ער געוואָלט זען אויף די ברעטער פון דער בינע.

און ווי אומעטום טראָגט דער אַרבעטער עלעמענט, וועלכער איז דער געזונטסטער און קלאָר פּנימדיקסטער אין נייעם ארץ ישראל — אויך דאָ אַריין זיין שאַרפסטע נאָטע, זיין אומקאָמפּראָמיסלעכן טאָן. אויך דאָ איז עס דער אַרבעטער, וואָס ווייסט אויף אַן אומצווייפל־האַפטן אופן, וואָס ער וואָלט וועלן זען, און ווי אַזוי ער וויל עס זען אין טעאַטער.

בשעת ווען אין מיינע געשפּרעכן מיט די אַזוי גערופענע אינ־טעליגענטע גרופּעס, האָב איך נאָך געפילט אַ מין ניט באַשטימטקייט און אַ וואַקלעניש וועגן דעם, וואָס טעאַטער אין פּאַלעסטינע דאַרף און זאָל זיין, איז עס ביי פאַרשיידענע אַרבעטער־גרופּעס אָדער יחידים געווען קלאָר, וואָס זיי וואָלטן וועלן זען אויף די בינע־ברעטער, און וואָס זייער טעאַטער זאָל זיין.

זייענדיק קרבנות פון פּוילן, אומיושרדיקן רעזשים אין די פאַר־שיידענע לענדער פון זייער געבוירן, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזט מיט

א קללה אויף די ליפּן ; קומענדיק אין דעם לאַנד מיט דעם אויס־געשפּראָכענעם ווילן צו בויען אַ נייע פאָרם פון סאָציאַלן לעבן, וואו עס זאָל קיין אָרט ניט זיין פאַר די פאַרהאַסטע אומגערעכטיקייטן, וויל דער ארץ ישראלדיקער טעאַטער-צושויער זען פּיעסן, וואָס זאָלן פאַרגיטיקן זיין ניט־באַפרידיקטן יושר־געפיל. און זייענדיק דורכאוס נאַציאָנאַל געשטימט, וויל ער זען טעאַטער-שטיקער, וואָס זאָלן אפּעלירן צו זיין געפיל פאַר נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג ; פּיעסן מיט אַ קלאָרער נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג, אָבער אומבאַדינגט אָן נאַציאָנאַלע איבער־טענער.

דאָס איז דער סוד פאַרוואָס פון דעם גאַנצן רייכן רעפּערטואַר, וואָס די „הבימה" האָט אויסגעשטעלט — סיי דעם פון מאָסקווע גע־בראַכטן און סיי דעם, וואָס זי האָט געשאַפן אויפן אָרט — האָט דעם גרעסטן דערפאָלג איצט לייוויקס „קייטן", אַ פּיעסע מיט אַ שטאַרק עטי־שען הינטערגרונט. און פאַרוואָס אין רעפּערטואַר, וועלכן זי קלייבט זיך אויפצופירן קומענדיקן סעזאָן, פאַרנעמען דעם הויפּט־אָרט ראָלאַנס „וועלף" און פּויכטוואַנגערס „איד זיס". דאָס זעלבע אויך אין „האהל", וואו לייוויקס „שאָפּ" גייט מיט גרויס דערפאָלג, און וואו סטע־פאַן צווייגס „ירמיהו" און הייערמאַנס „פאַרלאָרענע האָפענונג" זיי־נען געווען אַזעלכע דערגרייכונגען.

אויף דעם הויכן ניוואָ געפינט זיך דאָס פּובליקום ניט בלויז אין תל אביב. נאָך מער איז עס דער פאַל מיט דעם עולם אין די קלענסטע, פאַרוואָרפנסטע קאָמונעס. עס איז באמת שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מער באַוואוסטזיניקן און ראַפינירטן טעאַטער־צושויער, ווי דעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אין די ווייטסטע ווינקלען פון לאַנד. כאָטש דאָס איז גאָר קיין חידוש ניט, ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט, פון וועלכע עלעמענטן די חלוצים ווערן רעקרוטירט.

אויף איינעם אַ שפּאַציר איבער אַ קאָמונע ביי די גלבוע־בערג צוזאַמען מיט אַן אָרטיקן חבר, וועלכער האָט מיר באַוויזן די איינ־ריכטונגען פון זייער קבוצה ; צווישן דעם ווייזן מיר דעם פערד־שטאַל און די הינער־שטייגן, האָט ער פאַרפירט מיט מיר, אגב אורחה, אַ שמועס וועגן טעאַטער. איך בין געווען איבעראַשט פון זיינע טרעפ־לעכע באַמערקונגען וועגן דער לעצטער „האוהל"־אויפפירונג, וואָס

ער האָט אָקאָרשט געזען. זיי האָבן געוויזן אַ טיף אינערלעכע קולטור־ווירטקייט און אויסערגעוויינלעכע טעאַטער־אינטעליגענץ.

אין אַ ברענענדיקן הייסן טאָג ביים ים המלח; אין שאָטן פון עטלעכע צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, הינטער וועלכע איך האָב געזוכט זיך צו ראַטעווען פון דער טראָפּישער, שרפנדיקער זון, איז מיר אויסגעקומען צו פאַרקניפּן אַ געשפּרעך איבער טעאַטער מיט אַ האַלב־נאַקעטן אַרבעטער פון דערלעבנדיקן כעמישן זאַוואָד. צוליב זיין אויסערלעכן אויסזען איז מיר לכתחילה אפילו ניט איינגעפאַלן צו זיין אומשטאַנד פאַר אים צו דערמאָנען דאָס וואָרט טעאַטער. אָבער שפּעטער האָב איך זיך ניט געקענט העלפן פון טראַכטן: הלואי וואָלטן אַ סך פון אונזערע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־לייט געקענט אַזוי באַנעמען די בינע און אירע פּראָבלעמען ווי דער האַלב־פאַרקריפּלטער האָרעפּאַשניק . . .

און די צוויי פאַלן זיינען ווייט ניט קיין אויסנאַם. אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין דער פרישקייט און לעבעדיקייט פון פאַלעסטינער פּובליקום איז די ארץ ישראלדיקע יוגנט. כ׳מיין ס׳איז איבעריק צו דערציילן, וועלכע אומגעהייער וויכטיקע ראָלע עס האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון רוסישן, דייטשן, ווי בכלל פון יעדן טעאַטער, זיין יוגנט, די שטודירנדיקע אָדער אַרבעטנדיקע. די ברכה פון יעדן לעבעדיקן און קעמפנדיקן טעאַטער איז זיין יוגנט. אפשר דער טיפסטער סוד פון דעם שפּלדיקן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך אונזער אידישער טעאַטער, סיי אין אַמעריקע, סיי אין פּוילן, איז דאָס, וואָס מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען צו פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַן אָרט, וואו די יוגנט קומט זוכן איר אידעאַל, איר גלויבן און פאַרוויילונג. די ארץ ישראלדיקע יוגנט איז עס, וואָס ברענגט אַריין מוט, ענטוזיאַזם און פאַרביקייט אין דאָרטיקן טעאַטער. די זעלבע יוגנט, וואָס אַרבעט בייטאָג שווער מיטן שווייס פונם פּנים און טאַנצט ביינאַכט אין די גאַסן מיט פרייד און געזאַנג, זי בילדעט אפשר דעם צאַפּלדיקסטן און סענסיטיווסטן טייל פון פּובליקום אין טעאַטער ביי יעדער פאָרשטעלונג.

האָבן פאַר זיך אַזאַ פּובליקום איז אַ פּריווילעגיע סיי פאַר דעם טעאַטער־פירער און סיי פאַר דעם טעאַטער־רעזשיסער. ער פילט דעם

שטענדיקן קאָנטאַקט און די צוגעבונדנקייט צו אים פון זיין געניסער. ער פילט די אומאויפהערלעכע וואַרעמקייט, וואָס סטימולירט די שאַפונגס־מעגלעכקייטן, סיי פון אים אַליין, און סיי פון זיינע אַקטיאָרן. פון דער צווייטער זייט ווידער צווינגט דער שטענדיקער קאָנטראָל, וואָס דער צושויער איבט אויף אים אויס, זיך טיפער צו פאַרטראַכטן אויף זיין קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער אויפגאַבע. ער פילט די התחייבות תמיד אין זינען צו האָבן, אַז ער איז אויך אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ סאָציאַלער מיטבויער, און אַז ער דאַרף זיין אַרבעט שאַפן אומבאַדינגט אויף דעם סאָציאַלן און עטישן הינטערגרונט.

אָבער דאָ טרעט אַריין נאָך אַ מאָמענט.

איך האָב פריער דערמאָנט וועגן דעם פובליקומס אינטערעס אין דעם „וואָס" און „ווי אַזוי". ס'איז טאַקע אמת, דער „וואָס", דער אינהאַלט פון דעם טעאַטער־שטיק איז איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן פאַרן פאַלעסטינער טעאַטער־צושויער.

דער ניי־איינגעוואַנדערטער איז טאַקע געקומען אין לאַנד מיטן פאַרלאַנג אַראָפצוואַרפן פון זיינע פלייצעס דעם גאַנצן האַרב פון צעקריפלטע פראָבלעמען, וואָס די פאַלשע אייראָפּיאישע ציוויליזאַציע האָט אים אָנגעהאַנגען. אָבער דאָס נייע וואוין־אָרט גרייט אים שוין צו נייע אויפגאַבן צו לעזן. דאָס נייע לעבן, וואָס איז אַזוי רייך אין פאַסירונגען, וואַרפט אָן אַזויפיל נייע פּראָבלעמען און לעבנס-פראַגן. דאָס שטענדיקע זיין אַרומגערינגלט מיט די פיינטלעכע אַראַבער, וועלכע מען דאַרף זען אונטער יעדן פרייז צו פאַרוואַנדלען אין פריינט, און אין נויטיקן מאָמענט זיך פאַרטיידיקן קעגן זיי. דאָס צוזאַמען אַרבעטן מיט די חברים און חברטעס אונטער די שווערסטע באַדינגונגען אויפן רויען פעלד ערגעץ אין „עק וועלט", און נאָכדעם צוזאַמען לעבן אין פירן אָדער אין אַכטן אין עפּעס אַ צונויפגעקלאַפּטן באַראַק, שאַפט אַזעלכע נייע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, מאַן און פרוי. עס שטעלט דעם מענטש אַוועק אין אַזעלכע נייע פּאָזיציעס. עס שאַפט פאַר אים אַזעלכע ניי אַספּעקטן און פאָדערט פון אים אַזאַ נייעם צוגאַנג, אַזאַ נייע באַנעמונג, אַז דער „וואָס" וואַקסט אויס אין זיין אומגעהייערער חשיבות. אין דעםווירקלעכן לעבן

ראַנגלט זיך דער מענטש און געפינט שוין זיין צוגאַנג צו דעם אַלעם. דאָס לעבן אַליין פירט אים. אַנדערש איז אָבער, ווען ער קומט זוכן אַ קינסטלערישע לייזונג פאַר די אַלע פּראָבלעמען אין טעאַטער, אויף די ברעטער פון דער בינע.

מיר וועלן שפּעטער זען, ווי ווייט דאָס טעאַטער איז שוין צוגעגרייט אָדער ניט צוגעגרייט צו זיין נייער אויפגאַבע. צי געפינט עס זיין מאַטעריאַל ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער סביבה, אָדער מוז עס נאָך אינגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויפן אימפּאָרט פון דרויסן.

אָבער אויך די פראַגע פון „ווי אַזוי", פון דער פאָרם, איז גאָרנישט פון קיין קליינער באַדייטונג אין פּאַלעסטינישן טעאַטער. דאָס טעגלעכע, ווירקלעכע לעבן איז אַזוי נאָענט, האַרט אונטער דער נאָז, אַז דער טעאַטער־באַזוכער וואָלט אפשר געוואָלט אויסמיידן צו זען זיין איבערחזרונג אויף דער בינע אין דעם נאַקעטן, נאַטוראַליסטישן געשטאַלט. ער וואָלט עס געוואָלט זען אָפּגעשפּיגלט אין אַ מער קינסטלערישער פאָרם. פון דער אַנדערער זייט אָבער זיינען די אַלע סטיליזירטע און מאָדערנע פאָרמען פון דעם קינסטלעריש שוין צו מידן אייראָפּייאישן טעאַטער ניט גאָר אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען פון באַניטן פּאַלעסטינע, וואָס שלאָגט מיט געזונטקייט און פרישקייט.

איז ווי זשע וואָלט באַדאַרפט זיין?

דער אמת איז, אַז די פראַגע פון פאָרם, פון „ווי אַזוי", וואָלט אַ סך לייכטער געווען צו לעזן ווי דעם „וואָס". אויב אינהאַלטלעך וואַרטן נאָך די אַלע פּאַלעסטינישע לעבנס־פּראָבלעמען אויף זייער דראַמאַטיקער־קינסטלער, וועלכער זאָל זיי אויפנעמען און איבערשאַפן. דער נייער פּאַלעסטינישער דראַמען־שרייבער דאַרף ערשט געבוירן ווערן. מיר איז אויסגעקומען, דורך דער צייט פון מיין זיין אין ארץ ישראל, איבערצולייענען מאַנוסקריפּטן פון עטלעכע חשובע דאָרטיקע ליטעראַטן. אָבער מיין האָפענונג צו געפינען די נייע ארץ ישראלדיקע פּיעסע איז לײדער ניט פאַרפילט געוואָרן. כ'האָב אין קיין איינע פון זיי ניט געטראָפן דעם אימפּעט, דעם אָנשטורעם און די פאַרטיפונג פון דעם נייעם, אויפגייענדיקן לעבן.

ביי דעם און ביי יענעם האָבן זיך געזען סימנים פון ליטעראַרישע אָנהויבונגען, פון אויפנעמען ליטעראַריש די נייע פאַקטן און די נייע לאַגע. אָבער קיין שפּור פון זייער דראַמאַטישער באַנעמונג, קיין סימן פון זייער טעאַטראַלער איבערדיכטונג. פון איבערזעצן זיי אויף דער דינאַמישער, פולבלוטיקער שפּראַך פון סצענישער האַנדלונג. די ארץ ישראלדיקע פּיעסן-שרייבער דערטרינקען די אַזוי הויך מאָנענדיקע פּאַסירונגען און געשעענישן אין אַ גאַנצן מבול פון ליטעראַרישע, פאַר דער בינע גאָרניט זאָגנדיקע ווערטער. אַ קליינע אויסנאַם איז בלויז דער אידיש שרייבנדיקער יעקב שטאָל, וועמענס איינאַקטער „אין טאָג פון וואָל שערן"*) ווייזט אויף אַ גאַנץ פיינער פאַרשטענדעניש פאַר דער בינע און אירע פאָדערונגען.

איז אויב עס האַלט נאָך גאַנץ שמאָל בנוגע דעם שאַפן פון דער נייער ארץ ישראלדיקער פּיעסע, וואָלט אָבער די לאַגע געקענט זיין אַ גאַנץ אַנדערע בנוגע דער פּאַלעסטיניש-כאַראַקטעריסטישער טעאַטער־פאָרם. דאָס אָרטיקע לעבן איז אַזוי רייך אין אייגנאַרטיקע פאָרמען. עס פאַרמאָגט אַזאַ שפע פון סטיליסטישע ניואַנסן, אַז דער שאַפנ־דיקער קינסטלער קען שיכור ווערן פון רחבות.

וויפיל שלאַנקייט און גראַציע ליגט אין דעם פּשוטן גאַנג פון דער אַראַבערין, ווען זי גייט פון ברונעם מיט דעם גרויסן וואַסער־קרוג אויפן קאָפּ. ווי אַ קעניגין אין איר פּראָצעסיע. וויפיל האַלטונג און רואיקייט איז דאָ אין דעם פוילן, ריטמישן גאַנג פון דעם אַראַ־בער, ווען ער שפּאַצירט זיך, ביידע הענט פאַרלייגט איבער דעם שטע־קעלע אויף זיינע פּלייצעס. גלייך ווי די גאַנצע וועלט איז זיין. וויפיל קינסטלערישער סטיל און אייגנאַרטיקער נוסח איז דאָ אין דעם דועט, וואָס צוויי אַראַבישע פּרוכט־הענדלער זינגען אויס, לויבנדיק די זיס־קייט און גוטסקייט פון די ווייטנטרויבן, וואָס זיי פאַרקויפן. ווער האָט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו דעם וואונדערלעכן אופן ווי אַזוי עס רעדן די תימנער אידן. וואָס פאַר אַ שפע פון קינסטלערישע האַנט־באַוועגונגען. וואָס פאַר אַ רייכקייט פון מימישן פּנים־אויס־

---

*) געדרוקט אין נומער „דריי" פון די אידישע זאַמלבלעטער, וואָס דערשיינען פון צייט צו צייט אין ארץ ישראל.

דרוק. וואָס פאַר אַ פּלאַסטישקייט אין דער קלאָרער אויסשפּראַך, און וואָס פאַר אַ מעלאָדישקייט אין די אינטאָנירונגען.

היינט דער אַרום, די סביבה און די נאַטור. כ'האָב זיך קיינמאָל אין פּאַלעסטינע ניט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איך שפּאַציר כּסדר צווישן די וואונדערלעכסטע און חידושדיקסטע טעאַטער־דעקאָראַציעס און טעאַטער־גרופּעס. דאָס לעבן אין אָריענט איז איין גרויסע, פיין־פאַרטראַכטע טעאַטער־אויפפירונג. קעגן דער פּאַלעסטינישערווירקלעכקייט זעען אַלע אייראָפּייאישע טעאַטער־סטיליזירונגען אויס בלאַס און אומאינטערעסאַנט. ליידער אָבער מאַכט דער פּאַלעסטינישער טעאַטער ניט תמיד קיין געברויך פון דער גאַנצער שפע קינסטלערישע פאָרמען. דער ארץ ישראלדיקער טעאַטער־קינסטלער מאַכט ערשט בלויז זיינע ערשטע טריט אויסצונוצן אָט די אַלע צוגעגרייטע אוצרות.

ווי שוין דערמאָנט, פאַרמאָגט ארץ ישראלביים איצטיקן מאָמענט דריי באַזונדערע טעאַטער־טרופּעס. ניט געקוקט אויף דער שפּעטער צייט פון סעזאָן, אין וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן ארץ ישראל, — אין סאַמע הייסטן חודש, אויגוסט — האָב איך נאָך באַוויזן צו זען פאָרשטעלונגען פון אַלע דריי טעאַטערס. איך וועל אין מיין איצטיקן שרייבן פּרובירן זיך סומך זיין מערסטנס אויף די געזעענע פאָרשטעלונגען, ווייל זיי זיינען די לעצטע אויפפירונגען פון די געגעבענע טעאַטערס, און רעפּרעזענטירן אַזוי אַרום זייערע לעצטע דערגרייכונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם ערשטן און חשובסטן אָרט אין פּאַלעסטינישן טעאַטער פאַרנעמט די „הבימה". זי איז אונז אַלעמען גוט באַקאַנט פון איר אַזוי פיל באַזונגענער טעטיקייט סיי אין מאָסקווע און סיי אויף אירע רייזעס אין אויסלאַנד, און נאָך מער פון אירע גאַסט־שפּילן ביי אונז דאָ, אין אַמעריקע.

עס האָט מיך געפרייט צו זען, אַז ניט געקוקט אויף די אַלע גלגולים און וואַנדלונגען, וואָס די „הבימה" האָט דורכגעמאַכט די לעצטע יאָרן; ניט געקוקט אויף דער ענדערינג אין איר פּערסאָנאַל, איז זי פאָרט געבליבן אַ געזונטער, סאָליד'ער טעאַטער. עס פילט זיך אין איר גאַנצער אָרגאַניזאַציע אויסגעהאַלטענע דיסציפּלין און

פעסטע איינגעשטעלטקייט. מיר איז אויסגעקומען צו זען לייוויקס „קייטן". די אַרבעט פון איינעם פון די אין „הבימה" אויסגעוואַקסענע רעזשיסאָרן, טשעמערינסקי. די פאָרשטעלונג איז אַדורך מיט אַ זייער גרויסן דערפאָלג. דער עולם האָט זיך זייער וואַרעם און באַגייסטערט באַצויגן צו לייוויקס דראַמע, וואָס אָטעמט מיט מענטשלעכן פיין און מענטשלעכן ווייטיק. די שוישפּילער האָבן געשפּילט מיט דער עמאָציאָנעלער פּאַרטיפעטקייט און צאַפּלענדיקער נשמהדיקייט, וועלכע האָבן די בימהניקעס באַרימט געמאַכט אַלס ווירדיקע תלמידים פון סטאַניסלאַווסקים "מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער". עס איז געווען אַ פרייד ווידער אַמאָל צו זען אונזערע באַקאַנטע מעסקין, בערטאָנאָוו, פרידלאַנד, וועלכע זיינען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר שטאַרק אויסגעוואָקסן. עס האָבן אויך געמאַכט אַ גוטן איינדרוק די ניי־צוגעצויגענע מיטגלידער ווי בן־ימיני, פינקעל און קליאַטשקאָ. (דעם פרויען־פערסאָנאַל איז מיר ליידער ניט אויסגעקומען צו זען, ווייל, ווי באַקאַנט, באַטייליקן זיך אין לייוויקס דראַמע בלויז מענער שוישפּילער). אָבער די פאָרשטעלונג אַלס גאַנצע האָט ניט פאַרכאַפּט מיט יענער אַנטציקנדיקער, נשמה־אויפטרייסלנדיקער שאַרפקייט, וואָס מיר האָבן אַזוי באַוואונדערט ביי דער „הבימה" אין „הדיבוק", „היהודי הנצחי", אָדער אפילו אין „המבול".

עס האָט עפּעס באַנג געטאָן צו זען, ווי גראָד אין ארץ ישראל האָט די „הבימה" — ווייניקסטנס אין דער פּיעסע — פאַרלאָזט איר אַזוי אייגנאַרטיקן סטיל, און געגעבן די „קייטן" אין אַ גאַנץ פּשוטן, זאַכלעך־רעאַליסטישן אופן. ס'איז געווען אַן ערלעכע, גוט איינגעשטעלטע פאָרשטעלונג, וועלכער ס'האָט אָבער געפעלט קינסטלערישער שוואונג און טעאַטראַלע חריפות. מיט „קייטן" האָט די „הבימה" זיכער פאַרשאַפט אַ סך כבוד און נחת רוח לייוויקן, אָבער איך בין ניט זיכער, צי זי האָלט די פאָרשטעלונגען פאַר אַ נייער גילדענער פּעדער אין איר אַזוי רייכער קרוין.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין ארץ ישראל שאַצט מען שטאַרק אָפּ די „הבימה", און מען באַלוינט זי מיט דער געהעריקער מאָס אַכטונג און ליבע. עס איז פאַרט אַן אָנגעזעענער טעאַטער, וואָס פאַרמאָגט אַן ערשט־קלאַסיקן פערסאָנאַל פון גוט צוגעגרייטע, רוטיניר־

טע אַרטיסטן. אַ טעאַטער, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער גרויסער וועלט, און האָט מיטגעבראַכט אין דער נייער היים אַ גרויסן באַגאַזש פון טעאַטראַלער קענטעניש און דערפאַרונג. אין דעם ליגט טאָקע איר שטאַרקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט, מיין איך, אויך איר שוואַכקייט. עפּעס האָב איך ניט געפילט, אַז איך זע אַן ארץ ישראלדיקן טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער, וואָס שפּילט אין ארץ ישראל. עס האָט זיך ניט געפילט דער לעבעדיקער אָטעם פון אַן אין דער אָר־טיקער סביבה אַנטשטאַנענער, אין אָרטיקן באָדן פאַרוואָרצלטער, און אין דער אָרטיקער לופט אויסגעוואַרעמטער שאַפונג. עס האָט גע־שמעקט מיט גרויסאַרטיקער אימפּאָרטירטקייט.

פאָרט אָבער האָט די „הבימה" גרויסע מעגלעכקייטן פאַר ארץ ישראל. דורך די עטלעכע יאָר פון איר זיין אין לאַנד, האָט זי באַ־וויזן אויפצופירן אַ גאַנצע רייע פּיעסן אין דער רעזשי פון באַרימטע אייראָפּייאישע רעזשיסאָרן: „אוצר" און „כתר דוד" דורך דיקין. „צוועלפטע נאַכט" דורך טשעכאָוו, און „אוריאל אַקאָסטאַ" דורך גראַנאָווסקין. פאַרן קומענדיקן ווינטער עפנט די „הבימה" אַ סטו־דיאָ פאַר נייע, יונגע סטודענטן, וואו עס וועט געגעבן ווערן אַ מעג־לעכקייט זיך צו אַנטוויקלען דער אָרטיקער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, וואָס וויל זיך ווידמען דער טעאַטער־קונסט. עס ווערט געשאַפן אין טרופּע אַ רעזשיסאָרן־קאָלעגיום, אין וועלכן עס וועלן אַריינגיין פריד־לענדער, באַראַץ און טשעמערינסקי. עס ווערן אויך געפירט אונטער־האַנדלונגען מיט אַ גאַנצער רייע נייע רעזשיסאָרן, צווישן זיי אויך ריכאַרד בער האָפמאַן, זיי זאָלן ווערן שטענדיקע מיטאַרבעטער אין טעאַטער. גרויסע האָפענונגען ווערן אויך געלייגט אויף דעם פּלאַן אויסצובויען אַ נייע געביידע פאַר דער „הבימה", וואָס זאָל זיין באַ־זאָרגט מיט אַלע נייסטע טעכנישע בינע־איינריכטונגען, און זאָל די־נען אַלס שטענדיקע היים פאַר דער טרופּע.

אַ גאַנץ באַזונדער קינסטלעריש ווינקל פאַרנעמט דער סאַטיריש־פּאָליטישער קליין־קונסט־טעאַטער „המטאטא". דאָס איז אַ טעאַטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אויפפירן קורצע קינסטלערישע בילדער, וואָס דאַרפן ווייזן די לינקע זייט פון דעם לעבן, וועלכעס האַלט זיך ערשט אין געשטאַלטן; אויסחוזקן עס און געבן דעם די געהעריקע באַלויכ־

טונג דורכן ווייזן עס אין אַפּשיין פון „קרומען שפּיגל". פאַרשטייט זיך, אַז ווי פון אַלע אַזעלכע טעאַטערס אין דער גאַנצער וועלט, איז דער הויפּט־צוועק פון „מטאטא" גלייכצייטיק אי אַן אַמוזירנדיקער, און נאָך מער אַ קעמפערישער. דאָס דערהויבט זיין חשיבות ביז אויף אַ גאָר הויכער מדרגה. כאָטש די אידייע פון אַזאַ טעאַטער איז אַריבערגעבראַכט פון חוץ לארץ, וואַקסן אָבער אויס זיינע קינסטלע־רישע און עטישע מעגלעכקייטן אין ארץ ישראל אין אַ גרויסער מאָס.

קען זיך טאַקע דער „מטאטא" גרויסן מיט אַ זייער שטאַרקער ליבע פון פּאַלעסטינישן פּובליקום, סיי אין די שטעט, סיי אין די קאָ־לאָניעס. מען לויפט גערן זען די שקאַצישע און אויפמונטערנדיקע פאָרשטעלונגען, און מען זינגט מיט התלהבות נאָך די פּאָפּולער גע־וואָרענע לידער און קופּלעטן.

מיר איז אויסגעקומען צו זען שוין דעם 27טן פּראָגראַם פון דער טרופּע. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ טעאַטער, וואָס האָט שוין אַ „פאַרגאַנגענהייט" אַזוי צו זאָגן; וואָס קען זיך שוין סומך זיין אויף אַ געוויסער טראַדיציע, כאָטש אַלט איז ער אינגאַנצן בלויז דאָס פינפטע יאָר.

נעגרינדעט געוואָרן איז דער „מטאטא" אין 1925 דורך אַ גרופּע פּאַלעסטינישע שוישפּילער, אונטער דער קינסטלערישער ליטונג פון דעם בוקאַרעסטער באַקאַנטן רעזשיסאָר, י. דניאל, וועלכער האָט שטיק צייט מיטגעאַרבעט מיט דער „ווילנער טרופּע", ווען זי האָט געשפּילט אין רומעניע. איצט איז דניאל אַוועק, און די טרופּע ווערט געפירט דורך אַ קאָלעקטיוו פון אייניקע חברים, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער צוזאַמענשטעלונג און אויפפירונג פון די פּראָגראַמען. צווישן זיי צייכענען זיך אַמייסטן אויס: רודינסקי, לאַנדאָן, טימאַן און חורגל. דער ליטעראַרישער מאַטעריאַל ווערט פאַר דעם טעאַטער צו־געגרייט דורך פאַרשיידענע אָרטיקע שרייבער, ווי אַלעקסאַנדער פּאָן, ז. אנוכי, און עמנואל הרוסי, וועלכער איז אגב אויך איינער פון די שוישפּילער אין טעאַטער. אין מוזיקאַלישן טייל באַנוצט זיך דער טעאַטער מיט די שאַפונגען פון די אידישע קאָמפּאָזיטאָרן ענגל, קריין, ראַזאָווסקי און אַנדערע.

דעם הויפּט־אָרט אין דעם 27טן פּראָגראַם האָבן פאַרנומען „דער שטרויענער גזלן", אַ סאַטירע איבער דער אָרטיקער אידישער פּאָליציי. „דער שוואַרצער זאַק", אַ פּאַראָדיע אויף דער באַקאַנטער דעטעקטיוו־ליטעראַטור, וואָס הויבט זיך אָן צו באַווייזן אין ארץ ישראל. „וואַסער, הימל און ירושלים", וואָס לאַכט אָפּ אויף אַ זייער געשייטן אופן פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע ספּראַוועט זיך אַזוי צרהדיק מיט דער וואַסער־צעטיילונג אין ירושלים, וואָס ליידט כסדר פון אַ געפערלעכן וואַסער־מאַנגל.

דער טייל פון פּראָגראַם האָט טאַקע ארויסגערופן די שטאַרקסטע צופרידנקייט פון עולם. דער צושויער האָט דאָ געזען קאָמישע און איבערטריבענע בילדער פון זאַכן און סיטואַציעס, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות, און פאַרנעמען אָן אַנגעזען אָרט אין זיין טעגלעכן לעבן. ליידער קען מען עס ניט זאָגן וועגן איבעריקן טייל פון פּראָגראַם, ווי, למשל, „וואָס דאַרף אַ מיידל ווּיסן פאַר דער חתונה", אָדער די פּאַראָדיע אויף דער אָפּערע „דעמאָן".

איך מיין, אַז דער „מטאטא", וועמענס אויפגאַבן זיינען אויסגעשפּראָכן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע; וועמענס גאַנצע ענערגיע און שלאָגלערישע אָנשטריינגונג דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף די נויטן און אויפגאַבן פון מאָמענט, טאָר זיך ניט פאַרגינען אַזעלכע איבעריקע לוקסוסן, וואָס עס קען זיך פאַרגינען אַן ענלעכער טעאַטער אין פּאַריז, בערלין אָדער וואַרשע. דער „מטאטא" מוז נאָך זיין פּאַרזיכטיק און שפּאָרעוודיק אין כוחות.

וואָס עס איז פאַרדריסלעך אין אַזאַ טעאַטער ווי דער „מטאטא" איז, וואָס אויב אינהאַלטלעך גייט ער לרוב אויפן ריכטיקן וועג, מיט דעם, וואָס ער זוכט זיין רוי־שטאָף ביי זיך אין דער היים, אין די אייגענע פּאַסירונגען, און אין אַרומיקן לעבן, פילט זיך אָבער זייער שאַרף זיין פאַרפעלן אויסצואַרבעטן אַן אייגענעם פאָרם, אַן אייגענעם סטיל, און אַן אייגענעם קינסטלערישן ריטם. דאָס פאַרנאַכלעסיקן זיך צו באַנוצן מיט די אַלע שיינע, קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע עס איז פול די סביבה און דאָס לעבן אַרום. אין די בילדער און פּאָטאָגראַפיעס פון די אַמאָליקע אויפפירונגען זעען זיך יאָ סימנים פון אַזעלכע פאָרם־זוכענישן. ווייזט אויס, אַז דניאל האָט יאָ געהאַט

די פֿאַרשטענדעניש און דעם ווילן צו שאַפֿן אַ סטיל פֿאַר דעם קליין־קונסט־טעאַטער. איז טאַקע אַ שאָד, וואָס די אַליין געבליבענע חברים זוכן ניט אין זייער אַרבעט ווייטער צו גיין אויף דעם וועג.

בכלל פֿילט זיך אין „מטאטא" דאָס פֿעלן פֿון אַ שטאַרקער קינסט־לעריש־זיכערער האַנט. עס פֿילט זיך אַ מין נאַכגעלאָזנקייט. און דאָס איז כמעט פֿאַרברעכעריש פֿאַר אַ גרופּע, וואָס פֿאַרמאָגט אַזאַ אמת טאַלאַנטירטן מענטשן־מאַטעריאַל. אין אַ טעאַטער, וואו דער הויפּט־טראָפּ ליגט אויפֿן זוכן צו דערגרייכן דעם געווינטשטן עפֿעקט, דעם שלאָגנדיקן מאָמענט אויפֿן שנעלסטן און טרעפֿלעכסטן אופֿן, מוז דער הויפּט־געבאָט זיין — העכסטע פּערפֿעקטקייט. זיינע אַקטיאָרן מוזן זיך אויסצייכענען מיט טעכנישער פֿלינקייט און קינסטלערישער פּרעציז־קייט. זיי מוזען אין זיך אַנטוויקלען די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אויפֿן פֿינקטלעכסטן אופֿן זייער שקאַצישע בריהשאַפֿט און קונדיי־סישער אָפּלצעריי. זיי מוזן „קינסטלעריש קענען שטיין העכער איבער די פֿאַקטן און פּאַסירונגען, וועלכע זיי דאַרפֿן איבערשאַפֿן אין די געציילטע מינוטן, וואָס די קליין־קונסט־בינע דערלויבט פֿאַר יעדן נומער באַזונדער.

דער סאַטירישער קליין־קונסט־טעאַטער אין ארץ ישראל האָט פֿאַר זיך גרויסע אויפֿגאַבן און גרויסע געלעגנהייטן. אָבער ער דאַרף אַ סך אַרבעטן און אַ סך לערנען. פֿאַר אַזאַ יונגן טעאַטער צו פֿאַר־לירן די שעפֿערישע פֿרישקייט און קינסטלערישע אַמביציע איז אַ סכנה, וואָס קען שטעלן אין קאָן זיין גאַנצע ווייטערדיקע עקזיסטענץ.

אַן אמתע אַנטפּלעקונג זיינען פֿאַר מיר געווען די פֿאָרשטעלונגען פֿון דעם אַרבעטער־טעאַטער „האוהל", וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זען. עס האָט געווייט פֿון זיי מיט אַזאַ פֿרישקייט, מיט אַזאַ אַנ־דערשקייט. עס האָט געשלאָגן פֿון זיי מיט אַזוי פֿיל הייסן אָטעם, מיט אַזאַ קאָלירנדיקער עקזאָטישקייט.

צום ערשטן מאָל האָב איך ענדלעך געפֿונען אַ פֿאַרגיטיגונג פֿאַר דער שטילער אומבאַפֿרידיקטקייט, וועלכע האָט מיך גענאָגט ביי מיין באַזוך אין די אַנדערע צוויי טעאַטערס. ס'האָבן אָנגעהויבן בולטער צו ווערן פֿאַר מיר די סימנים פֿון אַן עכטן, אייגנאַרטיקן,

אין ארץ ישראל געבוירענעם און אין נייעם לעבן אויסגעגליטן, קינסטלערישן טעאטער.

געגרינדעט געוואָרן איז דער „האוהל" אלס ארבעטער־טעאטער־סטודיאָ, אין 1926, דורך משה הלוי, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע מיטשאַפער פון דער „הבימה" אין מאָסקווע, און אַ תלמיד מובהק פון איר גרויסן באַגייסטערער וואַכטאַנגאָוו. פאַר די עטלעכע יאָר פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, און אַ דאַנק דער שעפערישער פּערזענלעכקייט פון זיין אָנפירער, האָט דער „האוהל" באַוויזן זיך אוועקצושטעלן אין פאָדערגרונט פון ארץ ישראלדיקן טעאטער. הלוי'ס אויפפירונגען פון הייערמאַנס „פאַרלאָרענע האָפענונג" (אונטערן נאָמען „פישערלייט"), „יעקב און רחל", סטעפאַן צווייגס „ירמיהו" און איצט לייוויקס „שאָפּ" אין דער פּראַכטפולער איבערזעצונג פון פּאָעט א. שלונסקי, געהערן צו די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין פּאַלעסטינישן קולטורעלן און טעאטער־לעבן.

אַליין אַ צאַרט־פילנדיקער און פיין אינטעלעקטועלער טעאטער־קינסטלער האָט הלוי, אויפקלאַפּנדיק זיין „געצעלט" אין דעם געקוממענעם לאַנד, באַלד דערפילט די צוזיאַונג און דעם כוח פון דער נייער סביבה און אירע שלומערנדיקע פּאָטענצן. ער האָט דערפילט, אַז אויב מען וויל שאַפן עפּעס נייעס אויפן סצענישן געביט, וואָס זאָל זיין ווערט צו טראָגן דעם נאָמען ארץ ישראלדיקער טעאטער, מוז מען „זיך באַהעפטן מיטן מקור", מיט דער סביבה, דער גשמיותדיקער און רוחניותדיקער. מען מוז זוכן באַגייסטערונג און מאַטעריאַל אין דער אָרטיקער ספערע, אין דעם גאַנצן שימערירנדיקן אוצר פון פאָרמען און בילדער, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך דאָס איצטיקע, און נאָך מער דאָס פאַרגאַנגענע ארץ ישראל־לעבן. און באַלד נאָך זיינע ערשטע אַרויסטריטן מיט דער ניי־געשאַפענער „אַרבעטער־סטודיאָ", ווען ער האָט אויפגעפירט דעם „פּרץ אָוונט" און נאָכדעם „די פישערלייט", וואָס זיינען געווען אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער האָבן דערוויל מיט אמת פּאַלעסטינישן טעאטער געהאַט אַ קנאַפּן שייכות — טרעט ער באַלד צו אויפצופירן „יעקב ורחל", סצענישע בילדער, באַזירט אויף דער ביבל, וואָס וועקן אויף אַ שטורעם פון פרייד ביי דעם פּאַלעסטינישן טעאַטער־עולם.

הלוי באַווייזט דאָרט אַזאַ אוצר פון פאַנטאַסטישער עקזאָטישקייט, גליענדיקער ליידנשאַפטלעכקייט און מזרחדיקער פּרימיטיוויטעט, וואָס צייכענען גלייך אָן די וועגן פאַרן ניי-געשאַפענעם פּאַלעסטינישן טעאַטער, און שטעלן אים אַוועק אויפן ערשטן אָרט, אַלס וויכטיקסטן טעאַטער־מענטש, וואָס ארץ ישראל קען איצט אָנווייזן. דאָס זעלבע חזרט ער איבער אין זיין נאָכפאָלגנדיקער אויפפירונג פון צווייגס טראַגעדיע „ירמיהו". ער אַנטפּלעקט זיך דאָרט ווי אַן ערשט־קלאַסיקער רעזשיסאָר מיט אַ סך סצענישער פאַנטאַזיע און גרויסצוגיקן טעאַטער־פאַרנעם. ער באַווייזט ממש וואונדער — די גרופּע פּשוטע אַרבעטער, וואָס האָרעווען שווער דעם גאַנצן טאָג כדי צו פאַרדינען אויף חיונה, צו פאַרוואַנדלען אין די אָוונט־שעהן אין אַ פיין צוזאַמענגעשפּילטן טעאַטער־קאָלעקטיוו ,וואָס פאַרכישופט ממש און פאַרכאַפּט מיט זייער טעאַטראַלן ברען און ענטוזיאַזם.

אין דעם זין קען מען זאָגן, אַז הלוין האָט זיך איינגעגעבן אַוועקצולייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער עכטער ארץ ישראלדיקער בינע. ווייל אויב אין איינצלנע אַרטיסטישע כוחות קען זיך דער „האוהל" זיכער ניט פאַרמעסטן מיט די זעלבע פון „הבימה", קען ער אָבער אָן ספק נעמען די אויבערהאַנט אַלס גרופּע, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס אמתע פּאַלעסטינישע טעאַטער; אַלס גרופּע, וואָס איז דורכגענומען מיט דער התלהבות און באַגייסטערונג פון דעם נייעם, אין פיין געבוירענעם, קולטור־לעבן פון ארץ ישראל.

מיר איז אויסגעקומען צו זען צוויי אויפפירונגען פון „האוהל", די שוין עלטערע „ירמיהו" און די סאַמע לעצטע „שאַפּ".

איך קען זיך קוים דערמאָנען אָן ענלעכע אויפפירונג, וואָס זאָל האָבן מיר פאַרשאַפט אַזויפיל טעאַטראַלע פרייד און אַנטציקונג, ווי די פון „ירמיהו". סיידן די ערשטע פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה" אין אירע פאַר ארץ ישראל יאָרן. משה הלוי האָט דאָ אויסגענוצט זיין גאַנצן רייכן באַגאַזש פון רעזשיסאָרישער קענטעניש. אָבער אַלץ באַאַרבעט מיט דעם עכט פּאַלעסטינישן קאָלאָריט און טאָנאַרט. עס איז געווען אַ געמיש פון מזרחדיקער עקזאָטיק, מזרחדיקער פרייד, מזרחדיקער אכזרות, און פּרימיטיווער, מזרחדיקער טראַגיק. כדי צו ווייזן בולטער דעם גאַנצן חורבן, וואָס איז געקומען

איבערן אידישן לאנד, אלס רעזולטאט פון דער אומגליקלעכער מלחמה־פאליטיק, וועלכע עס האבן געפירט דעם שוואכן צדקיהום הויפליט, האט הלוי זיך דערלויבט אנצופילן דעם ערשטן אקט מיט נייע, אויספאנטאזירטע סצענעס פון דעם פריידיקן, פרידלעכן לעבן אין דעם לאנד ביז דעם אויסברוך פון קריג. דאס זיינען סצענעס, וואס פארכאפן אייך מיט זייער ראשיקער פארביקייט, טעאטראלער באוועג־לעכקייט. עס שוימט און ברויזט מיט ליידנשאפטלעכן פלאם און עקזאטישער התלהבות. די פלינקייט פון די יונגע שוישפילער איבער־ראשט. און אין געוויסע סצענס, ווי, למשל, די סצענס פון שווערד־געפעכט, דערמאנען זיי אן דער שלימות פון בעסטן יאפאנישן טעאטער.

הלוי האט אויך ניט פארגעסן אונטערצושטרייכן בולט דעם סאציאלן און קלאסן מאמענט אין דעם חורבן — דעם קאמף פון די ארעמע און אונטערדריקטע, וואס האבן זייער בעסטן פארשטייער אין דעם אומגליקלעכן נביא ירמיהו, קעגן די רייכע און אומגערעכטע, וועמעס פארכאפערישע אמביציעס עס ווערן אויסגעדריקט אין די רייד פון דעם טעמפל־היטער און דעם פאלשן נביא. א זאך, וואס איז אין בעסטן איינקלאנג מיט די אייגנאבן און טענדענצן פון אזא טעאטער ווי דער „האהל".

ניט קיין קלענערער פארגעניגן איז פאר מיר געווען די פאר־שטעלונג פון לייוויקס „שאפ". איך געדיינק נאך גוט די אריגינעלע אויפפירונג פון דעם שטיק אין יעקב בן עמים „אוירווינג פליים"־טעאטער אין ניו יארק. און עס איז געווען א פרייד צו זען, וואס עס קען געמאכט ווערן פון איין און דער זעלבער פיעסע אין דער אויסטייטשונג פון צוויי באזונדערע קינסטלער.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז הלוי האט זיין אויפפירונג צו־געגעבן א סטיליזירטע באפארבונג. עס קען אנדערש ניט זיין, ווען מען פרובירט ווייזן אזא ווייטע און אנדערשדיקע מיליע, ווי די פון עכט אמעריקאנישן שאפ. ער האט אבער געזוכט צו זיין אזוי איינגעהאלטן ווי מעגלעך, כדי קלארער און אומגעשטערט צו לאזן רעדן לייוויקס פערזאנען. אויך דא האט הלוי באוויזן זיינע פיין רעזשיסארישע איינפאלן, ווי, למשל, שוין דער צוגעגעבענער פראלאג, וואס דארף

אונז אריינפירן אין דער שטימונג און אטמאספערע פון שאפ; די ריטמיזירונג פון געוויסע סצענעס; דער טאנץ מיט די אויסגעצירטע מאנעקענען, וואס איז ווי א מין צוגרייטונג צו דעם מאשינען־טאנץ, אין וועלכן עס קארטשען זיך די לעבעדיקע פערזאנען ביים סאמע שלוס פון דער פיעסע, און וועלכער באקומט אזוי ארום זיין קינסט־לערישע בארעכטיקונג. פונקט ווי עס ווערן קינסטלעריש בארעכטיקט די געוויסע אפטרעטונגען פון דער „נאטירלעכקייט" אין דער אויס־טייטשונג און אין דעם אויסזען פון די האנדלנדיקע פערזאנען. זיי ווערן, דורך זייער קינסטלערישער דערהויבונג, עכטער און אמתער פון די זעלבע פערזאנען, ווען מיר זעען זיי נאטירלעכע אויף דער אמעריקאנישער בינע.

ביי ביידע פארשטעלונגען איז דער טעאטער — ווי דער שטייגער איז אין ארץ ישראל — געווען איבערגעפאקט, און דער עולם האט מיט באגייסטערונג און ענטוזיאזם באדאנקט דעם פיינעם שוישפילער־קאלעקטיוו, צווישן וועלכע עס צייכענען זיך אזוי פיין אויס: מאר־גאלים און דגנית, קאנסטאנטינער און ברקאית, שחורי און שלונסקי.

דער „האוהל" האט ניט קיין אייגענע טעאטער־געביידע. זיינע פארשטעלונגען ווערן געגעבן סיי אין „בית העם" און סיי אין דער „מוגראבי". דערפאר פארמאגט ער אבער א זייער פיינעם ווערק־שטאט, וואו עס ווערט צוגעגרייט זיין טעאטער־ארבעט, וואו עס קו־מען פאר די פראבען פאר די פיעסן, און ביי וועלכן עס געפינט זיך אויך די קיך, וואו אלע מיטגלידער פון קאלעקטיוו עסן צוזאמען זייערע מאלצייטן — די איינציקע באלוינונג, וואס זיי באקומען פון טעאטער שוין אלס פראפעסיאנאלן.

אין זיינע געשפרעכן מיט מיר האט זיך הלוי באקלאגט יזויף דער שווערקייט צו געפינען עכט ארץ ישראלדיקע פיעסן, וואס זאלן באהאנדלען דאס אקטועלע ארטיקע לעבן, מיט זיינע ברענעדיקע נייע פראבלעמען, און וואס זאלן, אין דער זעלבער צייט, זיין צוגעפאסט פאר דער בינע. אבער ער איז פול מיט גלויבן, אז דער ארץ־ישראל־דיקער דראמאטיקער וועט זיך פארט באווייזן. ווייל פונקט ווי אלע ארץ ישראלדיקע קינסטלער איז הלוי פארליבט אין לאנד. ער חלומט וועגן זיין נצחון־פולער צוקונפט און ארבעט פאר זי״ן, מיט שווערי־

קיטן פולער, קעגנוואַרט. צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פּאַלעסטינער בינע־קינסטלער אַרבעט ער אויך פאַר דער גרויסקייט פון פּאַלעסטי־נישן טעאַטער, וואָס אַנטוויקלט זיך אויף דער טאָפּלטער ליניע פון סאָציאַלער, יושרדיקער וועלט־באַנעמונג, און דעם באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער, זעלבסטווירדיקער יידיש אויפלעבונג.

אויגוסט, 1932.

באַגלייטוואָרט

„די אַרבעט איז נאָר אַ באַטויבונג, אַ צעשטרייאונג — דעם מענטשנס דערפונדערנע מיטל זיך צו באַהאַלטן פון דעם אָפּגרונט פון זיינע לײַדן און די מורא פאַר זיין עלנטקייט" — דעם ציטאַט פון עי־זשען דעלאַקרואַס טאָגביכער, וואָלט אברהם טייטעלבוים געקענט גאַנץ טרעפלעך אָנווענדן אַלס מאָטאָ פאַר זיין אייגענער כאַראַקטעריסטיק. אין דעם זיגזאַגיש־פיבערהאַפטן וועג פון אידישן אַקטיאָר האָט טייטעלבוים אָפט געזוכט יענע „באַטויבנדיקע צעשטרייאונג", וואָס זאָל אים געבן אַן אָנהאַלט און רו פאַר זיין נאָגנדיקער „שטילער אומבאַפרידיקטקייט". און וויפיל מאָל עס איז אים באַפאַלן די מורא פאַר זיין עלנטקייט, פלעגט ער זיך כאַפּן צו די "דערפונדערנע מיטל זיך צו באַהאַלטן פון דעם אָפּגרונט פון זיינע לײַדן" : — ביי זיין אַרבעט־טיש, אָדער אין דער וויסן־גיריקייט פון ווייטע נסיעות.

און וועלכער אמתער קינסטלער טוט דאָס נישט ? די קונסט איז אַלס פּראָפעסיע נישט קיין מיטל, נאָר אין זיך אַליין דער צוועק, צוליב וועלכן יעדעס זייטיקע טון און וואַנדלען פון קינסטלער ווערט אַ טפל, אַ מין „אַטעם־פּויזע" פאַר דער הויפּט־אַריע פון זיין קינסטלערישן באַרוף. די כאַראַקטעריסטישע אומבאַהאָלפנקייט פון קינסטלער אין טאָג־טעגלעכע ענינים איז אַזוי אַרום נים קיין אָנשטעל און נים קיין אויסטערלישע צופעליקייט : פאַרן אמתן „פּראָפעסיאָנאַל" איז זיין פּראָפעסיע דער תוך, דער עיקר — דאָס אייגנטלעכע לעבן. קען יעדע שטערונג, די מינדסטע אַנטוישונג אין זיין „לעבן", אים אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט, צעטומלען ביז פאַרלוירנקייט, אָפּט אים וואַרפן פון די פיס. זוכט ער דעמאָלט אַ „קאָמפּענזירנדיקן" אָנהאַלט — אַ מין אָפּרו, צו „אַנטלאַסטען" און פריש זיך אָנלאָדן מיט ענערציע — און דאָס געפינט ער ס'רוב אין אַ נעבן־באַשעפטיקונג

מחוץ זיין באַרוף, געוויינלעך אויפן געביט פון אַ שוועסטער־קונסט, וואו ער „לאָדט אוים" זיין דערשטיקט עמאָציע. אזוי איז מיקעל אַנ־דזשעלאָס „צוויי־אייניקייט" געווען אייגנטלעך אַ ברכה פאַר זיין גע־ניום; שעקספּירס אומרואיקער גייסט האָט זיכער געפונען אַ רו־פּלאַץ צווישן זיינע קאָמעדיאַנטן; געטע האָט זיך געשפּילט מיט זיינע קינסט־לעריש־וויסנשאַפטלעכע נעבן־באַרופן ווי אַ מידער קאָמפּאָזיטאָר מיט די קלאַווישן פון זיין פּיאַנע; דער גרויסער יאָזעף קאַינץ האָט אין זיין רו־צייט פּאָעטיזירט. אפילו ערנסטע וויסנשאַפטלער (קינסטלער אין זייער פאַך), זוכן גייסטיקן אויסרו אין אַ קינסטלערישן נעבן־באַרוף, וועלכן זיי שעצן־איין געוויינלעך שיר נישט העכער פון זייער וויסנ־שאַפט — איינשטיין דער מוזיקער.

פון אָט דער „צוויי־אייניקייט" ווערט אָפט באַשאַפן די דריטע הייליקייט פון קינסטלער: זיין גרויסע קונסט.

אין טייטלבוימען ראַנגלט טראַגיש יענע צוויי־אייניקייט אין אַ טאָפּלטער מאָס: דאָס אינדיווידואַליסטיש־קינסטלערישע אין אים און דאָס געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע. די ציניש „וואוילטונגערישקייט" פון פּאַריאָמערטן אידישן קונסט־געסל האָט אים פאַרהעצט אין קונע־ווינקל פון בטול — האָט ער זיך דערפילט איינזאַם, זיך צוריקגע־צויגן ווי אַ טרוילער אין זיין הייזל און אָפט זיך אָפּגעשלאָסן מיט פאַרבענקטע וויזיעם ביי זיין שרייבטיש. טייטעלבוים איז פאַרליבט אין מאָנאכן (סאַוואָנאַראָלאַ, פראַנציס פון אַסיסי); זיין באַליבטע פּיעסע איז אָ'ניעלס „די תאוה אונטער די אולם־בוימער": — אַקו־מילירטער פאַרלאַנג, באַגער הינטער אַן אָפּגעצוימטער באַריערע. זיין מאָנאַך סאַוואָנאַראָלאַ איז „אריינגעטרעטן אין קלויסטער, כדי צו לערנען ווי צו ליידן" — ליידן ביז צו זעלבסטפּייניקונג ווערט ביי אים אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, שיר נישט אַ לעבנס־אויפגאַבע.

אָבער „אין דרויסן... האָט געשטורמט דאָס ליד פון די מע־דיטשיס"... ביי זיין גאַנצער לאָגיש־אָנגענומענער צוריקגעצויגנקייט, ברוויזט אין אים אַן אינסטינקטיווער דראַנג צום קאָכיקן לעבן, צו גע־זעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט, אַקטיוויטעט: ער איז דער פלייסיקסטער באַזוכער פון טעאַטער און קינאָ, דער רעליגיעזער צוהערער ביי סימ־פאָנישע קאָנצערטן, דער גאָר אָפטער גאַסט אין קונסט־גאַלעריעס;

אַן אָוונט צווישן קינסטלער, פאַרבראַכט מיט „זיינס גליַיכן", ווערט ביי אים די „אָנגענעמסטע מינוטן" אין זיין לעבן — ער איז דער נזיר מיט ברוויזנדיקער לעבנסלוסט.

נאָר ווי זעלטן זיינען אָט די מינוטן אויף דער אידישער גאַס! אזוי זעלטן ווי געציילטע „זיינס גליַיכן". ווערט אים ענג אין די אידישע ד' אמות און ער נעמט וואַנדערן פון פוילן איבער אייראָפּע אַזש ביז זיד־אַמעריקע, פון דאָרט צוריק איבער פּאַריז־לאָנדאָן ווידער קיין פּוילן און ליטע, און ווידער איבער ווין־בערלין קיין נאָרד־אַמע־ריקע, און אָבעראַמאָל פראַנקרייך, שפּאַניע, פּוילן און איטאַליע, אָבער־אַממערגאַו, זאַלצבורג און ארץ ישראל — אַלץ פרישע ערטער, נייע איינדרוקן, אַלץ ווייטער און ווייטער. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טייטעלבוימען, דעם זעלטענעם וואַנדערער צווישן אידישע קינסטלער: דורכגעשפּאַנט אַ האַלבע ווייטע וועלט — און נאָך נישט באַזוכט זיין נאָענסטסטע שכנה, דאָס בליענדיקע קאַליפאָרניע מיטן צויבערנדיקן האָליוואוד. זיין דראַנג פירט אים אַלץ צום וויַיט־ווייטסטן — דאָרט, דאַכט זיך אים, איז דאָס גרויסע דערהויבענע, זיין אויסקריסטליזיר־טער אידעאַל. „שטאָט פון מיין שטילן, שטאָלצן אומעט!" רופט ער אוים צום מוריש־שפּאַנישן קאָרדאָווא — צוליב איר עקזאָטישער, סודותפולער שיינקייט; זיכער אָבער אויך צוליב איר אַמאָליקער אידישער חריפות און לומדות. ווייל ביי זיין גאַנצער ליבע צו קריסט־לעכער טעאַטראַלישקייט, איז אין טייטעלבוימען דאָך אין עצם פאַר־וואָרצלט אַ טיף אידיש־נאַציאָנאַל געפיל. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס זיין אויסדערוויילטער דראַמאַטיקער איז דער וואַנדערער יודזשין אָ'ניעל, זיין פאַרגעטערטער רעזשיסאָר — דער באַשאַפער פון דעם איקאָנעמעסיקן צדיק אין „דבוק", וואַכטאַנגאָוו, און פון אַלע דיכ־טער קלייבט ער אוים צו באַזוכן קודם כל דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אייראָפּייער ריכאַרד בער־האָפמאַן: ס'איז דער איד־וואַנדערער, וואָס לעבצט נאָך דער אויסאייראָפּייאיזירטער נשמה יתרה.

אָבער די אַנטווישונג אין זיין איינגענער סביבה האָט אים נישט געלאָזן פעסימיסטיש־אָפּהענדיק, פאַרצווייפלט. זי האָט נאָר אַנטוויקלט אין אים אַן איבערגעשפּאַנטע רייצבאַרקייט, אַ סופּערסענזיטיווקייט, וואָס דענערווירט אים אָפט ביז קריגערישקייט, ווען עס קומט אים

אנטקעגן „שלעכטס, קינסטלערישער ליגן אָדער פלאַכקייט". דערפאַר פאַרמאָגט ער אויך אַזאַ היפּערענטוזיאַזם צום ווייטן, „פרעמדן", צום קינסטלעריש־דיסטילירטן, וואָס פירט אים אָפט צו אַנטציקונג און פאַר־גאַטערונג, אַז ער קען „וויינען פאַר גוטסקייט"! קומט ער אין אָבער־אַממערגאַו, קען מען „קוים אָנווייזן אויף נאָך אַ ווינקל אין אונזער היינטיקער אייראָפּע, וואָס האָט באַוויזן ... אַרויסצורופן צו זיך אַזוי פיל ליבע, פאַרערונג און פּיעטעט". און ער ווערט שיר נישט מיסטיש־אבערגלויביש: „וואָס איז דאָס? וואו איז פאַרשוואונדן די זון?... זאָל עס מעגלעך זיין " — פונקט ווי אַ צווייט מאָל הערט ער אויף זיינע שפּאַנישע וואַנדערונגען דאָס קרעכצן פון פאַרשטיקטע קולות אין די האַלב־פאַרשאָטענע ברונעמער פון דער שפּאַנישער אינקווי־זיציע. „אין ערגעץ ווערט ניט אַזוי קלאָר און פאַרשטענדליך דער טיפער באַגריף „ממעמקים" ווי דאָ איצט אין דעם מורישן מאָסק" („קאָרדאָוואַ"). ווערט דעמאָלט פראַנצים פון אַסיסי „אפשר די שענס־טע און ליכטיקסטע פערזענלעכקייט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס פינצטערע, אין בלוט־פאַרפלעקטע מיטלאַלטער". און דערפילט ער אַ „שטילע אומבאַפרידיקייט" מיט דער ארץ ישראלדיקער „הבימה" און „מטאטא", זוכט ער אַ טרייסט אין דעם, וואָס „אַ מער רעאַגירנ־דיקן און פאָדערנדיקן עולם ווי אין פּאַלעסטינע איז זיך שווער פאָרצו־שטעלן", און איז אַ גליקלעכער צו געפינען אַ „פאַרגיטיקונג" אין „האוהל", וואו ער קען זיך קוים דערמאָנען אַן ענלעכע אויפפירונג, וואָס זאָל האָבן פאַרשאַפט אַזוי פיל טעאַטראַלע פרייד און אַנטציקונג, ווי די פון „ירמיהו". ווייל יעדער טעאַטראַלער צערעמאָניאַל איז פאַר אים אַ יום טוב, יעדער עסטעטישער גענוס — אַן עטישע דערהוי־בונג, יעדע קינסטלערישע דערגרייכונג — אַ פרישע אַנטפּלעקונג.

אין זיין ראַפינירטן, באמת שיינעם סטיל, נוצט טייטעלבוים פיל פרעמד־ווערטער, אָפט אויך טערמינאַ טעכניקאַ אָנשטאָט איינפאַכע, צוגעגנגלעכע שפּראַך־אויסדרוקן. אָבער אויך דאָס שטאַמט פון זיין אינערלעכער אומצופרידנקייט און שטענדיקן שטרעבן צו גרויס־וועלט־לעכקייט: די אידישע גאַס מאַכט טעמפּ דאָס אויער צוליב איר קינסטלעריש־פּאַכמענישער שטאַמלדיקייט. מען קען ביי אונז אַזוי זעלטן זיך צוזאַמענרעדן אויף „איין שפּראַך", אַז די צונג פאַרגעסט

אָפּט ווי אַזוי אַרויסצורעדן פאַרכמעניש אַ וואָרט, און יעדע געלעגנהייט בעט זיך ממש צו געבן יענע ווערטער אַ תקון אין אידיש.

אָפּט טראַכט איך, אַז ווען טייטעלבוים זאָל ניט קענען אויך די „קונסט פון פוילן זיך", וואָלט ער געזעסן ביי לייווענטן מיטן פּענזל אין האַנט. — מאַלעריי איז, נעבן מוזיק, זיין באַליבסטער עלעמענט אין טעאַטער. אויך זיינע רייזעס זעט ער ס'רוב אין „פּיטאָרעסקע" פאַרבן. און נישט נאָר איז ער פאַרליבט אין מאַלערישע וויזיעס — ער פאַרשטייט אויך זיין מאָלערישן אָביעקט און שרייבט וועגן „ראָמאַנטישער מאָלעריי" מיט דערזעלבער זיכערקייט און בקיאות ווי וועגן „ראָמאַנטישן טעאַטער". אָבער בעת אין זיינע קונסט־גאַלעריעס איז ער דער געמיטלעכער, אָביעקטיווער דערציילער, און באַהאַנדלט זיין עיזשען דעלאַקרוואַ מעשה „קונסט־געלערטער" — קוים אָבער קומט ער צו אַ טעאַטער־ענין (איז עס אַ באַזוך ביי פּיסקאַטאָר, טאַאיראָוו אָדער בער־האָפמאַן, אַ פאָרשטעלונג אין ארץ ישראל אָדער ביי מאַקס ריינהאַרט), ווערט זיין גאַנץ וועזן אָנגעצונדן מיט ענטוזיאַזם, ער ווערט פלוצים גאָלע קאָכיקע דינאַמיק. פּאַקטיש איז זיין גאַנצע „בילדלעכקייט" אין די רייזע־באַשרייבונגען איין גרויסע דעקאָראַטיווע קאַנווע — אַן אויסגעלייגטער רעזשי־פּלאַן פאַר אַ מאַסן־ספּעקטאַקל, אַן עקספּאָזיציע פאַר אַן אָפּערע־באַלעט, אַ פלאַנמעסיק־אויסגעבויטע טעאַטער־דעקאָראַציע: „לאָרנעצאָ האָט פאַר אים (פאַר סאַוואָנאַראָלאַן) באַפרייט די בינע, וואָס האָט זיך גערופן פלאָרענטינישע רעפּובליק"; אין זיין „פראַנצים פון אַסיסי" איז די פּראָצעסיע דער לייט־מאָטיוו פון זיין עפּיק; און — „כ'האָב זיך קיינמאָל אין פּאַלעסטינע ניט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איך שפּאַציר כסדר צווישן די וואונדערלעכסטע און חדושדיקסטע טעאַטער־דעקאָראַציעס און טעאַטער־גרופּעס". דאָס נעמלעכע אין קאַיראָ און אומעטום, וואו זיין אויג וועט נאָר דערבליקן סצענישע עקזאָטיק. דערפון זיין באַזונדערע ליבע צום רוימיש־קאַטוילישן ריטואַל, ווי צו יעדער ספּעקטאַקולערער צערעמאָניע. טעאַטער! ווייל — ווי ער דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע טעאַטער־אַרבעטן — „פאַר אונז, דאָס קליינע הייפעלע בינע־סטודענטן... איז טעאַטער די לופט, מיט וועלכער מיר אָטעמען". און נישט נאָר ער לעבט און שטרעבט אין יענעם „כשופדיקן פּאָקוס,

וואו עס זאַמלען זיך צונויף און שפּילן די וואונדערלעכסטע חלומות און האַפנונגען״ — טעאַטער איז זיין אייגנטלעך וועזן. און טיטעל־בוים קען זיין טעאַטער — ער איז איינער פון די גאָר וויניקע אויף דער אידישער גאַס, וועלכער קען רעדן וועגן טעאַטער ווי אַ פאַכמאַן (זיין בוך „טעאַטראַליאַ״ איז נאָך אַלץ איינער פון די וויכטיקסטע טעאַטער־ביכער אין אידיש).

וואָלט ער וועלן דעמזעלבן „כשופדיקן טעאַטער־פּאָקוס״ איינ־שטעלן אויך אויף זיין אידיש טעאַטער־געסל — און דאָ קומט צום אויסדרוק זיין כמעט טראַגישע „צוויי־איינקייט״: אין יענער, פאַר אים אַזוי „היימישער״ קונסט־וועלט, פילט ער זיך פאָרט ווי אַ פרעמ־דער. אַנטלויפנדיק פון ענגן אידישן ווינקל צו די גאָלד־באַצירטע זאַלן פון פּאַלאַצאָ וועקיאָ — „בלאָנדזשעט ער ארום זאַל־איין, זאַלאַס אין דער „קאַלטער און שווערער אימפּאָזאַנטקייט... אַ רחבות, [illegible] שטיקט״. און נאָך דער „אימפּאָזאַנטסטער טעאַטער־געשעעניש״ איז אָבעראַממערגאַו פאַרברענגט ער „אַ נאַכט פון אומרואיקן נאָכטראַכטן״ — ווי ער וואָלט זיך צוריק צו זיין „אידישקייט״ פאַרבענקט.

אַזוי פאַרקלינגט ביי אים אין דער נאַכט אריין כמעט יעדער וואונדער, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצולעבן: ער קומט ארויס „אַ פריידיקער און אָפּגעפרישטער״ נאָך אַ באַזוך ביי פיסקאַטאָר — און „ארום שלאָפן די גאַסן פון האַלענזעי״; ער גייט אַהיים פון דער מעזקוויטאָ אין קאָרדאָוואַ און „עס דערנענטערט זיך דער אָוונט... באַלד וועט זי אריינגעוועבט ווערן אין דער שימערירנדיקער נעץ פון זכרונות... צווישן די ווייסע, שימערירנדיקע שאָטנס״; נאָך דער „פיעסטאַ דעל ראָסיאָ״: „נאָענט צום פרימאָרגן, אַ מידער גיי איך איבער דער בריק אַהיים קיין סעוויל... אין דער טונקלקייט... ציען זיך נאָך די ווייטע פייערלעך פון דער קאַרעטן־פּראָצעסיע״ — — און אין ווענעציע: „אַ לעצט מאָל צאַנקט נאָך אויף אַ ליכט... אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן ארום, דער כשוף האָט זיך ווי אָפּגעטאָן״ — ווי נאָך אַ גרויסן ספּעקטאַקל, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג — ווי אַ לאַנגער „פעיד־אוט״ פון די געשעענישן: — ער דאַרף באַלד צוריקגיין אין זיין „וואָכנדיק־וואָכיקער וועלט״ — צוריק אין אידישן טעאַטער־געסל.

מען האָט אָפּט טענות צו טייטעלבוימען הלמאי ער שטעלט זיך אין דינסט פון ניט קינסטלערישן טעאַטער. אָבער זעלטן איינעם פאַלט־איין צו שטעלן דעם ענין אויף די ריכטיקע פיס: אַז דער „בעסערער אידישער טעאַטער" אין אַמעריקע שטויסט־אָפּ, פאַרוואַרפט גאָר די דינסט־גרייטשאַפט פונם קולטורעלן אַקטיאָר. דאָ גרעניצט שוין די אינדיווידועלע אַנטוישונג מיטן טראַגישן גורל פון נאַציאָנאַלע באַדינגונגען. און אויב טייטעלבוים איז געווען געצוואונגען צו פאַר־בייטן מעלפּאָמענעס פּריסטער־קלייד אויף אַ פּראָפּאַן פּורים־מיצל, קען ער זאָגן מיט זיין באַליבטן פאַרראַרער טרוימער זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ: „דו מיין מאָנאַכן־קלייד — ווי שטאַרק האָב איך גע־שטרעבט דיך צו טראָגן . . . איך טו דיך נישט אויס מיט מיין פרייען ווילן — מען נעמט דיך אַוועק פון מיר". ווייל דאָס איז דער טראַ־גישער וועג פון אידישן קינסטלער: אַ חוץ זיינע שאַפונגס־פּראָבלעמען, האָט ער נאָך דורכצוקעמפן שאַפנגס־מעגלעכקייטן, און בלייבט אַזוי ניט זעלטן אַ פרעמדער ביי אייגענע און אַ גר ביי פרעמדע. און וואויל איז צו יענעם, וועלכער קען און האָט די מעגלעכקייט מיטצוי־אָנטעווען די „פּיעסטאַס" און מיטחלומען מיט סאַוואָנאַראָלאַ און דעלאַקרואַ, זיך אָנשעפּן מיט טעאַטראַלער פרייד אין אָבעראַממערגאַו און ביי ריינהאַרטן, און אַרויסטראָגן טעאַטראַלע באַגייסטערונג פון פּיסקאַ־טאָר און טאַאיראָוו. דער אידישער קינסטלער, און באַזונדערס דער אידישער אַקטיאָר, נויטיקן זיך גאָר און גאָר אין אַזאַ דערפרישונג און דערמונטערונג.

אַזוי אַרום איז אויך די ליטעראַריש־קינסטלערישע „ליניע" פון טייטעלבוימס בוך אַן אויסגעהאַלטענע: הגם אויבנאויף אַ צוזאַמענ־שטעל פון פאַרשיידענע טעמעס אויף פאַרשיידענע קונסט־געביטן, איז עס אָבער (אָדער דאַרף עס זיין) די „גראָד־ליניקייט" פון אידישן אַקטיאָר־וואַנדערער: — אויסצונוצן און איינשעפּן אין זיך אַלדאָס שיינע, פריידפולע און דערהויבענע, וואָס קומט אים אַנטקעגן, און וואָס ער באַגעגנט אַזוי זעלטן אויף זיין אידישער גאַס.

באַזיל דע סעלינקאָרט טיילט־איין גוטע רייזע־ביכער אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַזעלכע, וואָס דערוועקן דעם פאַרלאַנג דורכצומאַכן דעם שרייבערס וואַנדער־וועגן, און אַנדערע, וואָס באַשרייבן אַזוי איינ־

דרוקספּול די רייזעס, אַז זיי שטילן דעם פאַרלאַנג זיי דורכצומאַכן. אין טייטעלבוימס „פון מיינע וואַנדערונגען" וועט דער אידישער לייענער געפינען אַ בוך פון ביידע מינים.

קוני איילאַנד, ניו יאָרק, מאַי, 1934.

יעקב מעסטל

אינהאַלט:

פיעסטאַ דעל ראָסיאָ	זייט 3
סעוויל	" 14
קאָרדאָוואַ	" 40
גראַנאַדאַ	" 64
טאָלעדאָ	" 91
פראַנצ'ס פון אַסיסי	" 116
זשיראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ	" 125
עיזשען דעלאַקרואַ	" 153
יודזשין אָניעל	" 176
ביי ריכאַרד בער־האָפמאַן	" 186
ביי ערווין פיסקאַטאָר	" 194
אַ וויזיט ביי אַ. טאַיראָוו	" 205
ערווין פיסקאַטאָר — מאַקס ריינהאַרט	" 214
די פאַסיאָנס־שפּיל אין אויבעראַממערגאו	" 225
דאָס ארץ ישראלידיקע טעאַטער	" 250
באַגלייטוואָרט	" 272